STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00479

FARSHVUNDENE YIDISHE

N. Kantorowicz

Permanent preservation of this book was made possible
by Robert & Carrie Zeidman
in memory of
Anna Mallick

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. קאַנטאָראָוויטש

פאַרשווונדענע יידישע ישובים

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

170

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פֿאַרלאַגס-לייטער:

אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון די דערשינענע ביכער צום סוף פון בוך

נ. קאַנטאָראָוויטש

פאַרשווונדענע ייִדישע ישובים

●

אַרויסגעגעבן דורכן

צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

בוענאָס־איירעס 1963 — ה׳תשכ״ד

אינהאַלט

I. די עלטסטע יידישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע

גייע פאַקטן וועגן אַמאַליקער כוזריש־יידישער מלוכה ביי דער וואָלגע 9
„גענעראַל פסח", וואָס האָט אַמאָל באַזיגט די רוסן אין קרים — — 14
מלחמה צווישן דער מלוכה פון כוזרים מיט אירע שונאים אויפן דאָן 19
די לעגענדע, אַז דער טייך דאָן האָט אַ שייכות מיטן... שבט דן — — 24
ביי דער וואָלגע האָבן די רוסן שיער נישט געהאַט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן — — — — — — — — — — — — — — — — — 29
דרוק פון כוזרים ברענגט צו דער „באַרופונג פון וואַריאַגן" דורך די רוסן — — — — — — — — — — — — — — — — — 35
די סברא אַז דאָס וואָרט „רוס" שטאַמט פון ספר יחזקאל — — — 40
די געוועזענע רעפּובליק און איר „אָפּיציום גאַזאַריום" אין קרים — — 47
זכריה דע גוויזאָלפי — יידישער פירשט פון טאמאן — — — — 53
יידישע שטעט אין קאַווקאַז — — — — — — — — — — — — — — 58
די אַלטע כוזרים־פעסטונג אין רוסלאַנד — — — — — — — — — — 61

II. פּוילן

פון וואַנען שטאַמען די פּוילישע יידן? — — — — — — — — — — — — 69
יידן אין פּויזן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 76
וואַרשע — 82
יידישע העלדן פון וואַרשע און פּראַגע — — — — — — — — — — — 89
לאָדזש — 95
לובלין — 100
צוויזמיר און די יידן אין קליין־פּוילן — — — — — — — — — — 105
יעקב פראַנק און די יידן אין גאַליציע און פּאָדאָליע — — — — — — 111
לעמבערג און דער פּוילישער דרייפוס — — — — — — — — — — — 118
די יידישע ביאַליסטאָק — — — — — — — — — — — — — — — — 124
לוצק — 130

III. ליטע און ווייסרוסלאַנד

ווילנע — 139
גראָדנע — 146

בריסק דליטע — — — — — — — — — — — — — — — — 151
מינסק — די הויפטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד — — — — — — — — 158
פּינסק — — — — — — — — — — — — — — — — — — 165
וויטעבסק — — — — — — — — — — — — — — — — 177
האָמעל — — — — — — — — — — — — — — — — — — 186
מסטיסלאַוול — — — — — — — — — — — — — — — 191

IV. אוקראַינע

קיִעוו — — — — — — — — — — — — — — — — — — 199
כמיעלניצקי און כמיעל — — — — — — — — — — — — — 214
אומאַן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 225
זשיטאָמיר — — — — — — — — — — — — — — — — — 232
באַרדיטשעוו — — — — — — — — — — — — — — — — 237
אָדעס — — — — — — — — — — — — — — — — — — 241
ייִדישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע און די פּלענער וועגן ייִדישע רעפּובליקן — — — — — — — — — — — — — — — — 248
קערטש איז אַמאָל געווען אַ ייִדישע שטאָט — — — — — — — — — 261
כערסאָנעס — — — — — — — — — — — — — — — — — 267
די „ייִדישע פעסטונג" אין קרים — — — — — — — — — — — 272

V. רוסלאַנד

1100 יאָר זינט דער גרינדונג פון דער רוסישער מלוכה — — — 281
סמאָלענסק איז געווען די טיר פאַר די פּוילישע ייִדן קיין רוסלאַנד 288
נאָווגאָראָד און די „זשידאָווסטוואָוישטשיע" — — — — — — — — 293
ריגע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 299
טראַגישער סוף פון ערשטן ייִדישן דאָקטער אין מאָסקווע — — 304
זיבעציק יאָר נאָך גירוש מאָסקווע — — — — — — — — — — — 310
די ערשטע ייִדן אין פּעטערבורג — — — — — — — — — — — 316

VI. ייִדן אין קאַווקאַז

„דאַג טשופוט" — די באַרג־ייִדן פון דאַגיסטאַן — — — — — — — 325
די ייִדן פון גרוזיע — — — — — — — — — — — — — — — 331
סטאַלינס ייִדישער יוגנט־חבר — — — — — — — — — — — — 337
ווער זענען די קורדיסטאַנער ייִדן? — — — — — — — — — — — 342

I

די עלטסטע ייִדישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע

נייע פאַקטן וועגן אַמאָליקער כוזריש־יידישער מלוכה ביי דער וואָלגע

מיט העכער טויזנט יאָר צוריק, אין זומער 921, איז פון באַגדאַד, די הויפטשטאָט פון דעמאָלטיקן אַראַבישן קאַליפאַט, אָפּגעפאָרן אַ דעלעגאַציע קיין „גרויס בולגאַר", ביי דער וואָלגע, צו דער מלוכה פון די דאָרטיקע בולגאַרן. וואָס איז געווען די אויפגאַבע פון דער דאָזיקער דעלעגאַציע, — איז נישט אין גאַנצן קלאָר. לויט איין השערה, איז די דעלעגאַציע איינגע־לאַדן געוואָרן דורך די בולגאַרן, כדי איינצופירן אין זייער מלוכה דעם איסלאַם.

לויט אַ צווייטער השערה, איז די דעלעגאַציע געפאָרן צו פאַרשטאַרקן די האַנדלס־באַציונגען צווישן דער גרויסער מלוכה פון אַראַבישן קאַליפאַט און דער בולגאַרן־מלוכה ביי דער וואָלגע. דער קאַליפאַט האָט דאָך דאַן אויסגעשפּרייט זיין הערשאַפט פון די גרענעצן פון אינדיע ביז איבער שפּאַ־ניע, און איז געווען די גרעסטע און שטאַרקסטע מלוכה אין דער דעמאָל־טיקער צייט. די בולגאַרן־מלוכה איז ווידער געווען אַ גרויס־מאַכט ביי דער וואָלגע און האָט פון דאָרטן געפירט, האַלט מען, אַ האַנדל אַפילו מיט סקאַנדינאַוויע אויפן צפון און מיט די כוזרים אויפן דרום, מיט די סלאַוון אויף מערב און מיט פאַרשיידענע אַנדערע שבטים ביי די אוראַלער בערג, אויפן מזרח.

נאָענטע באַציונגען און אַפילו אַ בונד צווישן אָט־דיביידע גרויסע מאַכטן פון דער דעמאָלטיקער וועלט, וואָלט, אַלזאָ,ביידן געבראַכט נוצן און וואָלט נאָך מער פאַרשטאַרקט זייער פּאָזיציע צווישן די פיינדלעכע, קעגנערישע און אויך נישט־פאַרגינערישע אומות און שבטים.

עס איז טאַקע אויך פאַראַן אַ מיינונג, אַז די גאַנצע געזאַנדשאַפט איז אויסגעריכטעט געוואָרן אין לאַנגן און געפערלעכן וועג דורכן קאַליף אַל־מלכת אדיר, כדי צו שליסן אַ בונד מיט דער בולגאַרן־מלוכה ביי דער

וואָלגע, קעגן די כוזרים, וואָס האָבן געהאַט זייער מלוכה ביים אונטערשטן שטראָם פון דעם זעלבן טייך און וואָס האָבן אויך דאַן דערגרייכט זייער גרעסטע טעריטאָריעלע עקספּאַנסיע.

די כוזרים־מלוכה האָט דאַן אָנגעשפּאַרט ביז קאַווקאַז אין דרום, און אין מערב — ווייט איבערן דניעפּער. זייער מלוכה וואָלט, אין פאַל פון אַ בונד צווישן דעם קאַליפאַט און די בולגאַרן, אַרומגענומען געוואָרן דורך די בעלי־ברית פון צוויי זייטן און וואָלט, בעת אַ קריג, זיך געדאַרפט ריכטן אויף אַ קאַמף אויף צוויי פראָנטן.

ווי אַזוי די דערמאָנטע דעלעגאַציע האָט דערלאַנגט פון דעם ווייטן און זוניקן באַגדאַד צום צפונדיקן און קאַלטן „גרויס בולגאַר", דער עיר־הבירה פון דעם בולגאַרן־שטאַט (זי איז געלעגן נישט ווייט פון דער איצ־טיקער קאַזאַן, הויפּטשטאָט פון דער טאָטערישער רעפּובליק אין רוסלאַנד), — איז נישט באַוווסט. אַמוואַרשיינלעכסטן איז זי געפאָרן מיט איינעם פון יענע וועגן, אויף וועלכן די אַמעריקאַנער און ענגלענדער האָבן בעתן לעצטן וועלט־קריג איבערגעשיקט זייער געווער און אַמוניציע פון באַסראַ, אין איר־ראַק, קיין קויבישעוו און סטאַלינגראַד, וואָס ליגן, אגב, אויף דער זעלבער וואָלגע און אין יענעם טייל אירן, ווו עס איז מיט העכער טויזנט יאָר צוריק אויך געלעגן די מלוכה פון די וואָלגער בולגאַרן.

עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז די דעלעגאַציע איז ווייטער גע־פאָרן איבער קאַווקאַז, דאָס הייסט מיטן נידעריק ליגנדיקן ראַנד זיינעם ביים ברעג פון קאַספּישן ים און איבער דאַגעסטאַן, — אַ געגנט, וואָס האָט, מסתמא, צוליב די שטאַרקע כוזריש־יידישע השפּעות, געהייסן אין די אַלטע רוסישע כראָניקעס „זשידי". די דעלעגאַציע האָט זיך, אפשר, אויך אָפּגע־שטעלט אין די כוזרישע שטעט ביים קאַספּישן ים, ווי סעמענדער (איצט: מאַכאַטש־קאַלע), בעלענדזשער (איצט: יענדערי), ווי אויך אין דער כוזרי־שער הויפּטשטאָט איטיל, לעבן דער איצטיקער אַסטראַכאַן.

מיטן נאָמען איטיל האָט די געזאַנדשאַפט, אגב, אויך אָנגערופן דעם טייך וואָלגע, און אַזוי הייסט ער עד־היום ביי די טאָטערן, וואָס וווינען אין גרויסע צאָלן אויף דער וואָלגע.

נאָך אַ לאַנגער רייזע, וואָס האָט געדויערט אַ קנאַפּן יאָר, איז די די־

פּלאָמאַטישע מיסיע פון באַגדאַדער קאַליף ענדלעך אָנגעקומען קיין „גרויס בולגאַר". אַ פּנים, אַז אין דער מיסיע האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל איר סעקרעטאַר, אַכמעד איבן פאַדלאַן, וואָרום ער האָט עס צונויפגעשטעלט פאַר זיין הערשער, דעם קאַליף, אַ ראַפּאָרט וועגן דער גאַנצער רייזע, וואָס אַנטהאַלט העכסט־אינטערעסאַנטע ידיעות איבערן לעבן, זיטן און מנהגים פון די בולגאַרן, כוזרים, רוסן און אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן באַוווינט דעם טייך איטיל (וואָלגע), מיט טויזנט יאָר צוריק.

דער דאָזיקער באַריכט איז ביז לעצטנס געבליבן אומבאַקאַנט. ער איז פאַרלוירן געגאַנגען. מען האָט פון אים געוווּסט נאָר געוויסע אויסצוגן, וואָס זענען געבראַכט געוואָרן דורך אַנדערע אַראַבישע שרייבער, ווי איבן־רוס־טא, יאַקוט.

דער צופאַל האָט אָבער געוואָלט, אַז איבן־פאַדלאַנס באַריכט זאָל מיט טויזנט יאָר שפּעטער באַקאַנט ווערן דער עפנטלעכקייט. מיט העכער 20 יאָר צוריק איז אין דער אַלטער ביבליאָטעק פון מעשעד, אין פּערסיע, אַנטדעקט געוואָרן אַ כתב־יד, מיטן באַריכט פון איבן־פאַדלאַן און מיט שריפטן פון אַנדערע צוויי באַקאַנטע אַראַבישע שרייבער. די וויסנשאַפט־לעכע אַקאַדעמיע אין מאָסקווע, וואָס האָט באַקומען דעם דאָזיקן וויכטיקן כתב־יד, האָט אינעם יאָר 1939 פאַרעפנטלעכט די רוסישע איבערזעצונג, צוזאַמען מיטן אַראַבישן טעקסט, געמאַכט דורכן באַקאַנטן סאָוועטישן אַראַ־ביסט פּראָפ' קראַטשקאָווסקי. די דאָזיקע איבערזעצונג פאַרנעמט בלויז אייניקע צענדליק זייטן. דערפאַר פאַרנעמט זייער פיל פּלאַץ די הקדמה מיט די דערקלערונגען צו איבן־פאַדלאַנס באַריכט, די ביבליאָגראַפיע אאַז"וו, — אַזוי אַז דאָס גאַנצע שטעלט פאָר מיט זיך אַ סאָלידן בוך.

איבן־פאַדלאַן דערציילט צוערשט וועגן דער פּאָליטישער אָפּהענגי־קייט פון די רוסן, פון דער כוזרישער מלוכה, וואָס האָט דאַן דערגרייכט איר העכסטן שטאַפּל פון אַנטוויקלונג.

אויפן קעניג פון די סלאַוון, שרייבט איבן־פאַדלאַן, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ שטייער, וואָס ער צאָלט דעם קעניג פון די כוזרים, אין הויז פון זיין מלוכה; דער כוזרישער קעניג נעמט אויך אַ צענט־חלק פון יעדער שיף פון די סלאַוון און פון די שקלאַפן, מיט וועלכע זיי האַנדלען.

ווען צום קעניג פון די כוזרים איז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן דער שיינקייט פון דער טאָכטער פונעם קעניג פון די סלאַוון, האָט ער געשיקט צו אים אַ שדכן. און ווען ער האָט באַקומען אַן אָפּזאָג, האָט ער געשיקט אַן עקספּעדיציע, און האָט גענומען די כלה מיט געוואַלד, הגם ער איז אַ ייִד און זי אַ מוסולמענין...

אין אַ צווייטן אָרט דערציילט איבן־פאַדלאַן, אַז דער קעניג פון די וואָלגער בולגאַרן האָט געבעטן דעם קאַליף אויפשטעלן פאַר אים אַ פעסטונג, ווייל ער האָט מורא פאַר די כוזרים. אויף איבן־פאַדלאַנס אָנפראַגע, צו וואָס דאַרף דער קעניג דעם קאַליפס הילף, ווען ער אַליין איז גענוג רייך, האָט דער לעצטער געענטפערט, אַז „די מלוכה פון איסלאַם שטייט פאַר אַלע און די געלט־מיטלען ווערן דאָרטן גענומען דורך זייערע הערשער". ער קען בויען אַ פעסטונג אויך מיט די אייגענע מיטלען. ער האָט אָבער געוואָלט באַקומען „די ברכה פונעם הערשער פון די רעכט־גלויביקע". אין דעם קען מען אפשר איינזען אַ רמז אויפן בונד, וואָס די בולגאַרן האָבן געוואָלט שליסן מיט די אַראַבער.

דער עיקר־באַשרייבונג פון די כוזרים געפינט זיך אין סוף פון מאַנוסקריפּט. „וואָס שייך דעם מלך פון די כוזרים — ווערט דאָרט געזאָגט — וואָס הייסט כאַקאַן, באַווייזט ער זיך נישט אַנדערש, ווי איין מאָל אין פיר חדשים, דערשיינענדיק אין אַ בכבודיקער דערווייטערונג. מען רופט אים „דער גרויסער כאַקאַן" און זיין ממלא־מקום הייסט כאַקאַן־בעק. דאָס איז דער, וואָס פירט אָן מיטן חייל און פאַרוואַלטעט מיט זיי, פירט אָן די מלוכה־ענינים און זאָרגט וועגן דער מלוכה, און דערשיינט פאַרן פאָלק, און עס דערקלערן אים אונטערטאַנשאַפט די מלכים, וואָס געפינען זיך בשכנות מיט אים. און ער גייט אַריין יעדן טאָג צום גרויסן כאַקאַן, באַשיידן, אַרויסווייזנדיק הכנעה און ערנסט, און ער גייט צו אים אַריין נישט אַנדערש ווי באָרוועס, מיט האָלץ אין זיין האַנט, און דאַן, ווען ער באַגריסט אים, צינדט ער פאַר אים אָן די האָלץ. ווען ער ענדיקט דאָס אַלץ, זעצט ער זיך צוזאַמען מיטן קעניג".

די ווייטערדיקע, גענוג באַקאַנטע באַשרייבונג פון די כוזרים ווערט שוין געבראַכט אויפן סמך פון אויסצוגן פון איבן־פאַדלאַנס ווערק אין דער־

מאַנטן גרויסן בוך פון יאַקוטן. פון אַט־דער באַשרייבונג ווערן מיר גע־וווּיר דעם אינטערעסאַנטן פאַקט, ווי אַזוי דער כוזרישער קעניג האָט גע־נומען נקמה פון די מוסולמענער פאַרן צעשטערן דורך זיי אַ סינאַגאָגע. וועגן דעם ווערט דערציילט בזה הלשון:

„און ווען עס איז דערגאַנגען צום קעניג פון די כוזרים, אין 310טן יאָר (ד״ה אין 922, לויט דער קריסטלעכער רעכענונג), אַז מוסולמענער האָבן צעשטערט אַ בית־הכנסת, וואָס איז געווען אין הויף פון אַל־באַלאַ־בונדזש, האָט ער געהייסן צעשטערן דעם מינאַרעט, הינגעריכטעט די מועַ־דזינען און געזאָגט: „אויב איך וואָלט באמת נישט מורא געהאַט, אַז אין די לענדער פון איסלאַם וועט נישט איבערבלייבן קיין איין בית־הכנסת, וואָס זאָל נישט ווערן צעשטערט, וואָלט איך אומבאַדינגט חרוב געמאַכט די מעטשעטן״.

פראָפ׳ קראַטשקאָווסקי פּאָלעמיזירט דאָ מיט אַנדערע איבערזעצער, אָנווייזנדיק אַז דאָס אַראַבישע וואָרט „כניסה״ באַדייט נישט טעמפּל, נאָר בית־הכנסת.

„די כוזרים און זייער קעניג — פאַרענדיקט איבן־פאַדלאַן זיין באַ־ריכט — זענען אַלע ייִדן, און די סלאַוון און אַלע, וואָס געפינען זיך אין שכנות מיט זיי, געפינען זיך אין אונטערטאַנשאַפט פאַר אים, און ער וועַנדט זיך צו זיי, ווי צו אַלע, וואָס געפינען זיך אין שקלאַפן־מצב און זיי פאָלגן אים מיט אונטערטעניקייט״.

„גענעראַל פּסח“, וואָס האָט אַמאָל באַזיגט די רוסן אין קרים

אויפן קרימער האַלב־אינדזל פון רוסלאַנד איז מיט העכער טויזנט יאָר צוריק געקומען צו אַ מלחמה צווישן די רוסן און כוזרים. פאַרשטייט זיך, אַז קרים איז דאַן נישט געווען וואָס איצט. אויפן אָרט פון סימפעראָפּאָל, דער איצטיקער הויפּטשטאָט פון קרימער האַלב־אינדזל זענען דאַן געשטאַנען בלויז חורבות פון אַן אַמאָליקער גריכישער פעסטונג. אויך דער גרויסער מיליטערישער האַפן פון קרים, סעוואַסטאָפּאָל, איז דאַן נישט געווען בנימצא. דאָס רוב קרימער שטעט, ווי קערטש, פעאָדאָסיע, יעווּפּאַטאָריע א״אנד׳, האָבן דאַן עקסיסטירט אַלס גריכישע קאָלאָניעס. און לעבן דער איצטיקער סעוואַסטאָפּאָל האָט זיך נאָך דאַן אויך געפונען איינע פון די עלטסטע גריכישע שטעט אין קרים, די שפּעטער פאַרזונקענע כערסאָנעס.

די מלחמה צווישן די כוזרים און רוסן האָט טאַקע אַריינגענומען דעם שטח צווישן קערטש און כערסאָנעס.

דאָס אינטערעסאַנטסטע וועגן דער דאָזיקער מלחמה איז, וואָס וועגן איר ווערט גענוי דערציילט, דווקא אין אַ העברעיִשן דאָקומענט. דאָס איז דער בריוו פון אַן אומבאַקאַנטן כוזרישן ייִד, וואָס פּראָפ׳ שעכטער האָט מיט עטלעכע און פופציק יאָר צוריק אַנטדעקט אין דער גניזה פון אַן אַלטער שול אין אַ פאָרשטאָט פון קאַירא.

דער בריוו איז נישט געפונען געוואָרן קיין גאַנצער. עס איז אַנטדעקט געוואָרן בלויז זיין מיטלסטער טייל, וואָס פאַרנעמט צוויי פּערגאַמענט זייטלעך, באַשריבענע פון ביידע זייטן. אייניקע ווערטער און טיילן אינעם בריוו זענען געווען אויסגעריבן, אָבער בכלל האָט זיך דער בריוו איינגעהאַלטן גוט און מען האָט אים געקענט לייכט דורכלייענען. הגם דער בריוו, אָדער ריכטיקער געזאָגט, די געפונענע קאָפּיע פון אים, באַצייט זיך, ווי מען האַלט, צו דעם 11טן, צי אָנהייב פון 12טן יאָרהונדערט.

דער געפונענער טייל פון דעם כּוזריש־העברעיִשן בריוו באַשעפטיקט זיך מיט איניקע ענינים פון דער געשיכטע פון די כּוזרים, דערונטער אויך מיט דער פראַגע פון אָננעמען דורך זיי די ייִדישע רעליגיע.

דער טייל פונעם בריוו, וואָס באַציט זיך דירעקט צום קריג פון די כּוזרים מיט די רוסן, באַהאַנדלט די געשעענישן, צו וועלכע עס האָבן געהאַט אַ שייכות דער כּוזרישער קעניג יוסף, דער ביזאַנטינישער מלך ראָמאַן און דער רוסישער פירשט, וואָס ווערט אינעם בריוו אָנגערופן מיטן נאָמען העלגאָ.

דער בריוו דערציילט, אַז אין דער צייט פון כּוזרישן קעניג יוסף זענען אין דער מדינה פון די ראָמאַנען, דאָס הייסט אין ביזאַנץ, פאָרגעקומען רדיפות אויף ייִדן. דאַן האָט קעניג יוסף, צוליב נקמה, אָפּגערעכנט זיך ביי זיך אין כּוזרים־לאַנד, מיט ערלים. ראָמאַן, וועלכן דער מחבר פון בריוו טיטולירט, אַגב, מיטן נאָמען רומנוס הרשע, האָט דאַן דעריבער אָנגערעדט „הלגו מלך רוסיא" אָנצופאַלן אויף דער כּוזרישער מדינה. העלגאָ איז ביי־נאַכט באַפאַלן און האָט דעראָבערט די שטאָט סמכריי, וואָס איז, אַפּנים, נישט געווען באַשיצט, ווייל דער שרייבער פון בריוו באַמערקט אַז עס איז דאָרטן נישט געווען דער „רב חשמונאי".

ווייטער דערגייען מיר פון בריוו, אַז דער ענין איז באַקאַנט געוואָרן דעם מיליטערישן הויפּט־פירער פון די כּוזרים, וואָס הייסט אין בריוו „פסח השומר". דער לעצטער איז אַוועק מיט צאָרן אויף די שטעט פון ראָמאַ־בוסן, — דאָס הייסט אויף די גריכישע קאָלאָניעס אין קרים, וואָס זענען געווען אונטער ביזאַנטישער הערשאַפט, אָדער זענען אַריבער צו איר פון דער כּוזרישער ממשלה. פסח השומר האָט, נאָכן דערהרגענען פיל מענטשן, דעראָבערט 3 שטעט, חוץ פיל קלענערע פונקטן, און איז אַוועק ווייטער אויף דער שטאָט שורשון — דאָס הייסט אויף כערסאָנעס, וואָס איז, ווי גע־זאָגט, געלעגן נישט ווייט פון דער איצטיקער סעוואַסטאָפּאָל:

פון דאָרטן איז ער אַוועק קעגן דעם אויבנדערמאָנטן „הלגו מלך רו־סיא", וועלכן ער האָט באַזיגט, צונעמענדיק דערביי אויך דעם רויב, וואָס העלגאָ האָט פאַרכאַפּט אין סמכריי. העלגאָ האָט זיך דאַן אויך מודה געווען, אַז ראָמאַן האָט אים אָנגערעדט אָנצופאַלן אויף די כּוזרים. פסח האָט, אַלזאָ,

געהייסן העלגאָן גיין אויף ראָמאַנען. העלגאָ האָט געקעמפט קעגן „קונסטנ־טינא" (קאָנסטאַנטינאָפּאָל) אַ ריי חדשים. זיינע מענטשן זענען אָבער גע־פאַלן, וואָרום די „מאַקעדאָנער" (דאָס הייסט, די ביזאַנטינער) זענען געווען „שטאַרקער אין פייער" (געמיינט די נאַפט־פּאַקעלן, וואָס די ביזאַנטינער פלעגן וואַרפן אויף די שיפן פון זייערע קעגנער).

העלגאָ האָט זיך אָבער געשעמט, צוליב דער מפּלה, צוריקקערן אַהיים, און איז אַוועק קיין פּערסיע, ווו ער און זיין גאַנצע מחנה זענען אומגעקו־מען. דאַן — ענדיקט זיך אָט־דער טייל פונעם בריוו — זענען די רוסן גע־בליבן אונטערטעניק צו די כוזרים.

ווער זענען אָבער געווען די העלדן פון דעם דאָזיקן קריג, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין קרים מיט טויזנט יאָר צוריק?

אַמווייניקסטן ווייסט מען עפּעס וועגן כוזרישן קעניג יוסף, אין ווע־מענס הערשאַפט עס איז געקומען צו דער גאַנצער מלחמה. די געשיכטע פון די כוזרים איז בכלל זייער ווייניק באַקאַנט און וועגן זייערע מלכים, וועגן זייער אָננעמען דעם יידישן גלויבן און בכלל וועגן זייער גאַנצן לעבן, מנהגים, זייער מלוכה אד"גל ווייסט מען מער פון נישט־כוזרישע קוועלן, ווי פון וועלכע עס איז געשיכטלעכע מקורות פון די כוזרים גופא, וואָס זע־נען, אַגב, כמעט נישט בנימצא.

בעסער האַלט עס שוין מיטן קיסר, וועמען דער מחבר פון בריוו, טי־טולירט אַלס רומנוס הרשע. דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער ביזאַנ־טישער אימפּעראַטאָר ראָמאַן לעקאַפּין, וואָס איז מיט טויזנט יאָר צוריק געזעסן אויפן כסא המלכות אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט געפירט אַ קריג מיט רוסישע שבטים, וואָס האָבן באַלאַגערט זיין הויפּטשטאָט. דער רוסי־שער פירער, וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם בריוו, אַלס „הלגו מלך רוסיא", דאַרף זיין איינער פון די רוסישע הערשער, אָלעג אָדער אָלגאָ.

וואָס שייך דער גאַנצער געשיכטע, וואָס ווערט דערציילט אינעם בריוו, באַציט זי זיך צו אַווירקלעכער היסטאָרישער געשעעניש, וואָס איז פּאָר־געקומען אין יאָר 941. רומנוס הרשע, וואָס ווערט דערמאָנט אין בריוו, און ווערט דאָרטן בכלל פאַרגעשטעלט אַלס ביטערער הערשער, וואָס האָט גע־רודפט יידן און האָט אויך באַוויזן אונטערצוקויפן דעם רוסישן פירשט

העלגאַ, צו באַפאַלן די כוזרים און איז שפּעטער אַליין באַפאַלן געוואָרן פון זיי, — האָט, לויט גריכישע כראָניקעס, ווירקלעך אָפּגעשלאָגן אין יאָר 941 אַן אָנפאַל פון די רוסן אויף זיין הויפּטשטאָט.

אויך דער אָנפאַל פון די רוסן אויף פּערסיע ווערט באַשטעטיקט דורך אַראַבישע און אַנדערע היסטאָריקערס, וואָס דערציילן וועגן מאַרש פון די רוסן אויף קאַווקאַז, וואָס איז פאָרגעקומען אַ פּאָר יאָר נאָכן זייער נישט־געלונגענעם אָנפאַל אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

פון די אַלע קוועלן איז אָבער נישט באַוווּסט וועגן רדיפות פון ראָמאַן לעקאַפּין אויף ייִדן. אָבער אַזעלכע רדיפות פלעגן זייער אָפט בכלל פאָר־קומען אין דער ביזאַנטישער אימפּעריע און נישט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז די געראַודפטע ייִדן זענען אַנטלאָפן אין די גריכישע קאָלאָניעס אין קרים, אָדער אין דער שכנותדיקער צו זיי כוזרישער מלוכה, וואָס האָט אויך אַ לענגערע צייט באַהערשט קרים און האָט איינגעגלידערט דעם גרעסטן טייל פון קרימער האַלב־אינדזל אין דער אויסגעברייטערטער כוזרישער מלוכה. אין דער צייט פון איר גרעסטן אויפבלי האָט זיך דאָך די דאָזיקע מלוכה געצויגן פון דניעפּער ביז דער וואָלגאַ און פון דער וואָלגאַ ביז קאַווקאַז. און נישט אומזיסט, אַ פּנים, האָט אויך קרים געהייסן אין מיטלאַלטער „גהאַזאַריאַ”.

ווען די כוזרישע מלוכה האָט אָבער געשטרעבט אויסצוברייטערן אירע גרענעצן ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים, פלעגט זי שטענדיק קומען אין אַ קאָנפליקט מיט דער ביזאַנטישער אימפּעריע. אירע הערשער האָבן אָפט געשלאָסן אָפּמאַכן מיט די רוסישע שבטים, וואָס האָבן געוווינט ביים דניעפּער, וועגן אָפּהאַלטן דעם מאַרש פון די כוזרים און בכלל חרוב מאַכן די אַגרעסיווע כוזרישע מאַכט.

די מעשה פונעם בריוו, אַז רומנוס הרשע האָט אָנגעהעצט די רוסן אויף די כוזרים לייגט זיך, אַלזאָ, אויפן שכל. אויך דער סוף פון בריוו, אַז נאָך דער מפּלה פון רוסישן פירשט העלגאָ אין פּערסיע, זענען די רוסן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון די כוזרים, אַנטשפּרעכט דעם היסטאָרישן פאַקט, וואָס איז באַקאַנט גראָד פון די רוסישע כראָניקעס, — נעמלעך אַז די רוסישע שבטים ביי דער אָקאַ (צופלוס פון דער וואָלגאַ) און

ביים דניעפּער, האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דער כוזרי־שער מדינה און האָבן איר געצאָלט שטייערן, פון וועלכע זיי זענען באַפרייט געוואָרן ערשט אין סוף פון 10טן יאָרהונדערט, ווען דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט ענדלעך באַזיגט די כוזרים און האָט חרוב געמאַכט זייערע הויפּטשטעט סארקעל אויפן דאָן און איטיל ביי דער וואָלגאַ.

מיטן העברעיִשן בריוו פון אומבאַקאַנטן כוזרישן ייִד, וואָס איז איינער פון די געציילטע דאָקומענטן, וואָס דערציילן וועגן די מלחמות צווישן די כוזרים און די רוסן, האָבן זיך באַשעפטיקט אַ ריי געלערנטע. ס׳איז זיי געגאַנגען, קודם־כל, וועגן פעסטשטעלן דעם היסטאָרישן אמת פון די געשעענישן, וואָס זענען באַשריבן אין בריוו. מ׳האָט אויך געדאַרפט פעסטשטעלן די אויסגעריבענע ווערטער און טיילן פון בריוו, ווי אויך די אומבאַקאַנטע נעמען פון מענטשן און פון שטעט.

אַזאַ אומבאַקאַנטער נאָמען איז, אַ שטייגער, דער נאָמען פון דער רעטזעלהאַפטער שטאָט סמכריי, וואָס העלגאָ האָט פריִער דעראָבערט פון די כוזרים און האָט זי שפּעטער געמוזט אָפּגעבן דעם כוזרישן מיליטערישן פירער, וואָס טראָגט, אגב, דעם מאָדנעם נאָמען „פסח השומר".

וועגן ריכטיקן נאָמען פון דער שטאָט האָט אַרויסגעזאָגט אַן אינטערעסאַנטע מיינונג דער באַקאַנטער פאָרשער פון דער עלטסטער ייִדישער געשיכטע אין רוסלאַנד, ד"ר י. ברוצקוס. לויט זיין מיינונג איז סמכריי דער פאַרגרייזטער סאמקאַרץ, דער כוזרישער נאָמען פון דער גרויסער שטאָט אין קרים, קערטש, וועלכע האָט, אַ פּנים, צוליב איר באַטייטנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג געהייסן ביי די אַלטע אַראַבישע שרייבער „סאַמקאַרץ אַל יאַהוד".

מלחמה צווישן דער מלוכה פון כוזרים מיט זייערע שונאים אויפן דאָן

אויף דעם טייך דאָן, פּינקטלעכער געזאָגט, אויפן ענגן שטח צווישן דאָן און דער וואָלגע, ווו די ביידע טייכן דערנענטערן זיך אַמשטאַרקסטן, — זענען בעתן צווייטן וועלט־קריג, ווי באַקאַנט, פאָרגעקומען גרויסע און בלוטיקע שלאַכטן. אין איין עק פון דאָזיקן געביט, ביי דער וואָלגע, ליגט די שטאָט סטאַלינגראַד (איצט וואָלגאַגראַד), ווו די דייטשן האָבן געליטן זייער גרעסטע מפּלה, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט זיך זייער גאַנצן באַרג־אַראָפּ.

דער געביט צווישן דאָן און וואָלגע האָט אָבער געזען עפּאָכע־מאַכנדיקע קאַמפן מיט פיל־פיל יאָרן צוריק. דאָ האָבן זיך עס מיט העכער טויזנט יאָר צוריק אָפּגעשפּילט די קאַמפן צווישן די רוסן און די כוזרים, וואָס האָבן געבראַכט צום אונטערגאַנג פון דער כוזרישער מלוכה, דורכן רוסישן, קיִע־ווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו, וואָס האָט אויך דעראָבערט די כוזרישע הויפּט־שטאָט איטיל ביי דער וואָלגע.

דער קאַמף אין יענע צייטן איז נישט געגאַנגען איבער די רייכע אונ־טערערדישע אוצרות פונעם דאָזיקן געגנט, — איבער די קוילן פון דאָנער באַסיין, צי די אייזן פון „קריוואָי ראָג", אָדער גאָר די נאַפט־קוואַלן פון נישט וייטן קאַווקאַז. דאַן, פאַרשטייט זיך, האָט מען זיך מיט אָט־די אונ־טערערדישע אוצרות פון דער איצטיקער אינדוסטריאַליזירטער וועלט נישט אינטערעסירט. די געגנט צווישן ביידע גרויסע טייכן איז אַ סטעפּישע און, אַלס אוצרות, זענען דאַן געהאַלטן געוואָרן טאַבונעס פערד, צי סטאַ־דעס שאָף, אָדער גוטע ערד צום באַאַרבעטן.

די כוזרים־מדינה האָט דערגרייכט איר בלי־תקופה אין 8טן יאָרהונ־דערט, ווען איר „קאַגאַן" (מלך) האָט צוזאַמען מיט דער גאַנצער הערשנ־דיקער שיכט פון דער מדינה אָנגענומען דעם יידישן גלויבן. פאַראַן אַ מיי־

נונג, אַז דעם דאָזיקן וויכטיקן שריט האָט דער קעניג און זיינע נאָענטע אונטערגענומען, נישט בלויז צוליב רעליגיעזע, גייסטיקע, נאָר אויך צוליב חשבונות פון פּאָליטישער אויסרעכענונג. דער „קאַגאַן" און זיינע מקורבים האָבן נישט געוואָלט אָננעמען דעם קריסטנטום, כדי די מלוכה זאָל דורך דעם נישט ווערן אָפּהענגיק פון דער גאָר נאָענטער ביזאַנטישער אימפּע־ריע, פון וואַנען דאָס קריסטנטום פלעגט דאַן פאַרשפּרייט ווערן אויפן אָריענט און צווישן די אַרומיקע סלאַווישע שבטים. די רוסן האָבן דאַך, אונטער סוויאַטאָסלאַווס אייניקל, וולאַדימיר דעם הייליקן, אָנגענומען דאָס קריסטנטום פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן האָבן די כוזרים ווידער נישט געוואָלט אָננעמען, ווייל דאָס וואָלט זיי געמאַכט אָפּהענגיק פון דעם דעמאָלטיקן גייסטיקן צענטער פון איסלאַם, דעם קאַליפאַט פון באַגדאַד, מיט וועלכן די כוזרים האָבן געפירט פיל קאַמפן צוליב דער הערשאַפט אין טראַנס־קאַווקאַזיע. עס איז פון דער געשיכטע באַקאַנט, אַז די כוזרים האָבן בכלל גע־פירט פיל מלחמות קעגן די אַראַבער, פערסן, ביזאַנטינער, רוסן. מ'קען זיך, אַלזאָ, פאָרשטעלן, אַז פירנדיק מלחמות מיט אָט־די קעגנער און אין דער ערשטער ריי מיט די דעמאָלטיקע ביידע „גרויס־מאַכטן", — ביזאַנ־טיניע און דעם באַגדאַדער קאַליפאַט, — האָבן די הערשער פון דער כוז־רישער מלוכה נישט געוואָלט זיך מאַכן אָפּהענגיק פון אָט־די ביידע מאַכטן אויפן רעליגיעזן געביט, וואָרום דאָס אָננעמען קריסטנטום אָדער איסלאַם וואָלט געהייסן אָנערקענען, אַז קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צי עווענטועל באַגדאַד, ווערן זייערע גייסטיק־רעליגיעזע צענטערן. און דאָס, אַ פּנים, האָבן זיי גע־וואָלט אויסמיידן.

אַזוי אַרום איז עס געקומען צו דעם, אַז דער „קאַגאַן" און זיינע מקור־בים האָבן אויסגעוויילט פאַר זיך די ייִדישע אמונה, אַלס אַ מין נייטראַלן, פּאָליטיש, גלויבן, וואָס דאָס פאַרבינדן זיך מיט אים האָט נישט אַרויפגע־צוווּנגען אויף זיי קיין שום אָפּהענגיקייט פון זייערע מעכטיקע שכנים און גאַנץ אָפט אויך שונאים.

די כוזרישע מדינה האָט אין יענער צייט דערגרייכט איר גרעסטע טע־ריטאָריעלע אַנטוויקלונג. די פיר הויפּטשטעט אירע, איטיל, סאַרקעל, סאַמ־

באַט (קיִעוו) און בעלענדזשער, האָבן געצייגט די גרענעצן פון איר אויס־שפרייטונג. איטיל, לעבן דער איצטיקער אַסטראַכאַן, ביים אַריינפאַל פון דער וואָלגע אין קאַספּישן ים, קיִעוו (סאַמבאַט) — אויפן מיטן דניעפּער, סאַרקעל — אַ פעסטונג אויפן דאָן און בעלענדזשער — די אַלטע, כּוזרי־שע הויפּטשטאָט נישט ווייט פון דערבענט (איצט: מאַכאַטש־קאַלע), אויפן קאַווקאַזער ברעג פון קאַספּישן ים — דאָס זענען געווען די הויפּט־פּונקטן פון דער ברייט־אויסגעוואַקסענער כּוזרים־מדינה.

מיט וועמען האָט אָט־די מדינה נישט געפירט קיין מלחמות? פון בי־זאַנטיע האָט זי אָפּגעריסן קרים און בכלל איר גאַנצן קאָלאָניאַלן באַזיץ אויפן צפון־ברעג פון שוואַרצן ים און אויפן אַזאָוו־ים: די באָספאָר־מלוכה מיט קערטש־פאַנטיקאַפּעאַ, טאַנא און אַנדערע רייכע אַלט־גריכישע שטעט אויף ביידע זייטן פון קערטשער ים־דורכגוס. אַ סברא אויך, אַז דאָס ייִדי־שע גלויבן זאָלן די כּוזרים האָבן אָנגענומען דווקא אין אָט־די שטעט, וואָס האָבן געהאַט אַן אַלט איינגעזעסענע און באַטייטנדיקע ייִדישע באַפעל־קערונג.

אויפן מזרח האָבן די כּוזרים געקעמפט מיט די פּעטשענעגן, פּאָלאָווּ־צעס און אַנדערע אַריינדרינגער פון אַזיע, פאַרשטעלנדיק זיי דעם וועג אויף לאַנגע דורות קיין אייראָפּע. אויפן צפון האָבן זיי געקעמפט און אונ־טערגעוואָרפן אונטער זיך פאַרשיידענע רוסיש־סלאַווישע שבֿטים, וועמען די כּוזרים האָבן פאַרדרענגט פון די דרומדיקע סטעפּעס, — אין דעם צפון־דיקן וואַלד־געביט פון אויפן אויבערשטן דאָן, אָקאָ (צופלוס פון דער וואָל־גאַ) און צפון־דניעפּער. די רוסישע היסטאָריקערס באַשרייבן דעריבער זייער שפּעטערדיקע געשיכטע, אַלס קאַמף פון „וואַלד קעגן דעם סטעפּ" (ס'הייסט פון די רוסן קעגן די כּוזרים און אַנדערע טיורקישע שבֿטים, וואָס האָבן באַהערשט די סטעפּעס ביים שוואַרצן, אַזאָווישן און קאַספּישן ים).

אין דרום האָבן די כּוזרים געקעמפט פיל יאָרן ביי די גרענעצן פון קאַווקאַז און פאַרלוירן אָט־דעם געביט אין זיין גרעסטן טייל צו די אַראַ־בער פון באַגדאַדער קאַליפאַט.

דאָס פּאָליטישע לעבן אַרום דעם שוואַרצן ים האָט דאַן געוווּסט אויך פון מלוכה־אָפּמאַכן, בונדן, קעגן־בונדן אד"גל. קריגס־קאָאַליציעס זענען

געשאַפן געוואָרן, אָפּמאַכן זענען פאַרראַטן געוואָרן. נישט איין מאָל האָבן די אימפּעראַטאָרן פון ביזאַנץ געשלאָסן אַ בונד מיט די כוזרים קעגן זייער געמיינזאַמען שונא, די רוסיש־סלאַווישע שבטים. די דינאַסטיעס פון קאָנס־טאַנטינאָפּאָל און איטיל פלעגן זיך אויך מתחתן זיין, כדי, ווייזט אויס, נאָך מער צו שטאַרקן זייער פּאָליטישן בונד. געוועזן אויך אַ פאַל, ווען דער בי־זאַנטישער קינפּטיקער אימפּעראַטאָר, יוסטיניאַן דער 2טער, האָט זיך גע־ראַטעוועט פון אַ פאַרשווערונג קעגן אים צו די כוזרים און האָט שפּעטער געהייראַט די טאָכטער פון כוזרישן „קאַגאַן", וואָס עס האָט, וואַרשיינלעך, אויך געבראַכט צו דעם, אַז זיין זון, לעוו דער 4טער, האָט באַקומען דעם ביינאָמען „כאַזאַר".

די גרויסע שוועריקייטן פאַר דער כוזרים־מדינה האָבן זיך אָנגעהויבן אין מיטן 9טן יאָרהונדערט, ווען זיי זענען באַפאַלן געוואָרן דורך די פּע־טשענעגן, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן פון אַזיע איבער די קאַספּישע סטעפּעס ביזן סאַמע טייך דאָן, פאַרטרייבנדיק די דאָרטיקע נאָמאַדן־שבטים, די קאַבאַרן און מאַדיאַרן, ביז צום דניעפּער. פון דאָרטן זענען אָט־די פאַרטרי־בענע שבטים אַוועק ווייטער און בכלל אויסגעוואַנדערט קיין מיטל־איי־ראָפּע, באַזעצנדיק זיך אין דער איצטיקער אונגאַרן, וווּ מ'טרעפט עד־היום פיל נעמען פון כוזרישער אָפּשטאַמונג.

צוליב דער יודאַיזירונג פון די כוזרים האָבן געוויסע יידישע היסטאָ־ריקערס געפּרוווט אויסטייטשן דאָס וואָרט „קאַבאַרן" אַלס פאַרקריפּלטן העברעיִשן „חברים", — פונקט ווי מ'האָט דאָס וואָרט גאַליציע (דורך וואָ־נען די אויבן־דערמאָנטע שבטים האָבן דורכגעוואַנדערט) געפּרוווט אויס־טייטשן און אַרויסדרינגען פון העברעיִשן „חלוץ", באַהויפּטנדיק אַפילו, אַז אין כוזרישן מיליטער זענען געווען אַוואַנגאַרד־אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געטראָגן אָט־דעם העברעיִש־פּיאָנערישן נאָמען.

דאָס גוט־לעבן צווישן ביזאַנטיע און די כוזרים איז אָפט געווען אַזוי שטאַרק, אַז דער ביזאַנטישער קיסר טעאָפיל איז געקומען צו הילף זיינע פאַרבינדעטע און האָט אַראָפּגעשיקט קיין כאַזאַריע זיין שוואָגער, פּעטראָני קאַמאַטעראָס מיט בוי־מייסטערס, וואָס האָבן אויפגעשטעלט אויפן דאָן די פעסטונג סארקעל, וואָס האָט זיך געפונען, לויט איין מיינונג, נישט ווייט

פון איצטיקן ראָסטאָוו. לויט אַן אַנדער מיינונג איז זי געלעגן נישט ווייט פון דער איצטיקער קאָזאַקן־„סטאַניצע״ (דאָרף) צימליאַנסקאַיאַ, וואָס איז אַמאָל געווען באַרימט מיט איר גוטן ווייַן.

די ביזאַנטישע אימפּעריע האָט אָבער סוף־סוף פאַרראַטן די כוזרים און געמאַכט קעגן זיי אַ יד אחת מיט די רוסן. צוערשט האָט זי געהאָלפן דעם רוסישן פירשט איגאָר אָפּצורייסן פון דער כוזרים־מדינה דעם קרים, מיט אירע אַלטע און רייַכע גריכישע קאָלאָניעס. דערביי איז די ייִדישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט קערטש („סאַמקאַרץ אַל יאַהוד״, דאָס ייִדישע סאַמקאַרץ, ווי זי האָט דאַן געהייסן ביי די אַראַבער, וואַרשיינלעך צוליב איר גרויסער צאָל ייִדן), פאַרטריבן געוואָרן קיין רוסלאַנד.

שפּעטער איז געקומען, ווי געווינטלעך, צו אַן ענדערונג ביי די הער־שער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל לגבי די כוזרים. מ׳האָט ווידער געשלאָסן מיט זיי בונדן פון פּאָליטישן און מיליטערישן כאַראַקטער. די אָפּגעשוואַכטע כוזרישע מדינה האָט זיך שוין אָבער נישט געקענט איינהאַלטן, בפרט אַז די סלאַוויש־רוסישע שבטים האָבן געהאַלטן אין איין דרענגען אויף איר פון צפון.

דער הויפּט־קאַמף פון די רוסן מיט די כוזרים איז טאַקע פאָרגעקו־מען אויפן זעלבן דאָן, וווּ עס זענען, ווי געזאָגט, בעתן צווייטן וועלט־קריג פאָרגעקומען בלוטיקע קאַמפן צווישן די דייטשן און די רוסן.

אונטער דער אָנפירונג פון פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָבן די רוסן פאַר־כאַפּט דעם צפונדיקן, אויבערשטן טייל פון דאָן, פון וואַנען זיי האָבן זיך אויף שיפלעך אַראָפּגעלאָזט מיט דעם טייַך ביזן אַזאָווער ים, דעראָבערנ־דיק קודם־כל די דערמאָנטע כוזרישע פעסטונג אויפן דאָן — סארקעל, וואָס האָט ביי די רוסן באַקומען דעם נאָמען „ביעלאַיאַ וויעזשאַ״ (ווייסער טורעם).

די דאָזיקע וויכטיקע כוזרישע פעסטונג איז, ווייזט אויס, געווען זייער שטאַרקסטער שטיץ־פונקט אויפן דאָן. זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 842 און איז אַרייַנגעפאַלן צו די רוסן אין יאָר 965. און וואָלט סוויאַטאָסלאַוו נישט חרוב געמאַכט די דאָזיקע פעסטונג, — וואָלט זי, הייסט עס, געקענט פייערן אויך 1100 יאָר פון איר קיום, דאַן ווען עס האָבן זיך אין איר געגנט אָפּגעשפּילט די בלוטיקע קאַמפן צווישן די דייטשן און די רוסן.

די לעגענדע, אַז דער טייך דאָן האָט אַ שייכות מיטן... שבט דן

אין געביט פון דאָן, פונקט ווי אין געביט פון וואָלגע, האָבן אין די צאַרישע צייטן געלעבט אָנהענגער פון פיל רוסישע רעליגיעזע סעקטעס, ווי „דוכאָבאָרן", „מאָלאָקאַנען", „סובאָטניקעס" און גרים. אַ טייל פון די דאָזיקע סעקטעס האָבן געלייקנט אין דעם קריסטלעכן דאָגמאַט פון דער דריי־אייניקייט פון גאָט, האָבן אויך נישט געהאַלטן פון צווייטן קריסט־לעכן דאָגמאַט, אַז צווישן גאָט און דעם מענטשן איז פאַראַן אַ פאַרמיטלער און האָבן בכלל זיך מער גערעכנט מיטן אַלטן טעסטאַמענט, ווי מיטן נייעם. די „סובאָטניקעס" האָבן, ווי עס באַווייזט זייער נאָמען, אָפּגעהיט שבת און נישט זונטיק. און אַ טייל פון זיי, צוזאַמען מיט די „גרים", האָבן בכלל גע־האַלטן מער פון די ייִדישע מצוות, ווי פון די קריסטלעכע. זיי זענען דערי־בער פאַררעכנט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט צו די „זשידאָווסטווו־יושטשיע", דאָס הייסט „יודאַיזירנדיקע" און זענען שטאַרק גערודפט געוואָרן. פיל פון זיי האָט מען פאַרטריבן קיין סיביר, געצוווּנגען איבערצוואַנדערן אין די ווייטע מקומות פון ברייטן רוסלאַנד. די גרים זענען אַריבערגעפירט געוואָרן טיף אין קאַווקאַז, ביי דער סאַמער גרענעץ מיט פערסיע און טערקיי.

דער העברעיִשער שרייבער צבי כשדאַי, וואָס האָט פיל אַרומגערייזט אין וואָלגער און דאָנער געביט און האָט זיך ספּעציעל פאַראינטערעסירט מיט די סעקטעס, וואָס שטייען נאָענט צום יודאַיִזם, דערציילט, אַז צווישן די יודאַיִזירנדיקע פון דאָנער געביט איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז זיי שטאַמען פון יעקבס זון, דן.

פון וואַנען די דאָזיקע לעגענדע האָט זיך גענומען, איז לייכט צו פאַר־שטיין. היות די יודאַיִזירנדיקע זענען געווען גרויסע חסידים פון אַלטן טעס־טאַמענט, און עס איז זיי, משמעות, אײַן לעבן געגאַנגען צו דערווייזן, אַז

זיי געהערן צום „אויסדערוויילטן פאָלק", וועמען משה רבנו האָט געגעבן די תורה, — האָבן זיי אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס דער נאָמען פון דעם טייך דאָן, ביי וועלכן זיי וווינען, קלינגט פונקט ווי דער נאָמען פון איינעם פון יעקב אבינוס זין, און האָבן זיך טאַקע אויך געקרוינט אַלס קינדער פון יעקבס זון, דן.

אַנדערע יודאַיזירנדיקע האָבן געהאַלטן, אַז זיי שטאַמען פון די כוזרים. די יודאַיזאַנטן וואָס וווינען ביי דער וואָלגע און קענען אין דער ביבל נישט געפינען, וואָס זאָל זיין ענלעך צום נאָמען פון אָט־דעם גרויסן רוסישן טייך, האָבן זיך געגעבן אַן אַנדער עצה. היות דער נאָמען פון דער שטאָט „סאַמאַ־ראַ" (דאָס איצטיקע קויבישעוו) קלינגט ווי דער אַלטער גריכישער נאָמען פון שומרון, — סאַמאַרעאַ, — איז ביי זיי אַנטשטאַנען די לעגענדע, אַז סאַ־מאַראַ איז — שומרון. פונעם נאָמען פון אַ צווייטער רוסישער שטאָט ביי דער וואָלגע, סאַראַטאָוו, האָבן די יודאַיזאַנטן אויסגעשניטן צוויי העברעיִ־שע ווערטער „שר" און „טוב" און זיי באַהויפּטן אַז סאַראַטאָוו באַדייט „שר־טוב"...

דאָס אַלץ און אויך אַנדערע ענלעכע זאַכן זענען געטאָן געוואָרן כדי צו באַווייזן, אַז די געגנטן ווו די יודאַיזאַנטן לעבן, האָבן אַ שטיקל שייכות צום חומש און אַז זיי, די יודאַיזאַנטן, זענען נישט עפּעס סתם סעקטאַנטן, וואָס האַלטן באַזונדערס פון דער ביבל און פון אַלטן טעסטאַמענט, נאָר אַז זיי האָבן גאָר אַ נאָענטע שייכות צו דער אַלטער שפּראַך פון דער ביבל און דורך דעם אפשר אויך צום פאָלק פון דער ביבל...

די דאָזיקע דערשיינונג איז, ווי באַקאַנט, נישט ניי. אויך צווישן אַנ־דערע קריסטלעכע פעלקער, און נישט בלויז צווישן „יודאַיזאַנטן", עקסיס־טירן לעגענדעס, אַז זיי זענען פאַרוואַנדעט מיטן פאָלק ישראל און שטאַ־מען געוויינטלעך פון די עשרת השבטים. די געזעלשאַפט „ניו־איזראַעל" אין ענגלאַנד טענהט אַפילו אַז דווקא די ענגלענדער זענען די אמתע ייִדן, — היות דאָס וואָרט „בריטן" שטאַמט פון „ברית"... אגב איז אויך אין שאָט־לאַנד פאַראַן אַ טייך דאָן און די אָנהענגער פון „ניו־איזראַעל" קענען פאַר־רעכענען אַזוי אַרום אויך די ענגלענדער צו די אָפּשטאַמיקע פון שבט דן. בפרט, אַז דער שבט דן האָט געלעבט אין צפון־טייל פון ארץ־ישראל גאָר

נאָענט צו די אַמאַליקע פעניציער און די לעצטע, אַלס די גרעסטע ים־דרייזנדע פון אַלטערטום, האָבן מסתמא אָנגעשפּאַרט אויך צו די בריטישע ברעגן. טאָ פאַרוואָס האָבן דאָס זעלבע נישט געקענט באַוויזן די ביבל־יידן פון שבט דן, וואָס האָבן זיך גאָר שטאַרק געחברט מיט די כנענים־פעני־ציער?

פון וואַנען שטאַמט אָבער פאָרט דער נאָמען פון טייך דאָן? אפשר האָט ער טאַקע עפּעס אַ שייכות צום ביבלישן דן?

די דאָזיקע פראַגע איז באַזונדערס אינטערעסאַנט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז צוויי אַנדערע גרויסע רוסישע טייכן, וואָס פליסן פונקט ווי דער דאָן, פון צפון קיין דרום און פאַלן אַריין אין שוואַרצן ים, נישט ווייט פון אָרט, ווו דער דאָן פאַלט אַריין אין אַזאָוו־ים, — טראָגן די נעמען דניעפּער און דניעסטער און האָבן ביי די גריכן געהייסן „דאַנאַפּריס” און „דאַנאַס־טריס”, אין וועלכע מ'קען גאָר לייכט באַמערקן דעם „דאַן” (מיט אַ פּתח), אַלס די ערשטע זילבע, וואָס קלינגט גאָר נאָענט צום נאָמען פון דעם טייך דאָן.

דער נאָמען פון דעם טייך דאָן שטאַמט אָבער פון די סקיפן, וואָס האָבן געוואָנדערט איבער דרום־רוסלאַנד אין טיפן אַלטערטום, און האָבן באַוווינט דעם דאָזיקן און שכנותדיקע געביטן לאַנג איידער די רוסן זענען אַהין געקומען. צווישן די תרפ״ט פעלקער און שבטים, וואָס באַוווינען דער געגנט פון קאַווקאַז, וואָס איז גאָר נאָענט צום דאָן, איז פאַראַן אַ פאָלק „אָסעטינער”, וואָס ווערט געהאַלטן, אַלס שארית הפליטה פון די סקיפן. די אָסעטינער רעדן אויף אַן איראַנישן דיאַלעקט, פונקט ווי די אַלטע סקיפן, און דאָס וואָרט „דאָן” באַדייט ביי זיי אַ — טייך.

אינעם געביט, ווו די אָסעטינער וווינען אויף קאַווקאַז, זענען טאַקע פאַראַן פיל טייכן מיטן נאָמען „דאָן”. אַזוי הייסן ביי זיי די צופלוסן פון באַקאַנטן קאַווקאַזער טייך טערעק, אַר־דאָן און אורוס־דאָן (דער ווייסער טייך). אורוס באַדייט אויף אָסעטיניש ווייס, און אייניקע רוסישע געלערנ־טע האָבן אַפילו געוואָלט אַרויספירן דאָס וואָרט „רוס” פון אָסעטינישן אור־רוס, וואָס באַדייט אויך איידל, נאָבל.

די אַלטע רוסישע דרום־שבטים זענען געקומען אין אַן אָפטן קאָנטאַקט

מיט די אָסעטינער, וואָס הייסן אין די אַלטע רוסישע כראָניקעס „יאַסי״ (אויף גרוזיניש „אָסי״) און די סקיפּיש־אָסעטינישע טייכן־נעמען „דאָן״, דניעפּער און דניעסטער האָבן זיי איבערגענומען ווי זיי שטייען און גייען ביי דער אוראַלטער באַפעלקערונג פון דרום־רוסלאַנד.

די רוסן, האַלט מען איצט, זענען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן דורך די סקיפן, וועמעס אָרט זיי האָבן פאַרנומען אין דרום־רוסלאַנד. אַז עס איז געווען אַזוי, איז צו זען פון די אויסגראָבונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין די סטעפּעס ביים שוואַרצן ים. די אַלטע קונסט־זאַכן, וואָס מ'האָט דאָרטן געפונען, זענען צום טייל שטאַרק ענלעך צו די קונסט־זאַכן פון שושן־הבירה (סוזי) אין פּערסיע. מאַנכע האַלטן, אַז די דאָזיקע זאַכן זענען אַהין פאַרשלעפּט געוואָרן פון אחשורושעס מדינה. ריכטיקער איז אָבער אָנצונע־מען, אַז די אוראַלטע באַפעלקערונג פון די דרום־רוסישע סטעפּעס, די דער־מאָנטע סקיפן, וואָס זענען לויט זייער אָפּשטאַמונג, מנהגים און שפּראַך, גע־ווען פונקט אַזוי איראַניש, ווי די אַלטע איינוווינער פון איצטיקן איראַן (פּערסיע), האָבן זייערע פּרימיטיווע קונסט־זאַכן געמאַכט לויט די מוס־טערן פון זייער אַלטער, איראַנישער היים, אָדער האָבן אָט־די זאַכן פאַר־שלעפּט בעת זייערע וואַנדערונגען קיין דרום־רוסלאַנד.

פּערסיש־איראַנישע איינפלוסן זענען, אַגב, אויך פאַראַן אין דער רוסי־שער שפּראַך און אויך אין אַנדערע סלאַווישע שפּראַכן. עס איז שוין לאַנג אָנגעוויזן געוואָרן אַז די רוסישע און בכלל סלאַווישע ווערטער: „באָג״ (גאָט), „ניעבאָ״ (הימל), „טשודאָ״ (נס) האָבן אַנטשפּרעכנדיקע און ענלעך־קלינגענדיקע ווערטער אין דער פּערסישער שפּראַך: באהא, נאכבאס און כו־דאָ, וועלכע באַדייטן געטלעכע גלאָריע, הימל און גאָט. (די איראַנישע סעקטע „באַהאַיסטן״ האָט, אגב, פיל פון אירע אָנהענגער אויך אין מדינת ישראל, וווהין זיי האָבן אויסגעוואַנדערט נאָך פאַר די טערקישע צייטן).

פון דעם דרינגט נאָך נישט אַרויס, אַז אַ רוס פון מאָסקווע, צי אַ פּאַ־ליאַק פון וואַרשע, זאָל זיך קענען פאַרשטענדיקן מיט אַן איינוווינער פון טעהעראַן, טאַווריז, אָדער פון דער אַלטער שושן־הבירה (איצט סוזי). אָבער דער פאַקט, אַז רוסישע ווערטער פון ס'רוב אַבסטראַקטן, צי גייסטיקן אינ־האַלט שטאַמען פון איראַניש, איז אַ באַווייז פון דער גאָר שטאַרקער וויר־

קונג, וואָס די אַלטע שפּראַך פון די סקיפּן האָט געהאַט אויף די וואָס האָבן געירשנט זייער פּלאַץ ביים שוואַרצן, צי קאַספּישן ים. ירשנענדיק דעם פּלאַץ, האָבן זיי אויך זיכער איבערגענומען דעם נאָמען פון דעם טייך דאָן, וואָס די אייפּערדיקע סעקטאַנטישע ביבל־אָנהענגער האָבן צוגעטשעפּעט צום שבט דן.

ביי דער וואָלגע האָבן די רוסן שיער נישט געהאַט אַנגענומען דעם יידישן גלויבן

צווישן די פיל מלחמות, וואָס די רוסן האָבן געפירט קעגן די כוזרים, זענען אַמבעסטן באַקאַנט די לעצטע צוויי פון די יאָרן 941 און 968. די ערשטע איז, ווי שוין דערמאָנט, באַשריבן געוואָרן אין אַ העברעיִשן דאָקומענט, וואָס איז מיט קרוב 60 יאָר צוריק געפונען געוואָרן פון פראָפ׳ שעכטער אין אַן אַלטער ייִדישער סינאַגאָגע אין קאַיִראָ. דער דאָקומענט שטעלט מיט זיך פאָר אַ בריוו פון אַ כוזרישן ייִדן וואָס דערציילט וועגן דעם אָנפאַל פון רוסישן פירשט העלגאָ אויף דער כוזרישער טעריטאָריע און וועגן דעם, ווי אַזוי דער דאָזיקער העלגאָ איז סוף־כל־סוף באַזיגט געוואָרן דורכן אַרמיי־פירער פון די כוזרים, וועלכן ער טיטולירט רב חשמונאי פסח.

הגם דער נאָמען העלגאָ (אָלעג) שטימט נישט מיטן נאָמען איגאָר, וואָס האָט, לויט די רוסישע מקורות, אָנגעפירט דאַן מיטן קריג קעגן די כוזרים, איז אָבער דער פאַקט פונעם אָנפאַל גופא און די מפלה פון די רוסן באַקאַנט אויך פון אַנדערע קוועלן און עס איז אין דעם עצם־ענין נישטאָ קיין מינדסטער צווייפל.

פיל וויכטיקער אָבער פאַרן רוסישן מלוכה־וועזן איז געווען דער צווייטער רוסישער קריג קעגן די כוזרים, וואָס האָט זיך געענדיקט מיטן זיג פון די רוסן און מיטן פאַלן פון דער כוזרישער מלוכה. דעם רוסישן פירשט סוויאַטאָסלאַוו איז דאַן געלונגען צו דעראָבערן די כוזרישע פעסטונג סאַרקעל אויפן דאָן און אַרויסצוגיין צו דער וואָלגע, פון וואַנען די רוסן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צו דער רוסישער הויפּטשטאָט איטיל, וואָס איז, ווי געזאָגט, געלעגן נישט ווייט פון דער איצטיקער אַסטראַכאַן. נאָכן חרוב מאַכן די דאָזיקע שטאָט איז סוויאַטאָסלאַוו אַריין טיפער אין כאַזאַריע, אין די סטעפּעס פון פאָדער־קאַווקאַז און אין איצטיקן דאַגעסטאַן, ווו עס איז ווייזט אויס געווען דאָס וויגעלע פון דער גאַנצער ברייט־צעוואַקסענער כוזרישער מלוכה און האָט דאָרטן חרוב געמאַכט זייער אַלטע שטאָט סעמענדער.

סוויאַטאָסלאַוו איז אָבער נישט געבליבן אויף דער באַזיגטער טערי־טאָריע, כידוע, האָבן זיינע פאַרבינדעטע, די ביזאַנטינער, געפאָדערט פון אים ווייטערדיקע הילף, — איצט שוין קעגן די דונאַיער בולגאַרן. ער האָט אויך זיי באַזיגט, אָבער איז שפּעטער צעקלאַפּט געוואָרן דורך זיינע פריִער־דיקע פאַרבינדעטע, וואָס האָבן מורא געקראָגן אַז ער זאָל נישט אויפשטעלן אויף די חורבות פון דער כוזרישער מדינה אַן אייגענע, נאָך גרעסערע מאַכט.

סוויאַטאָסלאַוו האָט סוף־כל־סוף אָפּגעשניטן גאָר שלעכט. ער איז צע־קלאַפּט געוואָרן שפּעטער דורכן שבט פון די פּאָלאָווצעס און זייער פירער האָט, לויטן מנהג פון יענער באַרבאַרישער צייט, געמאַכט אַ בעכער פון געפאַלענעם קעגנערס שאַרבן און געטרונקען פון אים וויין.

סוויאַטאָסלאַוו איז אויך געווען דער לעצטער געצנדינער צווישן די רוסישע פירשטן. זיין זון, וולאַדימיר, האָט שוין אָנגענומען דעם קריסט־לעכן גלויבן. וואָס וואָלט אָבער געווען ווען סוויאַטאָסלאַוו פאַרבלייבט, נאָכן זיג איבער די כוזרים, אין זייער הויפּטשטאָט איטיל און גייט נישט אַוועק גאָר וויט צום דונאַי? וואָלט אויף אים נישט געווירקט די קולטור פון דער העכער שטייענדיקער כוזרישער מדינה? וואָלט ער און זיינע העלפער נישט באַאיינפלוסט געוואָרן דורך דעם העכערן, מער אַנטוויקלטן, ציוויליזירטן און רייכערן לעבן פון די כוזרים? און וואָלט ער אפשר צוגלייך נישט אָנ־גענומען זייער ייִדישן גלויבן?

דאָס אָננעמען דורך די כוזרים דעם ייִדישן גלויבן ווערט בכלל אָפּ־געשאַצט דורך רוסישע היסטאָריקערס אַלס געשעעניש פון ערשט־ראַנגי־קער באַטייטונג. ביזן אָננעמען דעם ייִדישן גלויבן האָבן די כוזרים נישט געהאַט קיין שום קולטור. ערשט די יודאַיִזירונג פון אַ טייל אָדער פון דער גאַנצער כוזרישער אַריסטאָקראַטיע האָט צוגעגעבן דעם כוזרישן לעבן קול־טור־שטריכן און האָט אויך באַוויזן די כוזרים איבערצונעמען עלעמענטן פון דער העברעיִשער ליטעראַטור און קולטור.

די אויבנדערמאָנטע פראַגע וועגן דעם מעגלעכן איינפלוס פון דער כוזריש־ייִדישער קולטור אויף סוויאַטאָסלאַוון און אויף די רוסן בכלל, ווערט געשטעלט אויך דורך אייניקע, מאָדערנע רוסישע היסטאָריקערס. ג. ווער־

נאַדסקי, וואָס איז פּראָפעסאָר אויף דער יעיל־אוניווערזיטעט אין אַמעריקע, שרייבט פאָלגנדעס אין איינעם פון זיינע ווערק איבער דער אַלטער רוסישער געשיכטע:

„אויב סוויאַטאָסלאַוו וואָלט פאַרבליבן ביי דער וואָלגע, וואָלט ער געוואָרן דער נאַטירלעכער נאָכפאָלגער פון די כוזרים. דאַן וואָלט דער רוסישער פירשט שפּעטער געקענט אָננעמען נישט דעם קריסטנטום, נאָר דעם ייִדישן גלויבן, אָדער דעם מאַכמעדאַנישן." (ווערנאַדסקי: „פאַרצייכענונגען פון דער רוסישער געשיכטע", רוסיש).

דעם זעלבן געדאַנק חזרט ווערנאַדסקי אויך איבער אין אַנדערע זיינע ווערק. ער רעכנט דערביי אויס דעם ייִדישן און מאַכמעדאַנישן גלויבן, און נישט דעם קריסטלעכן, ווייל אויף דער וואָלגע איז די לעצטע דאַן בכלל נישט געווען בנימצא. דאַקעגן האָט די ייִדישע רעליגיע געהערשט צווישן דעם אויבערשטן שיכט פון די כוזרים, און די מאַכמעדאַנישע — צווישן דער אָנפירונג פון דער צווייטער דעמאָלטיקער מלוכה ביי דער וואָלגע, — פון די דאָרטיקע בולגאַרן.

פאַרן אָננעמען דעם ייִדישן גלויבן האָבן גערעדט קודם־כל פּאָליטישע מאָטיוון. דאָס אָננעמען דורך סוויאַטאָסלאַוון דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן וואָלט אים געשטעלט אין אַ פּאָליטישער אָפּהענגיקייט פונעם מעכטיקן אַראַבישן קאַליפאַט, וואָס האָט דאַן פאַרשפּרייט זיין הערשאַפט פון די גרעניצן פון אינדיע ביזן אַטלאַנטישן אָקעאַן, באַהערשנדיק אויך שפּאַניע אין אייראָפּע. דאָס אָננעמען ווידער דעם קריסטנטום וואָלט געמאַכט סוויאַטאָסלאַוון אָפּהענגיק פון רוים און פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. בלויז דאָס אָננעמען דאָס ייִדנטום וואָלט סוויאַטאָסלאַוון נישט געבונדן אין קיין שום הינזיכט פון קיין שום פּאָליטישן צענטער און וואָלט אים גאַראַנטירט אויך זעלבשטענדיקייט אויפן קולטורעלן געביט, פּונקט ווי דאָס איז איבעריקנס געווען אויך מיט די כוזרים, וועגן וועלכע מ'האָלט טאַקע, אַז ביים אויסקלייבן זיך דווקא די ייִדישע רעליגיע פון אַלע דריי מאָנאָטעיִסטישע רעליגיעס, האָבן דעצידירט ביי זיי דער עיקר מאָטיוון פון פּאָליטישן כאַראַקטער.

דער באַזיגער פון די כוזרים, סוויאַטאָסלאַוו, האָט אָבער נישט אָנגע־

נומען קיין שום מאָנאָטעיִסטישן גלויבן און איז בכלל געבליבן זיין גאַנץ לעבן אַ געצנדינער, הגם וועגן זיין מוטער דערציילן די רוסישע אַלטע כראָניקעס, אַז זי איז געווען אַ קריסטין. ווערנאַדסקי האַלט, אַז דאָס איז געשען צוליב די ביזאַנטינישע אינטריגעס, וואָס האָבן אַריינגעשלעפּט סוויאַטאָסלאַוון אין די דונאַי־ענינים און נישט געלאָזן אים לייזן די רעליגיע־פראַגע פון רוסלאַנד.

מ׳וואָלט אָבער ווערנאַדסקין געקענט פאַרוואַרפן, פאַרוואָס האָט סוויאַטאָסלאַווס זון, וולאַדימיר, אָנגענומען דווקא דעם קריסטלעכן און נישט דעם יידישן גלויבן (אָדער איסלאַם), וואָס שיינען פאַר ווערנאַדסקין צו זיין די נאָענטסטע, ווייזט אויס, נישט בלויז געאָגראַפיש נאָר אויך פּאָליטיש. ווערנאַדסקי וואָלט זיך אָבער געקענט פאַרענטפערן מיט דעם, וואָס וולאַדימיר איז געזעסן נישט אין איטיל, וואָס איז געווען די כוזרישע הויפּטשטאָט ביי דער וואָלגע, נאָר אין קיִעוו, אויפן דניעפּער, און דאָס הייסט פיל־פיל נעענטער צו די ביזאַנטישע השפעות. אַגב, האַלט ווערנאַדסקי, אַז דאָס אָננעמען דעם קריסטנטום דווקא פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און נישט פון רוים האָט פאַרזיכערט רוסלאַנד אַ גרעסערע מאָס קולטורעלע זעלבשטענדיקייט. איבעריקנס, איז די רוסישע קירכע געווען אָפּהענגיק לכתחילה נישט פון ביזאַנץ, נאָר פון דער פיל־שוואַכערער בולגאַריע.

מ׳קען אָבער אָנווייזן, אַז דאָס אָננעמען די קריסטלעכע רעליגיע פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געקענט האָבן פאַר רוסלאַנד אַ גרויסן פּאָליטישן פאַרצוג, געבנדיק דער יונגער מלוכה די גייסטיקע און שפּעטער אויך די פּאָליטישע שטיצע פון דער גרויסער ביזאַנטישער אימפּעריע. וואָס האָט אָבער רוסלאַנד געקענט געבן די יידישע רעליגיע, די רעליגיע פון אַ גערודפטן, שטאָטלאָזן פאָלק?

ווערנאַדסקי האַלט אָבער פון דעסט וועגן, אַז די אומשטענדן ביי וועלכע רוסלאַנד האָט אָנגענומען קריסטנטום, זענען געווען „קאָמפּליצירטע און פאַרפּלאָנטערטע". ער קען זיך דערביי שטיצן אויף יענע היסטאָריקערס, וואָס האַלטן, אַז די רוסישע מלוכה איז אויפגעשטעלט געוואָרן נישט דורך די נאָרמאַניש־רוסישע פירשטן, וואָס זענען אַראָפּגעקומען קיין צפון־מערב

רוסלאַנד פון סקאַנדינאַוויע, נאָר אונטערן שטאַרקסטן איינפלוס דווקא פון דער כּוזרישער מלוכה.

מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די כּוזרים זענען בכלל געווען דאָס ערשטע פאָלק, וואָס האָט אויפגעשטעלט אַ מלוכה אויף דער טעריטאָריע פון איצטיקן רוסלאַנד. די אַלע פעלקער, וואָס האָבן באַהערשט רוסלאַנד פאַר די כּוזרים, ווי די סקיפן, סאַרמאַטן און שפּעטער די הונען, אַוואַרן און צום טייל די גאָטן, — זענען געווען נאָמאַדן־פעלקער, וואָס האָבן על־פּי־רובֿ בלויז דורכגעוואַנדערט דעם גרויסן און ברייטן סטעפּן־געגנט צווישן דער וואָלגע און דונאַי און האָבן אויף אים נישט אויפגעשטעלט גאָרנישט סאָלידעס און דויערהאַפטס. אַן אויסנאַם זענען געווען בלויז די כּוזרים. הגם אויך זיי האָבן אָנגעהויבן ווי נאָמאַדן, האָבן זיי דאָך זיך פעסט באַזעצט אין דרום־מזרח ווינקל פון איצטיקן רוסלאַנד, געגרינדעט דאָרטן שטעט און אויך אויסגעבילדעט די ערשטע מלוכה אויף דער טעריטאָריע פון איצטיקן רוסלאַנד. די דאָזיקע מלוכה איז אויך געוואָרן שפּעטער, אין יענעם ווינקל פון דער וועלט, די דריטע גרויסמאַכט צו די איבעריקע צוויי: דער ביזאַנטישער אימפּעריע און דעם אַראַבישן קאַליפאַט.

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס נאָכן אונטערוואַרפן אונטער זיך די כּוזרישע מלוכה, האָבן די רוסישע פירשטן איבערגענומען דעם טיטל פון די כּוזרישע מלכים, און וואָס סוויאַטאָסלאַווס יורשים, וולאַדימיר דער הייליקער און יאַראָסלאַוו דער קלוגער, האָבן שוין געהייסן נישט פירשטן, נאָר „קאַגאַנען”. דער קיִעווער „קאַגאַנאַט”, ווו זיי ביידע האָבן געהערשט, איז בכלל געווען די ערשטע גרויסע פאַראייניקטע רוסישע מלוכה, און ווען דער דאָזיקער געאייניקטער „קאַגאַנאַט” איז געפאַלן, זענען ווידער אַנטשטאַנען צעבראָקלטע און צעשטויבטע קליינע רוסישע פירשטנטומס, וואָס האָבן שוין נישט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין געאייניקטע גרויסע מאַכט.

עס איז אויך באַקאַנט, אַז די רויבערישע, נאָרמאַניש־רוסישע פירשטן, וואָס האָבן צעקלאַפּט און געוירשנט די כּוזרישע מלוכה, האָבן קיין אייגענע מלוכה־דערפאַרונג נישט געהאַט און האָבן זיך שפּעטער באַנוצט מיטן אַדמיניסטראַטיוון און שטייער־אַפּאַראַט פון דער ווי־נישט־ווי איינגעאָרדנטער

כוזרישער מלוכה, וואָס האָט שוין געהאַט הינטער זיך אַ לענגערן זעלבסט־שטענדיקן קיום.

אין דער רוסישער שפּראַך זענען אויך איבערגעבליבן אַ ריי כוזריש־טיורקישע ווערטער, וואָס זענען אַריין אין איר נאָך דעם ווי די כוזרישע שבטים זענען פאַראייניקט געוואָרן אונטער דער הערשאַפט פון קיִעווער „קאַגאַנאַט״.

הכלל, אויב די רוסן האָבן די יידישע רעליגיע פון די כוזרים נישט איבערגענומען, זענען זיי אָבער דאָך באַווירקט געוואָרן דורך די כוזרים ביים אויסבילדן זייער ערשטע גרויסע, אייגענע מלוכה, — דעם קיִעווער „קאַ־גאַנאַט״.

דרוק פון כוזרים ברענגט צו דער „באַרופונג פון וואַריאַגן“ דורך די רוסן

דער נייער קאַנאַל אין רוסלאַנד צווישן וואָלגאַ און דאָן איז נישט מער ווי 60 מייל די לענג. געגראָבן איז ער געוואָרן אין יענעם טייל, ווו ביידע טייכן דערנענטערן זיך אַמשטאַרקסטן. פּלענער וועגן בויען דעם קאַנאַל האָט מען געהאַט אין רוסלאַנד נאָך זייט פּיאָטר דעם גרויסן, ד״ה אין משך פון 200 יאָר, אָבער ערשט לעצטנס זענען די דאָזיקע פּלענער פאַרווירקלעכט געוואָרן.

דער ציל פון קאַנאַל איז, אַז שיפן וואָס גייען איבערן טייך דאָן זאָלן קענען אַריינקומען אין דער וואָלגאַ, און פאַרקערט, — שיפן פון דער וואָלגאַ זאָלן איבערן קאַנאַל אַריינקומען אין דאָן. היות די ביידע טייכן פאַלן אַריין אין פאַרשיידענע ימען, — דעם אַזאָווישן ים און דעם קאַספּישן ים, ר׳עספּעקטיוו, — וועט דער נייער קאַנאַל דערמעגלעכן אַז שיפן פון איין ים זאָלן קענען אַריינקומען אין צווייטן, — פון קאַספּישן אין אַזאָווער ים און פאַרקערט.

אין די אַלטע צייטן, ווען מ׳האָט נישט געוווסט די קונסט פון גראָבן קאַנאַלן, פלעגט מען אויפן שמאָלן פּאַס, וואָס טיילט אָפּ איין טייך פון צווייטן געבן זיך אַן עצה אויף אַן אַנדער אופן. מען פלעגט די דעמאָלטיקע קליינע שיפלעך פּראָסט־פּשוט איבערשלעפּן, אָדער אַריבער־פירן אויף רעדער פון וואָלגאַ צום דאָן (צי פאַרקערט) און דאָרטן לאָזן די שיפלעך ווייטער שווימען מיטן טייך צום באַשטימטן ציל.

דאָס דאָזיקע אַריבערשלעפּן שיפלעך האָט געהייסן אין רוסיש „וואָלאָק“ (שלעפּן, — „פּאָרטעידזש“ אויף ענגליש) און איז דאַן געווען פאַרשפּרייט אויך אויף אַנדערע טייכן אין רוסלאַנד, וואָס דערנענטערן זיך איינע צו דער אַנדערער אין זייער פלוס. דער שמאָלער פּאַס יבשה, וואָס טיילט די טייכן פונאַנדער איז, אַלזאָ, אויסגענוצט געוואָרן אַלס אַ מין בריק,

וואָס פאַרבינדט זיי. און דער „וואָלאָק" פלעגט עס דערמעגלעכן אַריבער־ציִען איבערן דאָזיקן נאַטירלעכן „בריק" שיפלעך פון איין טייך אין צווייטן.

דער מיטל פון „וואָלאָק" איז פּראַקטיצירט געוואָרן שוין אין דער צייט פון די כוזרים. מ׳דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די גאַנצע געגנט צווישן דער וואָלגאַ, דאָן און די ימען אין וועלכע זיי פאַלן אַריין, האָט עס געבילדעט דעם קערן פון דער אַלטער כוזרישער מלוכה, וואָס האָט דאָרטן עקסיס־טירט עטלעכע הונדערט יאָר, — ביז זי איז דעראָבערט געוואָרן דורך די רוסן.

דער איצטיקער קאַנאַל איז דורכגעגראָבן געוואָרן אויף אַ יבשה־פּאַס, ווו ס׳איז מיט העכער טויזנט יאָר צוריק געשטאַנען די כוזרישע פעסטונג סאַרקעל. דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט, נאָכן דעראָבערן סאַר־קעל — ווי די רוסישע כראָניקעס דערציילן — אַדורכגעמאַרשירט מיט זיינע חיילות דעם שמאָלן פּאַס פון דער יבשה צו דער וואָלגאַ, האָט זיך געלאָזן אויף שיפלעך אַראָפּ דעם וואָלגע־טייך, האָט סוף־כל־סוף באַזיגט די גאַנצע כוזרישע מלוכה און דעראָבערט איר הויפּטשטאָט איטיל ביים אויס־גוס פון וואָלגאַ אין קאַספּישן ים.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס נאָכן דעראָבערן איטיל, האָט סוויאַטאָסלאַוו אַליין אָנגענומען דעם טיטל פון כוזרישן קעניג און אָנ־געהויבן רופן זיך „קאַגאַן". דעם דאָזיקן, כוזרישן טיטל, האָט אויך גע־טראָגן זיין יורש פירשט וולאַדימיר, „דער הייליקער", וואָס האָט שוין אָנ־גענומען דעם קריסטלעכן גלויבן און האָט בכלל אַריינגעפירט די קריסט־לעכע אמונה אין דער געצנדינערישער „קיִעווער רוסלאַנד".

דאָס וואָס עס איז, אַלזאָ, געוויינטלעך באַקאַנט אונטערן נאָמען „קיִעווער רוסלאַנד" איז פּאַקטיש, בכן, געווען אַ „קיִעווער קאַגאַנאַט". די רוסן, האַלט מען, האָבן בכלל איבערגענומען פיל זאַכן און מנהגים ביי די באַ־זיגטע כוזרים, וואָס זענען קולטורעל, ווייזט אויס, געשטאַנען פיל העכער פון די אומאָרגאַניזירטע, באַרבאַרישע און געצנדינערישע רוסישע שבטים.

די כוזרים האָבן, זעט אויס, אויך געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטוויקלונג און אויסבילדונג פונעם מלוכה־געפיל ביי די צעשפּליטערטע און שטענדיק צעקריגטע צווישן זיך רוסישע שבטים. פאַראַן אַ מיי־

בונג, אַז דער ערשטער פּרווו פון אַט־די שבטים אויסצובילדן פון זיך אַ מלוכה, און דאָס ווענדן זיך צו די „וואַריאַגן", אַז זיי „זאָלן קומען הערשן און פאַראייניקן זייער לאַנד", — איז געקומען צוליבן דרוק פון די כוזרים.

אין דער צייט פון דער אויסבילדונג פון דער כוזרישער מלוכה האָט זיך צווישן די סלאַווישע שבטים אָנגעהויבן אַ דראַנג קיין דרום, — צו די וואַרעמע געביטן ביי די ברעגן פון שוואַרצן און אַזאָווער ים. דאָרטן איז דאָס לעבן געווען לייכטער, דער באָדן — שוואַרצער און פרוכטבאַרער. די געגנט האָט אויך נישט געוווסט פון זומפּן און וועלדער, וועלכע האָבן גע־שטערט דאָס באַזעצן זיך אַלס ערדאַרבעטער. דאָרטן, ביי די וואַרעמע ברעגן פון די דרום־ימען, זענען ענדלעך אויך געלעגן די אַלטע, רייכע גרי־כישע קאָלאָניעס כערסאָנעס, פּאַנטיקאַפּעאַ (קערטש), טאַנאַיִס (אַזאָוו) און אַנדערע.

אַ טייל רוסן האָבן דאַן אויך באַוויזן דורכצורייסן זיך צו די וואַרעמע געביטן, מאַרשירנדיק מיטן דאָן־טייך. טייכן, כידוע, זענען אין יענע צייטן בכלל געווען דער בעסטער און שנעלסטער פּאַרקער־וועג. און די רוסן, גייענדיק מיטן דאָן, האָבן דעראָבערט ביי זיין מינדונג די גריכישע שטאָט טאַמאַ־טאַרכאַן און געגרינדעט דאָרטן דאָס ערשטע רוסישע פירשטנטום, געבנדיק אים דעם וויל־קלינגענדיקן, רוסיפיצירטן נאָמען טמוטאַראַקאַן.

כדי צו מאַכן אַ סוף צו אַט־דער דאָזיקער רוסישער עקספּאַנסיע, וואָס האָט באַדראָט דער כוזרישער מלוכה, האָבן עס די כוזרים אויפגעשטעלט, מיט דער הילף פון ביזאַנטינישע בוי־מייסטערס, די דערמאָנטע פעסטונג סאַרקעל, און טאַקע אויפן אָרט ווו דער טייך דאָן דערנענטערט זיך אַמ־שטאַרקסטן צו דער וואָלגאַ. דער געדאַנק איז געווען אַז פון אַט־דער ביי־געגרינדעטער פעסטונג וועט מען קענען לייכט באַוואַכן דעם שמאָלן פּאָס ערד צווישן ביידע טייכן, דורך וועלכן עס פלעגט אָנגיין די רוסישע איינ־וואַנדערונג אין כוזרים־לאַנד און זייער באַדראָענדיקע אַגרעסיע.

ווען די כוזרים האָבן אַ דאַנק דעם אויך אָפּגעשטעלט די רוסישע וואַנ־דערונג קיין דרום, האָט עס אַרויסגערופן גרויסע אומרויִקייט צווישן די רוסישע שבטים. נישט קענענדיק זיך אָבער געבן אַן עצה מיט דער שטאַר־

קער כוזרישער מלוכה, האָבן זיך דאַן די רוסן געווענדט נאָך הילף צו די „וואַריאַגן״.

אַזוי איז עס געקומען צו דער באַרימטער „וואַריאַגן־באַרופונג״, — דעם וויכטיקסטן, כידוע, פאַקט אין דער רוסישער געשיכטע, מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן די עצם־גרינדונג פון דער רוסישער מלוכה.

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, האַלט דער באַקאַנטער רוסישער היס־טאָריקער פּראָפ׳ ג. ווערנאַדסקי, אַז ווען סוויאַטאָסלאַוו וואָלט פאַרבליבן אין דער דעראָבערטער כוזרישער עיר־הבירה, איטיל, וואָלט ער אויך אי־בערגענומען די יידישע רעליגיע פון די כוזרים. ווערנאַדסקי רעכנט זיך דערביי מיטן אומשטאַנד, וואָס דאָס אָננעמען דורך סוויאַטאָסלאַוון די יידי־שע אמונה, וואָלט דערלויבט דעם „קאַגאַן״ סוויאַטאָסלאַוו צו פאַרבלייבן נייטראַל צווישן די צוויי דעמאָלטיקע „גרויסמאַכטן״, — דער קריסטלע־כער ביזאַנטישער אימפּעריע פון איין זייט, און דער מוסולמענישער אימ־פּעריע וואָס האָט אויך געהערשט איבער קאַווקאַז, פון דער צווייטער זייט.

אין יענער אַלטער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ גרויסער קאַמף צווישן דיביידע רעליגיעס און צווישן די גרויסמאַכטן, וואָס האָבן זיי פּרעזענטירט; פאַר דעם שוואַכן און קליינעם „קיעווער קאַגאַנאַט״ איז געווען אויסערגע־וויינטלעך וויכטיק נישט צו לאָזן זיך אַריינציען אין דאָזיקן שווערן קאַמף און בלייבן נייטראַל, סיי רעליגיעז, סיי פּאָליטיש. די יידישע אמונה, הייסט עס, וואָלט עס דערמעגלעכט סוויאַטאָסלאַוון צו בלייבן דער „דריטער צד״ אינעם אויבנדערמאָנטן קאַמף און איינהאַלטן אַ פולשטענדיק נייטראַלע פּאָ־זיציע לגבי ביידע קעמפנדיקע צדדים.

סוויאַטאָסלאַוו איז אָבער, כידוע, נישט פאַרבליבן אין דער דעראָבער־טער איטיל. די כיטרע ביזאַנטינישע דיפּלאָמאַטן האָבן אים אַריינגעצויגן אין קאַמף קעגן די בולגאַרן. ער איז, אַלזאָ, אַוועק צום טייך דונאַי, האָט טאַקע צעקלאַפּט די בולגאַרן, אָבער איז אַליין אומגעקומען אויף צוריק־וועגס אַהיים.

ווערנאַדסקי מיינט, אַלזאָ, אַז ווען סוויאַטאָסלאַוו לאָזט זיך נישט פאַר־פירן דורך ביזאַנץ און פאַרבלייבט ווייטער אין איטיל, וואָלט ער מסתמא געקענט רויק אָפּשאַצן זיין לאַגע צווישן די צוויי גרויסמאַכטן. אָננעמען די

רעליגיע פון אַ דעראָבערטן און שטאַרקערן קעגנער איז, בכלל, געווען דאָן אַן אַנגענומענע זאַך, ווי די באַרבאַרישע גערמאַנען האָבן עס געטאָן אין דעראָבערטן רוים. אפשר וואָלט אזוי אויך סוויאַטאָסלאַוו געגאַנגען אין זייערע דרכים און אָנגענומען די ייִדישע רעליגיע פון די דעראָבערטע כוז־רים. אַלענפאַלס, פון אויסערלעך־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, האָט ער עס, לויט ווערנאַדסקין, זיכער געדאַרפט טאָן, ווייל דאָס וואָלט אים, ווי געזאָגט, פאַרזיכערט די נייטראַליטעט צווישן ביידע פּאָליטישע לוויתנס און אַ רויִ־קע אַנטוויקלונג פון זיין ניי־אויסגעברייטערטער מדינה.

די סברא אַז דאָס וואָרט „רוס" שטאַמט פון ספר יחזקאל

פון וואַנעט שטאַמט דער נאָמען „רוס"? וואָס איז זיין מיין און זיין באַדייטונג? ווער האָט עס בכלל געגעבן די רוסן זייער נאָמען, — זיי אַליין, צי עמיצער פון זייערע שכנים?

די דאָזיקע פראַגן אינטערעסירן שוין לאַנג די היסטאָרישע וויסנשאַפט, וואָס האָט געגעבן אויף זיי פאַרשיידענע תשובות.

די פאַרשפרייטסטע אַמאָל מיינונג וועגן דעם עצם וואָרט „רוס" איז געשטאַנען אין דער נאָענטסטער שייכות מיט דער אַזוי גערופענער „נאָרמאַניסטישער" טעאָריע וועגן דער אַנטשטייונג פון דער רוסישער מלוכה. לויט אָט־דער טעאָריע איז די רוסישע מלוכה געגרינדעט געוואָרן דורכן אַלטן, קריגערישן און אונטערנעמערישן סקאַנדינאַווישן פאָלק, די נאָרמאַנען, וואָס האָבן, ווי באַקאַנט, בכלל געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון פיל אייראָפּעיִשע מלוכות. די נאָרמאַנען האָבן מיט טויזנט יאָר צוריק דעראָבערט ענגלאַנד, זיי האָבן באַהערשט צפון־פראַנקרייך, זיי זענען אַריינגעדרונגען אין מיטללענדישן ים און געשאַפן זייערס אַ מלוכה אין סיציליע. פריִער האָבן זיי באַזעצט איסלאַנד. די נאָרמאַנען שרייבט מען אַפילו צו די ערשטע אַנטדעקונג פון אַמעריקע, וווהין זיי זאָלן האָבן געקומען אַ גוטע פאָר הונדערט יאָר נאָך פאַר קאָלומבוסן.

עס איז דעריבער לגמרי נישט קיין ווונדער, וואָס אָט־די דרייסטע, אונטערנעמערישע און קריגערישע ים־פאָרער האָט מען אויך צוגעשריבן די גרינדונג פון ערשטן רוסישן שטאַט, — בפרט אַז וועגן דעם דערציילן אויך די רוסישע כראָניקעס, וואָס שטעלן פאָר אָט־די גרינדונג אַלס ווירקלעכן אַקט, וואָס איז געקומען אין רעזולטאַט פון דעם וואָס אַ ריי סלאַווישע שבטים האָבן „איינגעלאַדן" די „וואַריאַגן" (נאָרמאַנען) צו קומען צו

זיי און מאַכן אָרדענונג אין זייער רייכן — ווי זיי דערציילן — אָבער אומ־דרוקן און נישט־איינגעאָרדנטן לאַנד.

די נאָרמאַנישע טעאָריע האָט פאַר זיך אַ ריי באַווייזן. ערשטנס, זענען די נעמען פון די ערשטע רוסישע פירשטן פון סקאַנדינאַווישער אָפּשטאַ־מונג. ריוריק אַנטשפּרעכט דעם סקאַנדינאַווישן נאָמען „הראָעקר", טרוואָר — דעם נאָמען טראָוואַרד, אָלעג איז העלקי, איגאָר — אינגוואר אַאָז"וו. אויך נעמען פון פּלעצער אין צפון־רוסלאַנד ווערן אַרויסגעפירט פון סקאַנ־דינאַווישע נעמען. אַזוי האַלטן אייניקע, אַז אויך דער באַרימטער צפון־פּאָרט מורמאַנסק, האָט אין זיין שורש דעם וואָרט נאָרמאַן.

וואָס שייך דעם וואָרט „רוס", פירן אים די נאָרמאַניסטן אַרויס פונעם וואָרט „ראָסלאַגע", ווי עס הייסט דער ים־ברעג פון דער שוועדישער פּראָ־ווינץ אופּלאַנד, וואָס ליגט קעגנאיבער דעם רוסישן ברעג פון באַלטישן ים. די „וואַריאַגן" זענען, הייסט עס, געקומען פון „ראָסלאַגען" און פון דאַ־נען שטאַמט עס דאָס וואָרט „רוסן", וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט שפּע־טער באַקומען.

אַגב, האָבן די נאָרמאַניסטן נאָך אַ באַוויז פאַר דער ריכטיקייט פון זייער טעאָריע. זיי ווייזן נעמלעך אָן, אַז ביי די פינען וואָס וווינען בשכנות מיט רוסלאַנד און וואָס זענען אויך געווען אַמאָל באַהערשט דורך די נאָר־מאַנען, הייסן די איצטיקע שוועדן, וואָס שטאַמען פון די נאָרמאַנען, — „רואָטסי", אָדער „רואָסי", וואָס איז לויטן קלאַנג גאָר נאָענט צו רוסן.

טראָץ די דאָזיקע באַווייזן איז אָבער ווייט נישט זיכער, צי דאָס וואָרט „רוס" איז דווקא פון סקאַנדינאַווישער אָפּשטאַמונג. די אַלטע רוסישע כראָ־ניקעס, אויסרעכענענדיק די פאַרשיידענע סלאַווישע שבטים, וואָס האָבן אויסגעבילדעט דאָס רוסישע פאָלק, דערמאָנען נישט דעם נאָמען „רוס". אויך די גאַנצע נאָרמאַנישע טעאָריע האָט בכלל פיל קעגנער, — די צאָל־רייכע „אַנטינאָרמאַניסטן", וואָס טרעטן אַרויס סיי קעגן דעם געדאַנק, אַז די רוסישע מלוכה איז געשאַפן געוואָרן דורך די נאָרמאַנער, סיי קעגן דער מיינונג, אַז דאָס עצם־וואָרט „רוס" שטאַמט פון סקאַנדינאַווישן. די „אַנטי־נאָרמאַניסטן" ווייזן קודם־כל אָן אויף דעם, אַז די צעשאָטענע און שטאַרק צעשיידטע סלאַווישע שבטים פון מזרח־איראָפּע, וואָס האָבן עס מיט 1200

יאָר צוריק צום ערשטן מאָל געלאָזט הערן פון זיך אין דער געשיכטע, האָבן זיך פאַקטיש געפונען נישט נאָר אונטערן נאָרמאַנישן, נאָר אויך אונטער דעם ביזאַנטינישן און נאָך פריער — אונטערן כוזרישן איינפלוס. פון זיי איז דער ביזאַנטינישער איינפלוס געווען דער שטאַרקסטער, ווי אויך דער ווערטפולסטער און קולטורעלער. אָבער אויך דער כוזרישער איינפלוס לאָזט זיך נישט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט. פאַרקערט, ער דאַרף געשאַצט ווערן זייער הויך, וואָרום דווקא די כוזריש־יידישע מלוכה איז געשטאַנען אַמ־נאָענטסטן צו די דרומדיקע סלאַווישע שבטים און האָט זיי געהאַלטן אַ לענ־גערע צייט אין פּאָליטישער אָפּהענגיקייט פון זיך.

איינער פון די דאָזיקע שבטים „פּאָליאַנען" האָט עס אויך געגרינדעט די ערשטע רוסישע מלוכה אויפן דניעפּער, די אַזוי גערופענע „קיעווער רוסלאַנד" (דעם ערשטן פּאַראייניקטן רוסישן שטאַט). זיי האָבן עס אויך חרוב געמאַכט די כוזרישע מלוכה, וואָס איז אין יענער צייט געווען אַ גרויס־מאַכט. די „קיעווער רוסלאַנד" איז דאַן אויסגעבויט געוואָרן אַלס „קאַגאַ־נאַט" און דער פּירשט סוויאַטאָסלאַוו, וואָס האָט צעבראָכן די מאַכט פון די כוזרים, האָט זיך געקרוינט מיטן כוזרישן טיטל „קאַגאַן".

דער ערשטער רוסישער „אַנטינאָרמאַניסט", עווערס, האַלט בכלל אַז די רוסישע מלוכה איז אַנטשטאַנען נישט אונטערן נאָרמאַנישן, נאָר אונ־טערן כוזרישן איינפלוס. וואָרום די מדינה פון די כוזרים איז געווען די ערשטע און גרעסטע מלוכהשע פאָרמאַציע אויף דער טעריטאָריע פון איצ־טיקן רוסלאַנד און די וואַנדערנדיקע רוסישע שבטים האָבן נאָר פון איר גע־קענט נעמען זיך אַ מוסטער ווי אַזוי צו שאַפן און אויסבויען זייער רוסישע מלוכה. אין אונדזער צייט האָט אַ צווייטער אַנטינאָרמאַניסט, פּראָפ׳ ווער־נאַדסקי, אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דאָס אָננעמען דאָס קריסטנטום דורך די רוסן איז אַ ריינער צופאַל, אַז פיל נעענטער צו די רוסן, סיי געאָגראַפיש, סיי לויט דער גאַנצער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג איז געווען די יידישע רעליגיע (פון די כוזרים) און די מוסולמענישע (פון די וואָלגער בולגאַרן). ווערנאַדסקי וואָגט אַפילו אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק, אַז ווען דער קיעווער „קאַגאַן" סוויאַטאָסלאַוו, וואָס האָט צעקלאַפּט די כוזרים, וואָלט געבליבן אין זייער דעראָבערטער הויפּטשטאָט איטיל (ביי דער איצטיקער אַסטראַכאַן)

און וואָלט זיך נישט געלאָזט צום ווייטן דונאַי, כּדי צו העלפֿן די ביזאַנ־טינער אין זייער קאַמף קעגן די דאָרטיקע בולגאַרן, — וואָלט ער אַמוואַר־שיינלעכסטן אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון די כּוזרים און וואָלט מן־הסתּם אויך אָנגענומען זייער ייִדישן גלויבן, וואָס איז, ווי באַקאַנט, גע־ווען די רעליגיע פֿון הערשנדיקן שיכט פֿון דער כּוזרישער מלוכה, וועלכע סוויאַטאָסלאַוו האָט צעקלאַפּט און אויך געירשנט.

אַז די ייִדישע השפּעות זענען געווען גאַנץ שטאַרק אין דעם „קיִעווער קאַגאַנאַט" (ווי דאָס קיִעווער רוסלאַנד האָט לכתּחילה געהייסן, — לויטן כּוזרישן שטייגער), איז צו זען פֿון דעם וואָס דער ערשטער רוסישער מע־טראָפּאָליט, אילאַריאָן, וואָס האָט געלעבט אין דער צייט פֿון וולאַדימיר דעם הייליקן (וועלכער האָט עס אויך איינגעפֿירט, כּידוע, דאָס קריסטנטום אין קיִעוו) פּאָלעמיזירט אין זיין באַטייטנדסטן ווערק דווקא מיטן ייִדישן גלויבן, האַלטנדיק אַז דער זיג פֿון קריסטנטום איבערן ייִדנטום איז אַ זיג פֿון „חסד" איבערן „געזעץ". דאָס ייִדנטום האָט, לויט אילאַריאָנס מיינונג, אָפּגעטראָטן דאָס פּלאַץ פֿאַרן קריסטנטום, פּונקט ווי ישמעאל, דער זון פֿון דער שקלאַ־פֿין הגר, האָט אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ אַלס יורש פֿון אַברהמען, צו יצחקן דעם זון פֿון דער געזעצלעכער פֿרוי שׂרה.

וואָס שייך דעם וואָרט „רוס" ווייזן די אַנטינאָרמאַניסטן אָן, אַז צום ערשטן מאָל טרעפֿט זיך דער דאָזיקער נאָמען נישט אויפֿן צפֿון פֿון רוס־לאַנד, ווו די נאָרמאַנען האָבן געלאָזט פֿילן זייער השפּעה, נאָר דווקא ביי די ביזאַנטינער, ביי זייערע שרייבער, וואָס באַנוצן דאָס וואָרט „רוס" אין באַ־צוג צו די דרומדיקע סלאַווישע שבֿטים פֿון רוסלאַנד, צו וועלכע די נאָר־מאַנען האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט און וועלכע האָבן, פֿון דער אַנדע־רער זייט, אַדורכגעמאַכט אַזוי צו זאָגן די כּוזריש־ייִדישע שול, — היות זיי זענען געווען באַהערשט דורך דער כּוזרים־מלוכה.

אָבער ווי קומט דער נאָמען „רוס" אין די ווערק פֿון די ביזאַנטינער שרייבער און אין ביזאַנטישע כראָניקעס בכלל? פֿון וואַנען האָבן עס די ביזאַנטינער געוווּסט צו באַצייכענען די דרום־סלאַוון אַלס „רוסן"?

די ביזאַנטינער האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט די רוסן אויפֿן שלאַכטפֿעלד. סיי די ביזאַנטינער, סיי די רוסישע כראָניקעס דערציילן וועגן

מלחמות צווישןביידע פעלקער, וואָס האָבן זיך אָנגעפאַנגען אין 8טן און האָבן זיך געצויגן ביז דעם 11טן יאָרהונדערט. אַפילו דאָס אָננעמען קריסטנ־טום דורך די קיִעווער רוסן איז געשען נאָך דעם ווי זייער „קאַגאַן" (ווי געזאָגט, אַ כוזרישער טיטל) וולאַדימיר דער הייליקער האָט געפירט אַ מלחמה מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל און האָט געצווונגען דעם הערשער פון בי־זאַנץ אויסגעבן פאַר אים זיין שוועסטער. אמת, דער קריג צווישן די שפּע־טערדיקע שוואָגערס איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי וולאַדימיר האָט גע־האָלפן דעם ביזאַנטינישן אימפּעראַטאָר צו צעקלאַפּן זיין מורדישן קעגנער, ווארדא פאָקא. אָבער אין דער מערהייט פאַלן פלעגן דווקא די רוסן אַרויס־טרעטן אַלס אַגרעסיווער צד, וואָס פלעגט באַפאַלן קאָנסטאַנטינאָפּאָל און גאַנץ אָפט שטאַרק באַדראָען דער גאַנצער ביזאַנטינישער אימפּעריע.

די שטאַרקסטע אָנפאַלן פון די רוסן אויף ביזאַנץ זענען געשען אין אַ צייט ווען די דאָזיקע גרויסע מדינה האָט אַדורכגעמאַכט איינעם פון אירע שווערסטע פּעריאָדן. ביזאַנץ, וואָס האָט געהאַט שטענדיקע קאַמפן מיט כלערליי אירע קעגנער: אַראַבער, פּערסן, גערמאַנען, האָט דאַן שטאַרק גע־ליטן פון אינערלעכן בירגער־קריג. עס האָט דאַן געפלאַקערט אין לאַנד דער קאַמף אַרום די „הייליקע בילדער". די אויבערהאַנט האָבן באַקומען די „איקאָנאָקלאַסטן" (בילדער־שטורעמער), וואָס האָבן געהאַלטן פון פּסוק „לא תעשה לך כל פסל" און האָבן געטענהט אַז דאָס מאַכן און פאַרערן „אי־קאָנעס" (הייליקע בילדער) שטייט אין קעגנזאַץ צום אמתן, אַלטן קריסטנ־טום.

דער קאַמף פון די „איקאָנאָקלאַסטן" האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד, בפרט אַז בראש פון אים זענען געשטאַנען אַ ריי אימפּעראַטאָרן און אַרמיי־פירער, וואָס האָבן באַקעמפט די גוואַלדיקע מאַכט און דאָס רייכטום פון קלער, וואָס האָט געהאַלטן אין זיין באַזיץ דעם גרעסטן טייל פון באָדן אין לאַנד, אויף וועלכן מ׳האָט געוואָלט קאָלאָניזירן די אויסגעדינטע טיילן פון דער גרויסער ביזאַנטינישער אַרמיי, וואָס האָט זיך געמאַכט באַרימט מיט אירע דערפאָלגרייכע קאַמפן קעגן די צאָלרייכע אויסערלעכע שונאים פון ביזאַנץ.

דער קאַמף פון די „איקאָנאָקלאַסטן" מיט זייערע קעגנער האָט סוף־סוף

אַנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ בירגער־קריג, וואָס האָט צעטרייסלט די גאַנצע יסודות פון דער מלוכה און געבראַכט צו אַ גרויסן חורבן אין לאַנד.

ווען אין אָט־דער דאָזיקער אומרויִקער שטורמישער צייט האָט זיך קאָנסטאַנטינאָפּאָל פּלוצים דערזען באַלאַגערט פון דער זייט פון ים דורך אַן אומבאַקאַנטן פאָלק, וואָס איז געקומען פון ווייטן סקיפן־לאַנד, — איז נישט קיין ווונדער, אַז ביי די ביזאַנטישע כלי־קודש, וואָס האָבן דאַן געהאַט אַזוי פיל אויסצושטיין פון די קיסרים און אַרמיי־פירער, — די דערפאָלגרייכע „איקאָנאָקלאסטן”, — זאָל דאַן אַנשטיין דער געדאַנק, אַז די וועלט ענדיקט זיך און אַז עס ווערט ענדלעך מקוים די נבואה פון „אַפּאָקאַליפּסיס” וועגן דער מלחמת גוג ומגוג, וועלכע דאַרף ברענגען צום אונטערגאַנג פון קריסטנטום.

די גלחים און מאָנאַכן, און דאָס זענען דאָך געווען די געשיכטע־שריי־בער פון יענער צייט, די אויטאָרן פון פאַרשיידענע כראָניקעס — האָבן זיך דאַן דערמאָנט אויך אָן דער אַפּאָקאַליפּטישער נבואה פון יחזקאל הנביא וועגן גוג ומגוג און וועגן „נשיא ראש משך ותובל”, וואָס וועט אַראָפּקומען פון דער צפון־זייט. די לעצטע ווערטער זענען אגב אין דער גריכישער אי־בערזעצונג פאָרמולירט אַלס „פירשט ראש פון משך ותובל”.

די אומדערוואַרטעטע פּלוצים אָנגעקומענע פון צפון סלאַווישע שבטים, מיט זייער אומבאַקאַנטער שפּראַך און באַרבאַרישע מנהגים זענען אָנגענו־מען געוואָרן, אָדער אפשר אומבאַוווסטזיניק פאַרגעשטעלט געוואָרן דורך די פרומע און גאָטספאָרכטיקע שרייבער פון די דערמאָנטע כראָניקעס, אַלס איינער פון די גוג ומגוג־פעלקער, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן דורך דעם אויבערשטן אַלס שטראָף פאַר די גרויסע זינד פון דער אַפּיקורסישער ביזאַנטישער מלוכה, ווו די כופרי בעיקר, די „איקאָנאָקלאסטן”, האָבן צו יענער צייט אויך באַקומען די אויבערהאַנט. דער פירער פון די דאָזיקע אָנפאַלער איז באַלד געקרוינט געוואָרן, לויט דער אויבן־ציטירטער גריכי־שער איבערזעצונג פון יחזקאל הנביאס פסוק, אַלס פירשט „ראָש”, וואָס איז, הייסט עס, מיט זיינע באַנדעס אָנגעקומען טאַקע פון דער צפון־זייט, ווי עס ווערט ווידער אָנגעוויזן ביי יחזקאל הנביא.

דעם נאָמען פון געהיימניספולן פירשט (ראש), וואָס קומט צוזאַמען

מיט גוג ומגוג האָבן די ביזאַנטינער נאָך פריִער באַנוצט אין באַצוג צו די סקיפן, — די פאַרגייער פון די רוסן אין די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד. דער נאָמען „רוס" איז אָבער געבליבן ביי די סלאַוון, וואָס האָבן אים צום ערשטן מאָל באַקומען בעת זייער גרויסן אָנפאַל אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 860 און האָבן אים שוין איינגעהאַלטן אין זייער גאַנצער געשיכטע.

פאַרן יידישן לייענער וועט זיכער זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען דעם פאַקט, אַז איינער פון די רוסישע אָנפאַלן אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל (פון יאָר 920) ווערט באַשריבן אין בריוו פון אַ כוזרישן ייִד, וואָס פּראָפ׳ שעכטער האָט מיט אַ יאָר 50 צוריק אַנטדעקט אין דער גניזה פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דער פירער פון די סלאַווישע אָנפאַלער הייסט אין בריוו כאַלעגא (אָלעג) און ווערט דאָרטן טיטולירט אַלס פירשט פון די רוסן. אַפנים אַז פון די ביזאַנטינער איז דער נאָמען רוסן אַריבער צו די אַרומיקע פעלקער און האָט ביסלעכווייז באַקומען שפּעטער אנערקענונג אין דער גאַנצער וועלט.

די גענוער רעפּובליק און איר „אַפּיציום גאַזאַריום“ אין קרים

גענואַ, „לאַ סופּערבאַ זשענאָוואַ“, די שטאָט וווּ עס איז געבוירן געוואָרן קאָלאָמבוס, איז אין מיטלאַלטער, ווי באַקאַנט, געווען אַ זעלבשטענדיקע רעפּובליק און האָט געשפּילט אַן אָנזעעוודיקע ראָל אין פּאָליטישן לעבן פון יענער צייט, — דער עיקר אין געביט פון מיטללענדישן ים.

צו דער צייט ווען קאָלאָמבוס איז געבוירן געוואָרן איז אָבער די דאָזיקע רעפּובליק געווען אַ שטיקל יורד. דעם גרעסטן קלאַפּ האָבן איר דערלאַנגט די טערקן, וואָס האָבן נאָך דער דעראָבערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַרשלאָסן פאַרן גענוער פלאָט דעם וועג קיין מזרח און אַזוי אַרום געבראַכט צום חורבן פון דער האַנדלס־טעטיקייט פון קאָלאָמבוסעס געבורטשטאָט. די גאַנצע קאָלאָניאַלע מאַכט פון „לאַ סופּערבאַ זשענאָוואַ“, וואָס די גענוער סוחרים און נאַוויגאַטאָרן האָבן מיט אַזוי פיל מי אויפגעבויט אויף די ברעגן פון מיטללענדישן און אויך פון שוואַרצן ים, אָנשפּאַרנדיק אַפילו ביז די ברעגן פון קרים און פון קאַווקאַז, — איז דאַן געווען באַדראָט אין איר עצם־עקסיסטענץ. די דרייסטע און אונטערנעמערישע גענוער „מערקאַטאָרן“ האָבן זיך דאָ אויך געדאַרפט געזעגענען מיטן אַלטן געדאַנק וועגן געפינען אַ וועג צום ווייטן און לעגענדאַרן אַזיאַטישן מזרח און דער עיקר צו דער שטיין־רייכער, אויסגעטרוימטער אינדיע.

די גענוער האָבן, כידוע, אויך גענומען אָנטייל אין די „קרייצצוגן“. די גענוער „מערקאַטאָרן“ האָט אָבער, ווייזט אויס, אינטערעסירט נישט אַזוי פיל די פראַגע וועגן „אויסלייזן“ קריסטוסעס קבר פון די הענט פון די „אומגלויביקע“. זיי האָבן זיך אין „הייליקן לאַנד“ מער אינטערעסירט מיט תכלית־ענינים. נאָכן זיג פון די קרייץ־פאָרער זענען דעריבער די ברעגן פון פּאַלעסטינע באַדעקט געוואָרן מיט קאָלאָניעס און פּעקטאָריעס פון די גענוער סוחרים. די גענוער „מערקאַטאָרן“ האָבן, ווייזט אויס, גע־

זוכט צו מאַכן קודם־כל געשעפטן און עס איז לגמרי נישט אויסגעשלאָסן, אַז זיי האָבן פון „הייליקן לאַנד" געוואָלט אַריינדרינגען נאָך ווייטער אויף מזרח און געפינען ענדלעך דעם וועג קיין אינדיע, — וואָס זייער שפּעטער באַרימט געוואָרענער לאַנדסמאַן קאָלאָמבוס איז מיט אייניקע יאָרהונדער־טער שפּעטער געגאַנגען זוכן, אָבער אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג, — דורך דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן אויף מערב, — אַנטדעקנדיק, כידוע, על פּי טעות אַ לגמרי נייעם קאָנטינענט, אַמעריקע.

אין זייער דראַנג אויסצושפּרייטן זייער האַנדל האָבן די גענוער „מער־קאַטאָרן", ווי געזאָגט, אָנגעשפּאַרט אַפילו ביזן שוואַרצן ים און דורך אים האָבן זיי דערגרייכט די ברעגן פון קרים און פון קאַווקאַז. אין קרים האָבן זיי דעראָבערט אַ טייל פון אַמאָליקן כוזרים־לאַנד, וואָס האָט ביי זיי גע־הייסן „כאַזאַריע", און האָבן די דאָרטיקע גריכישע קאָלאָניעס פאַרוואַנדלט אין בליִענדיקע צענטערן פון האַנדל. אין שכנות מיט די יורשים פון די אַמאָ־ליקע ווילדע, נאָמאַדישע סקיפן צי סאַרמאַטן־שבטים זענען אַלזאָ אַנט־שטאַנען די גענועזישע שטעט קאַפאַ (איצט פעאָדאָסיאַ) און טאַנא (איצט אַזאָוו). די גענוער האָבן אויך אויפגעשטעלט אַ נייע שטאָט מאַנאַ קאַסטראָ (איצט אַקערמאַן). אויך אויפן דעראָבערטן ברעג פון קאַווקאַז האָבן זיי אויפגעשטעלט אייגענע שטאָטישע ישובים.

צו דער צייט פון קאָלאָמבוסעס געבורט האָט אָבער די פּראַכט פון דער „הערלעכע גענואַ", ווי געזאָגט, גענומען וועלקן. און וואַרשיינלעך טאַ־קע אין שייכות מיט דעם האָט דער יונגער קאָלאָמבוס שפּעטער געווענדט זיינע אויגן צו מערב און איז אַוועק זוכן פאַר זיך אין דער פרעמד די מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן זיין גראַנדיעזן דרייסטן פּלאַן פון געפינען אַ צוטריט צו אינדיע דורך מערב און ים־וועגן, — דורכן אַטלאַנטישן אָקעאַן. דער אַלטער מזרח־וועג, וואָס איז טיילוויז געלעגן אין די הענט פון די גענוער איז, נאָכן פאַלן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און נאָכן באַהערשן די דרום־ברעגן פון שוואַרצן ים דורך די טערקן, געוואָרן גענצלעך אָפּגע־שלאָסן. אָט־דער דאָזיקער פאַקט, וואָס האָט געבראַכט צו דער גרויסער ירידה פון דער גענוער רעפּובליק, האָט דאָן אויך געטריבן זוכן נייע וועגן

קיין אינדיע אויף מערב, דורכן פרייען ים, ווו די שיפן פון די אייראָפּעיִשע פעלקער האָבן זיך געקענט באַוועגן אומגעשטערט.

אָבער אין דער זעלבער צייט וואָס קאָלאָמבוס האָט אָפּגעשלאָגן די שוועלן פון די פּאַלאַצן פון פאַרשיידענע הערשער, זוכנדיק זייער הסכמה און געלט פאַר זיין גראַנדיעזער אונטערנעמונג, האָט די גענוער רעפּובליק אויסגעריכטעט אין וועג אַ צווייטן אירן בירגער, דעם ייִד זכריה דע גווי־זאָלפי. דער דאָזיקער מאַן איז אַוועק מיטן אַלטן גענוער וועג אויף מזרח, נישט חלילה כדי צו פּרוּוון נאָך אַ מאָל צו געפינען דעם מזרח־וועג קיין אינדיע, — נאָר פאַר אַ מער באַשיידענער אויפגאַבע: דע גוויזאָלפי האָט געדאַרפט איינהאַלטן פאַר דער יורדישער גענוער רעפּובליק איר רייכן קאָלאָניאַלן באַזיץ ביים „גענוער" (ווי ער האָט דאַן געהייסן) ים־דורכגאַנג (איצט קערטשע), — אין כאַזאַריע, אין קרים, — ווי אויך ביי די ברעגן פון קאַווקאַז און אויפן אונטערשטן דאָן.

דער דאָזיקער באַזיץ איז געווען פאַר דער גענוער רעפּובליק פון אַזאַ גרויסער באַדייטונג, אַז נאָך אין אָנהייב פון 14טן יאָרהונדערט איז אין גע־נוע אַנטשטאַנען אַ ספּעציעלער „אָפּיציום גהאַזאַריע", וואָס האָט געדאַרפט פאַרוואַלטן מיט די קאָלאָניעס אין דער אַמאָליקער כוזרישער מלוכה. אין די אַרכיוון פון גענוע האָט מען, אגב, געפונען אַ ווענדונג געשריבן אין יאָר 1455 דורך די ייִדישע סוחרים פון קאַפאַ (פעאָדאָסיאַ), — די הויפּטשטאָט פון דער גענוער „כאַזאַריע", — מיט דער ביטע צו די „דורכלויכטיקסטע און רעגירנדיקע מאַגנאַטן און הערן־פּראָטעקטאָרן פון דער אַקציאָנערער גע־זעלשאַפט פון הייליקן געאָרג, דעם זיגער", אַז מ'זאָל איבערלאָזן אין דער שטאָט דעם פּאָליציי־קאָמענדאַנט ניקאָלאָזאָ באָנאַוועטוראַ, וואָס איז אַהין ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון גענוע און וואָס האָט זיך קונה־שם געווען ביים פאַרשיידנפאַרביקן, ייִדישן, אַרמענישן, איטאַליענישן און גריכישן סוחרטום פון דער הויפּטשטאָט פון קרים, אַלס גוטער היטער פון אָרדענונג.

די אַקציאָנערן־געזעלשאַפט פון הייליקן געאָרג איז געווען די באַ־רימטע „קאזא די סאַן דזשאָרדזשיאָ", — די ערשטע, אגב, מלוכה־באַנק אין אייראָפּע, וואָס האָט סובסידירט די קאָלאָניאַלע עקספּאַנסיע פון דער גע־נוער רעפּובליק. פון אירע הלוואות האָבן געוואַקסן נישט בלויז די רייכע

„מערקאַטאָרן‟, נאָר אויך פאַרשיידענע שררות, מלכים און מלוכות. נישט קיין אַנדערע ווי די דעמאָלטיקע גרויס־מאַכט שפּאַניע האָט דערפירט די דאָזיקע באַנק צום אָפּגרונט, אַנזעצנדיק איר צוויי מאָל, — דאָס לעצטע מאָל שוין נאָך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע, ווען מען גאָלד און זילבער האָבן, כידוע, געדאַרפט ראַטעווען די קרוין פון די יורשים פון פערדינאַנד און איזאַבעלאַ.

דע גוויזאָלפי איז, ווי געזאָגט, געשיקט געוואָרן קיין „כאַזאַריע‟ אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון די דאָרטיקע קאָלאָניעס. אויך זיין פאָטער האָט פריער אַדמיניסטרירט די זעלבע קאָלאָניעס און דער „דזשאַב‟ פון אַדמיניסטראַטאָר איז אַריבער צום זון אפשר אין דעם זכות פון פאָטער.

דע גוויזאָלפי איז געקומען קיין קרים אין אַן אומרויִקער צייט. די טערקן וואָס האָבן פאַרנומען קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן איבערגעשניטן דעם ים־וועג צווישן די גענועזער קאָלאָניעס און זייער מוטערלאַנד. גוויזאָלפי איז, אַלזאָ, פאַרבליבן אַליין אין דרום־רוסלאַנד און איז געוואָרן פירשט און הערשער פון דעם טאַמאַנער האַלב־אינדזל, וואָס ליגט צווישן קרים און די קאַווקאַזער בערג.

דעם ייִדישן פירשט איז אָבער נישט באַשערט געווען צו געניסן לאַנג פון זיין מאַכט. די שטאָט טאַנא (אַזאָוו) ביים דאָן, וואָס איז, ווייזט אויס, געווען די עיר־הבירה פון גאַנצן פירשטנטום איז באַלאַגערט געוואָרן דורך די טערקן. דער ייִדישער פירשט מיט זיין חיל האָבן זיך געראַטעוועט אויפן אינדזל מאַטרעגאַ, וווּ עס איז זיי געלונגען איינצוהאַלטן זיך אַ לענגערע צייט.

דער פירשט און הערשער פון טאַמאַנער האַלב־אינדזל איז אָבער געוואָרן אַ שטיקל פּאָליטישער פאַקטאָר אויפן ברעג פון שוואַרצן ים, וווּ עס האָבן זיך דאַן געקרייצט די אינטערעסן פון גענואַ, טערקיי, רוסלאַנד און פון טאַטערישן כאַן פון קרים.

רוסלאַנד האָט דאַן געזוכט אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן איר איינפלוס ביים שוואַרצן ים, און דער דעמאָלטיקער הערשער פון מאָסקווע האָט באַשלאָסן אַריבערציִען אויף זיין זייט דעם ייִדישן פירשט פון טאַמאַן,

— בפרט אַז די אינטערעסן פון מאָסקווע און פון גענוע זענען דאַן געווען גע־ריכטעט קעגן טערקיי. אַפּנים אַז צוליב דעם צוועק האָט עס דער צאַר איוואַן דער 3טער פון מאָסקווע באַפוילן זיין געזאַנדטןביים הויף פון קרימער כאַן, מענגלי גירעי, צו שיקן אַ „גראַמאַטע" (בריוו) צום „זשידאָווין (ייִד) זכריה" קיין קאפא, — מיט דער ביטע צו קומען קיין מאָסקווע.

פון דער איינלאַדונג איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל דע גוויזאָלפי איז אויפן וועג קיין מאָסקווע באַפאַלן און באַרויבט געוואָרן דורכן וואָיעוואָדע (הערשער) פון וואלאכיע (רומעניע) סטעפאַן.

איוואַן דער 3טער האָט אָבער ווייטער פאָרגעזעצט זיינע באַמיִונגען און האָט אַפילו איינגעלאַדן דעם ייִדיש־גענוער פירשט אויף אַ שטענדיקן אַמט אין מאָסקווע. וועגן דעם האָבן זיך ספּעציעל באַמיט ביי דע גוויזאָלפין אַ דריי רוסישע געזאַנדטע ביים הויף פון קרימער כאַן, ווי נאָזדרעוואַטי, ראָ־מאָדאַנאָווסקי און שעאין. מ'האָט שוין גוויזאָלפין טיטולירט אין די בריוו נישט „זשידאָווין", נאָר „זכריה יעוורעיאַני" (דער העברעער). מען האָט אים אויך פאַרזיכערט, אַז אויב מאָסקווע וועט אים נישט געפעלן ווערן, וועט ער קענען אָפּפאָרן צוריק און מ'וועט אים, חלילה, נישט פאַרהאַלטן.

פון דער זאַך איז אָבער ווידער גאָרנישט אַרויסגעקומען. די רייכע גענוער קאָלאָניעס זענען אין אַ קורצער צייט אַרום אַריינגעפאַלן אין די הענט פון טערקיי. דער לעצטער שטיץ־פּונקט פון גענוע אויפן וועג קיין אינדיע, דורך דרום־רוסלאַנד, קאַווקאַז און פּערסיע, איז דעראָבערט גע־וואָרן דורך די טערקן, וואָס האָבן דאַן בכלל באַהערשט דעם גאַנצן באַסיין פון שוואַרצן ים און האָבן געשטעלט אַ פעסטן פוס אין אייראָפּע. דער אַל־טער וועג צום לעגענדאַרן מיטעלן און ווייטן מזרח איז ענדגילטיק געשלאָסן געוואָרן פאַר גענוע און פאַר גאַנץ מערב־אייראָפּע בכלל.

קאָלאָמבוס האָט אָבער זיך געלאָזט זוכן דעם נייעם, מערבדיקן ים־וועג קיין אינדיע. געטאָן האָט ער עס, ווי באַקאַנט, דווקא צוליב דעם, וואָס דער אַלטער וועג איז פאַרמאַכט געוואָרן דורך די טערקן, וואָס זענען אַריינגע־דרונגען קיין אייראָפּע און דעראָבערט פאַר זיך די גאַנצע ביזאַנטישע אימ־פּעריע, בראש מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

קאָלאָמבוס האָט, כידוע, דעם וועג נישט אַנטדעקט. דערפאַר האָט ער אָבער געפונען אַ נייעם קאָנטינענט, אַמעריקע. די אינדזלען, וואָס קאָלאָמבוס האָט געפונען ביים דאָזיקן נייעם קאָנטינענט, טראָגן אַלס זכר לטיט, דעם נאָמען וועסט־אינדיע.

זכריה דע גוויזאָלפי — יידישער פירשט פון טאמאן

דער גאַנצער געביט פון מיטעלן און אונטערשטן דאָן האָט אַמאָל גע־הערט צו די כוזרים און פיל רוסישע שטעט פונעם דאָזיקן געביט זענען אַנטשטאַנען לעבן אַלטע כוזרים־ישובים.

אַזוי איז וואָראָניעזש אויפגעבויט געוואָרן מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק אויף די חורבות פון אַ כוזרים־ישוב. אויך ראָסטאָוו איז אַנטשטאַנען לעבן רוינען פון עפּעס אַן אַלטן ישוב.

אויפן זעלבן דאָן, ערגעץ צווישן וואָראָניעזש און ראָסטאָוו, ווי מען איז זיך משער, לעבן דער קאָזאַקן־סטאַניצע (דאָרף) צימליאַנסקאַיאַ, איז געשטאַנען די כוזרים־פעסטונג סארקעל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך ביזאַנטישע בוי־מייסטערס. די דאָזיקע פעסטונג, וואָס האָט זיך געפונען אינעם אויסבייג ווו דער דאָן דערנענטערט זיך אַמשטאַרקסטן צו דער וואָלגע, האָט שוין מיט 1000־1100 יאָר צוריק געדאַרפט אַ פּנים שפּילן ביי די כוזרים די זעלבע ראָל, וואָס סטאַלינגראַד האָט בעתן צווייטן וועלט־קריג געשפּילט ביי די רוסן. סארקעל האָט געשיצט די מערב־גרענעצן פון דער כוזרישער מלוכה (קעגן דער אינוואַזיע פון פאַרשיידענע וואַנדערנדיקע סטעפּן־שבטים) אויפן וויכטיקסטן טייל פון דאָן, ווו מ׳קען פון אים לייכט דערגרייכן צו דער וואָלגע. דאָ פלעגט מען דורך דער וואָלגע זיך אַראָפּלאָזן צו דער כוזרישער שטאָט איטיל ביים קאַספּישן ים און נאָך ווייטער, — צו קאַווקאַז.

אַזוי האָבן אויך געטאָן די רוסישע שבטים, ווען זיי פלעגן דערגרייכן דעם אונטערשטן טייל פון דער וואָלגע. אַזוי האָבן זיי אויך געטאָן, שוין קעגן דעם ווילן פון די כוזרים, ווען דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט דער וואָלגע, איינגענומען די שטאָט איטיל און בכלל חרוב געמאַכט די גאַנצע כוזרישע מלוכה.

ביים אויסגוס פון דאָן, אין אַזאָווער ים, נישט ווייט פון ראָסטאָוו, ליגט

אַ קליינע שטאָט אַזאָװ, וואָס האָט דורכגעמאַכט אין איר געשיכטע כלערליי גילגולים. אין אַלטערטום האָט אַזאָװ געהייסן טאַנאַיִס און האָט געהערט צו די קאָלאָניעס, וואָס די גריכן האָבן נאָך עטלעכע הונדערט יאָר פאַר קריס־טוסן פאַרלייגט אויף די צפון־ברעגן פון שוואַרצן און אַזאָווישן ים. די שטאָט איז שפּעטער אַריינגעפאַלן צו די כוזרים און צו אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן געוואַנדערט איבער די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד, ביז זי איז אין 14טן יאָרהונדערט פאַרנומען געוואָרן דורך די גענועזער. יענע האָבן, ווי באַקאַנט, שטאַרק אויסגעבויט די פריִערדיקע גריכישע שטעט אין דרום־רוסלאַנד: כערסאָנעס (ביי סעוואַסטאָפּאָל), פּאַנטיקאַפּעאָ (די איצטיקע קערטש), געגריפּא (אנאַפּא), טאַנא (דאָס איצטיקע אַזאָװ), קאַפּא (די איצ־טיקע פעאָדאָסיע) און אַנדערע, וואָס האָבן געדינט אַלס פאַרבינדונגס־פּונקטן אויפן וועג פון גענואַ און פון גאַנץ מערב־אייראָפּע, קיין אינדיע און כינע.

אין טאַנא, ווי עס האָט ביי די גענועזער געהייסן די גריכישע טאַ־נאַיִס, האָבן די גענועזער סוחרים געהאַט די לאַגערן פון די סחורות, וואָס זיי פלעגן פירן קיין אינדיע און בכלל אויפן וויטן מזרח.

שפּורן פון ייִדן אין טאַנא זאָל מען האָבן געפונען אין צוויי אויפ־שריפטן אין דער אַלטער סינאַגאָגע פון פעאָדאָסיע, ווו עס רעדט זיך וועגן ייִדן פון אזאק (אַזוי האָט געהייסן די שטאָט ביי די טערקן, וואָס האָבן שפּעטער באַהערשט דעם גאַנצן אַמאָליקן גריכישן ברעג ביים שוואַרצן ים).

פיל וויכטיקער און אינטערעסאַנטער איז אָבער דער פאַקט, וואָס אין סוף פון 15טן יאָרהונדערט איז טאַנא געווען די הויפּטשטאָט פון אַ פירשטנ־טום, בראש מיט דעם גענועזער ייִד זכריה דע גוויזאָלפי. דער דאָזיקער דע גוויזאָלפי איז געשיקט געוואָרן קיין טאַנא דורכן גענועזער סענאַט כדי איינצו־האַלטן דעם ים־וועג קיין אינדיע. געשען איז עס אומגעפער אין דער זעל־בער צייט ווען אַ צווייטער גענועזער, קאָלאָמבוס, איז געפאָרן זוכן דעם נייעם מערבדיקן ים־וועג קיין אינדיע און האָט, כידוע, אַנטדעקט נישט ייִלנדיקערהייט אַמעריקע.

דער ייִדישער פירשט פון טאַמאַנער האַלב־אינדזל, ווו טאַנא־אַזאָװ ליגט, האָט אָבער דעם אַלטן, מזרחדיקן ים־וועג קיין אינדיע נישט איינ־

געהאַלטן. טאנא איז באַלאַגערט געוואָרן דורך די טערקן, וואָס האָבן דאַן דעראָבערט די גאַנצע ביזאַנטינער אימפּעריע מיט קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דע גוויזאָלפי האָט געדאַרפט עוקר זיין פון טאנא. שפּעטער האָט אים געפּרוווט אַריבערציִען אויף איר זייט מאָסקווע.

געווען איז עס אין דער צייט ווען אין מאָסקווע איז געזעסן אויפן כסא המלכות איוואַן דער דריטער, וואָס האָט געשטרעבט צו דעראָבערן פאַר רוסלאַנד דעם צפון־ברעג פון שוואַרצן ים. ער האָט עס איינגעלאַדן דעם אַנטלאָפענעם יידישן פּרינץ פון טאנא צו זיך. פון דער איינלאַדונג איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. טאנא איז געבליבן ביי די טערקן און דער אַלטער ים־וועג פון אייראָפּע קיין אינדיע איז ענדגילטיק געשלאָסן געוואָרן.

אין יענער צייט האָט דער צווייטער און פיל מער באַרימטער גענוע־זער, קאָלאָמבוס, אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם, מערבדיקן ים־וועג קיין אינדיע. ער האָט אָבער, ווי געזאָגט, על פי טעות אַנטדעקט אַ לגמרי נייעם קאָנטי־נענט, אַמעריקע, און איז קיין אינדיע נישט דערפאָרן, בלייבנדיק, כידוע, שטעקן אויף די אינדזלען פון וועסט־אינדיע.

דער געהיימנישפולער זכריה, פירשט פון טאמאנער האַלב־אינדזל, וואָס איז איינגעלאַדן געוואָרן דורכן צאַר איוואַן דעם דריטן קיין מאָסקווע, ווערט דורך אים אָנגערופן „יעווריעאַנין", און די „דיאַקן" (שרייבער), וואָס האָבן אַלץ פאַרשריבן אין די ביכער, רופן אים אָן „זשידאָווין".

לויט איין רוסישן פאָרשער, ד. קאַרסאַקאָוו, איז זכריה געווען בלי שום ספק אַ ייד. אַ צווייטער, טוטשאַפּסקי, האַלט אַז דער צאַר האָט זיך געווענדט צו צוויי פאַרשיידענע פּערזאָנען.

אויפן טאמאנער האַלב־אינדזל האָט זיך די מאַכט פון די כוזרים גע־האַלטן אַמלענגסטן, ביזן יאָר 969. דער לעצטער כוזרישער פירשט, וואָס ווערט דערמאָנט אין די רוסישע כראָניקעס, איז געווען געאָרגי צולו, וואָס איז צעקלאַפּט געוואָרן דורכן רוסישן פירשט פון טמו־טאראקאַן, אין בונד מיט די גריכן אין יאָר 1016.

זכריה גופא האָט זיך צום ערשטן מאָל געווענדט מיט אַ בריוו צום רוסישן צאַר אין יאָר 1483, דורכן רוסישן סוחר גאַווריללא פּעטראָוו, וואָס האָט זיך געפונען אין קרים. דער בריוו איז נישט געפונען געוואָרן. אָבער

עס איז פאַראַן דער ענטפער פון צאַר, מיט דער איינלאַדונג צו קומען קיין מאָסקווע. די איינלאַדונג איז צו זכריהן נישט דערגאַנגען. אין יאָר 1486 האָט זיך זכריה ווידער געווענדט מיט דער זעלבער בקשה צום צאַר, דורכן סוחר סענקאַ כאָזניקאָוו און ווידער באַקומען אַן איינלאַדונג געשיקט צו „זכריה יעווריעיאַנין". פאַראַן אַ מיינונג אַז אויף דעם האָט געווירקט דער „דיאַק" (שרייבער) פיאָדאָר קוריצין, וואָס האָט צוזאַמען מיט זיין ברודער געהערט צו די „יודאַיזירנדיקע".

אין יאָר 1489 האָט איוואַן דער דריטער איינגעלאַדן פון ווענעדיק דעם דאָקטאָר לעאָן זשידאָווין, וואָס איז געוואָרן הויף־דאָקטאָר ביים צאַר. ביז די „יודאַיזירנדיקע" האָט מען אין מאָסקווע פאַר יידן און מוסולמענער ווייניקער מורא געהאַט ווי פאַר קאַטאָליקן. איוואַן דער דריטער האָט, אַ שטייגער, אַרויסגעוויזן אויך פיל רעספעקט צום ייד כאָזאַ קאָקאָס, וואָס איז געווען זיין דיפּלאָמאַטישער אַגענט ביים קרימער כאַן מענגלי גירעי.

אין 1487, איידער ער האָט נאָך באַקומען די צווייטע איינלאַדונג, האָט זכריה זיך געווענדט מיט אַ דריטער בקשה צום צאַר, דורכן אַרמענער באַגדאַן. געשריבן אין לאַטיין, איז די דאָזיקע בקשה פאַראַן צווישן אַלטע רוסישע דאָקומענטן. ווי עס ווייזט זיך אַרויס פון איר, איז זכריהס פאַמיליענאָמען געווען גויגורסיס און ער האָט דאַן געוווינט אין דער שטאָט קאַפאַריאַ, נישט ווייט פון טאַמאַן. איוואַן דער דריטער האָט ווידער איינגעלאַדן זכריהן צו קומען און האָט אינסטרויִרט זיין געזאַנדטן שעאין, צו שיקן צו זכריהן אַ טאָטער, וואָס זאָל אים ברענגען קיין מאָסקווע. צו גלייך האָט ער געבעטן אויך דעם כאַן גירעי צו שיקן צוויי טאָטערן צו זכריהן, וואָס ווייסן דעם וועג פון „טשערקאַס" (ווי עס האָט געהייסן אוקראַיִנע) קיין מאָסקווע. זכריהס רייזע איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען, ווי עס האָט שפּעטער אינפאָרמירט דער פירשט ראָמאָדאַנאָווסקי, האָבן די באַגלייטער אָפּגעוואַרט זכריהן דעם „טשערקאַסין" (!) אין אַן אָפּגערעדטן פונקט, אָבער ער איז נישט געקומען, נאָר האָט געמאָלדן, אַז ביי זיי איז אַ גרויסע „סמוטע" (שטאַרק אומרויִק) און ער קען נישט פאָרן, היות ער האָט „אַ גרויסע משפחה".

אין יאָר 1500 איז אין אַ „נאַקאַז" (אינסטרוקציע) צום געזאַנדטן איוואַן קובענסקי, זכריה דערמאָנט געוואָרן אַלס „פריאַזין" (איטאַליענער),

וואָס האָט פריִער געוווינט אין טשערקאַס און דינט איצט דעם כאַן פון די קרימער טאַטערן, מענגלי־גירעי.

דער היסטאָריקער פון רוסישן ייִדנטום, געסען, און אַנדערע היסטאָ־ריקערס אידענטיפיצירן זכריהן מיטן ייִד זכריה, וואָס האָט געשאַפן די „יו־דאַיִזאַנטן"־סעקטע אין נאָווגאָראָד. ברוצקוס איז קעגן דעם, האַלטנדיק אַז עס זענען געווען צוויי זכריהס: איינער אין קרים, און דער צווייטער אין קיִעוו. ער פאַררופט זיך אויף די פאָרשונגען פון פ. ברון, וואָס האָט זיך באַ־נוצט מיט די גענועזישע מאַטעריאַלן וועגן קרים. די משפחה גויקסוליס אָדער גוויזאָלפי האָט, לויט ברונגען געוווינט אין טאמאן נאָך פון 13טן יאָרהונדערט. זכריהס זיידע, שמעון דע גוויזאָלפי, האָט געהערשט איבער דער שטאָט מאַטרעגא (טאמאן). די שטאָט איז געווען אַ באַזונדער פירשטנ־טום, ווו עס איז געזעסן אַ רעזידענט פון גענועזער רעפּובליק. זיין זון האָט זיך מתחתן געווען מיטן הערשער פון קאָפּאריא. איידער די טערקן האָבן איינגענומען מאטרעגא אין יאָר 1482, האָט זכריה געבעטן הילף ביי די גענועזער הערשער. ער האָט אויך דערציילט דערביי, אַז ער האָט געוואָלט אַנטלויפן קיין גענוע, אָבער איז אונטערוועגנס באַרויבט געוואָרן דורכן וואלאכישן וואָיעוואָדע סטעפאַן און געמוזט צוריקפאָרן צום אינדזל מאַ־טרעגא (טאמאן).

יידישע שטעט אין קאַווקאַז

דער טאַמאַנער האַלב־אינדזל, וואָס איז באַקאַנט פון די עלטסטע צייטן, ווייל דאָרטן איז אַנטשטאַנען איינע פון די עלטסטע רוסישע פירשטנטומס, די אַזוי גערופענע טמו־טאַראַקאַן, געהערט צו יענעם טייל פון קאַווקאַז, וואָס איז געווען נאָך באַקאַנט די גריכן אין אַלטערטום, — לאַנג פאַר קריס־טוסן. קאַווקאַז און דער עיקר זיין ברעג ביים שוואַרצן ים, פאַרנעמט, כידוע, אַ גרויסע ראָל אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע. אַהין איז עס געפאָרן אַדי־סעי מיט די אַרגאָנאַווטן, זוכנדיק די לעגענדאַרע „גאָלדענע וואָל". אויפן זעלבן שוואַרץ־ימיקן ברעג פון קאַווקאַז האָבן זיך עס געפונען די שטעט פאַנאַגאָריע, אנאפא, דיאָסקוריאַ א"אַנד, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַ גרוי־סע געשיכטע, אַריבערגייענדיק אין די הענט פון פאַרשיידענע פעלקער און שבטים, וואָס האָבן דורך קאַווקאַז זיך אַריינגעריסן קיין אייראָפּע.

פיל פון די דאָזיקע שטעט האָבן מיט יאָרהונדערטער שפּעטער גע־שפּילט אַ גרויסע ראָל אין האַנדל, וואָס די גענועזער האָבן דורך זייערע קאָלאָניעס אין קרים געפירט מיט פּערסיע און אינדיע.

אין דער צייט פון דער גריכישער קאָלאָניזאַציע אין אַלטערטום האָט דער טאַמאַנער האַלב־אינדזל געטראָגן דעם נאָמען טאַמאַן טאַרכאַן. די געגנט גופא איז, פונקט ווי קרים, געווען באַזעצט דורך די סקיפן, — די פאָרגייער פון די סלאַווען אין די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד און אין פאָ־דער־קאַווקאַז. ווער עס זענען געווען אָט־די דאָזיקע אוראַלטע איינוווינער פון דעם גרויסן שטח צווישן דער וואָלגע און דונאַי, איז נישט קלאָר עד־היום. די אַלטע מיינונג, אַז די סקיפן זענען געווען איראַנער און זאָלן האָבן אַריינגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד פון פּרס ומדי, טרעט איצט אָפּ דעם פּלאַץ פאַר אַ צווייטער מיינונג, אַז די סקיפן זענען באַשטאַנען פון אַ געמישטער באַפעלקערונג פון איראַנישע און טיורקישע שבטים.

אין דעם פאַל איז אויך לייכטער צו דערקלערן דעם מאָדנעם נאָמען

טמו טארכאן, — ווי ס'האָט ביי די גריכן געהייסן דער איצטיקער טאמאנער האַלב־אינדזל. דאָס וואָרט „טארכאן" איז, אגב, פאַרשפּרייט אין דרום און מזרח־רוסלאַנד, פון קרים ביז איבער דער וואָלגע און אַפילו זיין צופלוס קאמא, — דינט ער דאָרטן אַלס נאָמען פאַר פיל באַוווינטע פונקטן און באַדייט ביי דער טיורקישער באַפעלקערונג (דער עיקר טאָטערן) — הערשער. טאמאן ווידער, באַדייט ים־דורכגאַנג. אַזוי אַרום וואָלט זיך דאָס מאָדנע וואָרט טמו טארכאן געלאָזט איבערזעצן, אַלס הערשער פון ים־דורכגאַנג (געמיינט דעם איצטיקן קערטשער ים־דורכגאַנג פון אַזאָווער אין שוואַרצן ים). ביי די רוסן, וואָס האָבן ענדגילטיק באַזעצט דעם דאָזיקן האַלב־אינדזל, איז טמו־טארכאן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רוסיפיצירטן וווּיל־קלינגענדיקן „טמו־טאראקאן".

אויפן דאָזיקן האַלב־אינדזל געפינט מען נאָך עד־היום רויִנען פון די אַלטע גריכישע ישובים. עס זענען דאָרטן אָבער נישטאָ קיין שפּורן פון יידן. די גריכישע קאָלאָניעס אין שכנותדיקן קרים, ווי פאַנטיקאפּעאָ (קערטש), פעאָדאָסיאָ, טאנא, דער פאַרשווונדענער גריכישער כערסאָנעס לעבן איצטיקן סעוואַסטאָפּאָל, האָבן ווי באַקאַנט געציילט אַ גרויסע יידישע באַפעלקערונג. זי איז געוואַקסן נאָך שטאַרקער, ווען קרים איז פאַרנומען געוואָרן דורך די כוזרים.

דאָן האָבן די דערמאָנטע שטעט געדינט ווי ערי־מקלט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן אין דער קריסטלעך־ביזאַנטינער אימפּעריע.

קערטש איז דאַן ווייזט אויס געווען אַ באַטייטנדיקער יידישער צענטער, היות זי האָט ביי אַראַבישע שרייבער פון יענער צייט געהייסן „סאמקארץ אל יאַהוד" (דער יידישער סאמקארץ).

אויך בעת דער הערשאַפט פון די גענועזער אין קרים האָבן דאָרטן יידן (שוין איטאַליעניש) געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל. אין אַרכיוו פון „אָפיציום גהאַזאַריע", ווי ס'האָט געהייסן אין גענוע דער אָפיס, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט די גענועזער קאָלאָניעס אין געוועזענעם, כוזרישן קרים, האָט מען געפונען אַ וועגדונג פון די יידישע סוחרים אין פעאָדאָסיע (דאַן: קאפא) וועגן איבערלאָזן דאָרטן דעם גענועזער פאָליציימייסטער, וואָס האָט,

אַ פּנים, געהאַט אַ גוטע מיינונג ביי די דאָרטיקע ייִדן. אגב, האָט גאַנץ קרים אין יענע צייטן בכלל געטראָגן אין איטאַליע דעם נאָמען „גהאַזאַריע" (דאָס כוזרים־לאַנד).

פון די גריכישע צייטן זענען אין די אַלע אַלטע גריכישע שטעט גע־פונען געוואָרן מצבות מיט די טיפּיש־ייִדישע סימבאָלן, ווי מנורות, שופ־רות, לולבים. וואָס שייך דעם טאַמאַנער האַלב־אינדזל מיט זיין אַממערסטן באַקאַנטער גריכישער קאָלאָניע, פאַנאַגאָריע, — איז זי, אַפּנים, נישט גע־ווען קיין אויסנאַם צווישן די איבעריקע גריכישע שטעט און האָט אויך גע־האַט אַן אָנזעעוודיקע ייִדישע באַפעלקערונג, וואָס איז, וואַרשיינלעך, גע־וואַקסן ווען טאַמאַן איז אַריבער צו די כוזרים.

אמת, פון פאַנאַגאָריע זענען פאַרבליבן אַמווייניקסטן שפּורן. אָבער אינ־טערעסאַנט איז, אַז אין די אַלטע אַרמענישע כראָניקעס הייסט פאַנאַגאָריע „יודא טע־האי", — ייִדישע שטאָט. דער ייִדישער כאַראַקטער פון דער שטאָט איז, אַלזאָ, אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך די אַרמענער, פּונקט ווי די אַראַבער האָבן עס געטאָן שפּעטער בנוגע קערטש (סאמקארץ), וואָס ליגט אויף דער צווייטער זייט פון קערטשער ים־דורכגאַנג, קעגנאיבער דער אַל־טער פאַנאַגאָריע, מיט וועלכער קערטש אַליין האָט געהערט צו די גרעסטע שטעט פון קימערישן באָספאָר, ווי דער ים־דורכגאַנג האָט געהייסן ביי די גריכן.

מיטן נאָמען ייִדישע שטאָט האָבן, אַגב, די אַרמענער אָנגערופן אויך די שטאָט דערבענט, אויף קאַווקאַז, וואָס ליגט ביים קאַספּישן ים און וואָס האָט געהייסן אויך ביי די אַראַבער יודא פארא.

די אַלטע כוזרים־פעסטונג אין רוסלאַנד

די וועלט־פּרעסע האָט אַנומלטן געבראַכט אַ ידיעה, אַז אַ וויסנשאַפטלעכע עקספּעדיציע פון עגיפּטאָלאָגן און אַרכעאָלאָגן פאָרט קיין מצרים, כדי אָפּצוהיטן דאָרטן די פּיראַמידן און אַנדערע אַלטערטימלעכקייטן, וועמעז עס דראָט איצט אַ געפאַר. די דאָזיקע געפאַר איז אַנטשטאַנען אין שייכות מיט דעם בוי פון דער אַסוואַן־דאַמבע אויף דעם טייך ניל. די גרויסע דאַמבע, וואָס בויען זי וועט דויערן עטלעכע יאָר, וועט פאַרהאַלטן דעם שטראָם וואַסער אויפן ניל ביי אַסוואַן, ווו עס וועט איינגעאָרדנט ווערן אַ גרויסער קינסטלעכער רעזערוואַר פון וואַסער.

די עקספּעדיציע, וואָס איז אָפּגעפאָרן פון אַמעריקע, איז אויסן צו שיצן, ווי געזאָגט, די פּיראַמידן, וואָס געפינען זיך אין דער געגנט פון דער געפלאַנטער דאַמבע. די מעשה איז, וואָס דער דערמאָנטער קינסטלעך־געשאַפענער ים וועט פאַרפלייצן אַ גרויסן שטח אַרום זיך, דערונטער אויך אייניקע גאָר אַלטע פּיראַמידן, וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן נאָך אין דער צייט פון די פּרעהס. ווילן דעריבער די אַמעריקאַנער געלערנטע ווי עס איז אויסהיטן די גרויסע פּיראַמידן, וואָס זענען איבערגעבליבן פון דער צייט פון די פּרעהס, פון דער פאַרפלייצונג, וואָס וועט קומען דורך דעם ים, וואָס וועט אַנטשטיין צוליב דער מעכטיקער דאַמבע, וואָס מען האָט איצט אָנגעהויבן אויפשטעלן אויפן ניל.

מיר דערציילן די דאָזיקע גאַנצע געשיכטע, ווייל אַן ענלעכע געשיכטע איז געשען מיט צען יאָר צוריק, ווען מען איז צוגעטראָטן בויען דעם קאַנאַל צווישן די טייכן וואָלגאַ און דאָן. דער דאָזיקער קינסטלעכער קאַנאַל פאַראייניקט דיביידע גרויסע רוסישע טייכן ביי אַ פונקט, ווו זיי דערנענטערן זיך איינע צו דער אַנדערער אַזוי נאָענט, אַז עס איז געווען מעגלעך דורכצוגראָבן דעם שמאָלן פּאַס ערד צווישן זיי און צו פאַראייניקן זיי ביידע מיט אַ קינסטלעך־געשאַפענער וואַסער־פאַרבינדונג. דערביי איז, ווי

אין דעם פאַל מיט דער אַסוואַן־דאַמבע אויפן ניל, געשאַפן געוואָרן אַ קינסטלעכער גרויסער רעזערוואַר פון וואַסער, מיט דאַמבעס, וואָס רעגו־לירן דעם שטראָם וואַסער פון דעם קאַנאַל. דאָס האָט מעגלעך געמאַכט צו רעגולירן די נאַוויגאַציע פון דער וואָלגאַ צום דאָן און פאַרקערט.

ביים שאַפן דעם גרויסן קינסטלעכן וואַסער־רעזערוואַר איז מען אָבער דערגאַנגען, אַז ער וועט פאַרפליצן אַ ריי אַלטערטימלעכקייטן. אויף דעם האָט אויפמערקזאַם געמאַכט פּראָפעסאָר אַרטאַמאַנאָוו, דער באַקאַנטער סאָ־וועטישער קענער פון דער געשיכטע פון דער כוזרישער מלוכה, וואָס האָט עקסיסטירט, ווי באַקאַנט, ביים דאָן און ביי דער וואָלגאַ.

דער קאַנאַל צווישן וואָלגאַ און דאָן איז אויסגעגראָבן געוואָרן ביי דער קאָזאַקן־„סטאַניצאַ" (דאָרף) צימליאַנסקאַיאַ, וואָס איז אין דעם אַלטן רוס־לאַנד געווען באַרימט מיט אירע ווייַנגערטנער און מיט דעם „צימליאַנס־קער" וויין. נישט ווייט פון אָט דער „סטאַניצאַ" געפינען זיך אָבער די חור־בות פון דער אַלטער כוזרישער פעסטונג סאַרקעל. האָט פּראָפעסאָר אַר־טאַמאַנאָוו אויפמערקזאַם געמאַכט אַז היות מען גייט פאַרפליצן די גאַנצע געגנט אַרום דער פעסטונג, וואָלט געווען נייטיק אויסצוגראָבן, איידער מען הייבט אָן די גאַנצע פאַרפליצונגס־אָפּעראַציע, די חורבות פון אָט־דער גאָר אַלטער פעסטונג, און מאַכן אַ גענויע באַשרייבונג פון די אַלע זאַכן וואָס וועלן אַנטדעקט ווערן אויף דעם פּלאַץ, וווּ די פעסטונג האָט זיך אַמאָל גע־האַט געפונען.

די כוזרישע פעסטונג סאַרקעל, וואָס איז געלעגן אויף דעם סטראַטעג־יש־וויכטיקן שמאָלן פּאַס, וווּ די וואָלגאַ און דער דאָן דערנענטערן זיך צום נאָענטסטן איינע צו דער אַנדערער, ווערט צוערשט דערמאָנט מיט העכער טויזנט יאָר צוריק פון דעם ביזאַנטינישן אימפּעראַטאָר קאָנסטאַנ־טין פּאָרפיראָגענעטאַ. אין זיינס אַ בוך דערציילט ער, אַז די כוזרים האָבן זיך געווענדט צו אים מיט דער ביטע צו העלפן זיי אויפשטעלן אַ פעסטונג צווישן דאָן און וואָלגאַ, כדי צו שיצן זייער גרענעץ קעגן די איבערפאַלן פון ווילדע נאָמאַדן־פעלקער, וואָס פלעגן אָנקומען פון דער וואָלגאַ און פלעגן באַפאַלן די כוזרישע גרענעץ ביים דאָן. דער קייסער קאָנסטאַנטין האָט דעמאָלט געשיקט זיינע אַרכיטעקטן און בוי־מייסטערס אין דער כוז־

רישער מלוכה, און זיי האָבן דערפילט דעם פאַרלאַנג פון די כוזרים וועגן בויען אַ פעסטונג, וואָס זאָל שיצן דעם שמאָלן פּאַס צווישן דער וואָלגאַ און דעם דאָן, ווו רוסלאַנד האָט איצט אויפגעבויט דעם קאַנאַל.

דאָס בויען פון יענער אַלטער פעסטונג האָט געדויערט אַ היפּש ביסל צייט, ווייל עס האָבן אויסגעפּעלט ציגל און אַנדערע בוי־מאַטעריאַלן. די פעסטונג האָט באַקומען דעם נאָמען סאַרקעל (אויף העברעיִש סרקל אָדער שרכיל). דאָס באַדייט אויף כוזריש „דער ווייסער טורעם" (ביי די טשו־וואַשן, אַ פאָלק, וואָס וווינט עד־היום ביי דער וואָלגאַ, און איז פאַרוואַנדט מיט די אַמאָליקע כוזרים, איז נאָך איצט פאַראַן דאָס וואָרט „קיל", וואָס דער טייטש דערפון איז אַ פעסטונג אָדער טורעם).

שפּעטער איז סאַרקעל דערמאָנט געוואָרן ביי די רוסן. ווען זייער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט אונטערגענומען זיין אַקציע קעגן דער כוזרים־מלוכה, וואָס האָט, ווי באַקאַנט, באַהערשט אַ ריי רוסישע שבטים און געצוווּנגען זיי צו צאָלן צינזן צו די כוזרים, האָט ער זיך געלאָזט קודם־כל אויף דער פעסטונג סאַרקעל. ער האָט זי דעראָבערט אין דעם יאָר 965. אַזוי אַרום האָט ער געמאַכט פריי פאַר זיך דעם וועג צו לאָזן זיך מיט דער וואָלגאַ אַראָפּ צו דער הויפּטשטאָט פון די כוזרים, איטיל, וואָס ער האָט שפּעטער איינגענומען. דערמיט האָט ער חרוב געמאַכט די גאַנצע כוזרישע מלוכה.

סאַרקעל ביי די רוסן ווערט טאַקע אויך אָנגערופן „ביאַלאַ וויעזשאַ" (ווייסער טורעם).

די רויִנען פון סאַרקעל, וואָס מען האָט נאָך פריִער געהאַט אַנטדעקט, האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט ציגלנע מויערן פון דער פעסטונג. די אַרומי־קע איינוווינער האָבן ביסלעכווייז צעשלעפּט די דאָזיקע ציגל, און עס זע־נען איבערגעבליבן אַ סך גריבער אויף דער אַמאָליקער טעריטאָריע פון יענער פעסטונג.

די אויסגראָבונגען, וואָס אַרטאַמאַנאָווס עקספּעדיציע האָט דורכגע־פירט, האָבן באַוויזן, אַז סאַרקעל האָט פאַרנומען אַ שטח פון אַכצן העקטאַר און איז געווען אָפּגעטיילט פון דעם טייך מיט אַ קינסטלעך גרוב (פאָסע) און אַ וואַל. די מויערן פון דער פעסטונג זענען געווען אַרום פיר מעטער דיק און זעקס־זיבן מעטער הויך. אַ רייע טורעמס האָבן פאַרפעסטיקט די

וועגט אַרום דער פעסטונג. דאָס הויפּט־טויער אין דער פעסטונג איז געווען אַרום פינף מעטער ברייט, און האָט זיך געפונען אין איינעם פון די טור־רעמס, וואָס איז געווען גרעסער פון די אַנדערע. אין דער פעסטונג גופא האָבן זיך געפונען די געביידעס פאַר דער וואַך, ווי אויך אַ ברונעם.

די פעסטונג איז געווען צעטיילט אין צוויי טיילן און פאַרבויט מיט ציגל־בנינים. אין דרום־טייל איז געשטאַנען די ציטאַדעל, מיט דיקע מויערן, וואָס זענען געווען דריי מעטער ברייט. די ציגל צו בויען די ציטאַדעל און די אַנדערע געביידעס האָט מען, ווייזט אויס, באַקומען פון ציגעלניעס. די אויוונס פון די ציגעלניעס האָט מען אויסגעגראָבן אויף דעם ברעג פון דאָן. צו הייצן די ציגעלניעס האָט מען באַנוצט דעמבעס, טאָפּאָלן און אַנדערע ביימער פון די אַרומיקע וועלדער, פון וועלכע עס איז שוין לאַנג קיין שפור נישט פאַרבליבן. אָבער דער אַנאַליז פון די פאַרקוילטע האָלאָוועשקעס האָט דאָס אויפגעדעקט. מען האָט אויך אויסגעגראָבן די רעשטלעך פון אַ בנין, וואָס איז געווען אפשר אַ קאַזאַרמע, אָדער אַ „קאַראַוואַן־סאַראַי״ (גאַסט־הויז).

ביי די אויסגראָבונגען האָט מען אויך געפונען אַ טאָפּ מיט פּראָסע, אוצרות פון באַגילדעטע גאַרטלען, האַלדז־בענדער, זילבערנע מטבעות, וואָס שטאַמען פון פאַר טויזנט יאָר צוריק.

אויף די ציגל, וואָס מען האָט דאָרט אויסגעגראָבן, האָט מען געפונען געהיימניספולע סימנים, וועמענס אָפּשטאַם איז נישט אין גאַנצן קלאָר. פון די סימנים דרינגט מען אַרויס, אַז אַ חוץ די גריכן פון ביזאַנץ, האָבן ביים בויען די פעסטונג זיך באַטייליקט כוזרים אַליין, אַלאַנען (אַ פאָלק, וואָס די כוזרים האָבן געהאַט באַהערשט און זיי אויך טיילוויז מגייר געווען), ווי אויך ייִדן. צייכנס אַזעלכע, ווי די, וואָס מען האָט אַנטדעקט אין סאַרקעל, האָט מען אויך פריִער געפונען אין יאַלטאַ, די הויפּטשטאָט פון קרים.

מען האָט אויך אויף די ציגל געפונען סימנים און סכעמאַטישע צייכענונגען פון חיות, מענטשן און געאָמעטרישע פיגורן. אין דרויסן פון דער פעסטונג האָט מען געפונען סימנים פון הייזער. מען האַלט אַז דאָרטן איז געווען דער לאַגער פאַר קאַראַוואַנען פון דער דורכמאַרשירנדיקער אַרמיי, וואָס פלעגט אין אַ פאַל פון נויטווענדיקייט קומען פאַרטיידיקן סאַרקעל.

די געהיימניספולע סימנים אויף די אויסגעגראָבענע ציגל האָבן גע־שטויסן אייניקע געלערנטע צו טראַכטן וועגן דעם פּראָבלעם פון דער כוז־רישער שריפט. ביז איצט האָט מען געהאַלטן, אַז די כוזרים האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם אלף־בית און אויך נישט קיין שריפט בכלל. אַלע ידיעות וועגן די כוזרים שטאַמען, ווי באַקאַנט, פון די אַרומיקע פעלקער: די ביזאַנטינער, אַראַבער און רוסן, וואָס האָבן מיט זיי געהאַנדלט אָדער געפירט מלחמות קעגן זיי, ווי אויך פון דער העברעיִשער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס די כוזרישע מלכים האָבן געפירט מיט דעם באַרימטן ייִדישן פּי־נאַנץ־מיניסטער אין שפּאַניע, חסדאי איבן שאַפּרוט.

אַ פּערסישער היסטאָריקער, פאַכראַד־אַדין, וועלכער האָט געלעבט אין דעם 13טן יאָרהונדערט, האָט אָבער געשריבן, אַז די כוזרים האָבן יאָ גע־האַט אַ שריפט, וואָס האָט זיך, פּונקט ווי העברעיִש, געלייענט פון רעכטס אויף לינקס. רוסישע געלערנטע, וואָס האָבן פאַרגליכן די סימנים אויף די ציגל מיט די סימנים אויף די וואַסער־כלים און אויף אַנדערע זאַכן, וואָס מען האָט אויסגעגראָבן אין אַנדערע ערטער ביים טייך דאָן, וווהין די כוז־רים האָבן דערגרייכט, האָבן אויסגעפונען זייער ענלעכקייט מיט דער טער־קישער רונען־שריפט.

דער יונגער ייִדישער געלערנטער ב. נאַדעל, וועלכער וווינט איצט אין פּוילן און פאַרנעמט זיך דאָרטן פלייסיק מיט דער געשיכטע פון די כוזרים, האָט אַרויסגעגעבן לעצטנס אין וואַרשע אַ בוך וועגן דער עלטס־טער געשיכטע פון די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע. אין דעם דאָזיקן בוך ווידּ־מעט ער זייער פיל פּלאַץ דער געשיכטע פון דער כוזרישער מלוכה. ער גיט, אגב, אויך אַ גענויע באַשרייבונג פון די אויסגראָבונגען אויף דעם פּלאַץ פון דער פעסטונג סאַרקעל.

ווייזט ער טאַקע אָן אין זיין בוך, אַז אַ ריי סימנים אויף די ציגל שטעלן מיט זיך פאָר די העברעיִשע אותיות ה, ח, יג, אָדער יד, אָדער ב, און אַז אויף אַנדערע ציגל געפינט מען אויך די צייכענונגען פון מנורות.

ער שטעלט אויך אין זיין ווערק די פראַגע: צי קען מען נישט לייענען די כוזרישע שריפט אויף העברעיִש? פאַרגלייכנדיק ווייטער די כוזרישע

אויפשריפטן מיט די, וואָס מען האָט געפונען אין אַנדערע פּלעצער, גע־פינט ער אַ גאַנצן (געקירצטן) פסוק, וואָס דערציילט אין העברעיִשע אותיות וועגן דעם אָנקומען פון „ראש" (אָנפירער) באָנטשאָק, אַ באַקאַנטע היסטאָ־רישע פיגור און פירער פון דעם פּאָלק „פּאָלאָווצי" (קיפּטשאַקעס).

II

פוילן

פון וואַנען שטאַמען די פּוילישע יידן?

מיט 1000־1200 יאָר צוריק זענען שוין אין דרום־מזרח טייל פון רוס־לאַנד געווען באַטייטנדיקע יידישע השפעות. די דאָזיקע השפעות זענען אַהין געקומען דורך צוויי וועגן. ערשטנס, דורך קרים, ווו עס זענען מיט אייניקע יאָרהונדערט פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג אַנטשטאַנען רייכע גרויסע גריכישע קאָלאָניעס, וואָס האָבן אויך געהאַט אַ באַדייטנדיקע און איינפלוס־רייכע יידישע באַפעלקערונג.

צווייטנס, האָבן די דאָזיקע השפעות געקענט קומען קיין דרום־רוסלאַנד דורך קאַווקאַז. טראַנסקאַווקאַזיען האָט אין אַלטערטום געהערט, צום טייל אָדער אין גאַנצן, צו די דעמאָלטיקע גרויסמאַכטן אשור, בבל און פּערסיע, וואָס האָבן, ווי באַקאַנט, באַהערשט אויך ארץ־ישראל (אין פאַרשיידענע צייטן). לויט דער לעגענדע פון פיל קאַווקאַזער פעלקער, האָבן די דאָזיקע מלוכות, נאָכן אָקופּירן ארץ־ישראל, באַזעצט פיל יידישע קריגס־געפאַנגענע אין אַרמעניע, גרוזיע און אזערביידזשאַן (דאָס אַמאָליקע מדי). צו דער צייט פון דער אַנטשטייונג פון דער כוזרישער מלוכה, זענען אין פּערסיע און מע־סאָפּאָטאַמיע געווען קאָנטיקע יידישע ישובים, און פון דאָרטן, דורך קאַוו־קאַז, האָט זיך די יידישע השפעה געקענט דורכזעצן צו די כוזרים.

אַזוי צי אַנדערש, — דער פאַקט, וואָס די כוזרים האָבן אָנגענומען דעם יידישן גלויבן אין מיטן פון 9טן יאָרהונדערט, איז אַ גענוגנדער באַוויז פון דער שטאַרקייט פון די יידישע השפעות אין דרום־רוסלאַנד, — אין אַ צייט, ווען מזרח־אייראָפּע האָט בכלל נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון יידן און ווען אויך דער קינפטיקער גרויסער יידישער צענטער אין פּוילן, איז נאָך לגמרי נישט געווען בנימצא.

דער דאָזיקער אומשטאַנד האָט, פאַרשטייט זיך, געקענט באַוועגן גע־וויסע פאָרשער צו רעווידירן די אַלט־אָנגענומענע שטעלונג, אַז יידן זענען געקומען קיין פּוילן, און מזרח־אייראָפּע בכלל, דווקא פון מערב. דער יידי־

שער שטראָם האָט געקענט גיין אַהין אויך פון מזרח, — פון די צפון־ברעגן פון שוואַרצן ים, צי פון קאַווקאַז און קרים, — דורך די רוסישע דרום־סטעפּעס. און עס קען אויך זיין, אַז די ייִדישע באַפעלקערונג פון פּוילן האָט זיך אויסגעבילדעט פון עלעמענטן, וואָס האָבן אַהין איינגעוואַנדערט (אין פאַרשיידענע תקופות), — סיי פון מערב, סיי פון מזרח, — פּינקטלע־כער פון דרום־מזרח.

אין דער היסטאָרישער וויסנשאַפט קען מען זיך אויך אָנשטויסן אויף דער מיינונג, אַז ייִדן זענען געקומען אויך קיין רוסלאַנד, נישט פון מערב, דורך דייטשלאַנד און דורך פּוילן, אַז זיי האָבן בכלל נישט איינגעוואַנדערט קיין רוסלאַנד, נאָר אַז די שפּעטער אַנטשטאַנענע רוסישע מלוכה האָט זיי שוין געפונען, אַזוי צו זאָגן, פאַרטיקערהייט אויפן אָרט, ווייל זיי געהערן צום טייל צו די עלטסטע תושבים פון דער רוסישער מדינה, היות זיי פירן זייער אָפּשטאַם פון די... כוזרים.

אַזאַ מיינונג ווערט געבראַכט אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך דעם באַקאַנטן פראַנצויזיש־ייִדישן גע־לערנטן טעאָדאָר ריינאַק. דערציילנדיק דאָרט וועגן די כוזרים, מאַכט ריי־נאַק פאָלגנדע באַמערקונג: „אייניקע מיינען, אַז די כוזרים זענען טיילווייז די עלטערן פון די איצטיקע ייִדן אין דרום־רוסלאַנד".

דער דאָזיקער געדאַנק איז אויך אַנטוויקלט געוואָרן דורך מאַקסימי־ליאַן גומפּלאָוויטש, זון פון באַקאַנטן פּוילישן סאָציאָלאָג, וואָס האָט גע־בראַכט די השערה פון ריינאַקן און געפּרוווט אָנווענדן אויך צו די פּוילישע ייִדן. דער יונגער גומפּלאָוויטש האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו באַווייזן, אַז ייִדן זענען געווען נישט קיין צוגעוואַנדערטער עלעמענט אין פּוילן, — נאָר פאַרקערט, אַז זיי געהערן צו דער עכטער, אַלטגעזעסענער באַפעלקע־רונג פון פּוילן, צו זיינע אַבאָריגענען.

צו דעם צוועק האָט גומפּלאָוויטש אין זיין בוך וועגן „די אָנהייבן פון דער ייִדישער רעליגיע אין פּוילן", זיך ברייט אָפּגעשטעלט אויף דער באַ־טייטונג פון דער כוזרישער קאָלאָניזאַציע אין דרום־רוסלאַנד מיט 1200 יאָר צוריק. דערביי האָט ער אָנגעוויזן, אַז די כוזרישע מלוכה האָט זיך אין דער צייט פון איר פונאַנדערבלי, פאַרשפּרייט ווייט צו מערב, פאַרכאַפּנדיק

דעם דרום־טייל פון פוילן, אונגאַרן און אָנשפּאַרנדיק איבערן דונאַי. נאָכן צעפאַל פון דער דאָזיקער גרויסער כּוזרישער מלוכה, זענען די ייִדישע טיילן פון איר באַפעלקערונג ווייטער געבליבן זיצן אויף זייערע וווינער־טער. אַזוי אַרום האָט די ניי־אַנטשטאַנענע פּוילישע מלוכה, באַלד ביים אָנ־הייב פון איר אַנטוויקלונג, געטראָפן ביי זיך ייִדן, וואָס זענען געזעסן דאָרטן פון לאַנג פריִער, נאָך פון דער צייט פון דער כּוזרישער הערשאַפט...

אויך אין דער ייִדישער היסטאָרישער וויסנשאַפט קען מען טרעפן די מיינונג, אַז די עקספּאַנסיע פון דער כּוזרישער מלוכה איז געגאַנגען ווייט איבערן דניעפּער און האָט אָנגעשפּאַרט קיין גאַליציע און אַפילו נאָך ווייַ־טער, — קיין אונגאַרן. דאָס עצם וואָרט „גאַליציע” ווערט דערביי אַרויס־געפירט פון העברעיִשן „חלוץ”, באשר בכן די כּוזרישע פאָדער־מחנות זאָלן האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן העברעיִשן נאָמען, וואָס האָט געדאַרפט באַציי־כענען זייער כאַראַקטער, אַלס אַוואַנגאַרד, צי פּיאָנערן פון די אָנגרייפערי־שע און פאָראויס־מאַרשירנדיקע כּוזרישע שבטים. עס ווערט צוגעגעבן, אַז אויך אַ ריי ערטער אין גאַליציע טראָגן נעמען, וואָס באַווייזן זייער כּוזרי־שע אָפּשטאַמונג, — ווי כאַזאַרי, קאָזאַרי, קאָזאַראָוו, קאָזאַראָווטשיזנאַ, אאַז״וו. אַנדערע נעמען פון שטעט אַנטהאַלטן אין זיך אַפילו דאָס פּוילישע וואָרט „זשיד” (ייִד), — ווי זשידאַטשאָוו (אין גאַליציע) א״אַנד.

עס ווערט אַפילו אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז דער נאָמען „פּיאַסט” פון דער ערשטער פּוילישער קעניגלעכער דינאַסטיע, איבער דער באַטיי־טונג פון וועלכן עס איז אין דער פּוילישער פילאָלאָגיע אָנגעגאַנגען אַ לאַנ־גער וויכוח, — איז גאָר פון כּוזריש־טיוּרקישער אָפּשטאַמונג און זאָל באַ־דייטן „פירשט”, „הויפּטלינג”. אויך די ערשטע פּוילישע מטבעות פון קע־ניג מיעשקאָ טראָגן אויף זיך העברעיִשע אויפשריפטן.

ענלעכע זאַכן ווערן קאָנסטאַטירט אויך בנוגע אונגאַרן. אויך דאָרטן זענען פאַראַן ערטער מיט נעמען פון כּוזרישער אָפּשטאַמונג. איין אָרט „קאַ־באַראַי”, וואָס איז נישט פון אונגאַרישער אָפּשטאַמונג, ווערט אויסגע־טייטשט אַלס דאָס העברעיִשע „חברים”, באשר אַזוי זאָל האָבן געהייסן אַ טייל פון די כּוזרישע אַוואַנגאַרד־שבטים, וואָס האָט פאַרנומען אונגאַרן.

אמת, עס איז טאַקע אַ פאַקט, אַז די אונגאַרישע שבטים, וואָס האָבן

מיט 13־14 הונדערט יאָר צוריק זיך באַזעצט אין אונגאַרן, זענען אַהין גע־קומען פון דעם אוראַל־וואָלגער געביט און האָבן פריִער געדאַרפט דורכ־וואַנדערן די כוזרישע מלוכה. און עס איז דערביי נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויף זייער לאַנגן וואַנדערונגס־וועג האָבן זיי מיטגעשלעפּט מיט זיך אויך כוזרישע עלעמענטן. אָבער דאָס אַליין איז נאָך נישט קיין באַוויז, אַז די גאַנצע כוזרישע מלוכה האָט אין זיך איינגעשלאָסן אויך דאָס איצטיקע אונ־גאַרן, אַנשפּאַרנדיק, ווי גומפּלאָוויטש וויל, אַזש ביז ניקאָלשבורג, אין עסט־רייך.

וואָס שייך דעם אומפאַרשטענדלעכן וואָרט „קאַבאַראַי״, וואָס דער באַ־קאַנטער יידישער היסטאָריקער פון פוילן, ד״ר יצחק שיפּער, האָט זיך גע־איילט אויסצוטייטשן אַלס דאָס העברעיִשע „חברים״, ווערט מיט רעכט אָנ־געוויזן, אַז אויב זוכן אַן ענלעך־קלינגענדיק העברעיִש וואָרט, טאָ פאַרוואָס שוין נישט דאָס וואָרט „קברים״?!

גומפּלאָוויטשעס אײפּער ביים ווענדן באַוויזן, אַז יידן זענען געקומען קיין פוילן פון דער כוזרים־מלוכה, און זענען, הייסט עס, אויטאָכטאָנען פון דער פּוילישער מדינה, — דערמאָנט דעם אײפּער פון קאַראַיִמישן געלערנטן ד״ר פירקאָוויטש, וואָס האָט אין אָנפאַנג פון פאַריקן יאָרהונדערט געוואָלט דערווייזן דער צאַרישער רעגירונג, אַז די קאַראַיִמען פון קרים זענען געקור־מען אַהין לאַנג פאַר קריסטוסעס געבורט. כדי צו באַווייזן זיין אידייע־פיקס, האָט פירקאָוויטש זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר פעלשן אויפשריפטן אויף מצבות, וואָס ער האָט געפונען אויפן אַלטן יידישן בית־עולם אין דער שטאָט טשופוט־קאַלע.

טשופוט־קאַלע באַדייט אויף טאָטעריש „יידישע פעסטונג״ און ווען די רוסן האָבן דעראָבערט די שטאָט אין 18טן יאָרהונדערט, האָבן זיי זי אָנגערופן „זשידאָווסקי גאָראָד״. אָט־די שטאָט מיט אירע מאָדנע גאַסן, וואָס זענען אויסגעהאַקט צווישן בערג, מיט די היילן און פעלדזן, וואָס האָבן גע־דינט אַלס וווינונגען, — האָט עס געדאַרפט ליפערן דעם קאַראַיִמער גע־לערנטן דעם באַוויז, אַז די קאַראַיִמער האָבן גאָרנישט געמיינזאַמעס מיט די יידן, און אַז בילדנדיק אַ טייל פון דער אור־עלטסטער באַפעלקערונג פון קרים און קומענדיק אַהין פאַר קריסטוסעס געבורט, קענען די קאַראַיִ־

מער נישט האָבן וועלכע עס איז שייכות צום טויט־אורטייל איבער קריס־טוסן, און פאַרדינען דעריבער אַלע „פּראָוועס״, וואָס עס האָבן די רוסן און וואָס זענען אין די צאַרישע צייטן, כידוע, געלייקנט געוואָרן פאַר די ייִדן.

וואַרשיינלעך האָט אָט־דער דאָזיקער אַפּאָלאָגעטישער מאָמענט אויך געשפּילט אַ באַטייטנדיקע ראָלביים יונגן גומפּלאָוויטש, וואָס האָט, אגב, געשטאַמט פון אַ פולשטענדיק אַסימילירטער ייִדישער משפחה און איז אין זיין קינדהייט בכלל אָפּגעטויפט געוואָרן.

די מעשה אָבער, אַז די ייִדן אין מזרח־אייראָפּע שטאַמען פון די כוז־רים, איז שפּעטער אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך פּוילישע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן זיך געוואָלט באַנוצן מיט דעם, כדי דווקא צו באַגרענעצן די פּוילישע ייִדן אין זייערע רעכט...

אייניקע יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג איז אין פּוילן דערשינען אַ בראָשור פון איינעם יאַשינסקי, אונטער אַ דריי־גאָרנדיקן קאָפּ, וואָס הייבט זיך אָן מיטן ציוניזם און ענדיקט זיך מיט דער... כוזרישער אָפּשטאַמונג פון די ייִדן. יאַשינסקיס „ווערק״ — אַ ביליקער אַנטיסעמיטישער פּאַמפלעט — הייבט זיך אָן מיט געוויינטלעכע, פּויליש־אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן אויף ייִדן, אַז זיי האָבן אין ערשטן וועלט־קריג סימפּאַטיזירט מיט די דייטשן, אַז זיי האָבן אַפילו מיטגעאַרבעט מיט די דייטשע אָקופּאַנטן אין פּוילן, און אַז זיי, די ייִדן, זענען בכלל שטענדיק אויסן געווען די רעה פון פּוילן און פון די פּאָליאַקן.

צוגלייך האָבן אָבער די ייִדן אויך סימפּאַטיזירט מיט די רוסן. און ווען די לעצטע זענען אין 1914 אַריין קיין לעמבערג, פאַרזיכערט דער מחבר, האָבן ייִדישע מיידלעך געקושט די עקן פון די קאָזאַקן־פערד און געוואָרפן זיך אין די אָרעמס פון די רוסישע אָפיצירן.

נאָכן שילדערן, אַלזאָ, ווי אַזוי די ייִדן זענען אין ערשטן וועלט־קריג געגאַנגען, סיי מיט די דייטשן, סיי מיט זייערע קעגנער די רוסן, שטעלט זיך דער אַנטיסעמיטישער אויטאָר אָפּ אויף דער באַליבטסטער טעמע פון די פּוילישע אַנטיסעמיטן, ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון די ייִדן, און קומט דערביי אַרויס מיט פאָלגנדער אַנטיסעמיטישער תרופה: מ׳דאַרף די ייִדן פאַרטרייבן פון פּוילן קיין דרום־רוסלאַנד, וואָרום זיי שטאַמען פון די כוז־

רים און די לעצטע ווידער זענען געקומען קיין פוילן פון דרום־רוסלאַנד. זאָלן, הייסט עס, די ייִדן גיין צוריק אַהין, פון וואַנען זיי קומען...

„40 יאָר — קלאָגט זיך דער אַנטיסעמיטיש־פוילישער שרייבער — האָט אונדז דער ציוניזם מיסטיפיצירט מיטן כלומרשט־ייִדישן פאָטער־לאַנד... ווי אַ פּאַרוועניו, האָט ער זיך געסטראַיעט אין אַן אָפּשטאַמונג פון שאולן און פון דודן. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָבן נישט די פוילישע ייִדן קיין שום שייכות צו ארץ־ישראל. דאָס אמתע ערשטע פאָטערלאַנד פון די אייראָפּעיִשע ייִדן, די כּוזרים, איז נישט דער עמק הירדן און די הרי יהודה, נאָר דרום־רוסלאַנד". די אונטערשטע שורה פון אַנטיסעמיטישן שרייבער איז, אַלזאָ: „כּוזרים, פאָרט צוריק אַהיים!".

פאַרשטייט זיך, אַז יאַשינסקי פאַררופט זיך אין זיין בראָשור אויפן דערמאָנטן בוך פון גומפּלאָוויטש, — דעם חשובן שאַפער פון דער גאַנצער טעאָריע וועגן דער כּוזרישער אָפּשטאַמונג פון די פוילישע ייִדן. גומפּלאָ־וויטש, וואָס האָט דורך זיין טעאָריע געוואָלט, ווי מיר זעען, „פאַרענטפערן" די ייִדן, אַז זיי געהערן צו די עלטסטע תושבים פון פוילן און קענען נישט דעריבער באַהאַנדלט ווערן אַלס פרעמדע און צווייטראַנגיקע בירגער פון לאַנד, — האָט זיך, נעבעך, געוויס נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיין טעאָריע וועט אויסגעקירעוועט ווערן קעגן זיין הויפּט־כּוונה און אַז די ייִדן זאָלן טאַקע און דווקא אַלס „כּוזרים", געטריבן ווערן דורך פוילישע אַנטיסעמיטן צוריק אין כּוזרים־לאַנד...

אגב, איז די כּוזרישע טעאָריע וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די ייִדן (שוין נישט בלויז פון מזרח־אייראָפּע, נאָר פון ייִדן בכלל) באַנוצט געוואָרן דורך אַראַבישע אַגיטאַטאָרן בעת דעם וויכּוח, וואָס איז נאָכן קריג אָנגע־גאַנגען אין די „יונייטעד ניישאָנס" אַרום דער פראַגע וועגן עטאַבלירן אַ ייִדישע מדינה אין ארץ־ישראל. די אַראַבישע קעגנער פון דעם האָבן זיך פאַררופן אויף אָט־דער טעאָריע, כּדי צו „דערווייזן", אַז די איצטיקע ייִדן קענען נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס אויף ארץ־ישראל, באשר בכן פלוני אלמוני האָט געשריבן, אַז זיי קומען אַרויס פון... כּוזרים.

אַ נס, וואָס די אַראַבישע דעמאַגאָגן האָבן נישט געוווּסט פון יאַשינס־קיס בראָשור. זיי וואָלטן זיך דאַן געקענט פאַררופן אויך אויפן „ווערק" פון

דעם פּוילישן אַנטיסעמיטישן שרייבער. און ווער ווייסט, אפשר וואָלטן זיי, צוזאַמען מיט אים, געטענהט, אַז די ייִדן דאַרפֿן „צוריקפֿאָרן אין זייער כּוזרישן פֿאָטערלאַנד, — צו די סטעפּעס פֿון דרום־רוסלאַנד", אַבי נישט צו דערלאָזן צו דער שאַפֿונג פֿון מדינת ישראל.

יידן אין פּויזן

ווּ, אין וועלכן טייל פון פּוילן האָבן ייִדן צוערשט געשטעלט זייערע טריט? איז עס געווען אין גרויס־פּוילן, דאָס הייסט אין מערב־פּוילן, ווּ עס איז מיט 1000 יאָר צוריק געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער פּוילישער מלוכה? איז עס געווען אין קראָקע און איר אומגעגנט, דאָס הייסט אין מערב־טייל פון קליין־פּוילן, וואָס ליגט אַמנאָענטסטן צו פּראָג און בכלל צו בעה־מען, און האָט דעריבער געקענט אַמשנעלסטן אויפנעמען די בעהמישע ייִדן, וואָס האָבן זיך געמוזט ראַטעווען פון די מערדערישע נוסעי הצלב?

און אפשר האָבן זיך ייִדן צוערשט באַוויזן אין די דרום־מזרח געגנטן פון פּוילן, דאָס הייסט אין וואָלין און מזרח־גאַליציע, וווהין זיי זענען אַריינ־געקומען נאָך אין דער צייט, ווען דאָרטן זענען געווען קליינע, רוסישע פירשטנטומס, דאָס הייסט אַפילו פריִער, ווי די פּאָליאַקן האָבן זיך דאָרטן באַוויזן?

אַן ענטפער אויף דער פראַגע איז נישט לייכט צו געבן. פאַראַן אַ מיי־נונג, אַז ייִדן האָבן איינגעוואַנדערט קיין פּוילן סיי פון מערב, סיי פון דרום־מזרח, דאָס הייסט, אַז קיין שום אויסגערעכנטע טייל פון פּוילן קען זיך נישט איבערנעמען, אַז דווקא זי האָט עס די ערשטע געזען ביי זיך די נייע און עקזאָטישע — פאַר יענע צייטן — איינוואַנדערער. אויף וויפל עס האַנדלט זיך אָבער וועגן היסטאָריש־דאָקומענטירטע פאַקטן, מוז מען אָנער־קענען, אַז ייִדן האָבן זיך צוערשט באַוויזן אין גרויס־פּוילן, און אַז דווקא קאַליש, פּויזן, גניעזנא, ברעסלוי, לענטשיץ, לעשנאַ, אָט די אַלע שטעט זענען עס געווען די ערשטע פּוילישע שטעט און ישובים, וואָס האָבן גע־זען אין זייערע מויערן די נייע איינוואַנדערער, וואָס זענען אַהין אָנגעקו־מען פון דייטשלאַנד און בעהמען.

אינעם נייעם, ווידער אויפגעריכטן פּוילן איז אָבער ייִדישער גרויס־פּוילן כמעט ווי נישט געווען בנמצא. אומזיסט איז געווען צו זוכן ייִדישע

קהילות און ישובים אין די פּילע שטעט און שטעטלעך פונעם געדיכט באַ־פעלקערטן מערבֿ־טייל פון פּוילן, וואָס האָט דער ערשטער אויפגענומען אַ גרויסע ייִדישע באַפעלקערונג. אַ חוץ פּויזן, לעשנאָ, ראַוויטש און אַ פּאָר אַנדערע קליינע פּונקטן זענען קיין ייִדן אין גרויס־פּוילן נישט געווען: און די, וואָס האָבן אין אַט־די פּונקטן געוווינט, זענען על פּי רובֿ געווען נישט קיין אָרטיקע, נאָר צוגעוואַנדערטע ייִדן פון „קאָנגרעס־פּוילן". ווי־זשע איז פאַרשוווּנדן די צאָלרייכע ייִדישע באַפעלקערונג פון דאָזיקן גע־ביט וועלכע האָט נאָך מיט אַ 120־150 יאָר צוריק אויסגעמאַכט אַ באַ־טייטנדיקן פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון פּויזנער געגנט און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן פון לעבן?

אין דער הויפּט־שטאָט פון גרויס־פּוילן, אין פּויזן, ווו ייִדן האָבן זיך באַוויזן, האָבן זיי דורכגעמאַכט אַן אַנטוויקלונג, וועלכע איז שפּעטער גע־וואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע ייִדישע ישובים אין פּוילן. ייִדן זענען איינגעלאַדן געוואָרן קיין פּויזן, ווי אומעטום אין פּוילן, אַלס אַ שטאָטישער עלעמענט, אַלס סוחרים און פאַקטער, קרעמער און בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געדאַרפט באַלעבן די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענעם מיטלשטאַנד. ווייזט אויס, אַז די ייִדן אין פּוילן האָבן באַרעכטיקט די האָפענונג, וואָס באַלעסלאַוו דער פרומער, קאַזימיר דער גרויסער, צי אַנדערע פּוילישע הערשער האָבן אַרויסגערופן, בשעת זיי האָבן דעם ניי־איינגעוואַנדערטן ייִדישן עלעמענט געגעבן דעם „קאַליִ־שער" און אַנדערע סטאַטוטן. עס קומט אָבער צו רייבונגען צווישן די ייִדי־שע און שטאָטישן מיטלשטאַנד. די קאָנקורענץ אויפן האַנדלס־געביט ברענגט צו דער אַנטשטייונג פון ייִדן־פיינדלעכע געפילן. עס קומט צו אַ פּאָגראָם — דעם ערשטן ייִדן־פּאָגראָם אין פּוילן. עס ווערן איינגעפירט באַגרענע־צונגען פאַר ייִדן אין האַנדל און פאַרמיטלונג, עס ווערט געשאַפן אַ געטאָ, דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן ווערט רעגלאַמענטירט, און געשטעלט אונטערן שטרענגן קאָנטראָל פון אַ ריי באַשטימונגען וועגן דעם וויפל הייזער די ייִדן מעגן האָבן אין שטאָט, אין וועלכע צווייגן זיי מעגן פירן אַ הורט־האַנדל און אין וועלכע — בלויז אַ האַנדל לאחדים, וויפל שטייערן זיי מוזן אַריינטראָגן פאַר דער מלוכה־קאַסע און וויפל פאַר דער שטאָט אאַז"וו.

די אָנפאַלן פון דעם קריסטלעכן, דאָס הייסט דייטשן און פוילישן, מיטלשטאַנד אויף די ייִדן שטעלן זיך אָפּ אויף אַ געוויסע צייט. אָבער באַלד ווערן זיי ווידער באַנייט. די צענטראַלע מאַכט פרוווט מאַכן שלום, פירט אַריין נייע רעגולאַציעס, פאַרגרעסערט פון דאַסניי די באַגרענעצונגען קעגן ייִדישן האַנדל און האַנטווערק. פאַראינטערעסירט אין ייִדן, אַלס אַגענטן און פאַרמיטלער־עלעמענט צווישן פוילן, דייטשלאַנד און אַנדערע שכנותדיקע מלוכות און זעענדיק פון די ייִדישע שטייערן גרויסע הכנסות פאַר איר קאַסע, פרוווט די קעניגלעכע מאַכט שיצן ווי עס איז דעם ייִדישן עלעמענט אין פוילן קעגן די כסדרדיקע פיינדלעכע אַקציעס פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. פויזנער ייִדן גיבן זיך ווי ס׳איז אַן עצה קעגן זייערע נישט־ייִדישע קאָנקורענטן. אינעם לעבן פון דער גרויסער ייִדישער קהילה אין פויזן באַמערקן זיך, אַלזאָ, צייטן פון עליות און צייטן פון ירידות, — אָפּ־הענגיק פון דעם, צי די ייִדן געלינגט אָנצוהאַלטן זיך ביי זייערע שווערע אויסגעהאַרעוועטע פּאָזיציעס, צי נישט.

די סאָציאַל־עקאָנאָמישע טעטיקייט פון די פויזנער ייִדן האָט זיך אָבער ביסלעכוויז סטאַביליזירט. זיי זענען, פונקט ווי אין גאַנץ פוילן, געוואָרן פאַכטערס און מעקלערס ביי פריצים, גענומען אין אַרענדע מילן, קרעטש־מעס, ברויערייען, זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשיידענע מלאכות, אויף וויפל די קריסטלעכע צעכן האָבן זיי עס, פאַרשטייט זיך, דערלויבט. שפּעטער איז געקומען צו דער אַנטשטייונג אַפילו פון אייגענע ייִדישע האַנטווערקער־צעכן, — בפרט דאָרטן וווּ ייִדישע שניידער, בעקערס, צי שוסטערס, זענען געווען די מערהייט פונעם באַטרעפנדיקן פאַך.

אין איינעם פון אַזאַ מין עליה־פּעריאָד איז עס, וואַרשיינלעך, געקומען צו דעם, אַז די „מדינת פויזנא" איז געוואָרן דער אָנפירנדיקער באַשטאַנדטייל פונעם ועד ארבע ארצות פאַר גאַנץ פוילן. צוגלייך איז אין גרויס־פוילן, פונקט ווי אין די איבעריקע מדינות, איז קליין־פוילן, ליטע און רוס, אָנ־געגאַנגען אַ קאַמף צווישן דער הויפּטשטאָט און די קלענערע שטעט אויף דער פּראָווינץ — ד"ה צווישן פויזן און קאַליש, צי לעשנאַ, אָדער אַנדערע שטעט, — איבער דער אָנפירנדיקער ראָל אין דער „מדינת פויזנא". צו יע־נער צייט האָט עס די פויזנער קהילה געשמט, אויך מחוץ די גרענעצן פון

פוילן, מיט איר ישיבה און מיט אירע „לומדי פויזנא״, ווי ר׳ שמואל מרגליות, ר׳ מרדכי יפה, אָדער אין אַ שפּעטערדיקער תקופה — ר׳ עקיבא אייגער.

די ירידה פון דער פויזנער קהילה און בכלל פון גאַנצן גרויס־פוילישן יידנטום פאַלט אויס אויף דער צווייטער העלפט פונעם זעלבן 17טן יאָר־הונדערט, וועלכער איז בכלל געווען פאַטאַל פאַרן גאַנצן פוילישן יידנטום. אויב אין מזרח־פוילן האָבן די יידן דאַן מוראדיק געליטן פון כמעלניצקיס האָרדעס, האָט דאָס יידנטום פון גרויס־פוילן, וווהין כמעלניצקיס באַנדעס האָבן נישט דערלאַנגט, געהאַט נישט קיין בעסערע צייטן, צוליב דער שוועדישער אינוואַזיע. דער פוילישער מיליטערישער פירער טשאַרנעצקי איז זיך מיט די פויזנער יידן באַגאַנגען באַלד אַזוי, ווי כמעלניצקי מיט די יידן פון אוקראַינע. דער שפּעטערדיקער „צפון־קריג״, ווו גרויס־פוילן האָט גע־האַט אינוואַזיעס מצד שוועדן, זאַקסן און רוסן, איז ווידער פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מאַרטיראָלאָג פאַרן פויזנער יידנטום.

שפּעטער איז געקומען די צעטיילונג פון פוילן, וועלכע האָט די פויז־נער יידן אָפּגעריסן פון גרויסן מזרח־איראָפּעיִשן שטאַם. די קרוב צו הונ־דערט טויזנט יידן פון גרויס־פוילן זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון פּרייסן, וועלכע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַטאַל פאַרן פויזנער יידנטום. די פּרייסישע מאַכט, וועלכע האָט זיך קיין מאָל נישט אויסגעצייכנט מיט אַ גוטער באַציִונג צו יידן, האָט מיט גרויס ווידערווילן אויפגענומען דעם פאַקט, וואָס פּרייסן האָט פּלוצים באַקומען אַזאַ גרויסע צאָל יידן. די פויזנער יידן זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער שטרענ־גער רעגלאַמענטאַציע, וועלכע האָט פאַרפליכטעט אַלע יידן פון בראַנדענ־בורג. אין גרויסן יידישן ישוב אין פויזן האָבן זיך, אַלזאָ, באַוויזן „פּריווי־לעגירטע״ יידן, „טאָלערירטע״ יידן, „שוץ״־יידן און אַלע איבעריקע קלאַסן פון יידן, וואָס זענען געווען אין גאַנץ פּרייסן. שפּעטער איז געקומען צו פיל גרעסערע שוועריקייטן. דער דראַנג פון די פּרייסן אין דער נייער פּראָווינץ, זייער קאַמף פאַר גערמאַניזירן די שטעט און דאָס דאָרף און בכלל זייער גאַנצע שאָוויניסטישע פּאָליטיק, האָבן שטאַרק צעשעדיקט די סאָציאַל־עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון פויזנער יידנטום. אויך די אַרויסשטוי־

סונגס־אַרבעט פון פּרייסן לגבי די פּאָליאַקן, וועלכע האָט דורך דער שאָ־
וויניסטישער „האקאטא" סיסטעמאַטיש באַזייטיקט פיל פּאָליאַקן פון דאָרף
און פון קליינעם שטעטל, האָט געשטויסן די פּוילישע פּויערישע באַפעל־
קערונג אויסצוואַנדערן אין די שטעט און זיי געטריבן צו קאָנקורענץ מיטן
דאָרטיקן יידישן עלעמענט.

עס איז, אַלזאָ, נישט קיין וואונדער, וואָס ביסלעכווייז איז פּויזן און איר
פּראָווינץ געוואָרן דאָס פּלאַץ פון אַ קאַטאַסטראָפאַלער יידישער אויסוואַנ־
דערונג, וועלכע איז געגאַנגען מיט אַ כסדר וואַקסנדיקן טעמפּאָ און האָט צום
סוף פון פאָריקן יאָרהונדערט איבערגעלאָזן בלויז פערציק טויזנט פון די
הונדערט טויזנט יידן, וואָס זענען דאָרטן געווען בעת גרויס־פּוילן איז אַרי־
בער צו פּרייסן.

די אויסוואַנדערונג איז געגאַנגען קיין מערב, — טיפער אין דייטש־
לאַנד, דער עיקר, קיין בערלין, — קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד און צום סוף
אויך קיין אַמעריקע. פּויזנער יידן האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען קיין אַמע־
ריקע אין סוף פון 18טן און אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט. זיי זענען, אַל־
זאָ, געווען די ערשטע יידן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן באַטראָטן די
אַמעריקאַנער ערד. איינער פון אָט־די ערשטע פּויזנער אימיגראַנטן איז עס
געווען חיים סאָלאָמאָן פון ליססאַ־לעשנאָ, וועלכער איז אַריין אין דער אַמע־
ריקאַנער געשיכטע אַלס אָנטיילנעמער פון דער רעוואָלוציע און אַלס „באַנ־
קיר פון וואַשינגטאָן".

דער ערשטער וועלט־קריג און דאָס צוריקקערן פון פּויזן צום ניי־
אויפגעריכטן פּוילן האָט די לאַגע אין יידישן גרויס־פּוילן נישט פאַרבע־
סערט, פאַרקערט, — די איבערגעבליבענע דאָרטן, ס'רוב פאַרדייטשטע
יידן, האָבן אין זייער גרעסטן טייל נישט געוואָלט פאַרבלייבן אין פּוילישן
פּויזן און האָבן, ווי פיל דייטשן, אויסגעוואַנדערט קיין דייטשלאַנד, דער
עיקר, אין נאָענט ליגנדיקן ברעסלוי און קיין בערלין.

אַזוי האָט עס די ערשטע יידישע פּראָווינץ פון פּוילן פאַרלוירן אין
משך פון איין הונדערט יאָר כמעט איר גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. אַזעל־
כע ישובים, ווי קסיאַנדז, ווו עס איז געבוירן געוואָרן גרעץ, ווי אָסטראָוו,
ווו דער באַרימטער יידישער היסטאָריקער האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט. ווי

ווזעזשען, דער געבורט־פּלאַץ פונעם פאָטער פון דער ייִדישער סינאַגאָ־גאַלער מוזיק, לעוואַנדאָווסקי, און פיל אַנדערע ייִדישע קהילות, ווו עס האָט אַמאָל פּולסירט אַ שטאַרק ייִדיש לעבן, האָבן נאָך פריִער אויפגעהערט צו עקסיסטירן.

װאַרשע

צוויי מאָל אין משך פון צווייטן װעלט־קריג, האָט דער נאָמען פון דער שטאָט װאַרשע אָפּגעקלונגען איבער גאָר דער װעלט. דעם ערשטן מאָל איז עס געװען אין אָנהייב פונעם קריג, װען די הױפּטשטאָט פון פּױלן האָט זיך אין משך פון אייניקע װאָכן קעגנגעשטעלט די היטלערישע האָר־דעס, װאָס האָבן פאַרפלייצט פּױלן. דעם צווייטן מאָל האָט אָפּגעקלונגען איבער דער װעלט די ייִדישע װאַרשע, דאָס װאַרשעװער ייִדישע געטאָ, װעלכע האָט אין פרילינג 1943, אויפגעהױבן די פאָן פון אַן אױפשטאַנד קעגן די נאַצישע תּלינים.

עס קען זיין, אַז פיל אין דער נישט־ייִדישער װעלט האָבן ביז דעם 20סטן אַפּריל פון יענעם יאָר, אַפילו נישט געװוּסט װעגן דער עקסיסטענץ פון דער ייִדישער װאַרשע, אַז פיל האָבן אױך נישט אָנגעהױבן צו װיסן, אַז די הױפּטשטאָט פון פּױלן איז צוגלייך די הױפּטשטאָט פון אַ גרױסן און קרעפטיקן, נאַציאָנאַלן ייִדישן ישוב פון דריי מיט אַ פערטל מיליאָן ייִדן, װעלכע פאַרמאָגן אַן אױסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַלן פּרצוף, פירן אַ נאַציאָנאַלע עקסיסטענץ, גאַרן איינצוהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן קיום און זייער נאַציאָנאַלע אייגנאַרט און זוכן זי צו באַקרעפטיקן און צו שטאַרקן מיט אַלע זייערע כּוחות און מעגלעכקייטן. די פרילינג־טעג פון 1943, װען דאָס הייפל ייִדן, װאָס איז פאַרבליבן פון 600־טױזנטדיקן ייִדישן געטאָ אין װאַרשע, האָט אױפגעהױבן די פאָן פון אױפשטאַנד קעגן די נאַצי־מערדער, האָבן אַנטפּלעקט פאַר דער גאַנצער װעלט, װאָס פאַר אַ קראַפט עס איז געלעגן אין אַנפירנדיקן ייִדישן צענטער פון אָט דעם פּױלישן ייִדנטום.

דער הערױזם פון די קעמפער אין געטאָ האָט געעפנט די אױגן אױך פיל ייִדן אױף דעם, װאָס עס איז באמת געװען דאָס פּױלישע ייִדנטום, אױף װעלכן די נאַצי־מערדער האָבן זיך פאַרלייגט מיט אַ באַזונדער רשעות. די קינפטיקע היסטאָריקערס װעלן געװיס אױסגעפינען, אַז דער מערקװיר־דיקער, אומגלייכער געראַנגל פון דער הערױשער װאַרשעװער יוגנט

קעגן די ביז די ציין־באַוואָפנטע היטלעריסטישע תלינים, איז נישט געווען קיין צופאַל, נאָר איז נאַטירלעכערהייט אַרויסגעפלאָסן פון דער גאַנצער געשיכטע פונעם קרעפטיקן יידישן ישוב אין פוילן, וועלכער האָט אין פיין און יסורים פון זיין לאַנגער שווערער טויזנט־יאָריקער עקסיסטענץ פאַרהאַרטעוועט זיין נאַציאָנאַלן ווילן, זיין יידישן שטאָלץ און ווירדע, וועלכע פיל האָבן געוואָלט, אָבער נישט געקענט טרעטן מיט די פיס.

די געשיכטע פון יידישן ישוב אין וואַרשע האָט זיך אויך אָנגעהויבן מיט אַ געטאָ. די „יידישע גאַס", ווו די ערשטע וואַרשעווער יידן האָבן געוווינט, האָט זיך געפונען לעבן איצטיקן „שמאָלן דונאַי". אין די פאַרבליבענע דאָקומענטן פון יענער צייט ווערט דערציילט, וויפל איילן די דאָזיקע גאַס האָט געהאַט אין דער לענג און וויפל אין דער ברייט. די ערשטע יידישע שול האָט זיך געפונען לעבן, דעם שפּעטער אויסגעבויטן, קעניגלעכן שלאָס. דאָרטן האָט זיך אויך געפונען דער ערשטער בית־החיים.

די יידישע וואַרשע האָט געוווּסט פון צרות און קאַמף באַלד נאָך איר אַנטשטייונג. דער ערשטער גירוש פון וואַרשע טראָגט די דאַטע פון 1483. די שול און בית־החיים זענען צוגענומען געוואָרן דורך דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. ווען וואַרשע צוזאַמען מיטן גאַנצן מאַזאָווישן פירשטנטום זענען פאַראייניקט געוואָרן מיטן גאַנצן פוילישן קעניגרייך, איז דער פאַרבאָט פאַר יידן צו וווינען אין דער שטאָט און אירע פאָרשטעט ווידער באַנייט געוואָרן. פון דעסט וועגן פלעגן זיך די יידן פון אונטער וואַרשע געבן אַן עצה און יאָ אַריינקומען אין דער שטאָט, וואָס עס האָט, וואַרשיינלעך, פאַראורזאַכט אַ נייע און אַ שטרענגע פאַראָרדענונג אין סוף פון 16טן יאָרהונדערט, נישט בלויז צו קומען אין דער אַלטער און נייער וואַרשע, נאָר אויך צו האַנדלען אין די גרענעצן פון אַ פּאָר מייל אַרום דער שטאָט. אָן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן נאָר פאַר דער צייט, ווען עס פלעגן פאָרקומען די סעסיעס פון סיים, דאַן פלעגן די יידן יאָ מעגן האַנדלען אין וואַרשע. עס איז, דוכט זיך, נישט געווען קיין פוילישער קעניג, וועלכער זאָל נישט באַנייען דעם דערמאָנטן פאַרבאָט: ביידע סיגיסמונדן, באַטאָרי, וולאַדיסלאַוו דער 4טער און סאָביעסקי. די חתימות פון די אַלע פוילישע הערשער פיגורירן כסדר אויף אַזעלכע פאַרבאָטן. דאָס כסדרדיקע באַנייען פון די

פאַרבאָטן זאָגט אָבער, זיכער, עדות אַז זיי פלעגן נישט האָבן קיין גרויס האַפּט. ייִדן פלעגן קומען און וווינען אין וואַרשע, אָפט אַפילו מיט דער הילף פון פּאָליאַקן, וועלכע דער מאַגיסטראַט פון דער שטאָט פלעגט נישט זעלטן מוזן באַשטראָפן פאַר עובר זיין אויף די רעגירונגס־פאַראָרדענונגען.

דער מאַגיסטראַט אין וואַרשע איז ווי אין אַנדערע שטעט, געווען דער צענטער פון דער אַנטיסעמיטישער אַרבעט. אונטערן דרוק פונעם פּוילישן און אָפט אויך דייטשן מיטלשטאַנד, האָט ער געאַרבעט מעשים קעגן די ייִדן, צווישן די פּאָזיציעס פון זיינע הוצאות, צוליב דער קרוינונגס־פייע־רונג פון יאַן סאָביעסקי, האָט מען, אַ שטייגער, געפונען עטלעכע און זעכ־ציק גילדן פאַר דעם קרוין־מאַרשאַל, אַז ער זאָל נישט אַריינלאָזן קיין ייִדן אין שטאָט. פאַרן זעלבן צוועק האָט דער מאַגיסטראַט געגעבן דעם קרוין־קאַנצלער ציטרינען און אָראַנדזשן פאַר עטלעכע צענדליק גילדן. זעקס גילדן האָט ער אויך געגעבן אַ גלח פאַר זיינע דרשות פאַר דער „שליאַכטע״, אַז זי זאָל די ייִדן נישט פּראָטעזשירן.

צווישן די הערשנדיקע עלעמענטן פון דער שטאָט איז, ווייזט אויס, נישט געווען קיין איינהייטלעכע שטעלונג אין באַציִונג צו ייִדן. טאָמער האָט דער קרוין־מאַרשאַל לובאָמירסקי געראָדפט די ייִדן און איינגעפירט אַ שטראָף פאַר יענע, וואָס פלעגן בלייבן אין וואַרשע איבער דער סיים־סעסיע, פון וואָס די שטאָט האָט, אגב, געהאַט איינערלעכע פּרנסה פון אַ פּאָר הונ־דערט טויזנט גילדן, האָבן צוויי אַנדערע מאַגנאַטן באַשלאָסן צו באַזעצן ייִדן אויף זייער באָדן הינטער די מויערן פון וואַרשע. אַזוי איז, אגב, אַנט־שטאַנען דער נייער ייִדישער קוואַרטאַל „נייע ירושלים״, אויפן אָרט פון די איצטיקע יערוזאַלימער אַלעען. איינעם סכסוך איבער די ייִדן האָט געוווּנען סוף־כל־סוף דער יודאָפאָב לובאָמירסקי, וועלכער האָט באַקומען אַ פּסק־דין פון געריכט חרוב צו מאַכן די ייִדישע הייזער און צו פאַרקויפן די סחו־רות פון די ייִדן. אָבער מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער זענען שוין ווידער געווען אין וואַרשע אַ פּאָר טויזנט ייִדישע בעלי־מלאכות, קרעמער, טרע־גער, פּאַרמיטלער. אַ פּוילישער פּובליציסט פון יענער צייט האָט באַ־דויערט דעם גורל פון די ייִדן, וואָס ווערן געשלאָגן אין די גאַסן דורך די יעזויִטן־שילער און אַנדערע ייִדן־שלעגער.

דער פּראָצעס פון כסדרדיקן צופלוס און געצוווּנגענעם אָפּפלוס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע האָט אָנגעהאַלטן אויף דעם גאַנצן 18טן יאָרהונדערט. אין 1784 האָט דער מאַגיסטראַט באַזייטיקט די ייִדן פון זייער וווין־פלאַץ אויף קראָקעווער פאָרשטאָט. די ייִדן האָבן זיך דאַן באַזעצט אין ראשין, אונטער וואַרשע. דער גירוש האָט אָבער, ווייזט אויס, געבראַכט שאָדן דער פּוילישער הויפּטשטאָט, וואָרום אין אַ פּאָר יאָר אַרום האָט מען די ייִדן ווידער געלאָזן זיין אין וואַרשע, און ווי געווייינטלעך, אין אַ געטאָ. אָבער די אַריינמישונג פון די קריסטלעכע קירזשנערס און שניי־דערס האָט געבראַכט צו אַ נייעם גירוש פון ייִדישע האַנטווערקער און גאַסן־הענדלער.

דער נייער צוריקקער פון די ייִדן האָט אין 1790 געבראַכט צו אַ פּאָגראָם. די ייִדן האָבן זיך דרייסט פאַרטיידיקט, די איניציאַטאָרן פון פּאָ־גראָם זענען אַפילו אַרעסטירט געוואָרן, אָבער דער סוף פון די געשעענישן איז געווען אַ נייער גירוש פון די ייִדישע גאַסן־הענדלער.

פון דעסט וועגן האָט זיך, אין דער הויפּטשטאָט פון פּוילן, ביסלעכ־ווייז אויסגעבילדעט אַ זיכערער און פעסטער ישוב, וועלכער האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט אין די קאַמפן פון פּוילן פאַר איר זעלבסשטענדיקייט. דער באַרימטער ייִדישער רעגימענט פון 500 מאַן, וועלכער האָט בראש מיטן פּולקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש פאַרטיידיקט פּראַגע אין יאָר 1794 און איז כמעט אינגאַנצן אומגעקומען אין די שלאַכטן מיט סוואָראָווס קאָ־זאַקן, איז אַ פאַקט, וואָס ווערט נישט פאַרלייקנט אַפילו דורך די ייִדן־פיינטלעכסטע פּוילישן עלעמענטן. די אַנטשטייונג פון שמולעוויזנע אין פּראַגע, אויפן נאָמען פון גרויסן קעניגלעכן ליפעראַנט און כלל־טוער שמואל זביטקאָווער, איז נאָך אַ באַווייז, אַז ייִדן זענען אין סוף פון 18טן יאָרהונ־דערט געווען אַ סטאַבילער טייל פון דער באַפעלקערונג פון וואַרשע. פאַר־שטייט זיך, אַז די ייִדן־רדיפות האָבן אויך נאָך דעם נישט אויפגעהערט. די רעגירונג האָט זיך אָבער גערעכנט מיט דער גרויסער ווירטשאַפטלעכער באַ־טייטונג פון די ייִדן פאַר דער שטאָט און אויך מיט זייער גרויסער ראָלע אַלס שטייער־צאָלער, און פלעגט זיך דעריבער באַמיִען צו שיצן זיי קעגן די אַנטי־סעמיטישע פאָדערונגען און אַמאָל אויך פּאָגראָם־אַרויסטריטן פונעם המון.

די לאַגע פון די ייִדן אין וואַרשע איז מער־ווייניק רעגולירט געוואָרן אין דער צייט פון וואַרשעווער הערצאָגטום, אין אָנהייב פון פאַריקן יאָרהונ־דערט. די רעגולירונג איז באַשטאַנען אין אַ שטרענגער רעגלאַמענטאַציע פונעם וווין־אָרט פאַר די ייִדן פון וועלכן עס זענען אויסגעשלאָסן געוואָרן די אַלטע און נייע שטאָט, קראָקאָווער פאָרשטאָט, די לאַנגע און סענאַטאָרן־גאַס און אַ ריי אַנדערע גאַסן, וועלכע ליגן, אגב, אַלע מחוץ אויך פון דער לעצטער ייִדישער געטאָ אין וואַרשע. ווער עס האָט געקענט לייענען און שרייבן, אויף פויליש, דייטש, צי פראַנצויזיש, האָט נישט געטראָגן דעם ספּעציעלן ייִדישן טראַכט און האָט נאָך געהאַט דערצו אַ קאַפּיטאַל פון אַ 60 טויזנט גילדן, אָדער אַ מויער, צי אַ פאַבריק, האָט געמעגט וווינען אויך אויף די פאַרבאָטענע גאַסן, אָבער בלויז צו צוויי משפחות אויף אַ גאַס. עס האָט זיך באַלד אָנגעהויבן אַ לאַנגע אַקציע קעגן דעם מצד די ייִדן און צוגלייך אַ קעגן־אַקציע פון די קריסטן.

דער קאַמף אַרום די גאַסן, ווו מען מעג יאָ און מען נישט וווינען, איז אָנ־געגאַנגען אויך אונטער דער רוסישער מאַכט. אָבער אין יענער צייט האָט וואַרשע בכלל גענומען וואַקסן, ווי אויף הייוון. די פאַרמיטלונג־פּאָזיציע פון פּוילן צווישן מערב־אייראָפּע און דער גאַנצער רוסישער אימפּעריע, און דער גרויסער רוסישער מאַרק, וואָס איז געשטאַנען אָפן פאַר דער פּויל־שער אינדוסטריע און האַנדל, האָבן געבראַכט צום וווקס פון ווילשטאַנד אין דער גאַנצער רוסישער פּוילן און צום גרויסן אויפשטייג פון איר הויפּט־שטאָט.

צוגלייך איז געשטיגן כסדר די צאָל ייִדן אין וואַרשע, סיי דורך דער צוואַנדערונג פון ייִדן פון דער פּראָווינץ, אַזוי אויך דורכן צופלוס פון רו־סישע ייִדן, באַזונדערס נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן, ווי אויך נאָכן גירוש פון מאָסקווע. עס איז גענוג אָנצוווייזן אַז פאַר די לעצטע 20 יאָר פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט זיך די צאָל ייִדן אין וואַרשע פאַר־טאָפּלט און דערגרייכט ביז אַ פערטל מיליאָן.

אַלס קולטור־צענטער האָט וואַרשע אָנגעהויבן צו וואַקסן נאָך אין אָנ־פאַנג פון 19טן יאָרהונדערט. די באַמיִונגען פון די פירער פון די משכילים, שטערן און טוגענדהאָלד, זענען געגאַנגען, ווי געווינטלעך, אויף דער ליניע

פון מקרב זיין די יידן צו דער אַלגעמיינער קולטור. וואַרשע, אַלזאָ, האָט שוין אין אָנהייב פון פאָריקן י״ה באַקומען שולן פאַר קינדער פון „משהס גלויבן״ און אויך אַ ראַבינער־סעמינאַר, דעם ערשטן אויפן שטח פון אַמאָליקן רוס־לאַנד. די טעטיקייט פון רוב וואַרשעווער משכילים האָט געטראָגן אַ בולט אויסגעשפּראָכענעם אַסימילאַטאָרישן כאַראַקטער און די קאָנסערוואַטיווע יידישע קרייזן וואָס האָבן זי באַקעמפט, האָבן געהאַט אַ גרונט צו דעם, ווען מען נעמט אין אַכט, וויפל אַקטיווע אַסימילאַטאָרן עס זענען אַרויס פון דער ראַבינער־שול. שפּעטער איז געקומען צו אַ צוזאַמענגיין פון די רוסישע עלע־מענטן מיט די אַסימילאַטאָרן און זייער געמיינזאַמער באַהערשונג פון דער וואַרשעווער קהילה, וואָס איז פאַר יענעם קריג אַזוי שאַרף באַקעמפט גע־וואָרן דורך די נאַציאָנאַלע עלעמענטן.

די אַסימילאַציע־ריכטונג האָט געגעבן אַ שטויס צו דער אַנטשטייונג פון דער יידישער פּרעסע אין פּויליש. נאָך די אַסימילאַטאָרישע וואָכנבלע־טער „יוטשענקאַ״ און „איזראַעליטאַ״ זענען אויך אַנטשטאַנען ציוניסטישע אָרגאַנען אין פּויליש. אין דער יידישער וועלט האָט זיך אָבער וואַרשע באַקאַנט געמאַכט מיט דער טעגלעכער „הצפירה״, אונטער דער רעדאַקציע פון חיים זעליג סלאָנימסקי און נחום סאָקאָלאָוו און מיט איר ברייט פאַר־צווייגטער פּרעסע אויף יידיש. וואַרשע איז בכלל געווען דער געבורט־אָרט פון דער יידישער פּרעסע. דער דערמאָנטער טוגענדהאָלד האָט מיט אַ יאָר 150 צוריק געגרינדעט אין וואַרשע דעם דייטשמערישן „בעאָבאַכטער אַן דער ווייסל״, וועלכער האָט אָבער נישט איבערגעלאָזן קיין שום שפּור אין דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעבליט ערשט אין אָנפאַנג פון איצטיקן יאָרהונדערט.

אַ דאַנק דעם אַלגעמיינעם איבערברוך אין לעבן פון וואַרשעווער יידנ־טום, האָבן די נאַציאָנאַלע, ציוניסטישע, פּאָלקיסטישע און אַרבעטער־עלע־מענטן, וועלכע זענען געשטאַרקט געוואָרן דורכן צופלוס פון „ליטוואַקעס״, גענומען באַקומען די אויבערהאַנט איבערן בלאָק פון דער אַסימילאַציע מיט די חסידים. צו יענער צייט איז וואַרשע אויך אויסגעוואַקסן צום צענ־טער פון דער יידישער ליטעראַטור. אַרום י. ל. פּרץ האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ ריי נייע און יונגע טאַלאַנטן. עס איז געוואַקסן די צאָל פון יידישע און

העברעיִשע אויסגאַבן, עס זענען אַנטשטאַנען פאַרלאַגן, עס האָט זיך אַנט־וויקלט דער ייִדישער טעאַטער. וואַרשע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס ייִדי־שער צענטער אין כמות און אין איכות.

דער ערשטער וועלט־קריג האָט טיילוויז פאַרהאַלטן די דאָזיקע אַנטוויקלונג. די אַנטשטייונג פון דעם זעלבסטשטענדיקן פוילן האָט צוריק־געקערט דער ייִדישער וואַרשע איר אָנפירנדיקן פּלאַץ. וואַרשע איז, בלי גוזמא, געוואָרן די קרוין פון פוילישן ייִדנטום. אין דער קהילה איז געקומען אַ סוף צו דער אַלטער, אַסימילאַטאָרישער הערשאַפט. דאָס ייִדישע לעבן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט איז באַהערשט געוואָרן דורך די נאַציאָנאַל־ציוניסטישע און אַרבעטער־עלעמענטן. עס איז אַנטשטאַנען אַ ברייט־פאַרצווייגטער ייִדישער, העברעיִשער און אָרטאָדאָקסישער שול־וועזן, די ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן באַקומען נייע און פרייע מעגלעכקייטן פאַר אַרבעט. די ייִדישע פּרעסע, פאַרלאַגן, דער ייִדישער טעאַטער, די ציוניסטישע באַוועגונג, דער „החלוץ“, די אַרבעטער־פּאַרטייען, די יוגנט, די צענדליקער אָרגאַניזאַציעס פון אָר־טאָדאָקסישע ייִדן און וועלטלעכע עלעמענטן, פון בעלי־בתים און אַרבע־טער, פון סוחרים און בעלי־מלאכות, פון ייִדישן מיטלשטאַנד און קליינביר־גערטום, די פילע הונדערטער בתי־מדרשים, שולן און חסידישע שטיבלעך, די צענדליקער חברות פאַר כלערליי צדקה און קעגנזייטיקער הילף און בכלל דער גאַנצער אַזוי אייגנאַרטיקער פולבלוטיקער און פאַרבנרייכער ייִדישער לעבן פון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין אייראָפּע, איז אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־קריגן, געקומען צו זיין פולן און אַלזייטיקן אויסדרוק.

אָט דאָס אַלץ איז איצט נישטאָ. וואַרשע, די קרוין פון פוילישן ייִדנ־טום, די ייִדישע וואַרשע, די הויפּטשטאָט פון — ווי מען האָט עס אָנגערופן אין ארץ־ישראל — אונדזער „צווייטער נאַציאָנאַלער היים“, איז פאַרטי־ליקט געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן פוילישן ייִדנטום. איז אָבער אונדזער ייִדישע וואַרשע טאַקע לחלוטין פאַרשווונדן אויף אייביק?

יידישע העלדן פון וואַרשע און פּראַגע

פּראַגע איז ביזן סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט געווען אַ זעלבשטענ־דיקע שטאָט. פון ווען הייבט אָן פּראַגע פיגורירן ווי אַ יידישע שטאָט? דאָס איז שווער צו זאָגן.

אין אַ באַשרייבונג פון פּראַגע פון יאָר 1643 ווערט דערציילט, אַז פּראַגע האָט גרויסע גאַסן, קרעטשמעס, ברויערייען, סקלאַדן פון פאַרשי־דענע סחורות, און אַז צוזאַמען מיט אַ שכנותדיקן ישוב בילדעט דאָס שטעטל פּראַגע אַ „צווייטע וואַרשע". יידן — ווערט אָבער צוגלייך צוגע־געבן — טאָרן דאָרט נישט וווינען.

מיט איייניקע יאָר שפּעטער, ווען פּראַגע איז שוין געוואָרן אַ שטאָט און האָט באַקומען אַלע שטאָטישע פּריווילעגיעס, איז ווידער באַשטימט געוואָרן, אַז יידן טאָרן אין דער נייער שטאָט נישט וווינען. אַן אויסנאַם איז געמאַכט געוואָרן בלויז פאַר דער צייט פון די יאַרמערק, ווען יידן איז דערלויבט געוואָרן צו קומען קיין פּראַגע. ערשט אין לעצטן קוואַרטאַל פון 18טן יאָרהונדערט האָבן יידן באַקומען רעכט צו וווינען אין פּראַגע, וועלכע איז בקרוב בכלל פאַראייניקט געוואָרן, אַלס פאָרשטאָט, צו וואַרשע.

מיט דער גרעסטער פאָרשטאָט פון דער הויפּטשטאָט פון פּוילן איז פאַרבונדן דער נאָמען פון יידישן פּאָלקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, וועל־כער האָט אָנגעפירט מיט דעם יידישן רעגימענט, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע און איז כמעט אינגאַנצן אומגעקומען בעת סוואָראָווס שטורעם אויף פּראַגע אין 1794. עס איז כדאי אָפּצושטעלן זיך לענגער אויף דער פּערזאָן פונעם יידישן פּאָלקאָווניק, וועלכער האָט אָר־גאַניזירט דעם יידישן רעגימענט, וואָס איז אומגעקומען פאַרטיידיקנדיק די פאָרשטאָט פון וואַרשע, וווּ יידן האָבן נאָך מיט אַ קאָרגע צוויי הונדערט יאָר צוריק נישט געטאָרט אַפילו וווינען.

די היסטאָרישע פאַקטן וועגן בערעק יאָסעלעוויטש און זיין יידן־רע־גימענט זענען פאָלגנדע:

בערעק, צי בערקאָ, יאָסעלעוויטש איז געבוירן געוואָרן אין דעם זאַ־מוטער שטעטל קרעטינגען און איז שפּעטער געוואָרן דער פּאַרטרויונגס־מאַן פון אַ ווילנער פּוילישן שררה, פאַר וועלכן ער פלעגט דורכפירן אַ ריי מיסיעס אין אויסלאַנד. שפּעטער איז ער געווען אַ צושטעלער ביי דער פּוי־לישער אַרמיי.

זיין קאַמפּס־פעיקייט און נייגונג צו קריגס־קונסט זאָל בערעק האָבן אַרויסגעוויזן שוין אין די חדר־יאָרן, ווען, אין קעגנזאַץ צו די איבעריקע חדר־יינגלעך, האָט ער ליב געהאַט צו שפּילן זיך מיט שווערדלעך און גע־מאַכטע פּיסטאָלעטן. אויך שפּעטער, דינענדיק אין דער פּוילישער אַרמיי, וועלכע האָט דאַן געקעמפט פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילן, האָט דער שפּעטערדיקער יידישער פּאָלקאָווניק אַרויסגעוויזן אין מאָמענטן פון געפאַר אַ זעלטענע קאַלטבלוטיקייט און דרייסטקייט.

אין יאָר 1794, ווען דער פּוילישער נאַציאָנאַלער העלד קאָשטשיושקאָ האָט זיך, נאָך זיין צוריקקער פון אַמעריקע, געשטעלט בראש פון פּוילישן אויפשטאַנד, האָט ער באַשטימט בערעקן אַלס אָנפירער פון אַ פּאָלק פון יידישע וואָלונטירן. ווי אַזוי איז אָבער קאָשטשיושקאָ געקומען צום געדאַנק וועגן אַ ספּעציעלער יידישער טייל?

דער באַקאַנטער היסטאָריקער פון פּוילישן יידנטום, ד״ר באַלאַבאַן, דריקט אויס די השערה, אַז קאָשטשיושקאָ האָט זייענדיק אין אַמעריקע זיך באַקענט מיט אַ ריי יידן וואָס האָבן געדינט אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און זיך אויסגעצייכנט אין אירע קאַמפן. קאָשטשיושקאָ זאָל האָבן געקענט די יידיש־אַמעריקאַנישע אָפיצירן פּרענקס, דע־לין, ווי אויך דעם פּוילישן ייד פון לעשנאָ (אין פּויזנער געגנט) חיים סאָלאָמאָן, וואָס האָט זיין גאַנצן פאַרמעגן געשטעלט צום רשות פון וואַשינגטאָן.

עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויף דער פּאָזיטיווער באַציונג פון קאָשטשיושקאָ צו די יידן האָט געווירקט די אַלגעמיינע נאָבעלע און טיף־הומאַניטאַרע איינשטעלונג פון פּוילנס גרעסטן נאַציאָנאַלן העלד, וועלכער האָט אַרויסגערופן גרויס אַכטונג אַפילו ביי די שונאים פון פּוילן. דאָס איז, אגב, צו זען פון קאָשטשיושקאָס אויפרוף צו דער פאַרמירונג פון דער יידישער מיליטערישער אָפּטיילונג. דער אויפרוף, וועלכער דערמאָנט אַ ריי

נאַציאָנאַלע העלדן פון דער ייִדישער געשיכטע, איז פול מיט שבחים פאַר דער העלדישקייט פון די ייִדן ווען זיי זענען געווען אַ זעלבשטענדיק פאָלק.

דער ניי־באַשטימטער ייִדישער פּאָלקאָווניק האָט זיך געווענדט מיט אַ פלאַם־פייערדיקן רוף צו די ייִדן.

„קינדער פון שבט ישראל" זענען גערופן געוואָרן „צו באַקומען ניי בלוט" אַנשטאָט דער וואָס איז פון זיי „אויסגעזויגן געוואָרן דורך גיפטיקע שלאַנגען זייט אַזוי פיל יאָרן". בערעק האָט ווייטער גערופן זיינע ברידער צוצושטיין צו קאָשטשיושקאָס אויפשטאַנד, „עפענען די פאַרמאַכטע אויגן" און קעמפן פאַר פרייהייט, וואָס איז „אונדז אַזוי זיכער און אויפריכטיק צו־געזאָגט געוואָרן". „לאָמיר קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד — ווערט געזאָגט צום סוף — כל־זמן מיר האָבן נאָך אַ טראָפּן בלוט. אויב מיר וועלן זיך נישט דערוואַרטן, וועלן אונדזערע קינדער לעבן פריי און זיכער און וועלן נישט אַרומבלאָנדזשען ווי ווילדע חיות".

דער רוף האָט געהאַט דערפאָלג. פון די וואָלונטירן איז געשאַפן גע־וואָרן אַ רייטער־פּאָלק, וועלכער איז באַלד אַריין אין קאַמף און האָט זיך אויך אויסגעצייכנט ביי דער פאַרטיידיקונג פון פּראַגע.

פון דעסט וועגן האָבן זיך געפונען אייניקע פּוילישע היסטאָריקערס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט ספיקות צי דער ייִדישער פּאָלק איז בכלל צו־שטאַנד געקומען און צי ער האָט טאַקע פאַרטיידיקט פּראַגע. זייערע ספיקות באַזירן זיך אויף דעם, וואָס דער אויפרוף צו פאָרמירן דעם ייִדישן רעגי־מענט איז אַרויס צו־שפּעט, אַז די ייִדן זאָלן באַוויזן צו באַטייליקן זיך אין די שלאַכטן אין פּראַגע. חוץ דעם האָט בערעק יאָסעלעוויטש באַקומען צו ווייניק געלט און דאָס אויך אין אַן אַנטוועורטיקטער וואַליוטע, אַז ער זאָל קענען פאָרמירן אַ גאַנצן פּאָלק.

אויף די דאָזיקע ספיקות האָט זיך מיט אַ יאָר צען צוריק אָפּגעשטעלט דער באַקאַנטער פּוילישער קריגס־היסטאָריקער און קריגס־מיניסטער פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן, גענעראַל קוקיעל. קוקיעל ציטירט דעם מעמאָראַנדום פון אַ געוויסן פּאַליאַק צו קאָשטשיושקאָס נאָכפאָלגער, וואַווזשעצקי, וועגן פאַרגרעסערן דעם ייִדישן רעגימענט ביז 1800 מאַן.

אינעם מעמאָראַנדום ווערט פאָרגעלייגט, אַז דער פאַרגרעסערטער יידישער רעגימענט זאָל אויסגעהאַלטן ווערן דורך די קהילות, אַז בערעק יאָסעלע־וויטש זאָל נישט האָבן דאָס רעכט צו באַשטימען פאַרן פאָלק אָפיצירן און אַז בערעק זאָל בכלל פאַרטראָטן ווערן, אַלס אָנפירער פון פאָלק, דורכן מחבר פון מעמאָראַנדום גופא.

קוקיעל פאַררופט זיך ווייטער אויף אַ ריי אַנדערע דאָקומענטן, און אויף נאָך אַ וויכטיקן פאַקט פון בערעק יאָסעלעוויטשעס לעבן. נאָכדעם ווי קאָשטשיושקאָס אויפשטאַנד איז דורכגעפאַלן, איז בערעק יאָסעלעוויטש אַנטלאָפן קיין גאַליציע. זייענדיק דאָרטן, האָט ער פאָרגעשלאָגן דער עסט־רייכישער מאַכט אַ פּראָיעקט צו שאַפן אַ יידן־קאָרפּוס פון עטלעכע טויזנט מאַן. אינעם טעקסט פון פּראָיעקט, וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דורכן לעמ־בערגער גובערנאַטאָר, ווערט אָבער אָנגעוויזן, אַז דער אויטאָר פון אים איז אַ זיכערער ייד, וועלכער האָט שוין, אַלס פּאָלקאָווניק, אָנגעפירט מיט אַ קאָרפּוס יידן קעגן די רוסן.

בערעקס פּלאַן פון אַ יידן־קאָרפּוס אין גאַליציע, וועלכער האָט, אגב, געפונען חן אין די אויגן פון דער לעמבערגער מאַכט, האָט אַנטהאַלטן גענויע אָנווייזונגען וועגן דער צאָל רייטער און אינפאַנטעריע אינעם קאָר־פּוס, וויפל העכערע און נידעריקערע אָפיצירן עס זאָלן זיין אין יעדער קאָמפּאַניע, צי עסקאַדראָן. עס ווערט דאָרטן אויסגערעדט, אַז עס דאַרף זיין איין פעלד־ראַבינער ביי דער אינפאַנטעריע און איינער ביי דער קאַוואַ־לעריע. די אויבערשטע אָנפירונג מיטן יידן־קאָרפּוס האָט זיך, אגב, גע־דאַרפט געפינען אין די הענט פון עסטרייכישע אָפיצירן. פונעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן, ווייל די צענטראַלע מאַכט אין ווין האָט זיך אַרויס־געזאָגט קעגן אים.

עד כאן בערעק יאָסעלעוויטש, אַלס אָנפירער און איניציאַטאָר פון יידישע מיליטער־טיילן.

בערעק האָט זיך פון זיין מיליטערישער קאַריערע נישט אָפּגעזאָגט אויך שפּעטער. דאַן איז זי אָבער געווען נאָר צווישן פּאָליאַקן. ווען עס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין פראַנקרייך פּוילישע לעגיאָנען, וואָס זענען אַריינ־געטראָטן אין נאַפּאָלעאָנס אַרמיי, איז בערעק יאָסעלעוויטש געוואָרן אַ טע־

טיקער אַנטיילנעמער אין אַלע קריגס־אָפּעראַציעס, אין וועלכע די לעגיאָ־נען האָבן זיך באַטייליקט. בערעק האָט אַנטייל גענומען אינעם איטאַליע־נישן מאַרש פון די לעגיאָנען און איז דאָרטן אויך געוואָרן פאַרוווּנדעט. שפּעטער איז ער מיטן פּוילישן מיליטער אַריבער אין רהיין־געביט.

צו יענער צייט האָט דער ייִדישער פּאַלקאָווניק גענומען פּילן שווע־ריקייטן צוליב זיין אָפּשטאַם. פון אַ בריוו פון קאָמאַנדיר פונעם לעגיאָן איז באַקאַנט, אַז טראָץ בערעקס אַנטייל אין צוויי איטאַליענישע קאַמפּאַניעס, האָט ער אָבער, קומענדיק קיין דייטשלאַנד, געמוזט אָפּטרעטן זיין פּלאַץ אין דער מיליטערישער יעראַרכיע צו אָפיצירן וועלכע האָבן נישט דורכ־געמאַכט אַזוי פיל קאַמפּאַניעס, ווי ער, און האָבן בכלל נישט געהאַט קיין דערפאַרונג אין שלאַכטן. גענעראַל קניאַזשעוויטש, דער אָנפירער פון לעגיאָן, גיט דערביי צו, אַז בערעקן קאָן מען גאָרנישט פאַרוואַרפן, אַ חוץ דעם וואָס ער איז נישט געבוירן געוואָרן קיין „שליאַכטשיץ״.

וואַרשיינלעך דאַרף מען עס טאַקע מיט דעם דערקלערן, וואָס בערעק פיגורירט דאַן אין פּוילישן מיליטער נישט אַלס פּאַלקאָווניק, נאָר אַלס קאַ־פּיטאַן. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו אויסצייכענען זיך אין די ווייטערדיקע שלאַכטן און צו באַקומען די העכסטע פּוילישע און אויך פראַנ־צויזישע קריגס־אָרדנס.

אין 1808 האָט בערעק יאָסעלעוויטש זיך צוריקגעקערט קיין פּוילן, וועלכע האָט דאַן געבילדעט דאָס וואַרשעווער גרויס־הערצאָגטום, ווו ער איז ווייטער פאַרבליבן ביי זיין מיליטערישער קאַריערע. אַ קורצע צייט נאָכדעם איז דער ייִדישער פּאַלקאָווניק געפאַלן בעת אַ צוזאַמענשטויס מיט עסטרייכער נעבן קאָצק. זיין אָנדענק איז שפּעטער באַערט געוואָרן דורכן פּוילישן נאַציאָנאַל־ראַט, וועמענס פאָרזיצער האָט אין אַ ספּעציעלער רעדע גערימט די פאַרדינסטן פון בערעקן און נישט געשפּאָרט קיין שבחים פאַר זיינע העלדישקייטן און אויפטוען.

אַ געבוירענער אין פּראַגע איז געווען בערעק יאָסעלעוויטשעס זון, וועלכער האָט זיך צוזאַמען מיטן פאָטער באַטייליקט אין אַ ריי קאַמפּאַניעס פון נאַפּאָלעאָנען. יאָסל בערקאָוויטש האָט אויך אַנטיילגענומען אין נאַפּאָ־

לעאָנס מאַרש אויף רוסלאַנד, פון וואַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט פיל ווונדן און אַן אָרדן פון ערן־לעגיאָן.

דער זון האָט אויך נאָכגעמאַכט דעם פאָטער, ווען בעתן אויסברוך פון פוילישן אויפשטאַנד פון 1831, האָט אויך ער זיך געווענדט מיט אַ רוף צו די ייִדן צוצוטרעטן צום אויפשטאַנד און אויסבילדן אַ ייִדישע אָפּ־טיילונג צווישן די אויפשטענדלער. זיין רוף האָט אָבער נישט געהאַט קיין דערפאָלג, ווייל קעגן דעם פלאַן פון אַ ייִדישער מיליטערישער טייל זענען געווען סיי די אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן פון דער וואַרשעווער קהילה, סיי די אַסימילאַטאָרישע קרייזן, וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז אין פאַל פון אַ דורכפאַל פונעם אויפשטאַנד זאָלן די פּאָליאַקן וואַרפן די שולד אויף די ייִדן.

יאָסלס קינדער האָבן שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע.

לאָדזש

די צווייטע גרעסטע שטאָט אין פּוילן, לאָדזש, איז, ווי באַקאַנט, אויך געווען דער צווייטער, לויט דער גרויס, יידישער צענטער אין פּוילן. מיט אַ פערטל מיליאָן יידן אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון קרוב צו דריי־פערטל מיליאָן איינוווינער, האָט לאָדזש געהאַט מער־ווייניקער דעם זעלבן פּראָצענט יידן, וואָס די הויפּטשטאָט פון פּוילן. לאָדזש האָט אָבער איר גרויסע יידישע באַפעלקערונג באַקומען אין אַ פיל קירצערער צייט ווי וואַרשע.

לאָדזש איז בכלל אַ נייע שטאָט. די פּוילישע „מאַנטשעסטער" האָט דורכגעמאַכט אַ שנעלערע אַנטוויקלונג, ווי דער צענטער פון דער ענגלישער טעקסטיל־אינדוסטריע. דאָס קליינע פּוילישע דאָרף, וועלכער איז געווען דער געבורט־פּלאַץ פונעם גרעסטן פּוילישן אינדוסטריע־צענטער, וואָלט, וואַרשיינלעך, פאַרבליבן אָרעם און אָפּגעשטאַנען, ווי די איבעריקע דערפער אין דער אָרעמער פּוילן, ווען די רעגירונג פונעם אויטאָנאָמען „קעניגרייך פּוילן" וואָלט אָנהייב פאַבריקן יאָרהונדערט נישט באַשלאָסן אָראָפּצוברענגען אַהין וועבער פון שלעזיע און זאַקסן, געבן זיי אומזיסט באָדן און באַזעצן זיי אויף אים בתנאי, אַז זיי זאָלן אויך ווייטער פאַרנעמען זיך מיט וועבעריי און זאָלן באַזאָרגן דאָס לאַנד מיט אייגענע וועב־שטאָפן.

דער עקספּערימענט איז געלונגען. די שטאָט האָט גענומען וואַקסן ווי אויף הייוון. פון נישט קיין גאַנצע טויזנט נפשות אין די 20ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, איז איר באַפעלקערונג אין משך פון 60 יאָר געוואַקסן ביז 150 טויזנט. צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט לאָדזש די דאָזיקע צאָל פאַרדאָפּלט; מיט אַ צענדליק יאָר שפּעטער — פאַרדרייפאַכט און צום הונדערטסטן יובל פונעם פאַרוואַנדלט ווערן פון דאָרף אין שטאָט, האָט שוין לאָדזש געציילט אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ האַלבן מיליאָן נפשות.

וועגן איבערראַשנדיקן וווקס פון פּוילישן „מאַנטשעסטער" זענען געשריבן געוואָרן פיל אויספאָרשונגען. מ'האָט אים דערקלערט מיט כלערליי

גינסטיקע סיבות: די געאָגראַפישע לאַגע פונעם קינפטיקן צענטער פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין סאַמע צענטער פון פוילן, דער גרויסער פיל־מיליאָניקער מאַרק פון פוילן גופא און פון רוסלאַנד, די ביליקע אַרבעטס־קראַפט, וואָס איז אומאויפהערלעך געפלאָסן פון די אַרומיקע אָרעמע פוי־ל'ישע דערפער, דער הויכער שוץ־טאַריף, וואָס רוסלאַנד האָט אין דער צוויי־טער העלפט פון פאַריקן י"ה איינגעפירט קעגן אויסלענדישע סחורות אאַז"וו. פאַרשטייט זיך, אַז פיל ווערט אויך צוגעשריבן דער אַרבעטס־לוסט, פלייס, אונטערנעמונג־גייסט און ענערגיע פון דער אינדוסטריעלער באַפעלקערונג פון דער שטאָט, דאָס הייסט פון די דייטשן און יידן. אָבער עס האָט זיך אויך באַמערקט אַ בולטע טענדענץ צו פאַרגרעסערן די ראָל פון די דייטשן און כסדר צו פאַרקלענערן די ראָל פון די יידן.

די דאָזיקע, גאָר נישט פרייע פון אַנטיסעמיטיזם, טענדענץ, איז אויך אַריבער צום זעלבשטענדיקן פוילן, און פוילישע פאָרשונגען וועגן לאָדזש און איר אינדוסטריע, פלעגן איבערחזרן דעם אַלטן צאַריש־רוסישן פזמון, אַז בלויז די דייטשע אונטערנעמונגען זענען געווען געבויט עכט־סוחריש און סאָליד, דאַקעגן די יידישע זענען געגרינדעט געוואָרן דורך געשעפט־מאַכער און ספּעקולאַנטן אויף געבאָרגטע געלטער, אָן אייגענע קאַפּיטאַלן, אָן קענטעניש פון דער אינדוסטריע, מיט ספּעקולאַציע־צוועקן, אד"גל.

די דאָזיקע בייזוויליקע קריטיק האָט אָבער אַרויסגעלאָזן פון אויג דעם פאַקט, אַז אין דער שנעלער אַנטוויקלונג פון דער לאָדזשער אינדוסטריע פאַר יענעם קריג, האָט אפשר די גרעסטע ראָל געשפּילט דער גרויסער רו־סישער מאַרק, מיט זיינע צענדליקער מיליאָנען אָפּנעמער, פון באַלטיקום ביזן פּאַסיפיק און פון די קאַלטע צפון־וואַסערן ביז קאַווקאַז און טורקעסטאַן. און אָט דעם דאָזיקן אומגעהייערן מאַרק האָבן פאַר לאָדזש דעראָבערט יידן, יידישע סוחרים, אַרומרייזנדיקע פאַרמיטלער, וואַיאַזשאָרן, וועלכע פלעגן אָנשפּאַרן מיט די ביליקע לאָדזשער סחורות אַפילו קיין מאַנדזשוריע און קאָרעאַ.

די יידישע באַפעלקערונג פון לאָדזש איז נישט געקומען צום גרייטן. זי איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דעם וווקס פון דער שטאָט און האָט דערי־בער דעם דאָזיקן וווקס אויך סטימולירט. מ'האָט די יידן לכתחילה גע־

שטערט. מ׳האָט זיי פאַרשפּאַרט אין אַ געטאָ, די נאַציס, נאָכן פאַרנעמען לאָדזש, האָבן געפונען אַרכיוו־מאַטעריאַלן, אַז דווקא די איינגעוואָנדערטע דייטשן האָבן עס געפאָדערט אַ געטאָ פאַר די יידן; מ׳האָט די יידן נישט געוואָלט אַריינגעמען אין די וועבער־צעכן; מ׳האָט נישט געוואָלט באַשעפטיקן קיין יידישע געזעלן, נישט געוואָלט בכלל זיי לערנען דעם וועבער־פאַך.

פון דעסט וועגן זענען שוין אין דער צווייטער העלפט פון פאַריקן י״ה געווען אין לאָדזש יידישע וועבער, פון וועלכע אייניקע זענען שפּעטער אויך אַריבער פון האַנטוועבערייען צו מעכאַנישע שטולן.

די יידישע באַפעלקערונג פון לאָדזש איז באַזונדערס געוואַקסן אין לעצטן פערטל פון פאַריקן יאָרהונדערט. מען דערקלערט עס מיטן צופלוס פון רוסישע יידן, וואָס האָבן פריער אויסגעוואַנדערט צוליב די פּאָגראָמען פון די 80ער יאָרן און שפּעטער צוליבן גירוש מאָסקווע. די „ליטוואַקעס״, וואָס זענען אין אַ גרויסן טייל געווען פאַרבונדן מיט דער מאָסקווער טעקסטיל־אינדוסטריע און מיט אירע אָפּזאַץ־מערק, האָבן עס שפּעטער געוווּנען אַ גרויסן טייל פון אָט־די מערק פאַר די לאָדזשער טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען.

די יידישע טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאָדזש איז דאָן לכתחילה געווען צוריקגעשטאַנען לגבי דער דייטשער. די דורכשניטלעכע צאָל אַרבעטער אין יידישע פאַבריקן, איז געווען קלענער, ווי אין די קריסטלעכע. דאָס גלייכן זענען די יידישע פאַבריקן אויך געווען ווייניקער מעכאַניזירט, ווי די נישט־יידישע (ד״ה פאַקטיש די דייטשע). די אַלגעמיינע מיינונג איז אָבער געווען, אַז די יידישע אונטערנעמונגען האָבן דאָך אויסגעהאַלטן די קאָנקורענץ, אַ דאַנק זייער בעסערער אָרגאַניזירונג.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז דער קאַמף וואָס יידישע אַרבעטער האָבן געדאַרפט אויסשטיין ביים אַריבערגיין פון האַנט־אַרבעט צו מעכאַנישער. אַפילו יידישע פאַבריקאַנטן האָבן געהאַלטן, אַז יידן דאַרפן בעסער בלייבן ביי האַנט־שטולן, הגם די האַנט־אַרבעט האָט זיך באַצאָלט אַ סך ווייניקער, ווי די מאַשין־אַרבעט. אַ גרויסער טייל פונעם יידישן פּראָלעטאַריאַט איז אַלזאָ פאַר יענעם קריג פאַרבליבן ביי דער ערגער־באַצאָלטער האַנט־אַר־

בעט, וועלכע האָט זיך, אגב, אויך באַנוצט אין אַ גרויסער מאָס מיט דער גאָר שטאַרק עקספּלואַטירטער אַרבעט פון פרויען און קינדער.

אויך אין זעלבשטענדיקן פּוילן איז געבליבן די זעלבע דערשיינונג. ייִדן זענען אין גרויסע פאַבריקן נישט געווען באַשעפטיקט, הגם די גרעסטע צאָל טעקסטיל־פאַבריקן האָט געהערט צו ייִדן, וועלכע האָבן, אגב, אויך געפירט דעם גאַנצן מאַנופאַקטור־האַנדל פון לאָדזש. דער פאַרלוסט פון גרויסן רוסישן מאַרק האָט טיילוויז קאָמפּענסירט די געוואַקסענע קויף־קראַפט פונעם אינערלעכן מאַרק פון נייעם פּוילן, און די נייע אויסלענדישע מערק, וואָס די ייִדן האָבן אויסגעפונען. לאָדזשער טעקסטיל סחורות האָבן, אַ דאַנק דער ייִדישער פאַרמיטלונג, גענומען גיין קיין ענגלאַנד, איר־דיע, פּערסיע און כינע, וועלכע פלעגן באַציִען ס׳רוב די ביליקע לאָדזשער אויסאַרבעטונגען, וואָס זענען גענוצט געוואָרן דורך דער דאָרטיקער אַרבע־טער און פּויערישער באַפעלקערונג. לאָדזשער ייִדישע פאַבריקאַנטן האָבן, פּונקט ווי זייערע קאָלעגן פון ביאַליסטאָק, אויך געגרינדעט טעקסטיל־אונטערנעמונגען מחוץ פּוילן. אויך ארץ־ישראל האָט געגאָסן פון דער עקס־פּאַנסיע פון די לאָדזשער ייִדישע טעקסטיל־אונטערנעמער. „לודזיה”, די ערשטע טעקסטיל־אונטערנעמונג אין ארץ־ישראל, איז ווי איר נאָמען אַליין באַווייזט, אַ פּראָדוקט פון לאָדזשער אונטערנעמונגס־גייסט און ענערגיע.

אַ נייע שטאָט מיט אַ נייעם ייִדישן ישוב, איז לאָדזש שנעל געוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ נייער עיר ואם בישראל. דער צווייטער, לויט דער גרויס, ייִדישער צענטער אין פּוילן, איז נישט אָפּגעשטאַנען פון וואַרשע אין דער הינזיכט פון אינערלעכער קראַפט און נאַציאָנאַלער אָרגאַניזירונג. אַ געמישטער ישוב פון שטאַרקע אָרטאָדאָקסישע טיילן און אויפגעקלערטע עלעמענטן, פון גערער און אַלעקסאַנדערער חסידים און פריידענקערישע אַרבעטער, פון אַ שטאַרקער ציוניסטישער באַוועגונג און קרעפטיקע ייִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פון אַ פאַרצווייגטן ייִדישן שול־וועזן און אַ גע־זונטער העברעיִשער באַוועגונג, פון ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פון אָרגאַניזאַציעס פון ייִדישן סוחרטום און האַנטווערקער, פון פיל בתי־מדרשים און שטיבלעך פון איין זייט און פון ייִדישע אַרבעטער־שולן און

קלובן פון דער צווייטער זייט — האָט די ייִדישע לאָדזש געשפּילט מיט אַלע פאַרבן פונעם וווּנדערבאַרן פּויליש־ייִדישן רעגנבויגן.

די „מעטראָפּאָליע" לאָדזש האָט געווירקט אויפמונטערנדיק און באַלעבנ־דיק נישט נאָר אויף אירע „קאָלאָניעס", אויף פּאַביאַניץ, זגיערזש, אַלעק־סאַנדער, אָזאָרקאָוו, נאָר אויך אויף די ווייטערע בענדין און קאַליש. דערביי איז לאָדזש אין איר ייִדישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אַרבעט געווען, ווי עס שיינט, טיפער און ערנסטער, ווי די פּוילישע עיר הבירה, וועלכע האָט זיך פיל געקענט אָפּלערנען פונעם ענערגישן, אַרבעטסלוסטיקן און אונ־טערנעמערישן ייִדישן ישוב אין לאָדזש, וואָס האָט אין איכות פון זיין טע־ביקייט אָפט איבערגעשטיגן וואַרשע. וואָרום אויב די לעצטע האָט געהאַט, אַ שטייגער, די גרויסע חלוצישע גראָכאָוו־פאַרם, האָט לאָדזש געקענט שטאָלצירן מיטן גרויסן אינדוסטריעלן „קיבוץ־באָראָכאָוו".

דער שרעקלעכער שיקזאַל פון וואַרשעווער ייִדנטום האָט לכתחילה אויסגעמיטן לאָדזש. צי צוליב דעם, וואָס די שטאָט איז באַלד, נאָכן פאַר־נעמען זי דורך די דייטשן, איינגעשלאָסן געוואָרן דורך זיי אינעם רייך און דערפאַר אפשר זענען אויף איר נישט חל געווען די מנובלדיקע אויסראָ־טונג־פאַראָרדענונג פונעם „גענעראַל־גאָווערנאַמענט", צי ווייל די ייִדישע באַפעלקערונג פון לאָדזש איז געווען שטאַרק באַשעפטיקט אין דער דאָר־טיקער טעקסטיל־פאַבריקאַציע, און די דייטשן האָט געפעלט אַרבעטס־הענט פאַר זייערע טעקסטיל און אַנדערע אינדוסטריעס אין לאָדזש — דער איינדרוק איז געווען, אַז די לאָדזשער ייִדן, פאַרשפּאַרט אינעם ענגן געטאָ פון דער אָרעמסטער באַלוט, ווערן טיילווייז געשוינט דורך די דייטשע תלינים, וועלכע דאַרפן זיי האָבן אַלס אַרבעטער.

אָבער די דייטשע תלינים האָבן אויך דעם לאָדזשער ייִדנטום פאַר־ניכטעט.

לובלין

ווער עס האָט אַמאָל באַזוכט לובלין און האָט זיך באַקאַנט מיטן ייִדישן טייל פון אָט דער אַלטער פּוילישער שטאָט, איז געוויס געווען איבערראַשט פונעם אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון ייִדישן לובלין. די ענגע, אָפט קרומע געסלעך, וואָס שלענגלען זיך דורך דער אַמאָליקער ייִדישער געטאָ, די אַלטע הייזער מיט זייער מאָדנער, אַלט־פראַנקישער אַרכיטעקטור, די געדיכט באַוווינטע הויפן און קעלערס און די געוויינטלעכע אין פּוילן ייִדישע אָרעמקייט, וואָס האָט זיך אין לובלין געלאָזט פילן אומעטום — דאָס אַלץ האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן איינדרוק.

דער איינדרוק איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די אַלטע שולן און בתי־מדרשים פונעם אַמאָליקן ייִדישן לובלין. די שול פון מהרש״ל, דאָס בית־מדרש וואָס איז געגרינדעט געוואָרן דורך דעם „איינטאָגיקן ייִדישן קעניג״ פון פוילן, שאול וואהל, די „פּרנס״־שול און אַנדערע אַלטע געביידעס האָבן דערמאָנט דעם באַזוכער וועגן דער גרויסער געשיכטע פון דער ייִדישער קהילה אין לובלין, וועגן דעם אַקטיוון און לעבעדיקן צענטער פון ייִדישער לומדות אין דער שטאָט פון מהרש״ל, מהר״ם און פיל אַנדערע גרויסע רבנים; דער צענטער פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין אַלטן פוילן, דעם זיץ־אָרט פונעם ועד ארבע ארצות, פון זיינע אָנפירער, פּרנסים און ריכטער.

דער ייִדישער ישוב אין לובלין איז טאַקע אַלט, זייער אַלט. מען דענקט, אַז די דאָזיקע, איינע פון די עלטסטע שטעט אין פוילן, האָט געהאַט ייִדן נאָך מיט העכער 600 יאָר צוריק. הגם דער טראַגיש אומגעקומענער היסטאָריקער פון פוילישן ייִדנטום, ד״ר מאיר באַלאַבאַן, וועלכער האָט זיך ספּעציעל פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון די ייִדן אין לובלין, האַלט, אַז ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין לובלין ערשט צום סוף פון 14טן יאָרהונדערט. פאַר דער ייִדישער קאָלאָניזירונג אין לובלין, פּונקט ווי אין אַ ריי אַנדערע פוילישע שטעט, איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס לכתחילה האָבן די ייִדן געוווינט אַרום דער שטאָט, אין אַ פּלאַץ וואָס האָט דעריבער געהייסן „פּיאַס־

קי זשידאָווסקיע". ערשט מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען זיי דערלויבט צו באַזעצן זיך אין אַ ספּעציעלן טייל פון דער שטאָט. באַלאַבאַן ברענגט דעם פאַקט, אַז אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט האָט בלויז איין ייִד געהאַט שטענדיקן וווינרעכט און אַן אייגענע היים אין לובלין. געווען איז עס, ווי געוויינטלעך, אַ שטייער־פּאַכטער מיטן נאָמען יאָסקע שאַכנאָוויטש. אין מיטן פון 16טן יאָרהונדערט האָט שוין אָבער לובלין געציילט עטלעכע הונדערט ייִדן.

דער ווייטערדיקער שנעלער וווּקס פון ייִדישן ישוב אין לובלין און זיין אויפשטייג צו דער אָנפירנדיקער ייִדישער קהילה אין פּוילן, איז, ווייזט אויס, געגאַנגען צוזאַמען מיטן שנעלן וווּקס פון דער שטאָט גופא. אַ גרויסער אַדמיניסטראַטיווער און האַנדלס־צענטער אין אַלטן פּוילן, איז לובלין פרי געוואָרן אַן אָרט פאַר גרויסע ירידים פון דער גאַנצער פּויליש־ליטווישער מדינה, וועלכע האָבן צוגעצויגן צו זיך סוחרים אויך פון אויסלאַנד. לובלין האָט דאַן פאַרמיטלט אין די האַנדלס־באַדינגונגען צווישן דעם סלאַווישן מזרח און דעם דייטשן מערב.

די ייִדן האָבן גענומען דעם אַקטיווסטן אַנטייל אינעם דאָזיקן האַנדל, ווייט איבערלאָזנדיק הינטער זיך דעם פּוילישן און אַרמענישן האַנדלס־עלעמענט. רויכוואַרג, פעלן, געהילץ און וואַקס, וואָס פלעגט דורך בריסק אָנקומען פון ליטע און רוסלאַנד קיין לובלין, און פון דער אַנדערער זייט, פאַרשיידענע שטאָפן, זיידנס, אייזן־סחורות און געווירצן, וואָס פלעגן געפירט ווערן פון מערב־אייראָפּע קיין פּוילן, — דאָס אַלץ פלעגט אַדורכגיין לובלין. פון די פאַרבליבענע צאָל־ביכער פון לובלין איז צו זען, אַז ייִדן האָבן געשפּילט אינעם דאָזיקן עקספּאָרט און אימפּאָרט־האַנדל די וויכטיקסטע ראָל. לובלינער ייִדישע סוחרים מיט פוטערס פון ליטע און רוסלאַנד, פלעגן, צוזאַמען מיט בריסקער און לעמבערגער ייִדן, זיין אָפטע און בכבודיקע געסט אויף די באַרימטע ירידים אין לייפּציק און פראַנקפורט אַם מיין.

די לובלינער ירידים וואָס האָבן, ווייזט אויס, אויך געדינט אַלס טרעף־פּונקט פאַר די פאַרשטייער פון די וויכטיקסטע ייִדישע קהילות אין פּוילן, האָבן זיי באַוויגן צו שאַפן דעם ערשטן ייִדישן צענטראַלן געריכט פאַר

גאַנץ פּוילן, אין באַשטאַנד פון די דעלעגאַטן פון די פיר גרעסטע ייִדישע קהילות, פון לובלין גופא, קראָקע, לעמבערג און פּויזן. עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, וואָס לובלין איז עס אויך געווען די שטאָט, ווו עס איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרן דער ועד ארבע ארצות.

דער דאָזיקער ייִדישער פּאַרלאַמענט פון פּוילן און ליטע האָט אין משך פון הונדערט יאָר אָפּגעהאַלטן כמעט אַלע זיינע סעסיעס אין לובלין. אינעם זעלבן לובלין האָט זיך אויך געפונען די אָנפירונג פונעם ועד, בראש מיטן ייִדישן „מאַרשאַל”, די פּרנסים, ריכטער און שרייבער.

דער אויפשטייג פון לובלין צו דעם אָנפירנדיקן צענטער פון פּויליש־ליטווישן ייִדנטום דאַרף, זיכער, צוגעשריבן ווערן דעם פאַקט, וואָס לובלין איז אין יענער צייט געווען אויך אַ צענטער פון ייִדישער לומדות אין פּוילן. אין לובלין זענען געווען טעטיק, ווי שוין דערמאָנט, דער מהרש״ל און מהר״ם. די גרויסע לובלינער ישיבות זענען געווען באַרימט ווייט מחוץ פּוילן. וועגן דער באַטייטונג פון לובלין אַלס גייסטיקער צענטער, רעדט אויך דער פאַקט, וואָס די ערשטע ייִדישע דרוקעריי אין פּוילן, וואָס האָט אַרויסגעלאָזן ש״סן, איז אַנטשטאַנען אין לובלין. אויף איר דרוק־אַרבעט האָט זי, אַגב, באַקומען פון דער מלוכה מאָנאָפּאָל־רעכט. דאָס דרוקן דעם ערשטן ש״ס אין דער דאָזיקער דרוקעריי, האָט געדויערט צען יאָר און איז פאַרענדיקט געוואָרן אין 1628.

לובלין האָט אויך געשיקט אירע זין לערנען אין אויסלאַנד וועלטלע־כע לימודים, דער עיקר, מעדיצין. דער רום פון די לובלינער ייִדישע דאָק־טוירים האָט דערגרייכט ביזן קעניגלעכן הויף אין וואַרשע, ווו איינער פון די לובלינער דאָקטוירים איז געוואָרן הויף־דאָקטאָר.

די בלי־תקופה פון ייִדישן ישוב אין לובלין איז אָבער, ווי אומעטום אין פּוילן, פאַרטונקלט געוואָרן דורך דער טעטיקייט פון קריסטלעכן ביר־גערטום. די אָנקלאַגעס מצד אים צו דער קעניגלעכער מאַכט און די אָנ־פאַלן אויף די ייִדן, פלעגן זיך אָפּט פאַרענדיקן מיט באַגרענעצן די רעכט פון די ייִדן צו וווינען און צו האַנדלען אין דעם אָדער יענעם טייל פון שטאָט, אָדער מיט באַזייטיקן זיי פון געוויסע צווייגן פון האַנדל און מלאכה.

די לאַגע האָט זיך שטאַרק פאַרערגערט, ווען לובלין איז געוואָרן אַ

גרויסער קאַטויליש־רעליגיעזער צענטער און דאָרטן איז אַנטשטאַנען אַ קאָלעגיע און דרוקעריי פון יעזויִטן־אָרדן, וועלכע האָבן גענומען טרייבן אַן אַקטיווע אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע.

דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַרן ייִדישן לובלין, פּונקט איבעריקנס, ווי פאַר פיל אַנדערע שטעט אין דרום־פּוילן, איז געקומען אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט. דער חורבן אין לובלין איז געווען באַזונדערס גרויס, ווייל די שטאָט איז פאַגראַמירט געוואָרן סיי דורך די קאָזאַקן, און אַזוי אויך שפּע־טער דורך די שוועדן, וועלכע האָבן דאַן אָקופּירט אַ באַטייטנדיקן טייל פון פּוילן. לובלין, וווהין עס האָבן זיך בעת דער „כמיעלניטשיִנע" געראַטע־וועט פיל ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך, האָט דאַן צוגעזען דעם טראַגישן אומקום פון פיל טויזנטער ייִדן, צווישן די קדושים זענען אויך געווען פיל באַקאַנטע רבנים און לומדים.

טראָץ דעם קאַמף פון קריסטלעכן בירגערטום און קלער קעגן די ייִדן, האָט אָבער די צענטראַלע מאַכט געטאָן שפּעטער אַלץ, כּדי צוריקצוציִען ייִדן קיין לובלין און העלפן זיי דאָרטן אויפריכטן זייער אַלטע און באַרימ־טע קהילה. צו דעם צוועק האָט מען די ייִדן געגעבן כלערליי הנחות, פאַר־קלענערט די שטייערן, באַפרייט פון אויסהאַלטן מיליטער און פון צושטעלן דערנערונג פאַר דער שטאָטישער וואַך, באַשטעטיקט די אַלטע ייִדישע קאָנטראַקטן וועגן אויסאַרבעטן ביר, מעד און בראָנפן, געגעבן אַ ספּעציעלן שוץ דעם בית־החיים אד"גל. די ווידער־אויפריכטונג פונעם ייִדישן ישוב אין לובלין איז אָבער צוגעגאַנגען מיט שוועריקייטן, — דער עיקר, צוליב דער שאַרפער ייִדן־פיינדלעכער שטעלונג פונעם קאַטוילישן קלער.

דאָס ייִדישע לובלין האָט דאַן געהאַט פיל צו טאָן מיט עלילת־דם־פּראָצעסן. לובלין איז געווען דאָס זיץ־אָרט פונעם קרוין־טריבונאַל פאַר גאַנץ פּוילן, וווהין עס פלעגן אָנקומען פיל פּראָצעסן וועגן בלוט־בלבולים אין לאַנד. די לובלינער קהילה פלעגט נעמען דעם אַקטיווסטן אָנטייל אין די פּראָצעסן, אַרויסטרעטנדיק אַלס פאַרטיידיקערין פון די אומשולדיקע. דאָס ייִדישע לובלין האָט דאַן געדאַרפט צוזען דאָס שרעקלעכע בילד פון אַ ריי אומשולדיקע ייִדן, וואָס זענען געפּערטלט געוואָרן צי אומגעבראַכט געוואָרן

אויף אַן אַנדער באַרבאַרישן אופן, פאַלנדיק אַלס קרבנות פון דער ווילדער און באַרבאַרישער באַשולדיקונג קעגן ייִדן.

אין די רוסישע צייטן איז לובלין אויסגעוואַקסן צו אַן אָנזעעוודיקן אינדוסטריעלן צענטער אין פוילן. שטיצנדיק זיך אויף דער אַרומיקער פאַר־מעגלעכער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָווינץ, האָט לובלין אויפגעשטעלט אַ ריי ברויערייען, תבואה־מילן, גאַרבערייען, ציגעלניעס, טאַבאַק־פאַבריקן אד״גל, אין וועלכע ייִדן האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל. די ייִדישע באַ־פעלקערונג פון לובלין איז געוואַקסן און האָט פאַרן ערשטן וועלט־קריג אויסגעמאַכט אַ העלפט פון דער זעכציק טויזנטדיקער איינוווינערשאַפט פון דער שטאָט.

אין זעלבשטענדיקן פוילן האָט לובלין זיך ווייטער פאַרגרעסערט, אָבער די ייִדישע באַפעלקערונג איז, טראָץ דעם אַבסאָלוטן וווקס, פּראָצענ־טועל שטאַרק געפאַלן און האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגעטראָפן נאָר אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער שטאָט.

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט לובלין באַקומען איר באַרימטע ישיבת חכמי לובלין, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען הרב שפּירא, וועלכער האָט געוואָלט באַנייען די אַלטע טראַדיציע פון לובלין, אַלס לומדישן צענ־טער. לובלין איז בכלל געווען באַקאַנט אין זעלבשטענדיקן פוילן אַלס צענטער פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע.

אין אָנפאַנג פון צווייטן וועלט־קריג האָט לובלין, כידוע, געזאָלט לכת־חילה ווערן דער צענטער פון אַ „ייִדישן רעזערוואַט״. שפּעטער איז אין לובלין געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ, וווהין די היטלערישע מערדער האָבן פאַר־טריבן ייִדן אויך פון אַרומיקע שטעטלעך. נאָך שפּעטער איז לעבן לובלין, אין מאַידאַן טאַטאַרסקי, אַנטשטאַנען איינער פון די גרעסטע קאָנצענטראַ־ציע־לאַגערן אויף אומצוברענגען די ייִדן.

צוויזמיר און די יידן אין קליין־פוילן

ווען האָבן זיך ייִדן באַוויזן אין קליין־פוילן, דאָס הייסט אין יענעם טייל פון פוילן, וועלכער איז באַקאַנט אונטערן נאָמען גאַליציע און צו וועלכן עס געהערן קראָקע, לעמבערג, יאַראָסלאַוו, סאַנדאָמיר און אַנדערע שטעט?

די דאָזיקע פראַגע שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרויסן אינטערעס צוליב דעם וואָס די ערשטע פריווילעגיע צו וווינען אין פוילן, די אמתע „מאַגנאַ קאַרטאַ" פון פוילישן ייִדנטום, דער אַזוי גערופענער „קאַלישער סטאַטוט", האָט זיך באַצויגן, ווי זיין נאָמען אַליין באַווייזט, צו גרויס־פוילן, דאָס הייסט צום מערבדיקן טייל פון דער פוילישער מדינה, וועלכער גרענעצט זיך מיט דייטשלאַנד, פון וואַנען ייִדן זענען געקומען קיין פוילן, אַנטלויפנדיק פון די שרעקלעכע שחיטות בעת די קרייצצוגן. דער „קאַלישער סטאַטוט" איז זיכער אויסן געווען נישט נאָר די אינטערעסן פון די געיאָגטע און גע־רודפטע דייטשע ייִדן, נאָר אויך, און אפשר אין אַ גרעסערער מאָס, די אינ־טערעסן פון פוילן גופא. די חרובע, נאָך דער שרעקלעכער טאַטערישער אינוואַזיע, פוילישע פירשטנטומס האָבן זיך געניטיקט אין עלעמענטן פון מערב פאַרן אויפבוי פון זייערע שטעט, דער אַנטוויקלונג פון האַנדל, דער אויפשטעלונג פון האַנטווערק. דער אויטאָר פון דעם „קאַלישער סטאַטוט", דער קאַלישער פירשט באָלעסלאַוו, האָט צו זיך אַראָפּגעבראַכט צו דעם צוועק אויך דייטשן. אָבער סיי די ייִדן, סיי די דייטשן זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אינעם מערבדיקן גרויס־פוילן און נישט אינעם דרומדיקן קליין־פוילן.

וואָס שייך סאַנדאָמיר, אָדער ווי עס הייסט ביי די ייִדן, צוויזמיר, איז וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין דער דאָזיקער אַמאָל אָנפירנדיקער שטאָט פון „מדינת פוילין קטן" פיל ווייניקער באַוווּסט, ווי וועגן דער געשיכטע פון די ייִדן אין קראָקע און לעמבערג. מ׳האַלט, אַז די ייִדישע קהילה אין צוויז־

מיר איז איינע פון די עלטסטע אין פוילן. אַלס אַ באַווייז פאַר דעם קען דינען דער פאַקט וואָס דער ערשטער געשיכטע־שרייבער פון פוילן, דלוגאָש, וועלכער האָט געלעבט אין 15טן יאָרהונדערט, דערמאָנט וועגן יידישן בית־עולם לעבן סאַנדאָמיר.

אַ צווייטער און פיל וויכטיקערער באַווייז פון דער אַלטקייט פונעם יידישן ישוב אין סאַנדאָמיר איז דער פאַקט, וואָס סאַנדאָמיר, צוזאַמען מיט קראָקע און לעמבערג, זענען עס יענע דריי יידישע קהילות אין קליין־פוילן, וועלכע האָבן מיט הונדערט יאָר שפּעטער באַקומען פון קאַזימיר די גרויסע רעכטן און פּריווילעגיעס, וואָס די יידן אין גרויס־פוילן האָבן אין יאָר 1264 באַקומען פון באָלעסלאַוו דעם פרומען.

דער אויבן־דערמאָנטער פּוילישער היסטאָריקער און יידן־פיינד דלוגאָש שרייבט צו, כידוע, דעם דאָזיקן פאַקט דעם איינפלוס פון דער האַלב־לעגענדאַרער יידישער פרוי פון קאַזימיר, אסתרקע. זי, די דאָזיקע טאָכטער פון יידישן שניידער אין אָפּאָטשנע, האָט עס געווירקט אויפן באַרימטן פּוילישן קעניג, אַז ער זאָל אַרויסווייזן אַזאַ גרויסן חסד צו די יידן אין קליין־פוילן בכלל און אין דער דעראָבערטער דורך אים מזרח־גאַליציע בפרט. דלוגאָשעס „דערקלערונג” איז געפאַלן צום גוסט פיל פּוילישע אַנטיסעמיטן נאָך אים, וועלכע האָבן נישט געוואָלט איינזען דעם פשוטן פאַקט, אַז דער קעניג, וואָס האָט ווייט אויסגעברייטערט די גרענעצן פון פוילן און וואָס גילט בכלל אין דער געשיכטע אַלס איינער פון די גרעסטע פּוילישע שטאַטסלייט, האָט מיט די גענעראַל־פּריווילעגיעס צו די יידן געשטרעבט צוצובינדן צו דער פּוילישער מלוכה אַן עלעמענט, וואָס האָט געשפּילט אַן אומגעהויערע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פון די שטעט אין קליין־פוילן, גרויס־פוילן און די איבעריקע טיילן פון דער ניי־אויסגעברייטערטער פּוילישער מלוכה, וועלכע האָט פאַר קאַזימירן און די איבעריקע יאַגעלאָנער דערגרייכט איר גרעסטע מדרגה און איז, אַדאַנק זיי, געוואָרן די גרעסטע מלוכה אין אייראָפּע.

די פּריווילעגיעס וואָס די סאַנדאָמירער יידן האָבן באַקומען, האָבן ווייזט אויס געהאַט אַ גרויסע פעולה, וואָרום די צאָל יידן אין סאַנדאָמיר האָט גענומען וואַקסן און האָט מיט 100־150 יאָר שפּעטער דערגרייכט אַ

באַטייטנדיקע ציפער. דער וווּקס פונעם ייִדישן ישוב האָט, ווי געווייִנטלעך, געבראַכט צו אַ וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם. עס איז אַוועק אַ סדרה באַגרע־נעצונגען קעגן ייִדן און רדיפות.

צו אַ פולן חורבן פונעם סאַנדאָמירער ישוב איז געקומען אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט. ווי פיל אַנדערע ייִדישע קהילות פון פּוילן, וועלכע האָבן פון דער „כמעלניטשינע" גופא נישט געליטן, איז סאַנדאָמיר גע־טראָפן געוואָרן דורך די מלחמות וואָס זענען געקומען נאָך דער „כמעל־ניטשינע". סאַנדאָמיר האָט דאַן געטיילט דעם ביטערן גורל פון די ייִדישע קהילות אין מערב־ און צענטראַל־פּוילן, וועלכע האָבן שווער געליטן פון דער פּויליש־שוועדישער מלחמה. די קהילה אין סאַנדאָמיר איז צום טייל אומגעקומען, צום טייל געוואָרן פאַרטריבן.

ערשט אַדאַנק די כסדרדיקע שריט פון אַ ריי פּוילישע הערשער, וועל־כע האָבן געגעבן די פאַרטריבענע ייִדן פּריווילעגיעס און הנחות, ביי צאָלן שטייערן, ביים האַנדלען אאַז"וו, האָבן זיך די ייִדן צוריקגעקערט צו זייער אַלטן וווין־פּלאַץ און סאַנדאָמיר האָט ווידער באַקומען אַ ייִדישע קהילה.

מיט סאַנדאָמיר האָט זיך, אַלזאָ, איבערגעחזרט די זעלבע געשיכטע וואָס מיט די ייִדישע קהילות אין מזרח־פּוילן, וואָס האָבן שטאַרק געליטן פון די כמעלניצקי־פּאָגראָמען און פון דעם רוסיש־פּוילישן קריג, וואָס איז געקומען נאָך זיי. אויך דאָרטן, דאָס הייסט אין אוקראַיִנע און ווייס־רוס־לאַנד, האָט די קעניגלעכע מאַכט אָנגעווענדט פיל באַמיִונגען אַז די אַנט־לאָפענע ייִדישע באַפעלקערונג זאָל זיך צוריקקערן צו אירע אַלטע וווין־שטעט. די דאָזיקע פּילאָסעמיטישע פּאָליטיק פון דער קעניגלעכער מאַכט לגבי די פּאָגראָמירטע און פאַריאָגטע ייִדן לאָזט זיך דערקלערן נישט נאָר מיט דער זאָרג פאַרן ווידער־אויפבוי פון די חרוב־געוואָרענע בעת דער „כמעלניטשינע" שטעט. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די קעניגלעכע מאַכט, וועלכע איז, כידוע, בכלל געווען שוואַך אין פּוילן, האָט באַטראַכט די ייִדן אַלס אַן עלעמענט אויף וועלכן זי האָט זיך געקענט שטיצן אינעם קאַמף קעגן דער „שליאַכטע" און דעם קלער, וועלכע האָבן, ווי באַקאַנט, מיט זייער אייגנ־נוציקער פּאָליטיק אָפּגעשוואַכט די צענטראַלע מאַכט און דערפירט די גאַנ־

צע מדינה צו אַזאַ מצב, אַז זי האָט געקענט לייכט צעטיילט ווערן דורך אירע שטאַרקע שכנים.

אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט איז סאַנדאָמיר געווען דער שויפּלאַץ פון אַ ריי ריטועלע פּראָצעסן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז אינסצעניזירט געוואָרן דורך אַ גלח, זשוכאָווסקי, וועלכער האָט איבערגעלאָזן אַ באַשרייבונג פון דער גאַנצער עלילת־דם־געשיכטע, וועלכע וואַרפט אַ שיין אויף די עלילת־דם־פּראָצעסן אין אַלטן פּוילן.

אָנגעהויבן האָט זיך די גאַנצע זאַך מיט אַ ממזר, וואָס איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן צו אַ ייִדיש הויז דורך דער מוטער פון ממזר. די פּרוי האָט שפּעטער דערציילט, אַז דער ממזר איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער קלער. מ׳האָט די פּרוי אָנגעהויבן צו פּייניקן און געצוווּנגען זי צו ענדערן איר פריִערדיקע דערקלערונג אויף אַ נייער, און נעמלעך, אַז זי האָט פאַרקויפט דאָס קינד צום ייִדן, וועלכער האָט עס געהרגעט פאַר ריטועלע צוועקן. דער ענין איז אַריבער צום מלוכה־טריבונאַל אין לובלין. דער קלער האָט געאַרבעט מעשים אַז מ׳זאָל דעם ייִדן פאַרמשפּטן. מ׳האָט אַוועקגעשיקט קיין לובלין ספּעציעלע שליחים מיט דער ביטע צו פאַראורטיילן דעם ייִדן. ווען ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס געריכט איז נישט איינשטימיק איבער דער זאַך, האָט מען פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די ייִדן האָבן אונטערגעקויפט די ריכטער. דער אומשולדיקער ייִד איז געפּייניקט געוואָרן, אָבער ער האָט נישט אויפגעהערט צו לייקענען זיין שולד. ווען פון וואַרשע איז אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג נישט צו טויטן דעם באַשולדיקטן ביז וואַנען דער ענין וועט נישט באַטראַכט ווערן נאָך אַמאָל, האָט מען פון סאַנדאָמיר אַוועקגעשיקט אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, אַז זי זאָל ווירקן קעגן דעם.

דער סוף איז געווען, אַז די אויפגעהעצטע קריסטלעכע באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם. אייניקע ייִדן זענען דערמאָרדעט געוואָרן, ייִדיש האָב און גוטס איז צעראַבירט געוואָרן.

די „מיעשטשאַנעס" האָבן אָבער דערגרייכט אויך נאָך אַ ציל. זיי האָבן זיך געווענדט צו דער צענטראַלער מאַכט, אַז מ׳זאָל די ייִדן בכלל אַרויסטרייבן פון סאַנדאָמיר. דער קעניג האָט נאָכגעגעבן דער פאָדערונג. דער

פאַנאַטישער גלח האָט אויך „פּאַראַייביקט" די גאַנצע עלילת־דם־געשיכטע דורך דעם, וואָס אין אַ קלויסטער איז אויפגעהאַנגען געוואָרן אַ בילד, וואָס שטעלט פאָר ווי אַזוי די קריסטלעכע מוטער פאַרקויפט דעם ממזר די יידן און די לעצטע דערמאָרדן אים.

פופציק יאָר נאָכן גירוש האָט סאַנדאָמיר פון דעסט וועגן ווידער גע־האַט אַ יידישע באַפעלקערונג פון עטלעכע הונדערט נפשות. זיי האָבן אָבער נישט געטאָרט וווינען לעבן קריסטלעכע גייסטלעכע און אַדלליט; אויך די צאָל יידישע הייזער איז געווען באַגרענעצט. פרעמדע יידן האָבן בכלל נישט געטאָרט זיין אין דער שטאָט אַאַז"וו.

ערשטע שפּעטער, ווען נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן איז סאַנדאָ־מיר אַריבער צו עסטרייך, איז די לאַגע פון סאַנדאָמירער יידן געוואָרן בע־סער. זיי האָבן באַקומען דאָס רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה, מ'האָט אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן זיי.

אין רוסלאַנד איז סאַנדאָמיר געווען אַן „אויעזדנע" שטאָט פון ראַדאָ־מער גובערניע. אויך אין זעלבשטענדיקן פּוילן איז זי געווען אַ קליינע אומבאַטייטנדיקע שטאָט. אַ פּאָר יאָר פאַרן קריג איז אָבער סאַנדאָמיר פּלו־צים אַרויפגעשווומען אויפן אויבער־פלאַץ פון לעבן אין פּוילן. געשען איז עס אין שייכות מיט אַ גרויסצוגיקן פּראָיעקט וועגן שאַפן אין פּוילן אַ צענטראַלן אינדוסטריעלן ראַיאָן. די הערשנדיקע דאַן פאַקטאָרן האָבן באַ־שלאָסן אַז דער דאָזיקער ראַיאָן דאַרף אויפשטיין לעבן סאַנדאָמיר, אַלס אַ שטאָט וואָס ליגט אין סאַמע צענטער פון פּוילן און איז דעריבער נישט באַדראָט אין פאַל פון אַ קריג.

אַרום סאַנדאָמיר האָט זיך, אַלזאָ, אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע טעטי־קייט. אין און אַרום דער שטאָט האָט מען אָנגעהויבן אויפשטעלן פאַבריקן און וואַרשטאַטן. אין דער שטילער דאָרפישער געגנט צווישן ווייסל און דעם סאַן, וועלכע האָט געגאָלטן אַלס תבואה־שפּייכלער פון פּוילן, האָט מען גע־נומען אַריינפירן קוילן פון אויבערשלעזיע, נאַפט פון מזרח־גאַליציע און כעמישע פּראָדוקטן פון ראַזשוב און מאָשטשיצע, ווו עס איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע כעמישע אינדוסטריע, וועלכע האָט אַרויסבאַקומען שטיק־שטאָף

לויט אַ נייעם מיטל, דערפונדן דורכן געוועזענעם פוילישן פרעזידענט מאָשטשיצקי, וועלכער איז געווען אַ באַקאַנטער כעמיקער.

דער קליינער ייִדישער ישוב פון סאַנדאָמיר האָט אָבער פון דעם אַלעם ייִשט גענאָסן.

יעקב פראַנק און די ייִדן אין גאַליציע און פּאָדאָליע

ווער איז געווען פראַנק? אַ פירער, צי אַ פאַרפירער? אַ מענטש, וואָס האָט געזוכט, צי האָט געוואָלט זוכן נייע וועגן פון רעליגיעזן דענקען און איז אַריינגעפאַלן אין אַ תהום פון ווילדסטע מעטאַפיזישע סתירות און אין שמד, — אָדער אַ פשוטער שווינדלער און הויך־שטאַפּלער, וועלכער האָט אויסגענוצט די מיסטישע שטימונגען פון דער תקופה פון נאָך כמעלניצקין און דער נייער כוואַליע פון די הײדאַמאַקעס־פּאָגראָמען, כדי אַרויפכאַפּן זיך, דורך זיין נייער רעליגיע, אויפן העכסטן שטאַפּל פון דער סאָציאַלער יע־ראַרכיע, אָנקניפּן פאַרבינדונגען מיט אַרציבישאָפן און שררות, מיט הויכע גייסטלעכע און מלכים און ווערן אַליין צום סוף פון זיין לאַנגן און פיל־פאַרביקן, אַוואַנטוריסטישן לעבן, עפּעס אַ שטיקל מאַגנאַט, אַ באַראָן פאָן אָפּענבאַך, מיט אַ „הויף" און אַפילו אַ „לייב־גוואַרדיע".

דער פאָדאָליער נאָכפאָלגער פון שבתי־צבי, וואָס האָט אין משך פון זיין אַוואַנטוריסטישן לעבן באַוויזן עטלעכע מאָל צו בייטן זיין רעליגיע, וואָס איז פון אַ ייִד געוואָרן אַ מוסולמענער, פון אַ מוסולמענער — אַ קאַטאָ־ליק, פון אַ קאַטאָליק געוואָלט ווערן אַ פּראַוואָסלאַווער, בעת ער האָט זיך גופא באַטראַכט און זיך געלאָזט דורך זיינע נאָכפאָלגער ערן אַלס דער אמתער משיח און איז געשטאָרבן און זיך געהייסן מקבר זיין אָן אַ גלח, נאָר לויטן ייִדישן דין — איז, זיכער, אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט פאַר פסיכאָפּאַטאָ־לאָגישער פאָרשונג. די דאָזיקע פאָרשונג וואָלט זיך אָבער אויך געדאַרפט פאַרנעמען מיט די נאָכפאָלגער פון דעם פאַלשן משיח, וועלכער האָט באַזעסן עפּעס אַ טייוולאָנישע, שוואַרצע קראַפט און האָט זיין, אמת, נישט צאָלרייכע עדה געקאָנט באַצווינגען, מיטן כח פון זיין סוגעסטיע, צו פאַר־ערונג פאַר זיך, דערפירן זיי דורך דער דאָזיקער פינצטערער סוגעסטיע צו דער העכסטער שטופע פון עקזאַלטאַציע און מאַכן אומעמפינדלעך און בלינד אויף זיינע גרויסע חסרונות און פאַרברעכנס.

יאַקוב לייבאָוויטש, דער שפּעטערדיקער באַראָן פראַנק, איז געבוירן געוואָרן אין עפּעס אַ פאַרוואָרפן דאָרף אויף דער גרענעץ פון פּאָדאָליע און וואָלין, אייניקע צענדליק יאָר נאָך די גזירות ת״ח ות״ט, אָבער אַ גאַנץ קורצע צייט פאַר די הײדאַמאַקעס־פּאָגראָמען. אין די גאָר יונגע יאָרן האָט ער אויסגעוואַנדערט מיט זיין משפחה קיין בוקאַרעשט, פון דאָרטן קיין סאַלאָניקי און סמירנע — דער געבורט־שטאָט פון שבתי־צבי.

אויף די באַלקאַנען האָט ער זיך באַקענט מיט די „דענמעס״, דאָס הייסט די האַלב־מוסולמענער, האַלב שבתי־צביניקעס, וואָס האָבן דאָרטן געלעבט אַלס „אנוסים״. פראַנק האָט באַשלאָסן ווערן זייער פירער און האָט צו דעם צוועק אָנגענומען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע, דערקלערנדיק דערביי, אַז די נשמה פון משיחן, וואָס איז פריִער געווען אין מחמדן און שבתי־צבי, איז איצט מגולגל געוואָרן אין אים.

די „דענמעס״ האָבן אים, ווייזט אויס, נישט אָנערקענט. פראַנק באַוויזט זיך, אַלזאָ, אין פּאָדאָליע און גאַליציע, ווו עס זענען נאָך איבערגעבליבן שטאַרקע איינפלוסן פון שבתי־צבי און זיין לערע. ער באַזוכט אַ רייע פּונקטן דאָרטן און אַנטוויקלט זיינע מיסטישע אָנשויונגען וועגן דער דריי־אייניקייט פון גאָט, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין די פאָרמען פון עתיקא קדישא, מלכא קדישא און מטרוניתא עליונה און וועגן די געטלעכע ניצוצים אין מענטשנס נשמה, וואָס אַנטפּלעקן זיך אין דעם מענטשנסליידנשאַפטן, וועלכע מ׳דאַרף קולטיווירן, דערפירן ביזן העכסטן עקסטאַז און וועלכע ס׳איז אַן עבירה צו אונטערדריקן.

זיך אַליין האָט פראַנק פאַרגעשטעלט אַלס די אַנטפּלעקונג פון מלכא קדישא און האָט דערקלערט אַ קאַמף דער אָפיציעלער ייִדישקייט מיט אירע שווערע חומרות און שטרענגע פאַרשריפטן.

ווייזט אויס, אַז פראַנקס לערע האָט געפונען נאָכפאָלגער אין פּאָדאָליע און מזרח־גאַליציע, וואָס האָבן אַזוי פיל געליטן פון די אוקראַיִנער פּאָגראָמען. וואָרום אין 1756 איז שוין דאָרטן געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן די פראַנקיסטן און די ייִדן. די פראַנקיסטן זענען באַשולדיקט געוואָרן אין איינאָרדענען אָרגיעס, טרייבן אויסגעלאַסנקייט אאַז״וו. זיי זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין חרם. אייניקע פון זיי זענען אַרעסטירט געוואָרן און עס

האָט זיי געדראָט אַ משפט און טויט, ווייל מ׳האָט זיי באַשולדיקט אין שאַפן אַ נייעם גלויבן פון אַ יידנטום, קריסטנטום און מחמדאַניזם.

פראַנק האָט זיך דאַן אָנגעכאַפּט אָן דעם אַלטן שבתי־צבי׳ישן איינפאַל וועגן דער „קליפה״ און דעם „תוך״. ער האָט געהייסן זיינע אָנהענגער אָננעמען לפנים קריסטנטום, אָבער איינהאַלטן זייער יידישן „תוך״. די פראַנקיסטישע דרייאייניקייט איז פאַרביטן געוואָרן מיט דער קריסטלעכער.

די סעקטאַנטן האָבן דאַן באַקומען אַ מעכטיקן פּראָטעקטאָר אין דער פּערזאָן פון קאַטוילישן בישאָף פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, דעמבאָווסקי, וועלכער האָט געהייסן זיי באַפרייען און האָט זיי צוגעטיילט כלערליי פּריווילעגיעס. ליתר תוקף, האָט דעמבאָווסקי צעשיקט די פראַנקיסטישע טעזיסן צו אַ רייע רבנים און האָט זיי פאַראָרדנט צו קומען צו אַ דיספּוט מיט די פירער פון דער נייער סעקטע.

מצד די פראַנקיסטן זענען אַרויסגעטראָטן אַ רייע זייערע פירער, וועלכע האָבן באַשולדיקט דעם תלמוד, אַז ער אַנטהאַלט באַליידיקונגען פאַרן קריסטנטום. דעמבאָווסקי, וועלכן ס׳האָט זייער געשמייכלט, וואָס ער האָט אַריינגעקראָגן אַ רייע יידן אין שויס פון דער קירך, האָט, פאַרשטייט זיך, דערקלערט די פראַנקיסטן, אַלס זיגער.

די פּריער אַרעסטירטע זענען פריי־געשפּראָכן געוואָרן און זייערע קעגנער האָבן געדאַרפט באַצאָלן אַ גרויסע שטראָף, אייניקע יידן זענען אַפילו דערשאָסן געוואָרן.

דאָס ערגסטע אָבער איז געווען, וואָס די קירכלעכע מאַכט האָט פאַראָרדנט צו פאַרברענען דעם תלמוד. דעמבאָווסקיס טויט האָט אָבער ביי די פראַנקיסטן, צוגענומען זייער פּראָטעקטאָר און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר זיי אַ שווערע צייט. די מאַכט האָט זיי דערקלערט אַלס געפערלעכע אפיקורסים, מ׳האָט נישט געגלויבט אין זייער קריסטנטום. זייער פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן, איינער פון זייערע עלטסטע פירער איז דערמאָרדעט געוואָרן, אַ טייל פון זיי איז אַנטלאָפן אין דער טערקישער בעסאַראַביע. פראַנק אַליין, זייענדיק גערודפט דורך די טערקישע יידן, האָט דערקלערט דער טערקישער מאַכט, אַז ער איז אַריבער צום איסלאַם. צו־

זאַמען מיט אים האָבן אויך אַ רייע זיינע נאָכפאָלגער ווידער געביטן די „קליפה".

פראַנק האָט זיך אָבער מיט זיין פּאָדאָליע נישט געזעגנט. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט ער באַקומען פון פוילישן קעניג אויגוסט דעם דריטן די דערלויבעניש צוריקצוקומען קיין פוילן. די פּרווון אַנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיטן נייעם בישאָף לוביענסקי זענען אָבער נישט געלונגען. אויך דער קעניג האָט פראַנקן און זיינע נאָכפאָלגער נישט געגלייבט.

די באַמיִונגען פון די פראַנקיסטן זענען געגאַנגען אין דער ריכטונג פון באַקומען פאַר זיך באָדן אין גאַליציע. אַזוי ווי זייער ווענדונג איז דורכגעפאַלן, ווייל מ'האָט נישט געהאַט צו זיי קיין צוטרוי, האָבן די סעקטאַנטן ווידער געפּרווט אַרויפשווימען אויפן אויבערפלאַך דורך אַ דיספּוט מיט רבנים, דורך וועלכן זיי האָבן געוואָלט צוריקגעווינען די לייטזעליקייט ביי דער קאַטוילישער קירכע.

דעם נייעם דיספּוט האָבן די פראַנקיסטן אָוועקגעפירט אויף גאָר געפערלעכע וועגן. זיי האָבן פאָרמולירט 7 עיקרים פון זייער „אני מאמין" און כדי צו רעכטפאַרטיקן זיך, אַ פּנים, אין די אויגן פונעם קאַטוילישן קלער, האָבן זיי, אַלס לעצטן פּונקט אַרויסגערוקט קעגן די יידן די באַשולדיקונגען פון נוצן בלוט צו ריטועלע צוועקן.

דער יידישער צד איז אינעם דיספּוט רעפּרעזענטירט געוואָרן דורך אַ רייע רבנים, בראש מיטן לעמבערגער רב, ר' חיים הכהן ראַפּאָפּאָרט. סעקרעטאַר פון דער רבנישער דעלעגאַציע און איבערזעצער איז געווען דער באַקאַנטער יידישער מעמואַריסט פון יענער צייט, בער באָלעכאָווער, וועלכער האָט באַהערשט פּויליש און לאַטיין. די מטורפדיקע סעקטאַנטן האָבן, אגב, אויף זייער שטייגער געפּרווט „דעשיפרירן" די ווערטער פון דער הגדה דצ"ך, עד"ש, באח"ב, אַז זיי באַדייטן: „דם צריכים כולנו על הדרך שעשו באותו איש החכמים בירושלים"...

די רבנים זענען ענערגיש אַרויסגעטראָטן קעגן דער מטורפדיקער סעקטאַנטישער כנופיא. דער דיספּוט האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. בער באָלעכאָווער האָט אויך צוגעשטעלט אַ שריפטלעכן ענטפער אויף דער פאַרברעכערישער בלוט־באַשולדיקונג פון די פראַנקיסטן. צי די אַרגומענ־

טאַציע פון די רבנים האָט געווירקט, צי נישט — אַ פאַקט איז אָבער, אַז מיגולסקי, וועלכער האָט דערקלערט די פראַנקיסטן ווידער, אַלס די זיגער, האָט צוגלייך נישט אָנגענומען זייער בלוט־בילבול אויף די ייִדן, אפשר צוליב דעם, ווייל ער האָט געוואָלט אויסמיידן אַ פאָגראָם אויף ייִדן.

דער רעזולטאַט פונעם דיספוט איז אָבער געווען נישט גינסטיק אויך פאַר דער כנופיא, וואָס זענען צוגעדריקט געוואָרן דורכן קלער צו דער וואַנט. דער קלער האָט פון זיי געפאָדערט, אַז זיי זאָלן באַווייזן בפועל ממש, אַז זיי האַלטן פון זייערע טעזיסן וועגן קומען פון משיח, וועגן קרייץ, אַלס סימבאָל פון דער דרייאייניקייט אאַז״וו. פראַנק און זיינע אָנהענגער האָבן זיך, אַלזאָ, געמוזט טויפן.

פראַנקס טויף־צערעמאָניע איז אָדורך מיט אַ ספעציעלן פאַראַד. אָנגעהויבן האָט מען זי אין לעמבערג און פאַרענדיקט אין וואַרשע. דערביי איז פראַנקן געלונגען אַריינצובאַקומען אַלס טויף־פאָטער דעם פוילישן קעניג אַליין. אויך זיינע 12 „אַפּאָסטאָלן״ האָבן באַקומען גרויס כבוד ביים דורכפירן איבער זיי די טויף־צערעמאָניע.

מ׳האָט זיי באַלד אַריינגעפירט אין אַדעל־קלאַס און דער ראַגאַטינער פראַנקיסט שלמה שור איז איינגעשריבן געוואָרן אין די העראַלדישע ביכער אַלס לוקאַש פראַנצישעק וואָלאָווסקי; לייב קריסא פון נאַדוואָרנע, אַלס יאַן דאָמיניק קריסינסקי; נחמן פון בוסק, אַלס פיאָטר יאַקובאָווסקי אאַז״וו.

פון דעסט וועגן האָט מען צו די דערוואָרבענע קריסטן און, דער עיקר, צו זייער אָנפירונג, אויך ווייטער נישט געהאַט קיין צוטרוי — באַזונדערס אין די העכערע קאַטוילישע קרייזן. פון רוים האָט מען פאַראָרדנט עפּעגען פראַנקס בריוו. מ׳האָט די פראַנקיסטן ווייטער נאָכגעשפּירט, — בפרט, אַז עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז די נעאָפיטן האָבן נאָכן טויף ווידער אויסגעדרייט דעם דישעל און האַלטן פראַנקן פאַרן קריסטוס, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

פראַנק איז, אַלזאָ, סעפּאַרירט געוואָרן פון זיינע אָנהענגער. מ׳האָט אים לכתחילה געהאַלטן אין אַ רייע מאָנאַסטירן אין וואַרשע. דער הויפּט פון די פוילישע יעזויִטן, טורסקי, וועלכער איז שפּעטער געווען דער שופט פון פראַנקן, איז, אַ פּנים, נישט שטאַרק איבערצייגט געוואָרן פונעם ייִדישן

סעקטאַנט, וואָס האָט, נאָך לאַנגע בלאָנדזשענישן, ענדלעך געפונען זיין תּיקון אין דער קאַטוילישער קירך, — וואָרום ער האָט אים פאַרשיקט אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג.

דער פאַלשער משיח האָט אָבער אויך דאָרטן נישט גערוט. ער האָט כּסדר אונטערגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט זיינע אָנהענגער, פון וועלכע פיל זענען אַנטלאָפן קיין טשענסטאָכאָוו.

אַ נייע געלעגנהייט פאַר פראַנקן האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווען די רו־סישע אַרמיי איז אַריין אין פוילן, כּדי צו פאַרטיידיקן די פּראַוואָסלאַוונע באַפעלקערונג פון מזרח־פוילן. פראַנק האָט דאַן געווענדט זיינע אויגן צו דער רוסישער מאַכט. דורך זיינע אָנהענגער, איבער וועלכע עס האָט נאָך ווייטער געווירקט זיין טיוולאָנישע, סוגעסטיווע קראַפט, האָט פראַנק זיך פאַרבונדן מיטן רוסישן געזאַנדטן אין וואַרשע, רעפּנין.

שליחים זענען אויך אַוועק קיין מאָסקווע מיט אַ בריוו, ווו פראַנק זאָל זיך האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס אָנהענגער פון דער רוסישער קירכע און צוגעזאָגט צו ברענגען צו איר זיינע פילע אָנהענגער, אויב מ׳וועט אים באַפרייען פון דער פעסטונג.

דער פלירט מיט די רוסן איז אים אָבער נישט געלונגען. ער איז דע־מאַסקירט געוואָרן דורכן הויף־דאָקטער פון אויגוסט דעם 2טן, ברום יון, וועלכער איז אויך געווען אַ נאָענטער מקורב צום אַלמעכטיקן פּוילישן מיניסטער, בריל.

וואָרשיינלעך אָבער האָט מען אויך אין די רוסישע קרייזן נישט געהאַט קיין צו גרויסן צוטרוי צו דעם פּלוצימדיקן חסיד פון דער גריכיש־אָרטאָ־דאָקסישער קירך, וועלכער האָט שוין באַוויזן איינִיקע מאָל צו בייטן זיין אמונה אַזוי לייכט, ווי מ׳בייט הענטשקעס.

פון דעסט וועגן זאָלן אים די רוסן האָבן באַנוצט אַלס זייער געהיימען אַגענט אין פוילן. לאַנג אין פוילן איז ער אָבער נאָך זיין באַפרייונג נישט פאַרבליבן. ער איז אַריבערגעפאָרן קיין ברין (בעמען), ווו ער האָט געפּרוּווט פאַרלייגן אַ „הויף״ מיט דער הילף פון זיינע חסידים. לויט זיין שטייגער, איז ער באַלד אַוועק צו די „הויכע פענצטער״ און אפשר, אַלס טויף־זון פון אַ פּוילישן קעניג, איז אים געלונגען אַנצושפּאַרן צו דער עסטרייכישער

קעניגן מאַריאַ־טערעסאַ און איר יורש, יאָסיף דעם 2טן. דער לעצטער זאָל האָבן געוואָרן באַצויבערט פון דער שיינקייט פון פראַנקס טאָכטער און יורשטע, חוה. די קייזערין האָט אָבער אין פראַנקן דערקענט דעם סעקטאַנט און הויך־שטאַפּלער.

געשטאָרבן איז פראַנק אין 1791 אין אָפּענבאַך, ווו ס׳איז אים געלונגען אָפּצוקויפן אַ שלאָס און באַקומען דעם טיטול פון באַראָן. אַרום זיין הויף אין אָפּענבאַך האָבן זיך געדרייט נישט נאָר זיינע אַמאָליקע ייִדישע אָנהענגער, נאָר אויך קריסטן, דארונטער איינער פון די פּוילישע לובאָמירסקיס, וועלכער האָט אַפילו חתונה געהאַט מיט אַ „קאַמער־פריילין״ פון פראַנקס טאָכטער, חוה, וועלכע דער טאַטע האָט פאַרן טויט פראָקלאַמירט אַלס „היי־ליקע מויד״ און זיין יורשטע.

פראַנקס אָנהענגער אין פּוילן זענען ביסלעכווייז פולשטענדיק אַסי־מילירט געוואָרן דורך דער פּוילישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט דורך די וואָלאָווסקיס, יאַסינסקיס, קריסינסקיס און אַנדערע פראַנקיסטן באַקו־מען צו זיך אַ צושטראָם פון ייִדיש בלוט. אַזוי זאָל די מוטער פון מיצקע־וויטשן שטאַמען פון אַ פראַנקיסט.

די גרויסע השפּעה פון פראַנקן אויף זיינע אָנהענגער דערקלערט זיך מיט די געוואַלטיקע דערשיטערונגען, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט דורכגעלעבט אין דער תקופה פון כמעלניצקין און פון די הײדאַמאַקעס. די שחיטות און פּאָגראָמען, און דער סאָציאַלער און עקאָנאָמישער חורבן פון אוקראַיִנער ייִדנטום, וואָס איז געקומען נאָך זיי, האָבן צעטרייסלט די יסודות פון ייִדישן לעבן אין פּוילן און האָבן געשאַפן אַ גוטן באָדן און אַ געהעריקע פּסיכישע אַטמאָספער פאַר דער טעטיקייט פון אַזאַ פאַלשן אויס־לייזער און זעלבסט־געקרוינטן, האַלב־משוגענעם משיח, ווי ס׳איז געווען פראַנק.

אָבער בעת שבתי־צביס טראַגישע געשטאַלט האָט נאָך צו זיך צוגע־צויגן דעם אינטערעס פון שרייבער און האָט געדינט אַלס טעמע פאַר בעל־עטריסטישע און דראַמאַטישע ווערק פון אַ רייע שרייבער, דערונטער אויך פונעם פּאָליאַק זשולאַווסקי, — איז פראַנק פאַרזונקען געוואָרן אין פאַר־געסנקייט, אַן דעם מינדסטן אָפּקלאַנג אין דער שיינער ליטעראַטור.

לעמבערג און דער פוילישער דרייפוס

די טאָג־פּרעסע האָט בשעתה געבראַכט אַ ידיעה, אַז די „געסטאַפּאָ" אין לעמבערג האָט אומגעבראַכט דעם באַקאַנטן ייִדישן אַדוואָקאַט, לייב לאַנדאַו.

לאַנדאַוס נאָמען האָט העל אויפגעשיינט אויפן האָריזאָנט פון ייִדישן לעבן אין פּוילן אין די צוואַנציקער יאָרן, אין שייכות מיטן פּראָצעס פון ייִדישן סטודענט שטייגער, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין וואַרפן אַ באָמבע אויפן דעמאָלטדיקן פּרעזידענט פון דער פּוילישער רעפּובליק, וואָי־טשעכאָווסקי.

דער אַטענטאַט אויף וואָיטשעכאָווסקין איז פאָרגעקומען אין דער הויפּטשטאָט פון מזרח־גאַליציע אַ קורצע צייט נאָך דעם, ווי די דאָזיקע פּראָווינץ איז אָנערקענט געוואָרן פאַר פּוילן.

מזרח־גאַליציע האָט נאָך דער ערשטער מלחמה דורכגעמאַכט אַ שטור־מישע אַנטוויקלונג. אין האַרבסט 1918, באַלד נאָכן צעפאַל פון עסטרייך־אונגאַרן, האָבן די מאַכט אין לעמבערג פאַרכאַפּט די אוקראַיִנער, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט די זעלבשטענדיקייט פון מזרח־גאַליציע, אַלס „מערב־אוקראַיִנישע רעפּובליק". בראש פון דער נייער רעפּובליק האָט זיך גע־שטעלט דער געוועזענער אוקראַיִנישער מיטגליד פון עסטרייכישן רייכס־ראַט, ד״ר פּעטרושעוויטש. די רעגירונג פון פּעטרושעוויטשן האָט באַלד אָנגעקניפּט באַציִונגען מיטן „אוקראַיִנישן דירעקטאָריאַט", וואָס איז אַנט־שטאַנען אין קיִעוו, און די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַלע טוער זענען געווען פול מיט בטחון, אַז עס וועט זיי געלינגען אויפצושטעלן אַ גרויסע און שטאַרקע אוקראַיִנישע מלוכה, וואָס וועט אַרומנעמען אַלע אוקראַיִנישע לענדער.

די אַרבעט פון דער רעגירונג פון דער „מערב־אוקראַיִנישער רעפּוב־ליק" האָט זיך אָבער באַלד אָנגעשטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. אַ פּאָר וואָכן נאָך איר גרינדונג, איז פּעטרושעוויטשעס רעגירונג פאַרטריבן גע־וואָרן דורך דער זיגרייכער פּוילישער אַרמיי.

דער אוקראַיִנישער קאַבינעט איז אַנטלאָפן קיין סטאַניסלאַוו און, פון דאָרטן — קיין טאַרנאָפּאָל, ביז וואַנען ער האָט זיך אין גאַנצן אויפגעלייזט — בפרט, אַז די ענינים פונעם אויבנדערמאָנטן „אוקראַיִנישן דירעקטאָריאַט", וואָס איז געווען טעטיק אין דער רוסישער אוקראַיִנע, זענען נישט געגאַנגען בעסער. די רויטע אַרמיי האָט דאַן געהאַלטן אין איין יאָגן די מיליטערישע טיילן פונעם „דירעקטאָריאַט" פון אוקראַיִנע.

דעם לעצטן קלאַפּ האָט אָבער געגעבן פּעטרושעוויטשעס רעגירונג פּעטלורע אַליין, ווען ער האָט פּשוט פאַרראַטן זיינע אוקראַיִנישע פאַרבינדעטע פון מזרח־גאַליציע און איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די פּאָליאַקן, אָנערקענענדיק, אַז די גאַנצע „מערב־אוקראַיִנישע רעפּובליק" דאַרף געהערן צו פּוילן.

נאָכן דעראָבערן מזרח־גאַליציע דורך די פּאָליאַקן, איז די אַטמאָספער דאָרטן געבליבן אָנגעלאָדן מיט פּולווער. די אוקראַיִנער האָבן נישט אויפגעהערט אויסצודריקן זייער אומצופרידנהייט מיט דער פּוילישער מאַכט. אין יאָר 1920 איז אין לעמבערג געוואָרפן געוואָרן אַ באָמבע אויף פּילסודסקין. סאַבאָטאַזש־אַקטן מצד די אוקראַיִנער זענען פאָרגעקומען אויך שפּעטער. פאַרשטייט זיך, אַז ווען אַ פּאָר יאָר נאָכן אַטענטאַט אויף פּילסודסקין, איז קיין לעמבערג געפאָרן דער נייער פּוילישער פּרעזידענט, וואַיטשעכאָווסקי, האָט מען ווידער געקענט און געדאַרפט דערוואַרטן אַ פיינדלעכע דעמאָנסטראַציע און אַפילו אַן אַטענטאַט מצד די אוקראַיִנער.

אַן אַטענטאַט אויפן הויפּט פון דער פּוילישער מלוכה איז טאַקע פאָרגעקומען. אָבער די פּוילישע פּאָליציי אין לעמבערג האָט אויסגעפונען, אַז דער אָנפאַלער איז נישט קיין אוקראַיִנער, נאָר דווקא דער ייִד שטייגער, וואָס איז צופעליק געווען אויפן פּלאַץ.

דער פּראָצעס וואָס איז קעגן דעם אומשולדיקן ייִדישן סטודענט פאָרגעפירט געוואָרן, האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין לאַנד. מען האָט שטייגערן באַשולדיקט, אַז ער האָט געהאַנדלט אין אויפטראָג פון עפּעס אַ געהיימער ייִדישער אָרגאַניזאַציע און אַז מיט זיין טאַט האָט ער געוואָלט דעמאָנסטרירן די פיינדלעכע באַציִונג פון די ייִדן צו דער נייער פּוילישער רעפּובליק בכלל.

די „באַווייזן" קעגן שטייגערן זענען באַשטאַנען קודם־כל אין דער מסירה פון עפּעס אַ טענצערין פּאַסטערנאַק, וועלכע זאָל האָבן מיט אירע אייגענע אויגן געזען, ווי שטייגער האָט געוואָרפן די באָמבע אויפן פּוילישן פּרעזידענט.

די פּלוידעריי פון דער טענצערין איז צעשמירט געוואָרן דורך דער פּאָליציי, וועלכע האָט געלאָזן אין גאַנג די באָבע־מעשה אַלס אַ געהעריקן מאַטעריאַל פאַר אַן אָנקלאַגע קעגן דעם אומשולדיקן שטייגער. די לעמבערגער פּאָליציי־אָנפירונג האָט זיך, זיכער, פאַרפליכטעט נישט צו דערלאָזן צו קיין פיינדלעכע אוקראַינישע דעמאָנסטראַציעס און אַ פּשיטא שוין — צו אַן אַטענטאַט אויפן הויפּט פון דער פּוילישער מלוכה, בעת זיין ווײַלן אין לעמבערג. ווען אָבער עס איז יאָ געקומען צו אַן אַטענטאַט, איז דער פּאָליציי געגאַנגען אין לעבן צו באַווייזן, ווי טיכטיק זי אַרבעט, אַז זי האָט געכאַפּט דעם אָנפאַלער באַלד אויפן פּלאַץ, וווּ דער אַטענטאַט איז פּאָרגעקומען.

די דערציילונג פון דער מטורפדיקער פּאַסטערנאַק איז, אַלזאָ, דער פּאָליציי אין לעמבערג גריילעך געקומען צונוץ.

די ייִדן אין מזרח־גאַליציע האָבן דערפילט, אַז מען האָט זיי „מזכה" געווען מיט זייערס אַ „דרייפוס־פּראָצעס". אַז שטייגער איז דעם אַטענטאַט נישט באַגאַנגען, איז פאַר זיי געווען קלאָר פון אָנהייב אָן. עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט אין אויסגעפינען דעם אמתן אָנפאַלער, און דאָ זענען געווען פיל שוועריקייטן צוליב דעם פּאָליטישן כאַראַקטער פון דעם אַטענטאַט.

שטייגער איז פאַרטיידיקט געוואָרן דורך פינף אַדוואָקאַטן. דער מאַן, וואָס האָט אָבער באַוויזן זיין אומשולד און צעקלאַפּט די גאַנצע זינלאָזע פּאָליטישע אָנקלאַגע קעגן שטייגערן איז געווען דער אומגעבראַכטער דורך די דייטשן, לאַנדאַו.

דער דאָזיקער, ביז דאַן ווייניק באַקאַנטער, ייִדישער אַדוואָקאַט און עסקן פונעם פּראָווינציעלן פּשעמישל, האָט זיך אין זיין פאַרטיידיקונגס־אַרבעט אויפגעהויבן אויף אַ גרויסער הויך. לאַנדאַו האָט צעגלידערט די גאַנצע פּאָליטישע זייט פונעם פּראָצעס, אָנווייזנדיק, אַז די ייִדן וועלן זיך קיין מאָל נישט אָפּזאָגן צו קעמפן קעגן די עוולות, וואָס די מאַכט באַגייט קעגן

זיי און וועלן זיך נישט לאָזן אַראָפּדריקן צו בירגער פון דער צווייטער קאַ־טעגאָריע. די יידן באַטראַכטן זיך, אַלס עכטע און פולבאַרעכטיקטע בירגער פון דער פוילישער מלוכה און זיי וועלן נישט לאָזן אָנשרעקן זיך דורך אינסצעניזירטע פּראָצעסן, וואָס דאַרפן באַווייזן זייער אומלאָיאַליטעט צו דער נייער מלוכה.

צעקלאַפּן די „גרויסע" באַשולדיקונגס־„באַווייזן" קעגן שטייגערן גופא, איז שוין פאַר לאַנדאַו און זיינע קאָלעגן נישט געווען קיין שווערע אַרבעט.

דער זאַל ווו דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייסער טריבונע, פון וואַנען עס האָט הויך אָפּגעקלונגען די שטים פונעם דאָזיקן שטאָלצן און נישט געבויגענעם פאַרטיידיקער פון יידישע רעכט. לאַנדאַוס רעדעס זענען מיט אַ פאַכאַפּטן אָטעם געלייענט געוואָרן דורך די יידישע מאַסן איבערן גאַנצן לאַנד, וועלכע האָבן געפילט, אַז דורכן מויל פונעם דאָזיקן אַדוואָקאַט ווערן אַרויסגעזאָגט געדאַנקען און געפילן, וועלכע זענען ביי אַלעמען, אַזוי צו זאָגן, „איינגעבאַקן אין האַרצן".

לאַנדאַוס אַרויסטריטן אין געריכט האָבן זיך אין דער הינזיכט גע־קאָנט פאַרגלייכן מיט די רעדעס פון נישט פיל יידישע פאָרשטייער אין פוילישן פאַרלאַמענט.

דער פּראָצעס האָט זיך געצויגן אַ שפּאַר ביסל צייט. די יידן אין פוילן האָבן נאָכגעפאָלגט די געריכט־פאַרהאַנדלונגען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

שטייגער איז סוף־כל־סוף באַפרייט געוואָרן. דאָס געריכט האָט דער־זען, אַז דער באַשולדיקונג־מאַטעריאַל קעגן דעם אומשולדיקן יידישן בחור האָט נישט קיין האַפט און אַז מען קען אויף אים קיין באַשולדיקונג נישט בויען.

ווער איז אָבער געווען דער אמתער אָנפאַלער אויף וואָיטשעכאָווסקין? ווער האָט עס באמת געוואָרפן אויף אים די באָמבע און געלאָזן דעם אומ־שולדיקן יידישן יונגנמאַן שמאַכטן אין דער תפיסה און אויסצושטיין די אַלע גייסטיקע עינויים, וואָס עס שטייט אויס אַן אומשולדיק־אָנגעקלאָגטער און געמשפּטער?

געוועזן איז עס, פאַרשטייט זיך, אַן אוקראַאינער. נאָכן אַטענטאַט אויף

וואָיטשעכאָווסקין איז ער אַנטלאָפן קיין דייטשלאַנד. ביים אַריבערגיין די גרענעץ איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן. ער האָט דערציילט דער דייטשער פּאָליציי, פאַר וואָס ער איז אַנטלאָפן און האָט באַקומען אַזיל־רעכט, אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט.

וואָלט די דערקלערונג פון אָלשאַנסקין (אַזוי האָט דער אָנפאַלער געהייסן) געוואָרן באַקאַנט דער פּוילישער מאַכט, דאַן וואָלט בכלל צום גאַנצן פּראָצעס נישט געקומען, און שטייגערן וואָלט געוועזן פאַרשפּאָרט צו מאַטערן זיך אַ קאַרגן יאָר אונטער אַ שווערער אָנקלאַגע, וואָס האָט אים לכתחילה, ווען ער איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שנעל־געריכט, געדראָט מיט טויט־שטראָף.

אָלשאַנסקיס דערקלערונג איז אָבער געבליבן ליגן אין דער פּאָליציי. עס קאָן זיין, אַז די דייטשע מאַכט האָט געוואָלט שוינען אָלשאַנסקיס קרובים אין גאַליציע און זיינע פּאָליטישע פריינד דאָרטן. עס קאָן אויך זיין אַז די דייטשן האָבן פאַרבאָרגן די זאַך, כדי צו לאָזן דעם שטייגער־פּראָצעס אָנגיין ווייטער און קאָמפּראָמעטירן דעם פּוילישן געריכט־וועזן, אין פאַל פון שטייגערס פאַראורטיילונג.

נישט אויסגעשלאָסן איז אויך, אַז אין פאַרבאָרגן אָלשאַנסקיס דערקלערונג דורך די דייטשן האָבן געשפּילט אַ ראָלע געוויסע פּאָליטישע טעמים. האָבן דאָך די דייטשן אין ערשטן וועלט־קריג שטאַרק אונטערשטיצט די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג קעגן די רוסן, און שפּעטער אויך קעגן די פּאָליאַקן, און פון דעם שטאַנדפּונקט האָט געוויס געלוינט צו האַלטן די גאַנצע מעשה אין געהיים.

וועגן אָלשאַנסקין האָבן אָבער געוווּסט געוויסע אוקראַינישע טוער אין לעמבערג. פון זיי איז עס דערגאַנגען צו די ייִדן.

שפּעטער איז געקומען צו אַן אינטערפּעלאַציע פון באַקאַנטן ציוניסטישן טוער און מיטגליד פון פּרייסישן לאַנדטאַג, הערמאַן באַרט, צו דער פּרייסישער רעגירונג וועגן ענין אָלשאַנסקי. די זאַך איז, אַלזאָ, אַרויס אויפן אויבערפלאַך. אָלשאַנסקיס דערקלערונג דער דייטשער פּאָליציי, אַז ער איז דאָס באַגאַנגען דעם אַטענטאַט אויפן פּוילישן פּרעזידענט, איז געוואָרן

באַקאַנט דער ברייטער עפנטלעכקייט און פון שטייגערן איז אַראָפּגענומען געוואָרן יעדער מינדסטער שפּור פון פאַרדאַכט.

לאַנדאַוס מוטיקע פאַרטיידיקונג פון שטייגערן האָט אָבער, נאָך פאַר דער פאַרעפנטלעכונג פון אָלשאַנסקיס דערקלערונג, אַוועקגעשטעלט דעם לעמבערגער „דרייפוס־פּראָצעס” אין זיין אמתער ליכט און האָט געבראַכט צו דער באַפרייונג פון דעם אומשולדיקן ייִדישן יונגנמאַן, וועלכער איז אַוועקגעזעצט געוואָרן אויף דער אָנקלאַגע־באַנק צוליב דעם קאַמף פון די פּאָליאַקן און אוקראַיִנער אין מזרח־גאַליציע פון וועלכן די דייטשן האָבן געוואָלט ציִען נוצן פאַר זיך. די ייִדן אין מזרח־גאַליציע האָבן די ווירקונג פון אָט־דעם פאַטאַלן פּאָליטישן דרייעק דערפילט שרעקלעך אין לעצטן קריג, ווען דאָס צוזאַמענגיין פון געוויסע אוקראַיִנישע קרייזן מיט נאַצי־דייטשלאַנד האָט געבראַכט צו די באַקאַנטע בלוט־באָדן אין אַ רייע מזרח־גאַליצישע שטעט און שטעטלעך.

לאַנדאַוס גרויסע אַרבעט אויפן שטייגער־פּראָצעס האָט פאַראייביקט אין דער ייִדישער געשיכטע דעם אָנדענק פונעם דאָזיקן שטאָלצן ייִד, וועלכער איז געפאַלן, אַלס קרבן פון דער בלוטיקער „געשטאַפּאָ”.

די יידישע ביאַליסטאָק

ביאַליסטאָק געהערט צו יענע געצײלטע שטעט פון אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, וועלכע זענען געוואַקסן ווי מיט אַן אַמעריקאַנער טעמפּאָ. ביאַליסטאָק, אַלס שטאָט, איז אַלט 200 יאָר. אַ פּוילישער גראַף זאָל אין 1749 האָבן באַקומען דאָס רעכט צו פאַרוואַנדלען זיין דאָרף ביי דעם טייך ביאַלאַ אין אַ שטעטל. ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט הייזער און קראָמען. איינגעלאַדן אַהין יידן, אויסגעבויט אַפילו ספּעציעל פאַר זיי אַ שול, און אַזוי איז דאָס פריערדיקע דאָרף געוואָרן יענץ שטעטל, וואָס עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די באַטייטנדיקסטע צענטערן פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין אַמאָליקן רוסלאַנד און פּוילן.

ווי אַזוי איז עס געקומען צו דעם, אַז דאָס נייע שטעטל זאָל ווערן אַן אינדוסטריע־צענטער, איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. אין די ערשטע 50־60 יאָר פון איר עקסיסטענץ, האָט ביאַליסטאָק פון קיין טעקסטיל־אינדוסטריע נישט אָנגעהויבן צו וויסן. אַפילו אינמיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט איז ביאַליסטאָק געווען באַקאַנט מער, אַלס אַ צענטער פון האַנדל מיט האָלץ, תבואה, פלאַקס און אַנדערע טיפּישע, לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון ווייסרוסלאַנד. צו יענער צייט האָט זיך שוין אָבער אין ביאַליסטאָק אויך אָנגעמערקט דער קער צו אינדוסטריע. די זריעה, וואָס זאַקסישע וועבער פון באַפאַלעאָנס אַרמיי האָבן פאַרזייט אין דער שטאָט, ווען די אַרמיי איז צוריקגעטראָטן פון רוסלאַנד, דורכן גרינדן אין ביאַליסטאָק די ערשטע וועבערייען און אַנדערע טעקסטיל־וואַרשטאַטן, — האָט געגעבן גוטע רעזולטן. ביאַליסטאָק האָט מיט אַ פאַר צענדליק יאָר שפּעטער געהאַט אַ ריי טעקסטיל־פאַבריקן, געגרינדעט דורך יידן. ביאַליסטאָק האָט דאַן שוין אויך אַרויסגעגעבן יידישע שפּינער, וועבער און פאַרבער פון וואָל, וועלכע האָבן פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די דייטשע טעקסטיל־מייסטערס. אין דער צווייטער העלפט פון פאָריקן י״ה איז די צאָל פון די טעקסטיל־פאַבריקן אין

ביאַליסטאָק געשטיגן ביז 90, אַ העלפט פון וועלכע עס האָט געהערט צו יידן. די צאָל יידישע אַרבעטער אין די פאַבריקן איז געוואַקסן ביז 2.500. ס'האָט זיך, אַלזאָ, אין ביאַליסטאָק איבערגעחזרט דיזעלבע געשיכטע, וואָס אין לאָדזש, ווו יידן און דייטשן זענען געווען די פּיאָנערן פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע. איןביידע פאַלן האָבן אָט די אינדוסטריע־עלעמענטן גע־בראַכט צו אַ שנעלן, ממש איבערראַשנדיקן אויפשטייג פון קליינע, אומבאַ־קאַנטע דערפער צו דער מדרגה פון גרויסע שטאָטישע צענטערן, מיט אַן אינדוסטריע, וואָס האָט באַדינט דעם אומגעהייערן מאַרק פון דער אַמאָ־ליקער צאַרישער רוסלאַנד און אַפילו מחוץ אים.

דער אָנטייל פון די יידן אין דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוס־טריע איז כסדר געוואַקסן. ביים סוף פון פאַריקן י"ה האָבן שוין יידן גע־האָט 80 פּראָצענט פון אַלע ביאַליסטאָקער טוך־פאַבריקן, וואָל־פאַבריקן, שפּינערייען, פאַרבערייען אאַז"וו. די יידישע פאַבריקן האָבן אָבער באַ־שעפטיקט נאָר 60 פּראָצענט פון אַלע אַרבעטער און אַרויסגעגעבן אַ קנאַפּע העלפט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע, וואָס עס איז געווען אַ באַווייז, אַז צו די יידן האָבן דאַן געהערט, דער עיקר, קליינע פאַבריקן. דאָס זעלבע האָט מען געקאָנט זען פון עצם־כאַראַקטער פון די אונטערנעמונגען. דער רוב פון די יידישע פאַבריקן האָט זיך נישט באַנוצט מיט מעכאַנישער אַרבעט און מיט דאַמף־קראַפט, נאָר מיט האַנט־אַרבעט. אַ גרויסער טייל פון די יידישע וועבער האָט געאַרבעט ביי „לאָנקעטניקעס", ד"ה קליינע אייגנטי־מער פון וועבשטולן, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר גרעסערע פאַבריקן.

די מעכאַניזירונג פון די וועבערייען האָט בכלל געבראַכט צו גרויסע שינויים אין דער ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע. עס האָט זיך אָנ־געהויבן דער פּראָצעס פון אַרויסשטויסן די יידישע אַרבעטער פון די פאַ־בריקן דורך קריסטלעכע. יידישע פאַבריקאַנטן וואָס זענען אַריבער צו דאַמף־מאַשינען, האָבן בעסער גענומען קריסטלעכע אַרבעטער. ביאַליסטאָק איז דאַן געוואָרן אַ שווי־פּלאַץ פונעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער פאַר זייער עקסיסטענץ. יידישע אַרבעטער, וואָס האָבן צענדליקער יאָרן אָפּגע־אַרבעט ביי האַנט־וועבעריי, האָבן אין אַ רייע פאַבריקן נישט געלאָזן פאַר־בייטן די האַנט־וועבשטולן מיט מעכאַנישע. פון דער אַנדערער זייט פלעגן

די יידישע אַרבעטער מוזן קעמפן מיט די פּוילישע אַרבעטער, פאַרן רעכט צו אַרבעטן ביי מעכאַנישער אַרבעט. די כסדרדיקע סיכסוכים צווישן די קריסטלעכע און יידישע אַרבעטער זענען געלייזט געוואָרן דורך אַן אָפּמאַך, לויטן וועלכן יידישע אַרבעטער איז דערמעגלעכט געוואָרן צו פאַרנעמען אַ העלפט פּלעצער אין די יידישע פאַבריקן מיט מעכאַנישע וועבשטולן.

די ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אינדוסטריע האָט געאַרבעט פיל מער פאַרן גרויסן רוסישן מאַרק, ווי פאַרן נאָענט ליגנדיקן פּוילן. ביאַליסטאָקער פאַבריקאַנטן פלעגן אויך שיקן פיל פון זייער סחורה קיין אַזיאַטישן רוסלאַנד, ווי אויך קיין אויסלאַנד. בעתן ערשטן וועלט־קריג האָט זיך אָבער די כסדרדיקע פאַרבינדונג פון ביאַליסטאָק מיט רוסלאַנד אויסגעווירקט פאַר ביאַליסטאָק פאַטאַל. צוליבן פאַרלירן דעם רוסישן מאַרק, איז די ביאַליסטאָקער אינדוסטריע איינגעשרומפּן געוואָרן. נאָך ערגער איז די לאַגע געוואָרן אין די איבערגאַנג־יאָרן 1918־1920. די פאַראַרעמונג און נויט אין דער שטאָט האָבן דאַן געבראַכט צו אַ גרויסער יידישער אויסוואַנדערונג קיין רוסלאַנד און מעבר לים.

וואָס איז שייך דעם יידישן ישוב אין ביאַליסטאָק, האָט ער זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט זיין אָרגאַניזירטקייט און געזעלשאַפטלעכער ענערגיע. אין ביאַליסטאָק זענען געווען די ערשטע יידישע אַרבעטער־שטרייקן. די צאָלרייכע יידישע און נישט־יידישע אַרבעטער־באַפעלקערונג פון דער שטאָט האָט זיך שטאַרק באַטייליקט אין דער באַפרייונג־באַוועגונג ערב דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

דער יידישער ישוב אין ביאַליסטאָק האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין אידעאישן נאַציאָנאַלן לעבן אין רוסלאַנד און פּוילן. ביאַליסטאָק איז געווען אַ צענטער פון דער „חיבת ציון״־באַוועגונג. ר׳ שמואל מאָהילעווער, איינער פון די גרינדער פון דער באַוועגונג און פאָרזיצער פון די באַקאַנטע חובבי ציון־צוזאַמענפאָרן אין קאַטאָוויץ און דרוסקעניק, איז געווען פון ביאַליסטאָק. ביאַליסטאָקער יידן זענען געווען צווישן די גרינדער פון פתח־תקוה און עקרון. שפּעטער האָט ביאַליסטאָק גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. פון ביאַליסטאָק שטאַמען ד״ר זאַמענ־

האָף, דער שעפער פון „עספעראַנטאָ" און ד"ר כאַזאַנאָוויטש, דער גרינדער פון דער ייִדישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים. און ביאַליסטאָק איז אויך געווען באַקאַנט מיט איר פאַרצווייגטער נעץ פון צדקה־אַנשטאַלטן. אין הינזיכט פון געבן צדקה און געפינען קוועלן פאַר צדקה, איז ביאַליסטאָק דורכט זיך געווען אַ שטאָט אַ מוסטער.

אין יאָר 1905 איז ביאַליסטאָק געווען דער שויפּלאַץ פון אַ פּאָ־גראָם, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג אין רוס־לאַנד. דער פּאָגראָם האָט געדויערט עטלעכע טעג און האָט געבראַכט צו 70 טויטע און נאָכמער פאַרוואונדעטע ייִדן. די קאָמיסיע פון דער מלוכה־דומע וואָס האָט אויסגעפאָרשט אויפן אָרט די סיבות און דעם פאַרלויף פון די פּאָגראָם־געשעענישן, האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער פּאָגראָם איז געווען פון פריִער צוגעגרייט דורך די רעאַקציאָנערע עלעמענטן פון דער שטאָט. קלאַנ־גען וועגן פּאָגראָם זענען שוין אַרומגעגאַנגען אין ביאַליסטאָק, אַ פּאָר טעג פאַר דעם ווי ער האָט אויסגעבראָכן. די מאַכט האָט, ווי אין אַ ריי אַנדערע שטעט, לחלוטין איגנאָרירט די ביטע פון די פאָרשטייער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, אָנצונעמען באַצייטנס מיטלען קעגן דעם פּאָגראָם. בעת די געשעענישן האָט די פּאָליציי נישט געשטערט דעם המון צו רויבן די גע־שעפטן און הייזער, און דאָס מיליטער האָט באַשאָסן דווקא ייִדישע הייזער. אויך דער גובערנאַטאָר וואָס איז אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק פון גראָדנע, האָט גאָרנישט געטאָן, כדי צו דערשטיקן די אומרוען.

אויפן סמך פון דעם אַלעם, איז די קאָמיסיע געקומען צום אויספיר, אַז דער פּאָגראָם איז געווען פאָראויס צוגעגרייט און אַז די מאַכט, וועלכע האָט וועגן דעם געוווּסט, האָט גאָרנישט געטאָן, כדי אים צו פאַרמיידן און האָט דורך אירע נידעריקע אַגענטן אַפילו זיך באַטייליקט אין די מאָרדן, פייניקונגען און רויב־אָנפאַלן בעת די פּאָגראָם־געשעענישן. די קאָמיסיע האָט דעריבער אָנגעוויזן, אַז די פּאָגראָמען ווערן אונטערשטיצט דורך דער שטראָפלאָזיקייט פון די אָפיציעלע אויטאָריטעטן און אַז דער איינציקער מיטל נישט צו דערלאָזן צו ווייטערדיקע אָנפאַלן אויף ייִדן, איז איבערצוגעבן צו דעם געריכט אַלע פאַראַנטוואָרטלעכע אין די פּאָגראָם־געשעענישן, אָן אונטערשייד פון ראַנג און פּאָסטן. דער באַריכט פון דער קאָמיסיע איז

באַטראַכט געוואָרן אויף אַ ריי זיצונגען פון דער „דומע״, וועלכע האָט אָנ־גענומען שאַרפע באַשלוסן קעגן דער רעגירונג.

דאָס צאַרישע געריכט, וואָס האָט באַטראַכט דעם פּראָצעס פונעם פּאָגראָם, האָט זיך אָבער געשטעלט אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. אַנשטאָט באַשולדיקן די פּאָגראָמשטשיקעס, אַז צוליב רעליגיעזער און ראַסן־שנאה צו יידן, ווי אויך צוליב עקאָנאָמישע רייבונגען מיט זיי, האָבן די באַשולדיקטע אויסגעפירט גוואַלד־אַקטן קעגן יידן, האָט דאָס געריכט געוואָלט, ווי געוויינט־לעך, דערקלערן דעם פּאָגראָם מיט דער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון די יידן, כדי צו וואַרפן די שולד פאַר אַלץ אויף די יידן גופא. עס איז, אַלזאָ, געקומען צו צוזאַמענשטויסן צווישן דעם געריכט און די ציווילע תובעים מצד די געליטענע. איין אַדוואָקאַט איז אַפילו שפּעטער צוגעצויגן געוואָרן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר זיינער אַ רעדע. דער סוף איז געווען, אַז די תביעות פון די געליטענע פונעם פּאָגראָם האָט דאָס געריכט אַפילו נישט באַטראַכט. מער ווי אַ העלפט פון די באַשולדיקטע זענען באַפרייט געוואָרן און די איבעריקע זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו תפיסה און צו אָפּגעגעבן ווערן אין „אַרעסטאַנטסקער ראָטע״.

אין זעלבשטענדיקן פּוילן איז ביאַליסטאָק געוואָרן דער אַדמיניס־טראַטיווער צענטער פון אַ וואָיעוואָדסטווע. די שטאָט איז שנעל געקומען צו זיך. היות די דייטשע פאַבריקאַנטן האָבן נאָך יענעם קריג פאַרקויפט זייערע אונטערנעמונגען, איז אין ביאַליסטאָק איבערגעבליבן בלויז די יידישע טעקסטיל־אינדוסטריע. דעם פאַרלוסט פון גרויסן רוסישן מאַרק האָבן די יידישע פאַבריקאַנטן געזוכט צו קאָמפּענסירן מיט באַקומען נייע מערק. אייניקע פאַבריקאַנטן האָבן איבערגעפירט זייערע אונטערנעמונגען קיין רומעניע. דאָס רוב איז אָבער פאַרבליבן אויפן אָרט און האָבן עקספּאָר־טירט זייערע סחורות אין די באַלקאַן־לענדער, פּערסיע, און אַפילו אינדיע און כינע, וווּ די ביאַליסטאָקער אויסאַרבעטונגען האָבן אַ דאַנק זייער בי־ליקייט געפונען אַן אָפּזאַץ.

אין זעלבשטענדיקן פּוילן איז ביאַליסטאָק געווען אַן „עיר ואם בישׂ־ראל״ מיט אַן אינטענסיוון יידישן קולטור־לעבן, שטאַרקער חלוצישער און אַרבעטער־באַוועגונג אד״גל.

בעת דער לעצטער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די נאַציס באַשעפטיקט ייִדן אין די אונטערנעמונגען וואָס גייטיקן זיך אין די ביאַליסטאָקער טעקס־טיל־סחורות. שפּעטער איז געקומען צום ייִדישן אויפשטאַנד אין ביאַ־ליסטאָק.

לוצק

לוצק און ראָוונע זענען געווען די הויפּט־צענטערן פון וואָלין, פון דער וואָלינער וואָיעוואָדסטווע אין פּוילן.

לוצק איז געווען דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער, דאָס זיץ־אָרט פון דעם וואָיעוואָדע און פון די צענטראַלע אַנשטאַלטן פון דער וואָיעוואָדסטווע. ראָוונע, וואָס איז מיט איר גרעסערער באַפעלקערונג, געווען נישט מער ווי אַ „פּאָוויאַטאָווע״ שטאָט, איז אָבער געווען דערווירקלעכער צענטער פון וואָלין, ווו עס האָט זיך קאָנצענטרירט דאָס ווירטשאַפטלעכע און קולטורע־לע לעבן פון דער גאַנצער פּוילישער וואָלין.

פאַרוואָס איז לוצק עולה לגדולה געוואָרן אין פּוילן לגבי דער פיל גרעסערער און לעבעדיקער פאַר איר ראָוונע? — אויף דעם האָבן בלי־ספק געווירקט דער עיקר היסטאָרישע סיבות: לוצק איז, ערשטנס, אַ פיל על־טערע שטאָט ווי ראָוונע. איר גרינדונג ווערט צוגעשריבן דעם דרעווליאַ־נער שבט, וואָס האָט געוווינט אין דער איצטיקער וואָלין, און די שטאָט זאָל שוין ציילן טויזנט יאָר פון עקסיסטענץ; צווייטנס, איז לוצק געווען אַ וויכטיקער צענטער אין אַלטן פּוילן און איז זייער פיל באַקאַנט אין דער געשיכטע פון פּוילן.

דער יידישער ישוב אין לוצק געהערט צו די עלטסטע ישובים אין מזרח־פּוילן. יידן, ווייזט אויס, האָבן זיך בכלל באַזעצט אין וואָלין נאָך איי־דער די דאָזיקע געגנט איז אַריבער צו פּוילן און אַפילו פאַר דעם, ווי וואָ־לין, און בכלל די מערבדיקע רוסישע פּראָווינצן זענען באַהערשט געוואָרן פון ליטע.

וואָלינער יידן ווערן, אַ שטייגער, דערמאָנט אין איינער פון די עלטס־טע כראָניקעס, אין דער איפּאַטיעווער „ליעטאָפּיס״. דער מחבר (אָדער מחברים) פון דער דאָזיקער רוסישער כראָניק שילדערט דעם שווערן איינ־דרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף די יידן פון וולאַדימיר־וואָלינסק דער

טויט פון אַ געוויסן רוסישן פירשט אין סוף פון 13טן יאָרהונדערט. אַליין אַ גייסטלעכער, ווי עס זעגען שטענדיק געווען די מחברים פון די אַלטע רו־סישע כראָניקעס, איז, אַ פנים, דער שרייבער פון דער כראָניק געווען באַ־קאַנט מיט דער געשיכטע פון די ייִדן, וואָרום דעם טרויער, וואָס האָט אַרומגענומען די לודמירער ייִדן נאָכן טויט פון דעם דערמאָנטן פירשט, פאַרגלייכט ער מיטן טרויער פון די ייִדן נאָכן חורבן ירושלים, ווען מען האָט זיי געפירט אין גלות בבל.

אין פוילישע קוועלן ווערן לוצקער ייִדן דערמאָנט צוערשט אין אָנ־פאַנג פון 15טן יאָרהונדערט, הגם די ערשטע דערשיינונג פון ייִדן אין לוצק שרייבן צו די פאָליאַקן דעם ליטווישן פירשט העדימין, וועלכער זאָל האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין לוצק די ייִדן, קאַראַימען און טאַטערן אין 14טן י״ה. די ווייטערדיקע געשיכטע פון די ייִדן אין לוצק איז אַ טיפּישע געשיכטע פון ייִדן אין אַ פוילישער שטאָט. דאָס רעכט פון די לוצקער ייִדן צו וווי־נען אין דער שטאָט און צו פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, ווערט כסדר באַשטעטיקט פון די פוילישע קעניגן. דער וואַקסנדיקער ייִדי־שער ישוב רופט אַרויס אומצופרידנקייט צווישן די קריסטלעכע „מיעש־טשאַנעס״: דער, צי יענער, קריסטלעכער האַנטווערקער־צעך טרעט אַרויס מיט אָנקלאַגעס קעגן די ייִדן, אַז זייערע האַנטווערקער פאַרקאָנקורירן זיי מיט זייערע אויסאַרבעטונגען; עס קומט צו רייבונגען און סכסוכים; די גע־רודפטע ייִדן ווענדן זיך נאָך הילף צו דער צענטראַלער מאַכט אין וואַרשע; דער קעניג גלייכט אויס דעם סכסוך אַאַז״וו.

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערביי איז, וואָס די קעניגלעכע מאַכט פלעגט זיך כסדר איינשטעלן פאַר די ייִדן. אַזוי האָט דער קעניג זיגמונד אויגוסט (אין וועמענס צייט עס איז אַנטשטאַנען דער ועד ארבע הארצות) אויסגע־גלייכט די ייִדן (און קאַראַימען) אין זייערע רעכט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אַ צווייטער קעניג, סטעפאַן באַטאָרי, האָט באַפרייט די ייִדן פון צאָלן ספעציעלע אָפּצאָלן און האָט זיי געגעבן אַלע פרייהייטן ביים וווינען אין דער שטאָט און ביים דערפילן זייערע פליכטן, אַלס שטאָטישע איינוווינער. די ייִדן האָבן אויך נישט געטאָרט באַשטייערט ווערן דורך דער שטאָט אָן זיין הסכמה.

פאַרשטייט זיך, אַז די קעניגלעכע מאַכט האָט דאָס אַלץ געטאָן נישט נאָר אין די אינטערעסן פון די ייִדן, נאָר צוליב אירע אייגענע אינטערעסן. דער דערמאָנטער זיגמונד אויגוסט, אַ שטייגער, האָט אָפן דערקלערט, אַז ער וויל נישט, אַז די ייִדן זאָלן פאַרלאָזן די שטאָט. די פונקציעס, וואָס די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אויסגעפירט אין לוצק, ווי אין אַלע אַנדערע שטעט פון פוילן, סיי אַלס אַרענדאַרן פון פאַרשיידענע שטייערן און אָפּ־צאָלן, וואָס פלעגן גיין פאַר דער קעניגלעכער מאַכט, סיי אַלס סוחרים און האַנטווערקער, וואָס האָבן באַלעבט דיווירטשאַפטלעכע טעטיקייטן און ווירטשאַפטלעכע פאַרבינדונגען פון דער שטאָט מיט דער אומגעגנט און פון וואָלין מיט דער גאַנצער פוילישער מלוכה, — האָבן געבראַכט צו־גרויסע נוצן סיי דער צענטראַלער מאַכט, סיי דער פוילישער מלוכה, אַלס גאַנצער, אַז מ׳זאָל דערלאָזן די אַנטיסעמיטישע „מיעשטשאַנעס" פון דער שטאָט פאַרטרייבן די ייִדן.

אין דער געשיכטע פון לוצק לאָזן זיך אָבער אויך אויסטיילן אייניקע ספעציעלע מאָמענטן.

ערשטנס, זענען די שטאָטישע פריווילעגיעס געגעבן געוואָרן די ייִדן צוזאַמען מיט אַרמענער. דאָס באַווייזט, אַז לוצק, פונקט ווי קראָקע און לעמבערג און נאָענט ליגנדיקער קאַמענעץ־פאָדאָלסק, האָט געהאַט אַן אַר־מענישע באַפעלקערונג, וועלכע האָט זיך געניטיקט אין אַ ספעציעלער שוץ מצד דער מאַכט, פונקט ווי די ייִדן.

אַרמענער האָבן זיך באַוויזן אין אַ גרעסערער צאָל אין פוילן, דער עיקר, נאָך דעם, ווי זייער מלוכה איז געפאַלן אונטער די קלעפּ פון די טערקן. געקומען זענען זיי קיין פוילן דורך די דרום־רוסישע סטעפּעס און דורך די פאָרטן פון שוואַרצן ים און האָבן זיך באַזעצט אין וואָלין און גאַליציע.

אַ דאַנק זייער באַקאַנטשאַפט מיט מזרח־שפּראַכן, האָבן די אַרמענער באַלד אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין אויסערלעכן האַנדל פון פוילן מיט טערקיי און פערסיע, בעת די ראָל פון די ייִדן האָט זיך באַצויגן, דער עיקר, צום אויסערלעכן האַנדל פון פוילן מיט מערב־אייראָפּע.

וואָס שייך בכלל דער ראָל פון די אַרמענער אין פוילישן האַנדל, איז

כאַראַן אַ מיינונג, אַז ביזן 17טן יאָרהונדערט זענען דווקא די אַרמענער גע־ווען דער וויכטיקסטער האַנדלס־עלעמענט אין פּוילן און אַז די אָנזעעוודיקע ראָל פון די ייִדן אין פּוילישן האַנדל איז ערשט געקומען נאָך דעם, ווי די אַרמענער האָבן פאַרלוירן זייער אָנפירנדיקע שטעלונג אין אים, צוליב דער אַלגעמיינער פאַרקלענערונג פון פּוילישן האַנדל מיט די מזרח־לענדער.

פּאָליטיש אָבער זענען די אַרמענער געווען אין דער זעלבער לאַגע, וואָס די ייִדן.ביידע זענען געווען אַ צוגעוואַנדערטער עלעמענט. ביידע האָבן געבילדעט אין לאַנד עקסטעריטאָריעלע מינדערהייטן. ביי אַ געוויסן טייל אַרמענער אין פּוילן איז, וואַרשיינלעך, געווען אויך דאָס געפיל, אַז זיי זע־נען אין גלות און זיי האָבן פאַרבונדן האָפענונגען מיטן געדאַנק וועגן צו־ריקקער קיין אַרמעניע, ווען זייער לאַנד וועט ווערן צוריק באַפרייט און אויפגע־ריכט ווערן.

פון דעסט וועגן האָבן די אַרמענער אין פּוילן נישט אויסגעהאַלטן דעם פּרווו פון דער געשיכטע און האָבן זיך אין פּוילן אַסימילירט. אויף דעם האָט קודם־כל געווירקט דער פאַקט פון דער בערך קליינער צאָל אַרמענער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די דרום־פּראָווינצן פון פּוילן. צווייטנס, האָט אַן אומגעהויערע ראָל געוויס געשפּילט דער פאַקט, וואָס די אַרמענער זע־נען קריסטן. די רייבונגען צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג און די אַר־מענער אין די שטעט פון גאַליציע, וואָלין און פּאָדאָליע זענען דעריבער געווען פיל קלענערע, ווי צווישן דער קריסטלעכער שטאָטישער באַפעל־קערונג און דער ייִדישער.

דריטנס, זענען פאַר די אַרמענער אויך געווען אָפן דער וועג צו אַנ־דערע פּראָפעסיעס אין פּוילן; זיי האָבן געקענט ווערן ערד־אייגנטימער, פאַרנעמען פּאָסטנס אין דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע. די אַרמענער האָבן זיך אויך מתחתן געווען מיט די פאַרמעגלעכע עלעמענטן פון דער פּוילי־שער געזעלשאַפט.

דאָס אַלץ האָט טאַקע געבראַכט צו דעם, אַז די אַרמענער אין פּוילן האָבן ביסלעכווייז פאַרלוירן זייער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און זענען צעשווו־מען געוואָרן צווישן דער באַפעלקערונג. דאָס איינציקע, וואָס איז איבער־געבליבן פון זייער אַרמענישער פאַרגאַנגענהייט, איז די אַרמעניש־קאַטוי־

לישע קירכע, און דער אייגענער, אַרמעניש־קאַטוילישער מעטראָפּאָליט, וואָס די אַרמענער האָבן אין לעמבערג. וועגן דער אַרמענישער אָפּשטאַמונג דערציילן אַמאָל די אייגנאַרטיקע פאַמיליע־נעמען פון פוילישע אַרמענער, וואָס זענען אויסגעבילדעט געוואָרן, אַ פּנים, לויט דעם נאָמען פון ראש־המשפחה, — ווי אַבראַמאָוויטש, איסאַקאָוויטש, טעאָדאָראָוויטש אאַז״וו.

אַ צווייטער ספּעציעלער שטריך פון דעם יידישן ישוב אין לוצק איז געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט עקסיסטירט לעבן אַ גרויסן ישוב פון קאַראַימען.

די קאַראַימען זענען געקומען קיין פוילן פון ליטע, וווּהין זיי האָבן איינגעוואַנדערט פון קרים אין 14טן יאָרהונדערט. די פּוילישע קוועלן דערציילן שטענדיק וועגן אַ „ראַבאַניטישער" און קאַראַימישער קהילה און אין די געזעצן ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז די פּריווילעגיעס, שטייער־הנחות, פרייהייט צו וווינען, האַנדלען, אויספירן אַ מלאכה אאַז״וו ווערן געגעבן די „ראַבאַניטן" און קאַראַימער צוזאַמען.

אין אָנפאַנג פון 16טן יאָרהונדערט האָבןביידע קהילות געהאַט אפילו אַ געמיינזאַמען בית־החיים. ווייזט אויס, אַז דאַן איז די צאָל קאַראַימען אין לוצק געווען נישט קלענער ווי די צאָל יידן, וואָרום דאַן האָבן ביידע קהילות געהאַט אויך צו איין בית־מדרש. שפּעטער האָט אָבער די צאָל יידן אין לוצק געגומען וואַקסן און האָט שטאַרק איבערגעשטיגן די צאָל קאַראַימען. ביידע קהילות האָבן שטאַרק געליטן אין דער צייט פון כמעלניצקין. נאָך דער כמעלניטשינע האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פון לוצק זייער פאַרקלענערט און לוצק האָט בכלל פיל פאַרלוירן פון איר אַמאָליקער באַטייטונג.

אַ מערקווירדיקייט פון לוצק איז געווען די אַלטע שול, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין אָנפאַנג פון 17טן יאָרהונדערט און געהערט צו דעם מין שולן־פעסטונגען, וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ ריי שטעט פון די ראַנד־געביטן פון פוילן מיטן ציל צו שיצן זיך קעגן די אָנפאַלן פון די טערקן, קאָזאַקן און טאָטערן. אַזעלכע באַפעסטיקטע שולן זענען געווען אויך אין אָסטראָ, זשולקעוו און אַנדערע שטעט אין וואָלין און גאַליציע.

די אַלטע לוצקער שול, וועלכע איז איבערגעבויט געוואָרן פון אַ פריער־

דיקער הילצערנער שול, האָט, לויט דער פאָדערונג פון דער מאַכט, גע־דאַרפט האָבן אויפן דאַך אַ ספּעציעלן פּלאַץ פאַר פייער־געווער. חוץ דעם האָט די קהילה געדאַרפט איינשאַפן פון איר געלט קאַנאָנען פאַר דער שול, און אויסבילדן פון צווישן דער ייִדישער יוגנט אַ מאַנשאַפט, וואָס זאָל קע־נען אומגיין מיט די קאַנאָנען און פאַרטיידיקן די שול־פעסטונג אין פאַל פון אַן אָנפאַל אויף דער שטאָט. די איבעריקע ייִדישע באַפעלקערונג האָט צוזאַמען מיט די אַנדערע בירגער געדאַרפט בילדן די פאַרטיידיקונג פון שטאָט.

די שול־פעסטונג איז אויסגעבויט געוואָרן אין 1627. דאָס אויסבויען זי, אַלס פעסטונג, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַלס גוטער פאַרזיכטיקייטס־מיטל, וואָרום מיט 21 יאָר שפּעטער האָט שוין לוצק געהאַט אויסצושטיין אָנפאַלן מצד די צעיושעטע באַנדעס פון כמעלניצקין.

נאָך דער כמעלניטשינע און אויך נאָך דער „האַידאַמאַטשינע", מיט הונדערט יאָר שפּעטער, איז דער ייִדישער ישוב אין לוצק ווידער אויפגע־בויט געוואָרן. די ייִדן זענען געקומען צו זיך און ווייטער פאַרגעזעצט די געשיכטע פון איינעם פון די עלטסטע ישובים אין וואָלין, וואָס איז איבער־געריסן געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער „האַידאַמאַטשינע", וועלכע האָט נישט איבערגעלאָזט קיין איין ייִד פון די פילע צענדליקער טויזנטער ייִדן פון לוצק און דער שכנותדיקער ראָוונע.

III

ליטע און ווייסרוסלאַנד

ווילנע

ווילנע — די דאָזיקע שטאָט, אומאָפּהענגיק פון דעם וואָס עס איז געוואָרן מיט אירע ייִדן, וועט אויף שטענדיק בלייבן איינגעקריצט אין זכרון פון ייִדישן פאָלק. איבער ווילנע, ווי באַקאַנט, האָבן זיך געקריגט און עס קריגן זיך פיל פעלקער, פּאָליאַקן און רוסן, ליטווינער און פּאָליאַקן, און גאָר לעצטנס אַפילו ווייסרוסן און ליטווינער, אָבער יעדער פון די פעלקער האָט גרעסערע און העכערע קולטור־צענטערן פאַר ווילנע. בלויז פאַר די ייִדן, פאַר די ליטווישע און ווייסרוסישע ייִדן, איז ירושלים דליטא געווען דער גרעסטער גייסטיקער צענטער, פון וועלכן ייִדישע קולטור און גייסט האָבן אויסגעשטראַלט אין אַלע ווינקעלעך פון ליטוויש־ווייסרוסישן תחום און אויך ווייט מחוץ אים.

ווען זענען ייִדן בכלל געקומען קיין ליטע? זענען זיי אַהין געקומען פון דרום, פון די רוסישע פירשטנטומס פון דער אַמאָליקער „קיִעווער רוס", אָדער פון מערב, דאָס הייסט פון פוילן, נאָכדעם ווי ליטע האָט זיך פאַראייניקט מיט פוילן?

וועגן דעם זענען די מיינונגען געטיילט. דאָס רוב פאָרשער איז אָבער נוטה אָנצונעמען אַז ליטע האָט אַריינבאַקומען צו זיך ייִדן נאָך לאַנג פאַר איר ערשטער אוניע מיט פוילן און אַז געשען איז עס דאַן ווען די קליינע ליטווישע מלוכה האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט צו דרום, אָנשליסנדיק צו זיך די קיִעווער, וואָלינער און אַנדערע דרום־רוסישע פירשטנטומס, וואָס זענען געבליבן אָפּגעריסן פון גרויס־רוסלאַנד נאָכדעם ווי זי איז דעראָבערט געוואָרן דורך די טאָטערן. אויב אַזוי, דאַרף מען אָננעמען, אַז קיין ליטע, און אין איר הויפּטשטאָט ווילנע, האָבן צוערשט איינגעוואַנדערט ייִדן פון דרום־רוסלאַנד, וועלכע האָבן זיך דאָרטן באַזעצט פון קרים, קאַווקאַז און אַנדערע געביטן.

ווען געניי ס׳איז אַנטשטאַנען דער ייִדישער ישוב אין ווילנע, איז

נישט באַקאַנט. וואָלטן די נאַצישע מערדער אים נישט אומגעבראַכט, וואָלט דאָס ווילנער יידנטום איצט געקאַנט פייערן אַ האַלב־טויזנט־יאָריקע עק־סיסטענץ.

אָנגעהויבן האָט זיך דער ווילנער יידישער ישוב, ווי געוויינטלעך אין מזרח־אייראָפּע, מיט סוחרים און פאַקטערס פון וועג־און גרענעץ־אָפּצאָלן. געווען זענען עס יידן געקומענע פון בריסק, גראָדנע, קראָקע און אַפילו פון ווייטן דייטשלאַנד. די ליטווישע און פוילישע הערשער האָבן פּראָטע־זשירט די דאָזיקע יידן, וואָס פלעגן ברענגען אין דער הויפּטשטאָט פון דער אָפּגעשטאַנענער, פויערישער ליטע געוואַנט און זייד־סחורות פון מערב־אייראָפּע, פאַרשידענע בשמים פון די קאָלאָניאַלע לענדער, פלעגן דאָרטן אַנטוויקלען דעם האַנדל און אויסטויש פון די אָרטיקע אויסאַרבעטונגען, אַריינפירן נייע מלאכות און צווייגן פון דערווירטשאַפט. חוץ דעם פלעגן יידן, ווי געוויינטלעך, נעמען אין פאַכט פאַרשידענע מלוכה־הכנסות און פּרי־צישע גיטער, פלעגן געבן די הערשער הלוואות, עפּענען מינצערייען אאַז״וו.

אַזוי איז אין 16טן יאָרהונדערט דער הויפּט־מינצער אין ליטע געווען אַ ייד פון קראָקע, וועלכער האָט די קונסט פון מאַכן מטבעות זיך אויסגע־לערנט, וואַרשיינלעך, ביי די פויליש־יידישע מינצערס וואָס פלעגן אין די ערשטע צייטן באַצירן זייערע „בראַקטעאַטן״ (איינזייטיקע מטבעות) מיט אַ „מישקו קרול פּולסקי״, אָדער מיט אַנדערע אויפשריפטן מיט העברעישע אותיות.

אין דעמזעלבן 16טן יאָרהונדערט האָט שוין ווילנע געוווסט פון אַ „יידישער גאַס״. דער אַנזעעוודיקער יידישער ישוב, וואָס האָט זיך קאָנ־צענטרירט אַרום דער גרויסער שול, האָט באַלד דערפילט אויף זיך די קנאה־שנאה פונעם קריסטלעכן בירגערטום. עס איז געקומען צו אַ פּאָגראָם און צו אַן אַריינמישונג פון דער קעניגלעכער מאַכט, וועלכע האָט, ווי גע־וויינטלעך, נאָכגעגעבן די קריסטלעכע „מיעשטשאַנעס״, באַגרענעצנדיק די רעכט פון יידן צו האַנדלען און וווינען אין ווילנע בלויז אויף איין קליינעם טייל פון דער שטאָט און האָט אָבער, פון דער אַנדערער זייט, די שטרענג־רעגלאַמענטירטע רעכט פון די יידן גענומען אונטער איר קעניגלעכער שוץ.

אַזוי איז עס געקומען צו דער ערשטער ייִדישער געטאָ אין ווילנע, וועלכע האָט אַרומגענומען די ייִדישע גאַס, צווישן דער דייטשער און דער גלעזער־גאַס, ווי אויך אַ טייל פון דער יאַטקע־גאַס און אַנדערע גאַסן. ייִדן האָבן צוגלייך באַקומען אויף אייביק דאָס רעכט צו האָבן אַ שול, אַ בית־החיים, אַ מרחץ. זייערע געריכט־ענינים האָבן געהערט צום בית־דין פון רבנים. און זיי האָבן געמעגט האַנדלען מיט באַשטימטע סחורות, טרייבן ביר און בראָנפן, קויפן און פאַרקויפן ווערטפולע זאַכן. מען האָט זיי אויך דערלויבט צו פאַרנעמען זיך מיט פאַרשידענע מלאכות, אָבער נייען האָבן ייִדן געמעגט נאָר פאַר ייִדן. אויך די באָד האָבן זיי געקענט הייצן בלויז פאַר ייִדן. עס איז צוגלייך גענוי אויסגערעכנט געוואָרן, אין וויפל געשעפטן ייִדן מעגן האַנדלען מיט פוטערס, זיידנס, בגדים אאַז״וו, ביי וועמען זיי מעגן קויפן און וועמען זיי מעגן פאַרקויפן די פלאַקס און תבואה, דאָס זאַלץ און הערינג.

טראָץ דער שטרענגער רעגלאַמענטירונג און דעם שוץ מצד דעם קעניג, זענען די רייבונגען מיטן קריסטלעכן בירגערטום נישט באַזייטיקט געוואָרן. די געשיכטע פון ווילנע איז דעריבער פול מיט סכסוכים מיט די „מיעשטשאַנעס״. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין רויב־אָנפאַלן און פּאָגראָמען. די כסדרדיקע אָנקלאַגעס פונעם מאַגיסטראַט אויף די ייִדן זענען אַ באַווייז, אַז דער קאָנקורירנדיקער קריסטלעכער מיטלשטאַנד האָט זיך נישט געקאָנט געבן קיין עצה מיט די ווילנער ייִדן. פון די אָנקלאַגעס איז צו זען, אַז טראָץ די כלערליי באַגרענעצונגען, נגישות און סתם רויבערישע אָנפאַלן, האָבן די ווילנער ייִדן באַוויזן אויסצובררייטערן זייער ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט און אַז זיי האָבן געהאַנדלט פון איין זייט מיט מאָסקווע, קעניגסבערג און דאַנציג, און פון דער אַנדערער זייט מיט די עכט־פוילישע פונקטן, ווי גניעזנא, אין פויזן, און יאַראָסלאַוו, אין גאַליציע.

דער מיטן פון 17טן יאָרהונדערט איז פאַר די ווילנער ייִדן געווען פונקט אַזוי פאַטאַל ווי פאַרן גאַנצן פוילישן ייִדנטום. די „כמעלניטשטשינע״ האָט ווילנע אויסגעמיטן. אָבער דער שפּעטערדיקער רוסיש־פּוילישער קריג, וואָס איז געקומען צוליב די קאָזאַקן־אויפשטאַנדן, האָט געמאַכט אַ תל פון דער ייִדישער ווילנע. כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן, האָבן די ייִדן פאַרלאָזט די שטאָט.

דער שפּעטערדיקער צוריקקער האָט זיי אויסגעשטעלט אויף נייע בגישות, בפרט מצד די קריסטלעכע האַנטווערקער־צעכן. אַ יידישער בעל־מלאכה האָט נישט געטאָרט האַלטן קיין קריסטלעכן געזעלן. די יידישע גלעזער האָבן געמעגט אַרבעטן נאָר פאַר יידן. דאָס זעלבע די איינבינדער און יובעלירן. די פאַראָרעמטע קהילה האָט נישט געקאָנט צאָלן אירע חובות און ס׳איז געקומען צו דעם, אַז מ׳האָט פאַרחתמעט שולן און אַנדערע יידי־שע געזעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן.

דער שוועדישער קריג האָט נאָך מער פאַרערגערט די לאַגע. די יידן האָבן געליטן פון די גרויסע קאָנטריבוציעס, פון די שרפות און פון אַ שרעקלעכן הונגער, וואָס האָט אין אָנהייב פון 18טן יאָרהונדערט אומגע־בראַכט אַ באַטייטנדיקן טייל איינוווינער פון דער שטאָט. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט מיט הונדערט יאָר שפּעטער, בעת נאַפּאָלעאָנס מאַרש אויף רוסלאַנד.

פיל יאָרן האָבן געדאַרפט אַוועקגיין נאָכן דאָזיקן קריג, אַז ווילנע, וועל־כע איז שפּעטער ענדגילטיק פאַראייניקט געוואָרן מיט רוסלאַנד, זאָל קו־מען ענדלעך צו זיך און אַז די ירושלים דליטא זאָל ווידער אָנהייבן אויס־איבן איר השפעה אויפן גאַנצן רוסישן יידנטום.

דער וווקס פון ווילנע און איר אויסבילדונג אַלס גייסטיקער צענטער פון ליטווישן יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 17טן יאָרהונדערט, ווען אין ווילנע זענען געווען טעטיק אַ ריי באַרימטע רבנים און זי איז געוואָרן אַ צענטער פון באַקאַנטע ישיבות. צווישן די רבנים זענען געווען אַזעלכע ווי ר׳ יהודה, באַקאַנט אונטערן נאָמען יסו״ד (יהודה ספרא ודיינא), וועל־כער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס פירער פון דער קהילה און שיצער פון די אינטערעסן פון גאַנצן ווילנער ישוב. מיט זיינע אומדערמידלעכע באַ־מיונגען פאַר דער קעניגלעכער מאַכט אין וואַרשע האָט יסו״ד געבראַכט צום בטל ווערן פון אַ ריי נישט־גינסטיקע פאַראָרדענונגען פאַר יידן. פיל מער רבנים האָבן זיך אָבער באַקאַנט געמאַכט אויפן געביט פון רייִנער לומ־דות. דעם גרעסטן רום האָט אָבער ווילנע פאַרשאַפט דער ווילנער גאון און אַ ריי אַנדערע רבנים, ווי ר׳ אברהם דאנציג, ר׳ ישראל סאַלאַנטער און אַנדערע. ירושלים דליטא איז ווילנע געוואָרן אין 19טן יאָרהונדערט. דער וויל־

בער צענטער פון רעליגיעזן יידנטום איז אויך געוואָרן אַ צענטער פון וועלט־לעכן יידנטום. צוערשט אַ צענטער פון דער השכלה און פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור, איז ווילנע שפּעטער געוואָרן אַ צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור, פון „בונד" און פון ציוניזם. די נעמען פון מיכה יוסף לעבענזאָן, י. ל. גאָרדאָן, קלמן שולמאַן, אייזיק מאיר דיק, אליקום צונזער זענען, ווי באַקאַנט, פאַרבונדן מיט ווילנע. אַרום דער ראַבינער־שול, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אינעם אַזוי באַקאַנטן ווילנער לערער־אינסטיטוט, האָבן זיך צום טייל גרופּירט אויך אַסימילאַטאָרן. ווילנע איז אויך געווען די שטאָט פון די ערשטע יידישע דרוקערייען אין רוסלאַנד און ווען אַהין האָט זיך אַריינגעקליבן פון גראָדנע די דרוקעריי פון די ברי־דער ראָם, איז ווילנע געוואָרן די שטאָט ווו עס האָט זיך געדרוקט די גרעסטע צאָל יידישע ספרים.

אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט איר אורשפּרונג אין וויל־נע. אויב אין שכנותדיקן מינסק איז אין יאָר 1898 פאָרגעקומען די גרינ־דונגס־קאָנפערענץ פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז די ערשטע קאָנפערענץ פון „בונד" פאָרגעקומען מיט אַ יאָר פריִער אין ווילנע. שפּעטער איז ווילנע געוואָרן דער צענטער פון דער ציו־ניסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד. אין דער ערשטער „מלוכה־דומע" איז ווילנע געווען רעפּרעזענטירט דורך דעם ציוניסט שמריהו לעווין. בעת דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע איז ווילנע געווען אַ פּלאַץ פון שטורם־גע־שעענישן. דאָרטן האָט עס דער פּשוטער יידישער אַרבעטער הירש לע־קערט געשאָסן אין גובערנאַטאָר פאָן וואַל און אויפגערודערט מיט זיין שאָס דאָס גאַנצע רוסלאַנד.

די ערשטע פּאָלקס־ציילונג אין רוסלאַנד אין 1897 האָט באַוויזן, אַז די גרעסטע נאַציאָנאַלע גרופּע אין ווילנע זענען יידן, וועלכע האָבן מיט זייערע עטלעכע און זעכציק טויזנט נפשות וויט איבערגעשטיגן די צאָל פּאָליאַקן אין דער שטאָט. שפּעטער האָט זיך אָבער די לאַגע געענדערט. די צאָל יידן האָט גענומען שטאַרק פאַלן סיי פּראָצענטועל, סיי אין אַבסאָ־לוטע ציפערן, און פאַרן לעצטן קריג האָבן יידן וויט אָפּגעטראָטן דאָס ערשטע פּלאַץ פאַר פּאָליאַקן.

די סיבה פון דעם ליגט געוויס אין די שווערע וואַנדלונגען, וואָס ווילנע האָט דורכגעמאַכט זינט דעם ערשטן וועלט־קריג. די מלחמה און די דייטשע אָקופּאַציע האָבן זיך קאַטאַסטראָפאַל אָפּגערופן אויפן ווילנער ייִדנ־טום. אין ערגעץ איז די דייטשע אָקופּאַציע אין יענעם קריג נישט געווען אַזוי שווער ווי אין ווילנע. דער הונגער און קראַנקייטן האָבן געבראַכט צו גרויסע פאַרלוסטן צווישן די ווילנער ייִדן. אין דער שפּעטערדיקער תקופה, ווען די שטאָט איז עטלעכע מאָל איבערגעגאַנגען פון די רוסן צו די פּאָ־ליאַקן און פאַרקערט, איז געקומען צו אַ גרויסער אויסוואַנדערונג פון די ווילנער ייִדן.

די לאַגע האָט זיך ווייניק וואָס פאַרבעסערט אונטער דער פּוילישער מאַכט. דער אַמאָליקער גרויסער אַדמיניסטראַטיווער און האַנדלס־צענטער פונעם גאַנצן „צפון־מערבדיקן געגנט״, האָט אין דער ניי־אַנטשטאַנענער פּוילישער מלוכה פאַרלוירן זיין גאַנצן הינטערלאַנד און איז אין פּוילן גע־בליבן פאַרשטעקט ערגעץ אין אַ טעמפּן ווינקל צווישן דער רוסישער, לע־טישער און ליטווישער גרענעץ. אין צאַרישן רוסלאַנד איז ווילנע געלעגן אויף די אייזנבאַן־ליניעס וואָס האָבן פאַראייניקט דאָס אייגנטלעכע רוס־לאַנד מיט דייטשלאַנד און פּוילן, און די תבואה־רייכע אוקראַינע מיט באַל־טישע פּאָרטן. אַדאַנק דעם איז די שטאָט געווען גאָר אַ וויכטיקער האַנדלס־צענטער.

די באַצונטקייט פון וועלדער און די טייכן ווילִיע און ניעמאַן האָבן ווי־דער דערמעגלעכט דער שטאָט צו ווערן אַ צענטער פון האָלץ־האַנדל. חוץ דעם האָט ווילנע פאַרמאָגט אויך אַן אייגענע אינדוסטריע פון רויען לע־דער און לעדער־אויסאַרבעטונגען, ווי אויך אַ באַטייטנדיקע זאָקן־אינדוס־טריע.

אָט די אַלע פונקציעס, וואָס האָבן געמאַכט ווילנע פאַר אַזאַ לעבע־דיקע האַנדלס־ און אינדוסטריע־שטאָט אין די רוסישע צייטן, זענען אין דער פּוילישער ווילנע אָפּגעשטאַרבן. אָן אַ פאַרבינדונג מיטן רוסישן מאַרק, אָן איר נאַטירלעכן הינטערלאַנד פון די ווייסרוסיש־ליטווישע געביטן, ווי אויך דעם ניעמאַן, וועלכער איז אין אַ באַטייטנדיקן טייל געבליבן ביי דער זעלבשטענדיקער ליטע, וואָס האָט טאַקע צוליב ווילנע נישט אונטער־

געהאַלטן ביז צו דער סאַמע לעצטער צייט קיין שום באַציִונגען מיט פּוילן, האָט ווילנע אין גאַנצן פאַרלוירן איר אַמאָליקע באַטייטונג.

דער ווילנער געביט האָט דעריבער געהערט צו די אָרעמסטע אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן. די ייִדישע אויסוואַנדערונג איז פון דער שטאָט און אומ־געגנט געגאַנגען מיט אַ שטאַרקן טעמפּאָ. די נויט און פאַראָרעמונג צווישן ווילנער ייִדנטום האָבן אָוועקגעלייגט אַ שטאַרקן חותם אויף ווילנע. די שווערע איבערלעבונגען בעתן קריג און דער אָקופּאַציע האָבן זי געמאַכט פאַר אַ שטאָט אָן אַ שמייכל. זי האָט אָבער געלויכטן ווייטער מיט איר גייס־טיקן לעבן, מיט איר שולוועזן און „ייִוואָ".

גראָדנע

גראָדנע זאָל האָבן געווען דער ערשטער יידישער ישוב אין ליטע.

עס זענען פאַראַן צוויי אַנדערע שטעט, וואָס זענען מעגלעך געווען די ערשטע, ווו יידן האָבן זיך באַזעצט אין ליטע. דאָס זענען טראָק, די אַמאָ־ליקע הויפּטשטאָט פון ליטע, און בריסק. ביז איצט איז עס נאָך נישט פעסט־געשטעלט געוואָרן.

די סיבה פון דעם איז, וואָס די ערשטע „פּריווילעגיעס" צו וווינען אין די דערמאָנטע דריי שטעט, וואָס יידן האָבן באַקומען פון די ליטווישע פירשטן, באַציִען זיך אַלע צו איין און אין דער זעלבער צייט — צום לעצטן פערטל פון 14טן יאָרהונדערט. טראָק קען זיך, אמת, איבערנעמען, אַז דאָרטן האָבן נאָך פריִער געוווינט קאַראַימען, וועלכע זענען אַהין אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן פון קרים דורך וויטאָלדן — יענעם ליטווישן גרויס־פירשט, וועלכער האָט בכלל אויפגעשטעלט די גרויסע ליטווישע מלוכה, דעראָבערנדיק פאַר דער אייגנטלעכער, קליינער ליטע גרויסע שטחים פון מערב־ און דרום־רוסלאַנד.

אָבער די טראָקער קאַראַימען האָבן זיך אַליין לאַנגע יאָרן געוועהרט קעגן דעם, אַז מ'זאָל זיי באַטראַכטן אַלס טייל פון יידישן פאָלק און מען זאָל זיי צונויפמישן מיט די „ראַבאַניטן". בלייבט איבער, אַז אין היגזיכט פון אַלטקייט זענען די יידישע ישובים פון טראָק, בריסק און גראָדנע אַלע גלייך.

וואָס שייך ספּעציעל גראָדנע, באַציט זיך די ערשטע יידישע „פּרי־ווילעגיע" פון 1506 צו יידן, וואָס האָבן שוין דאָרטן געוווינט פריִער און געהאָט דאָרטן נאָך פון פריִער אַ שול, אַ בית־החיים, הייזער און באָדן. מען נעמט דעריבער אָן, אַז יידן האָבן זיך באַזעצט אין גראָדנע נאָך אין מיטן פון דעם 14טן יאָרהונדערט — דאָס הייסט, אַז דער יידישער ישוב פון גראָדנע וואָלט שוין איצט געקענט פייערן דעם 600־יאָריקן יובל, — גע־

קענט, אויב עס וואָלטן נאָך אין גראָדנע געבליבן ייִדן און זייערער אַ ישוב...

אין 1495 האָבן די גראָדנער ייִדן, פּונקט ווי די איבעריקע ייִדישע ישובים אין ליטע, געליטן פון דעם „גירוש ליטא". דער ליטווישער גרויס־פירשט אַלעקסאַנדער, דער איניציאַטאָר און אויספירער פונעם דאָזיקן גי־רוש, האָט אָבער שפּעטער, אַלס קעניג פון דער פויליש־ליטווישער מלוכה, מבטל געמאַכט די פאַראָרדענונג וועגן גירוש און די ליטווישע ייִדן האָבן זיך געקענט צוריקקערן צו זייערע פריִערדיקע ישובים.

דער דעקרעט אויפן נאָמען פון די גראָדנער ייִדן, אליעזר בן משה און יצחק בן פּייוויש, וועגן צוריקקערן אַלע גראָדנער ייִדישע תושבים זייערע קאָנפיסקירטע הייזער און באָדן און צוריקצאָלן זיי די חובות, איז אַ באַ־וויַיז, אַז די קעניגלעכע מאַכט איז געווען פאַראינטערעסירט צוריק צו האָבן די ייִדן אין גראָדנע. שפּעטערדיקע פאַראָרדענונגען פון דער צענ־טראַלער מאַכט וועגן דעם, אַז ייִדן דאַרפן צאָלן 17 פּראָצענט שטייערן פון דער שטאָט און אַז זיי ווערן צוגלייך באַפרייט פון כל מיני ספּעציעלע שטייערן, באַשטעטיקט נאָך אַמאָל דעם פאַקט, אַז ייִדן האָבן געשפּילט אין גראָדנע אַ באַטייטנדיקע ראָל. די צענטראַלע מאַכט האָט, אַ פּנים, געהאַט פון זיי נוצן און באַקומען פון זיי אַנזעעוודיקע הכנסות און האָט דעריבער גע־זען די ייִדן צו באַגינסטיקן, באַפרייענדיק זיי פון ספּעציעלע אָפּצאָלן און שטייערן.

די בלי־צייט פון דעם ייִדישן ישוב אין גראָדנע פאַלט אויס, ווי עס שיינט, אויף דער צווייטער העלפט פון 16טן יאָרהונדערט, וועלכער איז, ווי באַקאַנט, געווען בכלל די „גאָלדענע תקופה" אין לעבן פון פויליש־ליט־ווישן ייִדנטום. גראָדנע האָט געהאַט דאַן אַלס איר גייסטיקן פירער ר׳ מרדכי יפה, דעם מחבר פון פיל רבנישע ווערק, וועלכער איז אַראָפּגעקו־מען אין דער ליטווישער שטאָט פון דער ווייטער און רייכער ייִדישער קהילה אין ווענעדיג, — וואָס עס קען ווידער דינען אַלס סימן פון דעם גרויסן אָרט, וואָס די גראָדנער קהילה האָט דאַן פאַרנומען אין פּוילן. ר׳ מרדכי יפהס רום האָט זיך, וויַיזט אויס, פאַרשפּרייט ווייט מחוץ גראָדנע, וואָרום ער איז געווען אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין די רבנישע צונויפ־מענפאָרן פון גאַנץ פּוילן, וועלכע פלעגן דאַן פאָרקומען אין לובלין און אין

יאַראָסלאַוו (גאַליציע), פון וועלכע עס איז אויסגעוואַקסן דער ועד ארבע הארצות. שפּעטער, אין יאָר 1620, ווען עס איז אַנטשטאַנען דער ספּעציע־לער ועד פון די ליטווישע קהילות, האָט גראָדנע, צוזאַמען מיט בריסק און פּינסק, געבילדעט די דריי קהילות ראשיות, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן ועד, ביז וואַנען עס זענען צוגעקומען צו זיין אָנפירונג אויך ווילנע און סלוצק.

דער וווּקס פון יידישן ישוב אין גראָדנע און זיין אָנזעענדיקע פּאָזיציע אין האַנדל און בכלל איןווירטשאַפטלעכן לעבן פון דער שטאָט און אומ־געגנט האָט, ווי אומעטום, אַרויסגערופן פיינדלעכע געפילן צו די יידן מצד דעם קריסטלעכן בירגערטום פון דער שטאָט. עס האָט אין גראָדנע נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטישע אַרבעט מצד דעם קריסטלעכן מאַגיסטראַט און מצד די האַנטווערקער־צעכן, וועלכע האָבן געבראַכט צום פאַרבאָט פאַר די יידן צו פאַרנעמען זיך מיט געוויסע צווייגן פון האַנדל און פון מלאכה. עס איז אויך געקומען צו אַ קאַמף צווישן גראָדנע און די יידישע מוכסים און סוחרים פון בריסק. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט אָפּגעשטעלט דעם וווּקס פון יידישן ישוב פון גראָדנע, וועלכער האָט מיט דער צייט איבער־געשריטן דעם תחום פון דער שטאָט און האָט קאָלאָניזירט אַ ריי שטעט־לעך מחוץ גראָדנע אויף ביידע זייטן פון ניעמאַן.

דער בלי־קאַפּיטל פון דער יידישער קהילה אין גראָדנע האָט זיך, פּונקט ווי פאַר פיל אַנדערע פּויליש־ליטווישע קהילות, פאַרענדיקט אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט. די גראָדנער קהילה האָט, אמת, נישט גע־ליטן בעת דער „כמיעלניטשינע", וועלכע האָט, ווי באַקאַנט, אָנגעגרירט, דער עיקר, די יידישע ישובים אין אוקראַינע און צום טייל אויך אין גאַ־ליציע. דערפאַר אָבער האָט גראָדנע פיל געליטן פונעם רוסיש־פּוילישן קריג, וועלכער איז געקומען נאָך דער „כמיעלניטשינע". די רוסישע אָקו־פּאַציע פון דער שטאָט האָט געמאַכט אַ תל פון יידישן וווילשטאַנד אין גראָדנע. די שפּעטערדיקע שוועדישע אָקופּאַציע פון גראָדנע, בעת דעם רוסיש־שוועדישן קריג, האָט אין גאַנצן אונטערגעגראָבן דעם מעמד פון דעם יידישן ישוב אין גראָדנע. די פאַרשטאַרקונג פון קלעריקאַליזם אין פּוילן האָט נאָך מער צוגעטראָגן צו די יידישע צרות אין גראָדנע. עס איז

געקומען צו בלוט־בלבולים און אין יאָר 1790 האָט אַ ייִד פון ווירבאַלען, טראָץ דער קעגנערשאַפט פון דער קעניגלעכער מאַכט, באַצאָלט אין אַן עלילת־דם־פּראָצעס מיט זיין לעבן.

די גרויסע באַטייטונג פון גראָדנע אין לעבן פון ליטווישן ייִדנטום, איז פאַראורזאַכט געוואָרן אויך דורך דעם, וואָס אין גראָדנע פלעגט אָפּ־האַלטן זיינע זיצונגען דער ליטווישער הויפּט־טריבונאַל. די ייִדישע קהילה אין גראָדנע פלעגט אַזוי אַרום מוזן אָפט אַרויסטרעטן אַלס פאַרטיידיקערין אין די פּראָצעסן אין טריבונאַל, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט ייִדישע אינטערעסן פון גאַנץ ליטע. די שטאָט האָט, אַלזאָ, אַ דאַנק דעם געהאַט אַ גרויסן מקור פון הכנסות, און בנוגע שטייערן, וואָס מען האָט געצאָלט דער מלוכה, האָט זיך גראָדנע אויסגעגליכן אין די לעצטע יאָרן פון פּוילן מיט דער גרעסערער בריסקער קהילה.

ווען גראָדנע איז אַריבער צו רוסלאַנד איז זי, מיט 85 פּראָצענט ייִדן צווישן 4000 איינוווינער, געווען וואַרשיינלעך די ייִדישסטע שטאָט אין לי־טע. די שטאָט איז געווען באַקאַנט מיט אירע גרויסע רבנים. וועגן איר באַטייטונג קען אויך רעדן דער פאַקט, וואָס אין גראָדנע איז עס געגרינ־דעט געוואָרן די דרוקעריי פון די ברידער ראָם, וועלכע האָט שפּעטער, שוין זייענדיק אין ווילנע, באַקומען אַזאַ גרויסן נאָמען אין דער ייִדישער וועלט.

אונטער דער רוסישער הערשאַפט איז די ייִדישע באַפעלקערונג פון גראָדנע אויך ווייטער געוואַקסן, אָבער אין פּראָצענט פון באַפעלקערונג האָט זי געהאַלטן אין פאַלן, אַזוי אַז פאַרן ערשטן קריג האָבן ייִדן אָנגע־טראָפן נאָר אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. די ייִדן אין גראָדנע זענען, ווי אומעטום, געווען באַשעפטיקט אין האַנדל און מלאכה. גראָדנע האָט אויך געהאַט אַ ייִדישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז גע־ווען באַשעפטיקט אין די באַקאַנטע טאַבאַק־פאַבריקן פון שערעשעווסקי.

אָבער סיי אַלס אינדוסטריע, סיי אַלס האַנדל־צענטער איז זי פאַרקאָנ־קורירט געוואָרן דורך דעם שנעל וואַקסנדיקן ביאַליסטאָק.

די ערשטע וועלט־קריג און די מלחמה־אָפּעראַציעס, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אונטער גראָדנע, האָבן געבראַכט צו אַ באַטייטנדיקער ייִדישער

אויסוואַנדערונג פון דער שטאָט. דער מצב האָט זיך אויך נישט פאַרבע־סערט אונטער דער פוילישער הערשאַפט. דער אַדמיניסטראַטיווער צענ־טער איז פון גראָדנע אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין בריסק. די נאָענט ליגנדיקע גרענעץ מיט ליטע האָט אָפגעשניטן פון גראָדנע דעם גרעסטן טייל פון איר ווירטשאַפטלעכן הינטערלאַנד. די איינפירונג פון טאַבאַק־מאָנאָ־פּאָל אין פוילן האָט געבראַכט צו דעם, אַז פיל יידישע אַרבעטער אויף די דערמאָנטע טאַבאַק־פאַבריקן האָבן פאַרלוירן זייער באַשעפטיקונג.

גראָדנע האָט אויך פאַרלוירן איר באַטייטונג אַלס געוויסער יידישער קולטור־צענטער, וואָס זי האָט געהאַט פאַר יענעם קריג, אַדאַנק די באַקאַנטע העברעיִשע פּעדאַגאָגישע קורסן פון ד״ר קאַנשטאַם. דער עמיגראַציע־דראַנג צווישן די יידן פון גראָדנע און אומגעגנט איז פּונקט ווי בכלל פון די „קרעסן״ געווען צווישן ביידע וועלט־קריגן גאָר אָנזעענדיק. אַ פּאָר יאָר פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט גראָדנע געהאַט ביי זיך אַ פּאָגראָם, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר טעג און האָט חרוב געמאַכט יידישע עקסיסטענצן.

בעת לעצטן קריג האָט גראָדנע לכתחילה אויפגענומען פיל פּלי־טים פון פוילן און פון שכנותדיקן סוואַלק, וועלכן די רוסן האָבן אָפּגע־טראָטן דייטשלאַנד. די ידיעות פון גראָדנע, נאָכדעם ווי זי איז פאַרנומען געוואָרן דורך די דייטשן, זענען, פּונקט ווי פון פיל יידישע שטעט אין „אָסטלאַנד״, געווען גאַנץ קאַרגע. די יידן וואָס זענען פאַרבליבן אין גראָד־נע, אין אַוועקגעגאַנגען נישט בעסער ווי די יידן אין ווילנע און פינסק...

בריסק דליטע

ווען איז אַנטשטאַנען דער ייִדישער ישוב אין בריסק? צי איז עס געשען אין יענע צייטן ווען די שטאָט האָט געהייסן בערעסטיע, צי בערעסטאָוו, און האָט געהערט צו אַ קליינעם רוסישן פירשטנטום, אָדער דאַן ווען בריסק און בכלל גאַנץ דרום־מערב רוסלאַנד זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאַכט פון ליטע?

די דאָזיקע פראַגע האָט פאַר אונדז, ייִדן, אַ ספּעציעלן אינטערעס. ווייל ערשטנס איז בריסק די ערשטע שטאָט אין ליטע וווּ ייִדן האָבן באַקומען, ווי מ׳האָט עס דאַן אָנגערופן, אַ „פּריווילעגיע״ צו וווינען, און צווייטנס, איז דאָך די ייִדישע קהילה אין בריסק געווען די רייכסטע און וויכטיקסטע צווישן די ייִדישע ישובים אין ליטע. מ׳קען אַפילו זאָגן די עיר הבירה פון ליטווישן ייִדנטום. ביזן 17טן יאָרהונדערט האָט בריסק דליטא פאַרנומען אין מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום דעם זעלבן אָנפירנדיקן אָרט, וואָס איז שפּעטער פאַרנומען געוואָרן פון ירושלים דליטא.

די דערמאָנטע פּריווילעגיע פון די בריסקער ייִדן, די ערשטע, ווי געזאָגט, אין ליטע, האָט בכלל געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון ליטווישן ייִדנטום. זייענדיק שפּעטער רעגיסטרירט אין לאַטייניש אין דער פּוילישער געזעצגעבונג און אין ווייסרוסיש אינעם „ליטווישן סטאַטוט״, האָט די בריסקער פּריווילעגיע געדינט אַלס מוסטער פאַר די „פּריווילעגיעס״ פאַר ייִדן אין אַנדערע ליטווישע שטעט, ווי גראָדנע, טראָק אאַז״וו.

די פראַגע איז צי האָט די בריסקער פּריווילעגיע געפונען אין יאָר 1388 ייִדן אין בריסק, אָדער זי איז געגעבן געוואָרן פאַר אַ ישוב, וואָס האָט ערשט דאָרטן געדאַרפט אַנטשטיין.

דער רוב פאָרשער האַלט, אַז די פּריווילעגיע איז געגעבן געוואָרן צו אַ שוין עקסיסטירנדיקן ישוב. די בריסקער ייִדן זאָלן האָבן אַהין געקומען פון וואָלין און מזרח־גאַליציע, וווּ ייִדישע ישובים זאָלן האָבן עקסיסטירט אין

דער צייט, ווען דאָרטן זענען נאָך געווען קליינע רוסישע פירשטנטומס, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אָן דער עלטסטער, דער קיִעווער רוסלאַנד. אויב אָט די מיינונג איז אַ ריכטיקע, דאַן ציילט דער עלטסטער ייִדישער ישוב אין ליטע 600 יאָר.

דער גרויסער און שנעלער וווקס פונעם ייִדישן ישוב אין בריסק דאַרף וואַרשיינלעך דערקלערט ווערן מיט דעם, וואָס די בריסקער ייִדן פלעגן דורכפירן כמעט אַלע גרויסע האַנדלס־ און פינאַנץ־אָפּעראַציעס פון דער ליטווישער מלוכה. ווי גרויס עס איז אין דער הינזיכט געווען די ראָל פון די ייִדן, איז צו זען פון די כלערליי רעכט, פּריוויילעגיעס און הנחות, וואָס די הערשער פון דער פּויליש־ליטווישער מלוכה האָבן געגעבן די בריסקער ייִדן. ווען די בריסקער ייִדן זענען נאָכן „גירוש ליטא" צוריקגעקומען אין דער שטאָט, האָט די קעניגלעכע מאַכט פאַראָרדנט צוריקקערן זיי די שול, דעם בית־החיים און אַלע זייערע הייזער און גיטער. מ'האָט זיי צוגלייך באַפרייט פון דער פּריִערדיקער פליכט אויסצוהאַלטן טויזנט רייטער און אויסגעגליכן זיי אין צאָלן שטייערן מיט די איבעריקע בירגער פון דער שטאָט.

שפּעטער האָט מען די בריסקער ייִדן דערלויבט צו געניסן פון אַ פּערטל פון די שטאָטישע הכנסות, ווי אויך צו באַקומען, צוגלייך מיט דער גאַנצער שטאָט, דעם אָפּצאָל פאַר סחורות און פי, וואָס ווערן דורכגעפירט דורך דער שטאָט, אויב זיי וועלן אויסבויען בריקן איבער די טייכן וואָס פליסן דורך בריסק, פּלאַסטערן די גאַסן פון דער שטאָט און איינקויפן פאַר איר געווער און פּולווער, צוגלייך מיט די איבעריקע בירגער פון בריסק. די גוטע באַציִונג פון דער קעניגלעכער מאַכט צו די ייִדן פלעגט מען אויך זען בעת שרפות, מלחמות און אַנדערע קאַטאַסטראָפעס, ווען די צענטראַלע מאַכט פלעגט געוויינטלעך אַנטקעגנקומען די בריסקער ייִדן מיט באַפרייען פון שטייערן, און פיל אַנדערע הנחות.

אין דער אַלטער ליטע איז בריסק געווען אַ שטאָט אויף דער גרענעץ מיט פּוילן. דער בוג, וואָס פאַלט אַריין אין דער ווייסל, האָט געדינט אַלס גוטער וואַסער־וועג פאַרן האַנדל פון ליטע מיט פּוילן און פּרייסן. פון די בריסקער צאָל־ביכער איז צו זען, אַז בריסקער ייִדן האָבן גענומען אַן אַק־

טיוון אָנטייל אין דעם פּויליש־ליטווישן עקספּאָרט און אימפּאָרט פון סחו־רות מיט דייטשלאַנד און עסטרייך. דער האַנדל פלעגט גיין דורך לובלין און פּויזן און פלעגט אַרומנעמען די געווייינטלעכע דעמאָלטדיקע סחורות.

אַרויספירן פלעגט מען קודם־כל רויכוואַרג מיט מאַרדערס, טכוירן, פוקסן, מיט וואָס ליטע איז געווען באַזונדערס רייך. אַריינגעפירט האָט מען אויסאַרבעטונגען פון אייזן און שטאָל, פאַרשיידענע געוואַנטן, לייוונט און זיידנס, פעלן, זאַלץ, ווי אויך בשמים.

דעם גרעסטן נוצן האָט אָבער די צענטראַלע מאַכט געהאַט פון די ייִדן די פאַכטער. די פאַכט־אָפּעראַציעס פון די בריסקער ייִדן האָבן איינ־געשלאָסן אין זיך דאָס פאַכטן שטייערן, גרענעץ־צאָלער און בכלל הכנסות פון דער מלוכה, ווי אויך דאָס נעמען אין אַרענדע גיטער און דערפער. די צאָל און שטייער־פאַכטן פון דער באַקאַנטער בריסקער פאַכטער־משפּחה יאָזעפאָוויטש, וואָס האָבן אַרומגענומען מיט זייער טעטיקייט גאַנץ ליטע ביז אירע ווייטסטע געביטן ביי סמאָלענסק און וויטעבסק אויף דער גרענעץ מיט מאָסקווע, האָבן זי באַרימט געמאַכט ביי דער קעניגלעכער מאַכט, וועל־כע האָט דערהויבן די יאָזעפאָוויטשעס צום אַדל, און האָט איינעם פון זיי, מיכאַל, באַשטימט אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט אַלס „עלטסטן" פון אַלע ליטווישע ייִדן.

די יאָזעפאָוויטשעס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע אין ווייסרוסלאַנד. אַ דאַנק זייערע פאַרצווייגטע געשעפטן האָבן בריסקער ייִדן זיך באַזעצט איבער גאַנץ ליטע און געשאַפן ייִדישע ישובים אין די ווייטסטע געגנטן פון דער ליטוויש־ווייסרוסישער מלוכה.

די בלי־תקופה פון בריסק דליטא פאַלט אויס אויפן 16טן יאָרהונדערט. דאַן איז עס געווען טעטיק אין בריסק שאול וואָהל, מיט וועמענס נאָמען עס איז פאַרבונדן די לעגענדע וועגן ייִדישן קעניג אין פּוילן, וועמענס ממשלה עס האָט געדויערט אַ מעת־לעת, צי אפשר נאָר אַ נאַכט.

שאול וואָהל, ווייזט אויס, האָט געהאַט גאָר גרויסע פאַרבינדונגען אין וואַרשע, אַ דאַנק וועלכע ער האָט געקענט פיל אויספּועלן פאַרן בריסקער ייִדנטום און אויפטאָן פאַר אים. אַזוי האָט וואָהל אויסגעפּועלט ביי דער

קעניגלעכער מאַכט דאָס וויכטיקע רעכט פאַר די ייִדן צו משפּטן זיך אין ייִדישן געריכט און קענען דערביי פולשטענדיק אויסמיידן די אַלגעמיינע שטאָטישע און וואָיעוואָדישע געריכטן. דאָס דאָזיקע פונדאַמענטאַלע רעכט פון אויטאָנאָמען ייִדישן לעבן אין בריסק האָט, ווי עס ווייזט אויס, גע־דאַרפט אָפט אויסגעקעמפט ווערן אויך קעגן... ייִדן גופא, וואָרום דער בריסקער רב ר׳ מענדל פראַנק האָט נאָך פריִער זיך געקלאָגט פאַרן קעניג זיגמונד, אַז ייִדן ווענדן זיך אין סכסוך־ענינים צום „סטאַראָסטע״.

שאול וואָהל איז אויך באַקאַנט מיט זיין טעטיקייט פאַרן אינערלעכן מצב פון דער בריסקער קהילה פאַר וועלכער ער האָט אויפגעשטעלט אַ ריי געביידעס, פאַר אַ נייער שול, אַ ישיבה און אַנדערע קהילה־אַנשטאַלטן.

אויפן 16טן יאָרהונדערט פאַלט אויך אויס די צייט, ווען בריסק איז געווען אַ צענטער פון לומדות. דער רום פון דער בריסקער ישיבה איז דאַן געגאַנגען וויט אַ חוץ די גרענעצן פון דער שטאָט און אַפילו גאַנץ ליטע און זי פלעגט צוציִען ישיבה־בחורים אויך פון אויסלאַנד, פון דייטשלאַנד און אַפילו פון דער וויטער איטאַליע.

דער גרינדער פון דער בריסקער ישיבה, ר׳ קלונימוס, איז געווען דער שווער פון מהרש״ל. דער מהרש״ל גופא איז אַ געוויסע צייט געווען רב אין בריסק. פון אַנדערע רבנים זענען באַקאַנט ר׳ הירש דוב בריסקער (נפתלי הערץ), ר׳ שמואל העלער (דער זון פון יום טוב העלער) א״אַ.

אויך נאָכן 16טן יאָרהונדערט האָט בריסק געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין ליטוויש־ייִדישן לעבן. דער איניציאַטאָר פון אַ ספּעציעלן ועד פאַרן ליטווישן ייִדנטום איז געווען דער זון פון שאול וואָהל, ר׳ מאיר און די זיצונגען פונעם ועד פון דער מדינת ליטא פלעגן אָפט פאָרקומען אין בריסק. אַ העלפט פון די הכנסות פונעם ועד פלעגט קומען פון בריסק דליטא.

די ירידה האָט זיך אָנגעהויבן אין מיטן פון 17טן יאָרהונדערט, צו־ליב דער „כמיעלניטשינע״ און דעם שפּעטערדיקן רוסיש־פּוילישן קריג.

וועגן דעם גרויסן חורבן פון בריסקער ייִדנטום ווערט דערציילט אויך אין נישט־ייִדישע רוסישע דאָקומענטן. דער חורבן איז, ווייזט אויס געווען אַזוי גרויס, אַז דער קעניג יאַן קאַזימיר האָט שפּעטער באַפרייט די בריס־קער ייִדן פון אַלע פליכטן און האָט. אונטער דער דראָונג פון מיליטערישע

שטראָפן, פאַראָרדנט אַז פון די בריסקער ייִדן זאָל מען לחלוטין גאָרנישט פאָדערן און מ׳זאָל זיי נישט באַלעסטיקן.

צום זעלבן, ביז גאָר גימנסטיקן קורס לגבי די בריסקער ייִדן באַציִען זיך אויך די שטרענגע שטראָפן פאַר יענע, וואָס האָבן אָנגעגריפן, באַליי־דיקט צי געשלאָגן ייִדן. אַ שטרענגער געריכט־אורטייל איז איבערגעבליבן פון יענער צייט, וואָס וואַרפט אַ ליכט אויף די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן. ער דערציילט וועגן שליאַכטשיטש וספּסינוס קאַשטשינשקאַ און זיין ברודער, וואָס זענען מיט בלויזע שווערדן אַריינגעפאַרן אויף פערד אין דער בריס־קער שול, דערהרגעט אַ ישיבה־בחור און פאַרוווּנדעט אַ צווייטן, און זענען דעריבער פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און צו באַצאָלן שטראָפן פאַרן דער־הרגעטן און פאַרוווּנדעטן לערנער.

אַ ריי אַנדערע אורטיילן דערציילן וועגן שיצן די רעכט פון די בריס־קער ייִדן קעגן די קאַטוילישע מאַנאַכן־אָרדנס, ווי אויך קעגן דער פּראַ־וואָסלאַוונער קירכע, און דער שטאָט, מיט וועלכע די ייִדישע קהילה האָט געהאַט סכסוכים צוליב אייגנטום־רעכט און צוליב חובֿות.

אינטערעסאַנט איז צו באַמערקן, אַז שיצנדיק די ייִדן, האָט דער קעניג סאָביעסקי פאַראָרדנט אַ מאָל אַראָפּצונעמען דעם שלאָס פון דער בריסקער הויפּט־שול, וועלכע איז פאַרחתמעט געוואָרן, צוליב אַ גרויסן חובֿ פון אַ בריסקער ייִדן, וואָס עס באַווייזט, אַז ייִדישע בתי־תפילה פלעגן פאַרחתמעט ווערן דורך קריסטן צוליב חובֿות.

פון אַ רשימה פון די סוחרים און פאַכטער וואָס איז איבערגעבליבן פון יענער צייט איז צו זען, אַז דער ייִדישער ישוב אין בריסק האָט זיך נאָך די דערמאָנטע קאַטאַסטראָפעס פון מיטן 17טן יאָרהונדערט געפונען אין גאָר אַ שווערן מצב. דער ווערט פון די סחורות אין די פּופצן ייִדישע געשעפטן אין בריסק האָט זיך געוואַקלט פון 650 ביז 100 גילדן. די „סחורה״ פון דאָרפס־הענדלער איז ווערט געווען נישט מער ווי אַ גילדן, די צען שענ־קער פון בריסק האָבן געהאַט אַן אומזאַץ פון 100 און אייניקע אַפילו נאָר פון 30 גילדן.

עס איז דעריבער נישט קיין ווונדער, וואָס דער פאַראָרימטער בריס־קער קהל איז, פּונקט ווי די ייִדישע ישובֿים אין כמעט גאַנץ ליטע, דאַן

אַריינגעקראָכן אין גרויסע חובות, כדי צו צאָלן די שטייערן און, וואַרשייג־לעך, אויך צו העלפן מיט קרעדיט סוחרים און אונטערנעמער. בריסק האָט, ווי אַנדערע יידישע קהילות, געבאָרגט געלט, דער עיקר, ביי פאַרשיידענע רעליגיעזע קריסטלעכע אינסטיטוציעס, ווי קאָנגרעגאַציעס, קאָלעגיעס, מאָנאַסטירן, מאָנאַכן, אָרדנס, ווייל זיי פלעגן נישט נעמען קיין פּראָצענט און פלעגן אַנטלייען געלט אונטער דער גאַראַנטיע פון אומבאַוועגלעכע אייגנטומס.

עס איז געווען אַנצווייזן, אַז פון די פאַר הונדערט טויזנט גילדן חו־בות, וואָס בריסקער קהל איז געווען שולדיק אין די לעצטע יאָרן פון זעלבשטענדיקן פוילן, סוף פון דער גרויסער פאַרשולדיקונג, האָט אַ העלפט געקומען די דאָזיקע קירכלעכע קרעדיטאָרן, וועלכע פלעגן זיך נישט אָפּשטעלן, ווי געזאָגט, פאַר פאַרחתמענען שולן.

דער סוף פון דער גרויסער פאַרשולדיקונג פון בריסקער קהל, פונקט איבעריקנס ווי פון אַנדערע קהילות, וואָס זענען געווען אין דער זעלבער שווערער לאַגע, איז געווען, אַז דער בריסקער יידישער ישוב איז צום מיטן פון 18טן יאָרהונדערט געווען באַנקראָט.

אין רוסלאַנד איז די פריערדיקע פוילישע הויפּטשטאָט פון פּאָלעסיע געוואָרן, ווי באַקאַנט, אַן „אויעזדנע" שטאָט פון גראָדנער גובערניע. די דרייסיק טויזנטיקע יידישע באַפעלקערונג פון בריסק האָט אָנגעטראָפן צוויי דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. פאַרן ערשטן קריג איז בריסק באַרימט געווען בכל תפוצות ישראל, אַ דאַנק איר גרויסן רב, ר' חיים בריסקער.

בעתן קריג האָט בריסק שטאַרק געליטן. דער גרעסטער טייל יידן האָט פאַרלאָזן די שטאָט, וועלכע האָט אין איר גרויסן טייל אָפּגעברענט. דער צוריקקער און ווידעראויפבוי פון די בריסקער יידן איז אין דער באַ־טייטנדיקסטער מאָס רעגולירט געוואָרן אַ דאַנק דער הילף פון „דזשאָינט".

אין פוילן איז בריסק געוואָרן דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער פון פּאָלעסיע. דאָס האָט זיכער מיטגעהאָלפן דער שנעלער ווידעראויפריכטונג פון דער שטאָט, וועלכע האָט, ווי געזאָגט, זייער פיל געליטן אין ערשטן וועלט־קריג.

די ייִדישע באַפעלקערונג פון פוילישן בריסק האָט געהאַט אויסצו־שטיין אַ שטאַרקן קאַמף מיט יענע פוילישע עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך פאַרלייגט אַרויסצושטויסן די ייִדן פון זייערע ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס.

אַ פּאָר יאָר פאַרן צווייטן קריג האָט בריסק דורכגעלעבט אַ פּאָגראָם. שפּעטער איז געקומען צו אַן אָרגאַניזירטער איינוואַנדערונג פון פוילישע סוחרים און קרעמער פון פוילן, וועלכע האָבן געגרינדעט געשעפטן, אונ־טערן לאָזונג: „סוואָי דאָ סוועגאָ" און זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך דער ענדעקישער פּרעסע, וועלכע האָט גערופן צום באָיקאָטירן די ייִדישע סוחרים און בעלי־מלאכה.

בריסק איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאַם פון פילע אַנ־דערע שטעט אין פוילן, מיט דעם אויסנאַם, וואָס דעם „עכט־פּוילישן" האַנדל און „עכט־פּוילישן" האַנטווערק האָט מען אַהין געדאַרפט אַריבערברענ־גען און קינסטלעך איבערפלאַנצן פון די ווייטליגנדיקע שטעט פון שאָוויניס־טישן גרויס־פוילן, וואָס האָט אין שאָוויניזם פיל געגנאָסן פון דער פריִער־דיקער פּרייסישער הערשאַפט.

מינסק — די הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד

אין דער הויפּטשטאָט פון ווייסרוסלאַנד האָבן ייִדן דורכגעמאַכט די זעלבע געשיכטע וואָס אין אַנדערע ווייסרוסישע שטעט. די ערשטע ידיעות וועגן ייִדן אין מינסק באַציִען זיך אויף גרויסע פּאַכטערס פון פאַרשיידענע שטייערן און אָפּצאָלן. אַמאָל איז עס אַ שטייער פון ביר, בראָנפן און מעד, אַ צווייטן מאָל זענען עס וועג־ און גרענעץ־אָפּצאָלן. די פּאַכטערס פון דעם אַלעמען זענען על פּי רוב געווען ייִדן פון בריסק, בראש מיט דער באַרימטער פּאַכטער־משפּחה פון די יאָזעפּאָוויטשעס. די שטייער־ און צאָל־פּאַכטער זענען אָבער אויך געקומען קיין מינסק פון ליטע גופא און לעבן די ברידער יאָזעפּאָוויטש פון בריסק פיגורירט אין די דאָקומענטן דער נאָמען פון אַ טראָקער פּאַכטער, דאַנילעוויטש.

פון פּאַכטן שטייערן און צאָלן, פלעגן די ייִדן אין דער אַמאָליקער פּויליש־ליטווישער מלוכה, ווי געזאָגט, אַריבערגיין צו פּאַכטן פּריצישע גי־טער, צו האַנדל, האַנטווערק אאַז״וו. דער האַנדל און בכלל די שטאָטישע פּרנסות פלעגן די ייִדן ברענגען אין אַ קאָנפליקט מיטן קריסטלעכן בירגערטום.

די געשיכטע פון מינסק איז פול מיט פאַקטן פונעם דאָזיקן לאַנגיאָריקן קאָנפליקט. טאָמער האָט איין פּוילישער קעניג געגעבן די מינסקער ייִדן אַלערליי פּרייהייטן און צוגעטיילט זיי דאָס רעכט צו האַנדלען מיט די אָדער יענע סחורות, פלעגט אַ צווייטער הערשער, נאָכגעבנדיק די „מיעש־טשאַנעס״, מבטל מאַכן די אַלטע קעניגלעכע „פּריווילעגיעס״.

אַ דריטער קעניג, וואָס האָט זיך שטאַרק געניי‎טיקט אין די הכנסות פון די ייִדן, פלעגט ווידער צוריקשטעלן די „פּריווילעגיעס״. אַמאָל פלעגט ער אָבער צוגלייך פאַרבאָטן די ייִדן צו קויפן באָדן און צו בויען הייזער אין דעם אָדער יענעם טייל שטאָט.

דער קאַמף פון קריסטלעכן בירגערטום קעגן די ייִדן אין מינסק האָט

געבראַכט צו דעם, אַז דאָס ייִדישע לעבן און די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון די מינסקער ייִדן איז געווען שטרענג רעגלאַמענטירט. אויף אויפשטעלן אַ נייע שול, אויף קויפן באָדן פאַר אַ בית־החיים האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש פון דער צענטראַלער מאַכט. פון אַ פאַרבלי־בענעם דאָקומענט פון סוף פון 17טן יאָרהונדערט ווייסט מען, אַ שטייגער, אַז דער מלך יאַן סאָביעסקי האָט די ייִדן אין מינסק דערלויבט צו האָבן אין דער שטאָט נאָר אַ צענדליק געוועלבער, אַ צוויי צענדליק פּלעצער אין דער יאַטקע אאַז״וו. זיי איז אויך דערלויבט געוואָרן צו האָבן ברויערייען און צו מאַכן מעד, צו האַנדלען מיט עסנוואַרג און צו פאַרנעמען זיך מיט פאַרשיידענע מלאכות. די קצבים האָבן געמעגט קויפן בהמות איבער די דערפער. די שטאָט האָט פון די ייִדן נישט געטאָרט נעמען מער שטייערן, ווי פון אַנדערע שטאָטישע איינוווינער. שבת און יום־טוב האָט מען אַ ייִדן נישט געטאָרט רופן אין געריכט און באַהאַנדלען זיינעם אַן ענין.

פון די לעצטע פּונקטן איז צו זען, אַז די פּוילישע קעניגן פלעגן אויך שיצן די ייִדן קעגן דער אָפט ייִדן־פיינדלעכער פּאָליטיק פון דער אָרטי־קער באַפעלקערונג. אַז דערביי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל די מאַטע־ריעלע, פיסקאַלע אינטערעסן פון דער שיצנדיקער מאַכט, איז איבערגענוג באַקאַנט. די מאַכט פלעגט זיך אָבער אַריינמישן אויך אין די קאַמפן צווישן די ייִדישע סוחרים גופא. אַזאַ קאַמף אַרום דעם יריד אין דעם שטעטל מיר איז אויסגעבראָכן אין 18טן יאָרהונדערט צווישן די ייִדישע סוחרים פון מינסק און פון בריסק. אַזוי ווי די מינסקער ייִדן האָבן, צוליב דעם קאַמף, אויפגעהערט ביסלעכווייז צו קומען צו די ירידים אין מיר, האָט דער ליט־ווישער גרויס־קאַנצלער און דער מירער סטאַראָסטע געווענדט זיך צום מינס־קער קהל מיט דער ביטע, אַז די לייטזעליקע ייִדישע סוחרים זאָלן באַנייען זייער אָנטייל אין יריד, צוזאָגנדיק זיי צוגלייך שוץ קעגן רדיפות און באַ־גרענעצונגען. דער בריסקער קהל ווידער האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג פונעם קעניג נישט צו רודפן די סוחרים פון מינסק.

מינסק איז בכלל נישט געווען שוה מיט בריסק, וועלכע איז אין משך פון אַ לאַנגער צייט געווען די הויפּטשטאָט פון ליטע און רייסן. מינס־קער קהל האָט אַ לאַנגע צייט געפירט אַ קאַמף מיט בריסק פאַר אויטאָנאָ־

מיע אין די גרענעצן פון ועד הקהילות במדינת ליטא און פאַר רעכט אַליין צו באַשטייערן זיינע מיטגלידער. ווען דער קהל האָט אָבער באַקומען דאָס דאָזיקע רעכט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די מינסקער יידן גופא. די שטאָט איז געווען שטאַרק אומצופרידן מיט דער פּאָליטיק פון די פּי־רער פון קהל, וועלכע האָבן פאַרפאַכטעט אַ ריי שטייערן צו פּריוואַטע פּער־זאָנען אונטערן אויסרייד, אַז זיי האָבן צו דעקן גרויסע חובות פון קהל.

דער קאַמף צווישן „עמך" און די פירער פון קהל איז אַפילו אַרויס פונעם יידישן תחום און האָט אָנגעשפּאַרט צום ליטווישן טריבונאַל, פאַר וועמען די מינסקער יידן האָבן אָנגעקלאָגט די קהל־מאַכער. די לעצטע האָבן ווידער פאַרמסרט די אָנקלאָגער און אָנגענומען מיטלען מ'זאָל זיי אַרעסטירן. אין דער הינזיכט איז מינסק נישט געווען קיין אויסנאַם פון די איבעריקע יידישע קהילות אין ווייסרוסלאַנד, ווו אינערלעכע קאַמפן צווישן די קהלשע מאַכערס און „עמך", ווי אויך צווישן פאַרשיידענע סאָציאַלע שיכטן זענען שטענדיק געווען אויפן סדר־היום.

די מינסקער קהילה האָט דערגרייכט צו אַ באַזונדער הויכער פּאָזיציע אין 18טן יאָרהונדערט, ווען פיל פון אירע רבנים און ראשי ישיבות זענען באַקאַנט געוואָרן ווייט אויסער דער שטאָט. צו זיי געהערן קודם־כל ר' יחיאל היילפּערין, דער מחבר פון ספר „סדר הדורות", און ר' אריה לייב בן אשר, דער בעל „שאגת אריה".

וועגן לעצטן, וועלכער האָט, צוליב זיין שאַרפן קאַמף מיט דער שטאָט, געמוזט סוף־כל־סוף פאַרלאָזן מינסק און זאָל פון דאָרטן האָבן געוואָרן אַרויסגעפירט אויף אַ וואָגן, זענען אין מינסק פאַרבליבן פאַרשיידענע מעשיות. אַזוי דערציילט מען, אַז דער „שאגת אריה" זאָל האָבן פאַרשאָלטן די שטאָט און דערפאַר פלעגט דאָרטן יעדן זומער פאַרקומען אַ שרפה. דאַ־קעגן האָט ער, ביים אַרויספירן אים פון מינסק, געבענטשט אַ פּשוטע פרוי, וואָס האָט אים געגעבן חלות אויפן וועג. די פרוי איז דעריבער נתעשר גע־וואָרן און האָט שפּעטער געגרינדעט אַ קלויז, וואָס איז באַקאַנט געווען אונטער איר נאָמען: „בלומקעס קלויז".

דער „שאגת אריה", וועלכער איז געווען אַ צייט־חבר פון ווילנער גאון, איז שפּעטער געוואָרן רב אין מעץ, עלזאַס־לאָטאַרינגען, און האָט אי־

בערגעלאָזן פיל וויכטיקע תלמידים, דערונטער ר׳ חיים וואָלאָזשינער, דער גרינדער פון דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה.

אונטער דער רוסישער מאַכט געפינט זיך מינסק קנאַפּע צוויי הונ־דערט יאָר. אין דער צייט פון צאַריזם האָט די ייִדישע באַפעלקערונג פון מינסק געליטן פון אַ שטאַרקן איבערפלוס פון האַנדלס־ און פאַרמיט־לונגס־עלעמענטן. די פּראָדוקציע איז געווען אַ קליינע. די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן האָבן באַשעפטיקט וויניק אַרבעטער. לופט־מענטשן און פער־זאָנען פון אומבאַשטימטע פּראָפעסיעס האָט מינסק געהאַט נישט אין אַ קלענערער צאָל ווי די שכנותדיקע ווילנע און מאָהילעוו.

צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט אָבער מינסק גענומען שטאַרק וואַקסן, אַ דאַנק דער האָלץ־אינדוסטריע. דאָס קויפן און אויסהאַקן וועל־דער, די זעג־מילן און מעבל־פאַבריקן און, ענדלעך, דער עקספּאָרט פון שוועלן, טעלעגראַף־סלופּעס, ברעטער, פּאַפּיר־האָלץ, פּאַניר און סתם רויע האָלץ קיין דייטשלאַנד און צום טייל אויך קיין ענגלאַנד, האָט זיך געפונען אין ייִדישע הענט. דער עקספּאָרט פלעגט גיין איבערן ניעמאַן און דער ווילִיע, ווי אויך איבער די אײַזנבאַנען, וואָס האָבן פאַרבונדן מינסק מיט קעניגסבערג און דאַנציג.

דאָס ייִדישע מינסק האָט נישט אויסגעמיטן די גײַסטיקע קאַמפן, וואָס עס האָט דורכגעמאַכט דאָס רוסישע ייִדנטום. מינסק האָט געהאַט אַ קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים, צווישן די לעצטע און די משכילים.

צום סוף פון יאָרהונדערט איז די שטאָט געוואָרן דער געביט פון אַ שטאַרקן קאַמף צווישן „בונד" און די ציוניסטן. דער פּועלי־ציוניזם האָט אויפן מינסקער באָדן באַקומען אַ ספּעציעלן אויסדרוק. דער „מינסקער טאָלק" אין פּועלי־ציוניזם האָט — אפשר אין רעזולטאַט פונעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע און פון די פּאָגראָמען וואָס זענען נאָכדעם געקומען — זיך לגמרי דורכגעדרונגען מיט שלילת הגלות און האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַרבעט אין און פאַר ארץ־ישראל.

אין אָנפאַנג פון לויפנדיקן יאָרהונדערט איז אין מינסק פאָרגעקומען דער גרויסער אַלרוסישער ציוניסטן־צוזאַמענפאָר. מינסק האָט דאַן געזען אין אירע מויערן אחד העמען און סאָקאָלאָוון, אוסישקינען און טשלענאָוון. די

„דעמאָקראַטישע פּראַקציע" אין ציוניזם, געפירט דורך מאַצקינען און דעם דאַן נאָך יונגן ווייצמאַנען, האָט אין מינסק צוערשט געלאָזט הערן איר שטימע. אחד־העמס באַריכט וועגן קולטור־אַרבעט האָט באַוויזן די „מזרחי", בראש מיט הרב ריינעס, צו פאָרמולירן זייער ספּעציעלע שטעלונג אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער ווייניקער באַקאַנטער באַריכט פון ח. ד. הורוויטש, וועגן עקאָ־נאָמישער אַרבעט, האָט געגעבן מאַטעריאַל די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע עלעמענטן צו דענקען איבער די ספּעציפישע נויטן און אייגנאַרטיקער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע און דעקלאַסירטע שיכטן פון יידישן פאָלק. מיט 17 יאָר שפּעטער איז דער זעלבער ח. ד. הורוויטש ווידער געקומען קיין מינסק, ווו ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער ציוניסטישער טעגלעכער צייטונג „פאָרן פאָלק", וועלכע איז דערשינען אונטער דער פוילישער אָקופּאַציע.

בעת די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן פון 1905 איז מינסק געווען דער שוי־פּלאַץ פון אַ בלוטיקער שחיטה, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט איבער אַ דעמאָנסטראַציע אין שייכות מיטן באַרימטן מאַניפעסט פון 17טן אָקטאָבער. שפּעטער זענען אין דער שטאָט פאָרגעקו־מען אַ ריי אַטענטאַטן אויף די צאַרישע באַאַמטע, דאַרונטער דער נישט־געלונגענער אַטענטאַט אויפן גענעראַל קורלאָוו, וואָס איז דורכגעפירט גע־וואָרן דורך דער סאָציאַליסטין־רעוואָלוציאָנערין און גענעראַלישער טאָכ־טער, — איזמאַילאָוויטש.

אַ גרויסע וואַנדלונג האָט מינסק דורכגעמאַכט בעת דעם ערשטן וועלט־קריג. די יידישע באַפעלקערונג פון מינסק איז געוואַקסן צו קרוב 70 טויזנט, צוליב דעם צושטראָם פון פּליטים. די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס האָט באַקומען נייע און שטאַרקע איינפלוסן האָט זיך קאָנצענטרירט, דער עיקר, אַרום „יעקאָפּאָ", ווו עס האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געלאָזט פילן דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע יידישע פּאַרטייען, וועל־כע זענען נאָך דאַן געווען אומלעגאַל.

די פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917, דאָס אַראָפּוואַרפן פון דעם צאַ־ריזם און די פרייהייט וואָס איז נאָכדעם געקומען, האָט געעפנט פאַר דער

ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אַרבעטס־מעגלעכקייטן, וואָס האָבן זיך איר אפשר נישט געחלומט.

מינסק אין דאַן געוואָרן דער וויכטיקסטער ייִדישער צענטער אין מערב־רוסלאַנד, וועלכער איז, צוליב דער מלחמה, געווען אָפּגעריסן פון ווילנע און וואַרשע. מינסק איז געוואָרן דאָס זיץ־אָרט פון דעם צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד" און פון ראַיאָן־קאָמיטעטן פון די ציוניסטן, פּועלי־ציוניסטן, „פאַראייניקטע" אאַז"וו. אין שטאָט האָבן געגומען דערשיינען פּע־ריאָדישע ייִדישע אויסגאַבעס, דאַרונטער די טאָג־צייטונגען „דער וועקער" (פון „בונד") און שפּעטער „דער יוד" (פון די ציוניסטן). אין מינסק האָט דאַן דער „בונד" דורכגעפירט די גרעסטע פייערונג פון זיין 20־יאָריקן יובל. די ציוניסטן האָבן מיט אַ יאָר און אַ האַלב שפּעטער געהאַט אין מינסק זייער צוזאַמענפאָר.

דער וויטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן האָט אָבער צו דעם אַלעם געמאַכט אַ סוף. די ירידה האָט זיך באַזונדערס באַמערקט בעת דער דייַ־טשער אָקופּאַציע אין 1918. אין די יאָרן 1918־1920 האָט מינסק בכלל דורכגעמאַכט אַ באַזונדער שווערן קאַפּיטל: פינף מאָל איז די שטאָט אי־בערגעגאַנגען פון איין מאַכט צו דער צווייטער. מינסק האָט דאַן געזען אין אירע מויערן דייטשן, רוסן, פּאָליאַקן, ווידער רוסן, ווידער פּאָליאַקן.

אַ געוויסע צייט האָט אין מינסק געפּרווּט אויסאיבן מאַכט אַפילו עפּעס אַ שוואַכע ווייסרוסישע רעגירונג, וועלכע איז געשטיצט געוואָרן דורך די דייטשן. שפּעטער אַביסל, אין 1920, האָבן אַרום מינסק געבושעוועט די באַנדעס פון בולאַק־באַלאַכאָוויטש, וועלכער איז געשטיצט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן.

די דאָזיקע באַנדעס האָבן זיך באַזונדערס געלאָזט הערן אין דער געגנט צווישן באָברויסק און איהומען, ווו זיי האָבן חרוב געמאַכט אַ ריי ייִדישע ישובים, ווי די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע שטשעדרין, הלוסק און אַנדערע.

נאָכן ריגער שלום, אין האַרבסט פון 1920, איז מינסק מיט דער אומ־געגנט ענדגילטיק פאַרבליבן אין די גרענעצן פון רוסלאַנד.

די סאָוועטן־מאַכט האָט געלייגט פיל אַכטונג אויף דער אַנטוויקלונג

פון דער שטאָט, וועלכע איז אונטער איר געוואָרן, ווי באַקאַנט, די הויפּט־שטאָט פון דער ווייסרוסישער ראַטן־רעפּובליק. אין גאַנצן ראַטנפאַרבאַנד איז מינסק געווען די נאָענטסטע שטאָט צו מערב, דאָס „פענצטער אין איי־ראָפּע". אמת, דאַן האָט עס געהייסן אין דער פאַרהאַסטער „צעפּוילטער" קאַפּיטאַליסטישער איראָפּע. עס איז אָבער פאַרט געווען די העכער־שטיי־ענדיקע מערבדיקע טייל פון אייראָפּע, וועלכע מען האָט גענדאַרפט „אָנ־יאָגן און איבעריאָגן".

מ'האָט, אַלזאָ, גענומען די שטאָט שטאַרק אַנטוויקלען. עס איז דאָרטן איינגעפירט געוואָרן קאַנאַליזאַציע, אַ טראַמוויי, עלעקטרישע באַלייכטונג.

עס זענען אַנטשטאַנען אַ רייע נייע פאַבריקן. עס איז געגרינדעט גע־וואָרן אַן אוניווערסיטעט און אַנדערע הויכשולן, אַן אַקאַדעמיע, קאָנסער־וואַטאָריע אאַז"וו. דער פּראָלעטאַריאַט און די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער שטאָט זענען שטאַרק געוואַקסן, אויך די קולטור־אַרבעט אין יידיש.

די סאָוועטישע קוואַלן רעדן אַפילו וועגן אַן „אומגעהייערן וווקס" פון מינסק, וועלכע האָט צווישן די ביידע וועלט־מלחמות פאַרטאָפּלט די באַ־פעלקערונג און האָט ערב דעם לעצטן קריג געהאַט אַ פערטל מיליאָן איינ־וווינער.

די יידישע באַפעלקערונג פון מינסק איז אָבער פּראָצענטועל געפאַלן. פיל יידן האָבן פאַרלאָזן די שטאָט בעת אירע וואַנדלונגען אין די יאָרן 1917־20. מינסק און די אומגעגנט האָבן אויך געגעבן אַ גרויסע יידישע וואַנדערונג קיין ביראָבידזשאַן. דאָס חרוב ווערן פון מיטלשטאַנד און די אונטערגעגאַנגענע יידישע פּרנסות האָבן, אַ פּנים, געטריבן די יידן טיפער אין רוסלאַנד.

די דייטשע אָקופּאַציע אין 1941־44 האָט אינגאַנצן אומגעבראַכט דאָס מינסקער יידנטום. די שטאָט האָט אויך גוואַלטיק געליטן בעת די קריגס־אָפּעראַציעס.

פינסק

I

ווען איז אַנטשטאַנען דער ייִדישער ישוב אין פּינסק? צי דאַרף מען זיין געשיכטע ציילן זייט דעם יאָר 1506, ווען אייניקע ייִדן האָבן באַקומען, ווי מ'האָט עס דאַן אָנגערופן, די „פּריווילעגיע" צו בויען אין פּינסק אַ שול און צו קויפן באָדן פאַר אַ בית־החיים, — אָדער דער ייִדישער ישוב אין פּינסק האָט עקסיסטירט נאָך פאַרן „גירוש ליטע", וועלכע איז פאָרגעקומען אומגעפער אין דער זעלבער צייט וואָס דער פיל שרעקלעכערער פאַר אים „גירוש שפּאַניע"?

די דאָזיקע פראַגע איז ביז איצט נישט אויפגעקלערט. די דערמאָנטע „פּריווילעגיע" באַזירט אָבער אויף אַ פאַראָרדענונג פונעם פוילישן קעניג אַלעקסאַנדער יאַגעלאָן — דעם זעלבן וואָס האָט עס פריִער, אַלס גרויס־פירשט פון ליטע, דורכגעפירט דעם „גירוש ליטע"...

וואָס האָט עס געווירקט אויפן ליטווישן גרויספירשט, אַז ער זאָל דורכפירן, 3 יאָר נאָך גירוש שפּאַניע, דעם גירוש פון די ייִדן אין זיין קליינעם פירשטנטום, איז נישט קלאָר. דאָס פּשוטסטע וואָלט געווען צו זאָגן, אַז דער פרום דערצויגענער ליטוויש־קאַטוילישער גרויספירשט האָט זיך מתקנא געווען אין פערדינאַנדן פון שפּאַניע און האָט באַשלאָסן נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל פון אָט דעם אַלערפרומסטן און מעכטיקסטן דאַן קאַטוילישן מאָנאַרך פון אייראָפּע.

פאַראַן אָבער אויך אַ מיינונג, אַז אַלעקסאַנדער זאָל האָבן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון זיין פרוי, דער טאָכטער פונעם רוסישן גרויס־פירשט וואַסילי, וועלכע האָט געבראַכט מיט זיך פון מאָסקווע די שנאה און אויך פּחד פאַר ייִדן, פון וועמען עס האָט געשטאַמט די „אפּיקורסות פון די יודאַיזירנדיקע", וואָס האָט דאַן אויפגעשטורעמט די גייסטער אין נאָוויגאָראָד און מאָסקווע. אַלעקסאַנדער, הייסט עס, האָט זיך געוואָלט פאַרזי־

כערן קעגן דער „יערעס זשידאָווסטווי שטשיך" און האָט באַצייטנט משלח געווען די ייִדן פון זיין מדינה.

עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויפן פרומען גרויספירשט פון ליטע האָבן געווירקט סיבות פון גאַנץ פּראַזאַישן כאַראַקטער און אַז דורכן גירוש פון זיינע ייִדן, האָט אַלעקסאַנדער, פּונקט ווי פיל אַנדערע געקרוינטע הערשער פון אייראָפּע, זיך פּשוט געוואָלט באַפרייען פון זיינע ייִדישע בעלי־חובות, וועמען ער איז פיל געווען שולדיק.

דער „גירוש ליטע" האָט זיך אָבער, צום אונטערשייד פון גירוש שפּאַניע, אַרויסגעוויזן אַלס אַן אומבאַטייטנדיקער עפּיזאָד אין לעבן פון ליטווישן ייִדנטום. אַלעקסאַנדער איז נישט געוואָרן קיין ליטווישער פּערדינאַנד און העלענאַ איז נישט געוואָרן קיין איזאַבעלאַ. אַ פּאָר יאָר נאָכן גירוש האָבן זיך שוין די ליטווישע ייִדן געקאָנט צוריקקערן פון פּוילן און אַנדערע לענדער צו זייערע פריִערדיקע וווין־ערטער.

אין פאַל פון פּינסק איז אָבער נישט קלאָר, צי אין דערמאָנטן יאָר 1506 זענען די ייִדן אַהין צוריקגעקומען אָדער זיי האָבן זיך דאָרטן באַוויזן דאָס ערשטע מאָל.

די ערשטע תושבים אין פּינסק זענען, ווי אומעטום אין דער פּויליש־ליטווישער מלוכה, באַשטאַנען פון פאַכטערס פון פאַרשיידענע מלוכה־הכנסות, שטייערן, גרענעץ־אָפּצאָלן, אד"גל׳ און פון סוחרים.

די „פּריווילעגיע" וואָס איז אויבן דערמאָנט געוואָרן איז געגעבן געוואָרן אייניקע ייִדן, וואָס זענען שוין פון פריִער באַקאַנט געווען מיט זייער טעטיקייט אויפן געביט פון פאַכטן מלוכה־הכנסות און פון מסחר.

די ייִדן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער פּריווילעגיע זענען, אַלזאָ, נישט געווען קיין פּנים חדשות אינעם דעמאָלטדיקן ליטווישן ייִדנטום. דער נאָמען יאָזעפאָוויטש איז, אַ שטייגער, געווען באַקאַנט פון בריסק, ווו די יאָזעפאָוויטש־משפחה האָט, אַ דאַנק אירע פאַרצווייגטע פאַכט און האַנדלס־געשעפטן, וואָס האָבן אַרומגענומען גאַנץ ליטע און ווייסרוסלאַנד, זיך דערשלאָגן צו דער לאַגע פון אַ ייִדישער מאַגנאַטן־משפּחה.

איינער פון די יאָזעפאָוויטשעס איז אַפילו אַריינגענומען געוואָרן אין דער פּוילישער שליאַכטע און איז אַריינגעשריבן געוואָרן מיט אַ ספּעציעלן

הערב אין די העראַלדישע ביכער פון פוילישן אַדעל־קלאַס, באַקומענדיק צוגלייך דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו רעפּרעזענטירן די ליטווישע ייִדן פאַר דער קעניגלעכער מאַכט.

אַ צווייטער ייִד, וואָס האָט פיגורירט אין דער פּריווילעגיע, פּסחאָ־וויטש, איז, ווייזט אויס, צוזאַמען מיט זיין משפחה געווען פאַרבונדן, דער עיקר, מיט פּינסק, וואָרום פיל פּסחאָוויטשעס ווערן דערמאָנט אויך אין שפּעטערדיקע דאָקומענטן וואָס האָבן אַ שייכות צו פּינסק, — סיי אַלס פאָרשטייער פון די ליטווישע ייִדן פאַר דער צענטראַלער מאַכט, סיי אַלס אָנקלאָגער קעגן אַנזעעוודיקע קריסטלעכע בירגער פון פּינסק און אַפילו קעגן דעם מאַגיסטראַט פון קיִעוו, וועלכער האָט פאַרבאָטן די פּינסקער ייִדן צו קומען אַהין האַנדלען.

געהאַנדלט האָבן פּינסקער ייִדן מיט קיִעוו און לובלין, מיט בריסק און מיט דאַנציג.

אין די ביכער פון דעם בריסקער צאָל־הויז ווערט דערמאָנט אַמאָל אַ פּינסקער סוחר בענדעטאָוויטש, וועלכער האָט עקספּאָרטירט וואַקס און פעלן קיין לובלין. אַ צווייטן מאָל — די סוחרים יצחקאָוויטש און סראָעלע־וויטש, צי נחמנאָוויטש און לאַזאַרעוויטש, וואָס האָבן אַריינגעפירט דורך בריסק קיין פּינסק מעסערס, סערפּן, נאָדלען און אַנדערע שטאָל־אויסאַר־בעטונגען, צי פאַרשידענע געוואַנטן און זיידנס, אָדער פלומען און אימבער פון דייטשלאַנד.

די שטאַרק־אַנטוויקלטע פאַכט און האַנדלס־טעטיקייט פון פּינסק האָט געבראַכט צו אַ וווּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט. און ווען עס האָט זיך אין 1620 אָרגאַניזירט דער ועד פון די ייִדישע קהילות אין ליטע, איז פּינסק געוואָרן דאָרטן אַ גלייכבאַרעכטיקטער מיטגליד צו די עלטסטע און גרעסטע ליטוויש־ייִדישע קהילות, — בריסק און גראָדנע.

דער וווּקס פון ייִדישן פּינסק האָט אָבער צוגלייך אַרויסגערופן קנאה־שנאה ביי דעם קריסטלעכן בירגערטום פון דער שטאָט. עס איז, ווי אומע־טום אין דער פויליש־ליטווישער מלוכה, געקומען צו רייבונגען.

דעם וווּקס פון ייִדישן פּינסק האָט אָפּגעשטעלט די „כמיעלניטשינע", ווען אויף פּינסק האָט זיך אויסגעגאָסן די אמתע תוכחה. צוערשט איז די

שטאָט פאַגראַמירט געוואָרן דורך די באַנדעס פון כמעלניצקיס מקורב, פאָלקאָווניק ניעדאבא, שפּעטער איז פּינסק אריינגעפאַלן אינעם קריגס־גע־ביט צווישן די רוסישע און פוילישע אַרמייען. פון פּינסק איז דאַן געוואָרן אַ תל.

די שפּעטערדיקע ווידער־אויפריכטונג פונעם ייִדישן פּינסק איז אונ־טערגעשטיצט געוואָרן דורך דער צענטראַלער פוילישער מאַכט, וועלכע האָט, ווי עס ווייזט אויס, גוט געוווּסט די באַטייטונג פון ייִדישן עלעמענט פאַר פּינסק, אַלס גאַנצעס. די צוריק־קומענדיקע ייִדן האָט מען געגעבן כל־ערליי הנחות, באַפרייט זיי פון פאַרשידענע שטייערן, אַנטקעגנגעקומען אין זייערע ביטעס אד״גל׳. די ייִדן פון פּינסק האָבן זיך טאַקע דאַן שטאַרק געניייטיקט אין דער דאָזיקער אונטערשטיצונג. דער קהל איז, אין רעזול־טאַט פון די רויב־אָנפאַלן און פּאָגראָמען, געווען שטאַרק פאַראָרעמט און איז געבליבן שולדיק פיל חובות. פון די איבערגעבליבענע דאָקומענטן איז צו זען, אַז די חובות זענען געקומען, דער עיקר, מאָנאַכן־אָרדנס, ווי די קאַרמעליטן, פראַנציסקאַנער, דאָמיניקאַנער, דעם קאָמוניע־אָרדן אאַז״וו.

פּינסק איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין אויסנאַם צווישן אַנ־דערע ייִדישע קהילות אין פּוילן, וועלכע פלעגן באָרגן געלט ביי דער קריסטלעכער קירכע און די מאָנאַסטירן, וואָס זענען אין פּוילן, ווי אומע־טום אין דער קאַטוילישער איראָפּע, געווען אָפט די גרעסטע באַנקירן, אויסבאָרגנדיק געלט אויף משכנות און היפּאָטעקן, ווייל קיין פּראָצענטער האָבן זיי נישט געטאָרט נעמען. און נישט זעלטן פלעגט טרעפן, אַז קהילות האָבן צוליב נישט באַצאָלטע חובות צו דער קירכע, זיך געמוזט גזעגענען מיטן קהלשן באָדן, געביידעס און אַנשטאַלטן.

מיט יאָרן שפּעטער, צום סוף פון 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט, האָט זיך פּינסק געלאָזט הערן אין ליטע, צוליבן שטאַרקן קאַמף צווישן די מתנגדים און חסידים. פון פּינסק איז עס דאַן פאַרטריבן געוואָרן ר׳ לוי יצחק, וועלכער איז אַלס „באַרדיטשעווער״, שפּעטער אַזוי באַקאַנט גע־וואָרן אין דער ייִדישער וועלט.

דער חסידיזם איז אָבער דורך דעם נישט באַזייטיקט געוואָרן פון דער האַרטער, מתנגדישער שטאָט. פאַרקערט, ער האָט זיך אַנטפּלעקט מיט אַ

באַזונדערער קראַפט אינעם דערבייִיקן קאַרלין. דער קאַמף צווישן פּינסק און קאַרלין האָט אָנגענומען צייטנווייז דראַסטישע פאָרמען. מ׳האָט די חסי־דים אַריינגעלייגט אין חרם. חסידישע שולן זענען געשלאָסן געוואָרן דורך דער מאַכט. דער „קאַרלינער" האָט זיך געדאַרפט צייטווייליק איבערטראָגן קיין סטאָלין און קיין לעכעוויטש.

דער קאַמף צווישן פּינסק און קאַרלין האָט אָנטשפּראָכן דעם קאַמף פון דער מתנגדישער ווילנע קעגן חסידישן צענטער אין ליאַדי און ליובאַוויטש און האָט געבראַכט צו דעם, אַז ביידע חסידישע צענטערן אין ליטע האָבן מיט געמיינזאַמע כוחות אויסגעפּועלט פאַר זיך רעכט פון דער מאַכט.

די קאַרלינער חסידות, בראש מיט איר סטאָלינער צדיק, וועלכע האָט אויך אַריינגענומען אַ טייל פון וואָלין מיט לודמיר און לוצק, איז אָבער, לויט איר כאַראַקטער, געווען נאָענט צום אוקראַיִנישן חסידיזם און נישט צום ליטוויש־ווייסרוסישן.

די ווידער־אויפלעבונג פון פּינסק אַלס גרויסע שטאָט איז געקומען אין 19טן יאָרהונדערט. פּינסק איז דאַן פּלוצלינג אויפגעשטיגן צו איינעם פון די וויכטיקסטע האַנדלס־צענטערן פון ליטוויש־ווייסרוסישן געביט. די קאַ־נאַלן, וואָס האָבן פאַרבונדן דעם טייך פּינע מיטן ניעמען און דער ווייסל, האָבן דערמעגלעכט די פּינסקער האָלץ־סוחרים צו טרייבן זייערע פּליטן איבערן וואַסער ביז קעניגסבערג און דאַנציג.

פּינסק, וואָס האָט נאָך פריִער געפירט אַ גרויסן מסחר איבערן וואַ־סער מיט קיִעוו, פּערעיאַסלאַוו און קאַטערינאַסלאַוו איז, אַלזאָ, געוואָרן אַ גרויסער האַנדלס־צענטער, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרמיטלען צווישן או־קראַיִנע און ווייסרוסלאַנד פון איין זייט און פּוילן מיט מזרח־פּרייסן פון דער אַנדערער זייט.

פּינסק איז דאַן, לעבן באַרדיטשעוו, געווען, אַ דאַנק אירע 75% ייִדן, די ייִדישסטע שטאָט פון אַמאָליקן רוסלאַנד.

שפּעטער איז אָבער געקומען צו אַ ירידה. דאָס דורכפירן פון אייזנ־באַן־ליניעס איבער ווייסרוסלאַנד און ליטע, וואָס האָבן פאַראייניקט די דאָ־זיקע געביטן מיט גרויס־רוסלאַנד, אוקראַיִנע, פּוילן און דייטשלאַנד, דאָס אַנטשטיין פון נייע און שנעלערע און ביליקערע טראַנספּאָרט־מיטלען פאַר

דער אוקראַיִנישער תבואה, ווייסרוסיש־ליטווישן געהילץ און פאַר די אינ־דוסטריעלע סחורות פון פוילן און בכלל פון מערב, האָבן צוגענומען ביי פינסק די ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט די גאַנצע ערשטע העלפט פון פאָ־ריקן יאָרהונדערט אַלס גרויסער טייכן־פּאָרט.

פּינסק האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן. די שטאָט האָט זיך שנעל אי־בערגעבויט אַלס אינדוסטריעלער צענטער. די זעגמילן און די גרויסע שוועבעלעך־פאַבריק, די גאַרבערייען און די טשוועקעס־פאַבריק, די טאַ־באַק־פאַבריקן און די פּאַפּיר־פאַבריק, — אַלץ אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַשעפטיקט הונדערטער יידישע אַרבעטער, — האָבן פאַרוואַנדלט פּינסק אין איינעם פון די גרעסטע אינדוסטריעלע צענטערן פון ווייסרוסלאַנד. פּינסק האָט, אַלזאָ, באַקומען אַ גרויסן יידישן פּראָלעטאַריאַט, און אויך אַנדערע צאָלרייכע אַרבעטנדיקע עלעמענטן, ווי יידישע שמידן, קופּער־אַרבעטער, מעבל־מאַכער, נישט רעדנדיק שוין וועגן די געוויינטלעכע יידי־שע מלאכות, ווי דרוקעריי, שניידעריי, שוסטעריי וכדומה. די גרויס פון דער יידישער אינדוסטריע אין פּינסק איז נאָך פאַר דער ערשטער מלחמה געע־שאַצט געוואָרן אין אייניקע מיליאָן רובל. די יידישע באַפעלקערונג פון פּינסק איז געווען צווישן די נישט־צאָלרייכע יידישע צענטערן אין אַמאָליקן רוסלאַנד, וואָס האָבן דורך אַ געהעריקער איבערשיכטונג, דורך איבערבויען באַצייטנס די אינדוסטריע און מלאכה, באַוויזן איינצוהאַלטן פּאָזיציעס אין דערווירטשאַפט און קעמפן מיט אַנזעעוודיקן דערפאָלג קעגן דער דעקלאַ־סירונג און פּולקאָמער פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן.

דער ערשטער וועלט־קריג האָט אָבער אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פון פּינסק. שפּעטער איז די שטאָט אַריבער שבעה מדורי גיהנום. אין פרילינג פון 1919, ווען פּינסק איז צעראַבירט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן, זענען דאָרט טראַגיש אומגעקומען 35 יונגעלייט, וועלכע זענען אומשולדיק דערשאָסן געוואָרן דורך דער נייער מאַכט. מיט אַ יאָר שפּעטער איז די שטאָט פאַרנומען געוואָרן דורך די „באַלאַכאָוויצעס״. פיל יידן זענען זיך אין די איבערגאַנג־יאָרן צעלאָפן פון פּינסק און אויף שטענדיק אויס־געוואַנדערט פון דער שטאָט.

אונטער די פּאָליאַקן איז פּינסק ווי ס'איז געקומען צו זיך. די שווערע

איבערלעבונגען בעתן קריג האָבן נישט אויסגעלאָשן די כאַראַקטעריסטישע געזעלשאַפטלעכע ענערגיע פון די פינסקער יידן. טראָץ די באַגרענעצטע ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן און דער פאַראָרעמונג, האָבן די יידן, דורך צוואַנדערונג פון אַרום, ווידער געבילדעט אין פינסק דריי פערטל פון איר באַפעלקערונג.

די ברייט־פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די פינסקער יידן, זייערע שטאַרקע יידישע און העברעישע שול־נעץ, זייער וואַכזאַמער אינטערעס צו פראַגן פון דער יידישער קעגנוואַרט און צוקונפט, האָט געמאַכט פינסק פאַרן אמתן יידישן צענטער פון פאָלעסיע.

פינסקער יידן האָבן יאָרנלאַנג געהאַט אַן אייגענעם וויצע־בירגער־מייסטער פון שטאָט, אַ פועלי־ציוניסט, א. ברעגמאַן. די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע און די חלוצישע באַוועגונג זענען בכלל געווען זייער שטאַרק אין פינסק צווישןביידע וועלט־מלחמות. פינסק און די אומגעגנט האָבן געגעבן פיל חלוצים און סתם עולים קיין ארץ־ישראל. און פינסקער חלוצים, דער־רונטער חברים פון די אויבנדערמאָנטע אומגעקומענע יוגנטלעכע, האָבן געגרינדעט, צום אָנדענק פון די קדושי פינסק, די קאָלאָניע גבת, וועלכע איז איינע פון די שענסטע קבוצות אין עמק.

פינסקער יידן האָבן געוויינטלעך שטאָלצירט מיט זייער שטאָט. נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז צו זיי צוגעקומען אַ נייער קוואַל פון שטאָלץ, — דער פאַקט, וואָס חיים וויצמאַן שטאַמט פון מאָטעלע, לעבן פינסק, און האָט אין פינסק גופא פאַרבראַכט זיין יוגנט.

די פינסקער האָבן אָבער זיכער געהאַט אַ גרונט צו שטאָלצירן מיט זייער שטאָט, וועלכע האָט פאַרן לעצטן קריג געהערט צו די יידישסטע, אין איכות, פונקט ווי אין כמות, שטעט אין פוילן, וואָס אויך נישט־פינסקער יידן פלעגן האָבן פון איר פרייד און נחת.

II

די איינוווינער פון די „פינסקער בלאָטעס", די אַזוי גערופענע „פאָ־לעשיקעס" אָדער „פינטשוקעס", אויך די יידישע קרעמער, פישער, האַלץ־צי פי־סוחרים און בעלי־מלאכות פון אַ פינסק, אַ לונינעץ, אַ לאַכווע, אַ

לוצק, סאַרני, צי דאַוויד־גאָראָדאָק, דראָהיטשין, אָדער סטאָלין, — האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז זייערע אייגענע היימישע „פינסקער בלאָטעס", מיט די צענדליקער טייכן און טייכלעך און הונדערטער אָזיערעס, סטאַוועס, סתם וואַסערן און ריטשקעס, מיט די טיפע זומפּן און גרויסע, ברייטע, נישט אַדורכצוגיין בלאָטעס, מיט די ליימיקע, זומפּיקע, שווערע וועגן און די א״ג „גרעבליעס", וואָס יעדער בעל־עגלה פלעגט זיך פאַרשילטן די יאָרן, ווען ער פלעגט זיי דאַרפן אַדורכפאָרן, — אַז אָט די דאָזיקע אָרעמע, דורך גאָט פאַרשאָלטענע און פאַרגעסענע געגנט, זאָל ווערן באַרימט אין דער גאַנצער וועלט און באַשריבן ווערן אין די „בלעטער־צייטונגען", צוליב איר גרויסער סטראַטעגישער באַדייטונג!

די דאָזיקע באַטייטונג איז אָבער באַוווסט נישט פון היינט אָן און מ'האָט זיכער נישט געדאַרפט וואַרטן אויפן אויסברוך פון דייטש־רוסישן קריג, כדי צו וויסן, אַז די פינסקער, אָדער, ברייטער גערעדט, פּאָלעסיער בלאָטעס וועלן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין פאַל פון אַ מלחמה, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן אַרום זיי.

קודם־כל האָבן זיי שוין געשפּילט אַזאַ ראָלע. דאָס איז געווען בעת דעם ערשטן וועלט־קריג פון 18־1914.

אין 1915, ווען די רוסן האָבן באַקומען די שטאַרקע קלעפּ פון לודענדאָרפן און הינדענבורגן און האָבן זיך געדאַרפט אַרויסציִען פון פּוילן און פון ליטע, האָבן זיי פאַרנומען אַ ליניע, וואָס איז געלאָפן לענגאויס דער געוועזענער רוסיש־פּוילישער גרענעץ (ביז סעפּטעמבער 1939). די דאָזיקע, א״ג הינדענבורג־ליניע האָט אויך איינגעשלאָסן אין זיך דעם גרויסן שטח פון די פּאָליעסער בלאָטעס, וועלכער ציט זיך פון בוג ביזן דניעפּער. די א״ג „פינסקער בלאָטעס", וואָס נעמען אַרום דער געגנט פון די טייכן פּריפּעט, סטיר, יאַסעלדע און פּינע, האָט געבילדעט דעם צענטער פון דער דאָזיקער פראָנט־ליניע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן גאַנצע צוויי יאָר, ביזן סוף פונעם דעמאָלטיקן דייטש־רוסישן קריג.

די דייטשן האָבן, טראָץ זייערע פילמאָליקע אַטאַקעס, דעם דאָזיקן צענטער נישט געקאָנט דורכברעכן. אין די פינסקער בלאָטעס איז אוממעגלעך זיך צו באַוועגן. די שווערסטע בלאָטעס זענען בכלל נישט דורכ־

גאַנגבאַר און זענען דעם גרעסטן טייל פון יאָר פאַרטרונקען מיט וואַסערן.

בעסער איז די לאַגע אויף די דורכגעטראָטענע זייט יאָרן וועגן און די א״ג „גרעבליעס״, ווו דער בלאָטיקער וועג איז פאַרפעסטיקט דורך קווער־געלייגטעביימער און געהילץ, וועלכע האַלטן איין און צעמענטירן, אַזוי צו זאָגן, דעם צעקריכנדיקן, זומפּיקן וועג. אָבער אויך אויף אַזעלכע וועגן קאָן קיין אַרמיי בשום אופן זיך נישט באַוועגן. עס איז אוממעגלעך אַדורכ־צופירן דאָרטן אַרטילעריע, צי שווער־געלאָדענע מיט פּראָוויאַנט וואַגנס. די וועגן פאַרטראָגן נישט קיין גרויסע משאות. און אויך גרעסערע מילי־טערישע פוס־אָפּטיילונגען, מיט זייער געווער און פּראָוויאַנט, קאָנען זיך נישט אויף די דאָזיקע וועגן באַוועגן.

דער פאַקט, וואָס דער דייטש־רוסישער פראָנט איז אין די יאָרן 17־1916 געווען אומבאַוועגלעך, דאַרף אין דער גרעסטער טייל צוגעשריבן ווערן דעם איינפלוס פון די „פּינסקער בלאָטעס״, דורך וועלכע נישט די דייטשע אַרמיי און נישט די רוסישע האָבן נישט געקאָנט אַדורכגיין.

אַ צווייטן מאָל איז די גרויסע סטראַטעגישע באַטייטונג פון די בלאָ־טעס אַרויסגעטראָטן אין 1920, בעת דער מלחמה צווישן די רוסן און די פּאָליאַקן. אין פרילינג פון 1920 האָט די רויטע אַרמיי, אונטער דער אָנ־פירונג פון דעם שפּעטער דערשאָסענעם טוכאַטשעווסקי און בודיאָני, צע־קלאַפּט די פּאָליאַקן אונטער קיִעוו און געצוווּנגען זיי צו פאַרלאָזן אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. די פּאָליאַקן זענען דורך די רוסן שטאַרק פאַרפאָלגט געוואָרן און טוכאַטשעווסקיס אַרמיי איז אַפילו צוגעקומען צו די טויערן פון וואַרשע. דאָ איז זי אָבער צעקלאַפּט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן אונטער דער אָנפירונג פון פּילסודסקי און גענעראַל ווייגאַן, וועלכער איז פון פּאַריז געקומען העלפן די פּאָליאַקן אין זייער אומגעהייער שווערער לאַגע. ווען עס האָט שוין געהאַלטן, אַז זיי זאָלן פאַרלירן אַפילו זייער הויפּטשטאָט.

די סיבה פון טוכאַטשעווסקיס מפּלה איז געווען, וואָס זיין אַרמיי האָט זיך צופיל דערווייטערט פון אירע באַזעס און איז אין דעם לאַנגן, אומאויפ־הערלעכן מאַרש פון קיִעוו ביז וואַרשע שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אין טוכאַטשעווסקיס מפּלה האָבן אָבער אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע די „פּינסקער בלאָטעס״.

אַזוי ווי די דאָזיקע בלאָטעס זענען נישט דורכגאַנגבאַר פאַרן מיליטער, האָט טוכאַטשעווסקי געמוזט צעטיילן זיינע אַרמייען, ווען זיי האָבן זיך דערנעענטערט צו די בלאָטעס, — אויף צוויי טיילן. איינע, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל יעגאָראָוו, האָט ער אַוועקגעשיקט צו דרום פון די בלאָטעס, אין דער ריכטונג צו לעמבערג (לוואָוו); די צווייטע, אונטער טוכאַטשעווסקיס אייגענער אָנפירונג, איז אַוועק צו צפון פון די בלאָטעס, — אויף וואַרשע.

די דאָזיקע צעטיילונג האָט אָבער אָפּגעשוואַכט די קראַפט פון די רוסישע אַרמייען, וואָס זענען געגאַנגען אויף וואַרשע. דאָס האָבן אויסגענוצט די פּאָליאַקן, וואָס האָבן אַלע זייערע כוחות קאָנצענטרירט ביי דער ווייסל. פּילסודסקי ווידער האָט צונויפגעזאַמלט אַ באַזונדערע אַרמיי ביים טייך וויעפּזש (נעבן לובלין) און צעקלאַפּנדיק לייכט דעם לינקן פליגל פון דער אָנגרייפנדיקער רוסישער אַרמיי, איז ער אַריין איר אין רוקן, צווינגענדיק זי אַזוי אַרום אָפּצוטרעטן פון וואַרשע, באַלד נאָכדעם ווי דער רוסישער אַוואַנגאַרד איז שוין אַריין אין פּראַגע.

די ביידע דאָזיקע קאַמפּאַניעס, פון 1914־1918 און פון 1920, האָבן, אַלזאָ, איבערגענוג אילוסטרירט די גרויסע סטראַטעגישע באַטייטונג פון די פּינסקער בלאָטעס. „מעז יצא מתוק", דאָס וואָס די „פּאָלעשוקעס" און „פּינטשוקעס" האָבן זייט דורות געהאַלטן פאַר זייער גרעסטן אומגליק, — די אומגעהייערע בלאָטעס, די שרעקלעכע זומפּן, — דאָס אַלץ האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן אַלס אַ ברכה אין מיליטערישער הינזיכט.

אויך בעת היטלער איז אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צוליב די פּינסקער בלאָטעס האָט ער געמוזט זיינע כוחות טיילן אויף צוויי חלקים: איינע, צו צפון פון די בלאָטעס, האָט ער געשיקט אויף דער ליניע באַראַנאָוויטש; די צווייטע — צו דרום פון די בלאָטעס האָט אָפּערירט אין אַ צווייטער ריכטונג, פון לוצק. דאָס האָט אָבער פאַרצויגן היטלערס אָנגריף אויף קיעוו.

אין סטראַטעגישער הינזיכט, האָבן זיך, אַלזאָ, די פּינסקער בלאָטעס אַרויסגעוויזן אַלס אַ ברכה. אָבער פאַר די איינוווינער פון פּינסקער געגנט איז די בלאָטע געבליבן אַ בלאָטע, מיט אַלע אירע צרות און חסרונות, צו־

ליב דער שטענדיקער, זייער שטאַרקער נאַסקייט און פייכטקייט אין פינס־קער געגנט. צווישן די „פּאָלעשוקעס" איז אַמאָל געווען שטאַרק פאַרשפּרייט די האָר־קראַנקייט „קאָלטון", וואָס פלעגט מאַכן די האָר אויפן קאָפּ „קאָל־טענעוואַטע", ד"ה שטאַרק צונויפגעדרייט און צונויפגעפּלאָנטערט און פלעגט ברענגען צו דער אַנטשטייונג פון ווונדן אויפן קאָפּ.

דער עיקר־חסרון פון פינסקער געגנט איז געווען, וואָס צוליב דער געדיכטער נעץ פון וואַסערן און צוליב די זומפּן, האָט די גאַנצע געגנט נישט געקאָנט קאָלאָניזירט ווערן. דאָס אָרעמע פּאָליעסער פּויערטום האָט געליטן פון אַ שטאַרקן מאַנגל אין ערד, און דאָ זענען, אונטער דער נאָז אַזוי צו זאָגן, געלעגן אומגעהייערע שטחים, וואָס ביי אַנדערע פעלקער וואָלטן זיי שוין לאַנג אויסגעטריקנט געוואָרן און וואָלטן פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ מזל־ברכה פאַר דער באַפעלקערונג.

די פינסקער בלאָטעס, וואָס פאַרנעמען, אגב, אַן אומגעהייערן שטח פון 30 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער, האָט מען געפּרווּווט אָנהייבן צו אויס־טריקענען. דאָס איז נאָך געווען פאַר דער צייט פון צאַריזם. דאָס טריקענען באַשטייט אין דעם, וואָס מען בויט אויס קאַנאַלן, וואָס פירן אָפּ דאָס וואַסער פון די זומפּן און דערלאָזן נישט, אַז עס זאָלן זיך דאָרטן זאַמלען נייע וואַ־סערן. די ערד פון די אויסגעטריקנטע זומפּן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער פעט און פרוכטבאַר און די ערד־אַרבעט און פּיצוכט איז דאָרט זייער געלונגען.

די „קליינע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע" האָט נאָך אין יאָר 1930 גע־שריבן, אַז „די פינסקער בלאָטעס בילדן אַ סטראַטעגישע פאַרצוימונג אויף אונדזער מערבֿדיקן גרענעץ־פּאַס, צעטיילנדיק אים אויף צוויי חלקים: אַ צפונדיקן און אַ דרומדיקן".

די פינסקער געגנט איז, אַלזאָ, ווייטער פאַרבליבן אַ פאַרלאָזענע, אַ פאַרשטויסענע און אַן אָרעמע. די פּאָליעסער וואָיעוואָדשאַפט, צו וועל־כער פינסק און איר פּאָוויאַט („אויעזד") האָבן געהערט, איז בכלל געווען איינע פון די אָרעמסטע אין פּוילן, און די געגנט פון פינסק מיט אירע באַ־קאַנטע ייִדישע ישובֿים און פינסק גופֿא, און לונינייעץ, לאַכווע, יאַנעוו, סאַרני, דאַוויד־גרודעק, סטאָלין אאַז"וו זענען אין דער דאָזיקער, אָרעמער וואָיע־וואָדשאַפט געווען וואַרשיינלעך די אָרעמסטע און פאַרשטויסנסטע.

דערפֿאַר האָט אָבער דער דאָזיקער פֿאַרלאָזענער ווינקל געהאַט אַ גרויסע עשירות. אין די וועלדער פֿונעם פּינסקער געגנט און ביי די נישט־באַזעצטע, צוליב זייער געפֿערלעכער זומפּיקייט, ברעגן פֿון די פֿילע טייכן און אָזיערעס זענען געווען מעגנעס פֿון ווילדע חיות און פֿייגל. די אָרעמע פּויערים פֿון פּינסקער געגנט פֿלעגן פֿון דעם ווייניק געניסן. אויך די ייִדישע איינוווינער פֿון די דערמאָנטע שטעטלעך זענען געווען קנאַפּע יעגערס.

דערפֿאַר אָבער פֿלעגן זיך לאָזן ווילגיין די רייכע פּוילישע מאַגנאַטן און פּריצים פֿון יענער געגנט. מען פֿלעגט איינאָרדענען יעדן פֿרילינג און באַזונדערס סוף זומער, ווען די וועגן און שטעגן זענען מער־ווייניקער טרוקן, גרויסאַרטיקע יאַגדן. צו זיי פֿלעגט מען אַראָפּברענגען פּריצים אָדער הויכגעשטעלטע פּערזאָנען פֿון דער „וואָיעוואָדסטווע" און אַפֿילו פֿון וואַרשע, די פֿירשטן ראַדזשיווילס, צו וועלכע עס האָט געהערט דאַוויד־גרודעק, סטאָלין און אַנדערע ייִדישע ישובים, צוזאַמען מיט גרויסע שטחים אַרום זיי, פֿלעגן צו זייערע פֿייערלעכע יאַגדן אַראָפּברענגען אַפֿילו געסט פֿון אויסלאַנד. מען פֿלעגט די געסט אַרומפֿירן איבער די פּאַלאַצן און ווייזן זיי די יאַגד־מכשירים און די יאַגד־טראָפֿייען פֿון די פֿריִערדיקע ראַדזשיווילס ביז אין 18טן יאָרהונדערט אַריין. שפּעטער פֿלעגט מען זיך לאָזן, ס'רוב איבער די טייכן, אָדער אין די אַרומיקע וועלדער, וועלכע זענען מיט זייער געדיכטקייט און אַלטקייט ענלעך צו דזשאַנגלס, כדי יעדערער זאָל קענען שטילן זיינע יאַגד־גלוסטן און זאָל זיך שפּעטער קאָנען איבערנעמען מיט דער צאָל דערשאָסענע בערן, פֿוקסן, וועלף, הירשן אָדער דעם צי יענעם מין פֿון ווילדע ענטלעך, צי אַנדערע פֿייגל.

אַזאַ מין יאַגד פֿלעגט, פֿאַרשטייט זיך, איינגעאָרדנט ווערן מיט דער גרעסטער עשירות. די ראַדזשיווילס פֿלעגן וועלן באַווייזן פֿאַר די געסט פֿון אויסלאַנד זייער גאַנצן רייכן יחוס און פֿלעגן אַרויספֿאָרן צום יאַגד, פּונקט ווי זייערע זיידעס אין די אַמאָליקע, גוטע צייטן — ד"ה בתופּים ובמחולות. די אַרומיקע פּויערים פֿלעגן אָפּקומען דעם טאָג מיט שהי פּהי, אַנגעטון קרועה בלועה, מיט „לאַפּטשעס" אָנשטאָט שיך אויף די פֿיס, פֿלעגן זיך צוקוקן צו דעם ווי אַזוי די גרויסע, זאַטע און גוט־אָנגעפּרעסענע „פּאַנעס" פֿאַרווילן זיך, פּונקט אַזוי ווי זייערע טאַטעס האָבן עס געטאָן בעת דער „פּאַנשטשיזנע", אין מלך סאָביעסקיס צייטן.

וויטעבסק

וויטעבסק, צוזאַמען מיט פּאָלאָצק און אַנדערע שטעט ביי דעם טייך דווינע, געהערן צו די לעצט־אַנטשטאַנענע ייִדישע ישובים אין אַמאָליקן פּוילן.

ווייסרוסלאַנד, ספּעציעל איר צפון־מזרחדיקער טייל, וואָס גרענעצט זיך מיט גרויס־רוסלאַנד, איז אין אַלטן פּוילן געווען די ווייטסטע און פאַרוואָרפנסטע געגנט, וווהין די ייִדישע איינוואַנדערונג און קאָלאָניזאַציע האָט אָנגעהויבן גיין גאַנץ שפּעט. די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אין ווייסרוסלאַנד האָט זיך לכתחילה קאָנצענטרירט אין מערב־טייל פון דער פּראָווינץ, וועלכע איז געווען ענג פאַרבונדן מיט ליטע. די עלטסטע ייִדישע קהילות אין ווייסרוסלאַנד זענען געווען אין בריסק, גראָדנע, פּינסק.

פון דאָרטן איז די ייִדישע קאָלאָניזאַציע אַוועק ווייטער צו מזרח, אַרומנעמענדיק דעם איבעריקן טייל פון דער מינסקער וואָיעוואָדסטווע, ווו די ייִדישע ישובים האָבן שפּעטער געבילדעט אַ באַזונדערע איינהייט, וועלכע איז געוואָרן באַקאַנט, אַלס גליל עליון סביב ק״ק מינסק.

די געגנט אַרום וויטעבסק און מאָהילעוו — די ווייטסטע געגנט אין אַמאָליקע פּוילן — איז קאָלאָניזירט געוואָרן דורך ייִדן ערשט אין אָנהייב פון 17טן יאָרהונדערט — דאַן ווען די ייִדישע קהילות אין מערב־פּוילן האָבן שוין געציילט פיל יאָרהונדערטער פון עקסיסטענץ. די ייִדישע איינוואַנדערונג אין די געגנטן אַרום וויטעבסק און מאָהילעוו איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דערווירטשאַפטלעכער עקספּאַנסיע פון די ייִדן אין מערב־ווייסרוסלאַנד און ליטע.

די ייִדישע אַרענדאַרן און שטייער־פּאַכטער פון בריסק, פּינסק, צי ווילנע, האָבן זיך אָפּגים נישט באַנוגנט מיט דעם שטח ווו זיי האָבן אַנטוויקלט זייער ווירטשאַפטלעכע און פינאַנציעלע טעטיקייט און האָבן געזוכט זי אויסצובררייטערן אויף ווייטערע געגנטן, אָבער אַזאַ אויסברייטערונג

האָט געקענט גיין נאָר אויף מזרח, וואָרעם דער געביט צו מערב פון בוג, ד״ה פוילן גופא, האָט שוין געהאַט אַ גענוג גרויסע יידישע באַפעלקערונג.

פון דער אַנדערער זייט האָט אויף דער יידישער עקספּאַנסיע צו מזרח געוויס אויך געווירקט דער וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מערב־ווייסרוסלאַנד און ליטע. זייענדיק איינגעשלאָסן אין אַן ענגער ווירטשאַפטלעכער געטאָ און קענענדיק זיך באַשעפטיקן נאָר מיט האַנדל, אַרענד פון גיטער און פון שטייערן, צי מלאכה, האָט די יידישע באַפעלקערונג געהאַט אַ באַגרענעצטן פלאַץ פאַר איר ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. נייע מעגלעכקייטן פון עקסיסטענץ האָט זי געקענט זוכן נישט אין נייע פּרנסות, נאָר אין נייע געגנטן, ווו זי האָט געקענט פאַרזעצן אירע שטענדיקע ווירטשאַפטלעכע פונקציעס.

אַזוי אַרום איז עס אין אַמאָליקן פוילן געקומען צו אַ כסדרדיקער יידישער וואַנדערונג פון מערב צו מזרח, און אַזוי אַרום זענען עס אויך אַנטשטאַנען די מזרחדיקסטע יידישע ישובים אין אַמאָליקן פוילן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין דער „מדינת רוסיא״, וועלכע האָט אַריינגענומען די וויטעבסקער און מאָהילעווער געגנט.

די ערשטע ידיעות וועגן די „יושבי רוס״ פון וויטעבסק געפינט מען אין פּוילישן קוועלן, ווו ס׳ווערט דערציילט ווי אַזוי צוויי ווילנער יידן, שמואל און לאָזער, האָבן באַקומען פון פּוילישן קעניג, וולאַדיסלאָוו דעם 4טן, די „פּריווילעגיע״ צו קויפן אין וויטעבסק פּלעצער און הייזער און צו וווינען דאָרט; אַ צווייטער פּוילישער קעניג האָט שוין געגעבן די וויטעבסקער יידן אַ גרעסערע „פּריווילעגיע״, ער האָט זיי, געמלעך, דערלויבט אויפשטעלן אין וויטעבסק אַ שול און האָבן דאָרטן אויך אַ בית־החיים, וואָס עס האָט פאַקטיש באַטייט, אַז די יידן שטייען שוין אין וויטעבסק מיט אַ פעסטער פוס און בילדן דאָרטן אַ זיכערן ישוב. צוגלייך האָט מען די וויטעבסקער יידן דערלויבט צו האַנדלען מיט תבואה, מאַכן ביר און בראָנפן און מעד און בכלל, פאַרנעמען זיך מיט די זעלבע באַשעפטיקונגען, אויף וועלכע זיי האָבן געהאַט אַ חזקה אין גאַנץ פוילן.

די ווייטערדיקע יידישע געשיכטע אין וויטעבסק איז אַ טיפּישע געשיכטע פון אַ יידישער קהילה אין ווייסרוסלאַנד. די יידישע ישובים אין

ווייסרוסלאַנד האָבן, ווי באַקאַנט, אויסגעמיטן די גרוילן פון דער „כמעל־ניטשינע", וועלכע האָט געבושעוועט אין אוקראַיִנע. דערפאַר אָבער האָבן די ווייסרוסישע ייִדישע קהילות שרעקלעך געליטן פונעם רוסיש־פּוילישן קריג, וואָס איז געקומען נאָכדעם, ווי כמעלניצקי האָט אָנגעשלאָסן אוק־ראַיִנע צו רוסלאַנד. בעת די קריגס־אָפּעראַציעס וואָס זענען פאָרגעקו־מען, דער עיקר, אין ווייסרוסלאַנד, זענען פיל ייִדישע ישובים פאַרטי־ליקט געוואָרן. די באַפעלקערונג פון די ישובים איז אָדער אויסגעהרגעט געוואָרן אָדער געוואָרן פאַרטריבן, און ס'האָט געדויערט פיל צייט, ביז וואַנען די ייִדישע ישובים אין ווייסרוסלאַנד זענען ווידער געקומען צו זיך.

וויטעבסק האָט דאַן דורכגעמאַכט גאָר אַ שווערע צייט. די שטאָט איז געווען באַלאַגערט דורך די רוסן אַ לאַנגע צייט. אָבער די ייִדן האָבן גענומען אַ שטאַרקן אָנטייל אין פאַרטיידיקן די שטאָט. לויט פּוילישע קוועלן, האָבן די וויטעבסקער ייִדן ספּעציעל באַפעסטיקט דעם „ייִדישן טויער" פון דער פעסטונג, אָפּגעשלאָגן די רוסישע שטורמען אויפן טויער, געפירט אויסשפּירונג־דינסט, אאַז"וו.

ווען וויטעבסק איז געפאַלן, האָבן די דאָרטיקע ייִדן געהאַט פיל אויסצושטיין פון די זיגרייכע רוסן. מ'האָט קאָנפיסקירט זייער אייגנטום, דורכגעפירט צווישן זיי מאַסנהאַפטע אַרעסטן, און פאַרשיקט פיל ייִדן קיין נאָווגאָראָד און אין דער ווייטער קאַזאַן, ביי דער וואָלגע.

אָן ענלכע ביטערע צייט האָבן די וויטעבסקער ייִדן דורכגעמאַכט אין אָנהייב פון 17טן יאָרהונדערט, בעת דער רוסיש־שוועדישער מלחמה. דאַן האָט אָבער געליטן די גאַנצע שטאָט, ווייל זי האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די שוועדן.

בעת נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע האָט וויטעבסק אַ געוויסע צייט געהאַט אַ פראַנצויזישן קאָמענדאַנט, וועלכער האָט פאַראָרדנט דורכצופירן אַ ציי־לונג פון דער באַפעלקערונג. פון דער ציילונג איז צו זען אַז אין ווי־טעבסק זענען דאַן געווען 56 ייִדישע סוחרים און איבער 3.300 מיעש־טשאַנעס. נאָכן פאַרטרייבן די פראַנצויזן פון רוסלאַנד, זענען אָבער אין וויטעבסק איבערגעבליבן בלויז 4 ייִדישע סוחרים און 1.200 מיעשטשאַ־

נעס. געליטן האָט אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג, אָבער אין אַ פיל קלענערער מאָס, ווי די ייִדן. דער היזק פון די ייִדן בעתן קריג איז, אַ שטייגער, אָפּגעשאַצט געוואָרן אויף העכער אַ מיליאָן רובל, בעת די פאַרלוסטן פונעם קריסטלעכן טייל פון דער שטאָט, וואָס האָט, אגב, געהאַט צווישן זיך פיל מערער סוחרים, ווי די ייִדן, האָט אָנגעטראָפן 70 פּראָצענט פונעם היזק, וואָס די ייִדן האָבן געהאַט.

די „מדינת רוסיא", צו וועלכער עס האָט געהערט וויטעבסק אין די פּוילישע צייטן, איז געווען אַ טייל פון דער ייִדישער ליטע און אירע אינערלעכע ייִדישע ענינים פלעגן באַשלאָסן ווערן דורכן ועד הקהילות הראשיות במדינת ליטא, צו וועלכן עס האָבן לכתחילה געהערט די דריי גרעסטע ייִדישע קהילות אין ליטע, — בריסק, גראָדנע און פּינסק. שפּעטער זענען צום ועד צוגעקומען אויך ווילנע און סלוצק.

דער קהל אין וויטעבסק האָט, אַלזאָ, געדאַרפט, פּונקט ווי די איבעריקע קהילות אין אַמאָליקן פּוילן, וואָס האָבן געהערט צום ועד ארבע הארצות, אויפמאָנען קודם־כל די שטייערן ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג, באַשטימען די פאַרשידענע „חזקות", ווי חזקת הישוב (דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין דער שטאָט), דאָס רעכט צו האַנדלען מיט נישט־ייִדן, דאָס בכורה־געלט ביים פּאַכטן גיטער, ווי אויך די „דמי חזקה" פאַרן רעכט צו וווינען אין דער שטאָט, אָדער די „דמי קדימה" וואָס עס פלעגן צאָלן ניי־אָנגעקומענע ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט שאַנסן צו ווערן אין דער צוקונפט תושבים פון דער שטאָט אאז"וו.

דער וויטעבסקער קהל האָט, פּונקט ווי די אַנדערע קהילות אין ווייסרוסלאַנד, געפירט אַ שטאַרקן קאַמף מיט די אָנגעשלאָסענע אָן אים ביי־קהלס פון די אַרומיקע קליינע שטעטלעך וואָס פלעגן אָפט רעוואָלטירן קעגן דער „מעטראָפּאָליע", צוליב די גרויסע שטייערן וואָס די לעצטע פלעגט אויף זיי אַרויפלייגן.

דער קאַמף אַרום דער גרויס פון די שטייערן און אַרום פונאַנדערדערלייגן די לאַסט פון די שטייערן צווישן די קהלס און ביי־קהלס, איז בכלל געווען אַ כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג אינעם ייִדישן לעבן אין ווייסרוסלאַנד, ווען די דאָזיקע געגנט האָט געהערט צו פּוילן. די צענ־

טראַלע מאַכט אין פּוילן האָט דעם ועד ארבע הארצות און בכלל די גאַנצע ייִדישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן, אויפֿגעשטעלט קודם־כּל, כּידוע, צוליב פֿיסקאַלע טעמים. סיי דער צענטראַלער ועד, סיי די ועדים פֿון די באַזונדערע פּראָווינצן און אַזוי אויך די אויטאָנאָמע קהילות זענען אויסגענוצט געוואָרן דורך דער רעגירונג אין וואַרשע, אַלס אינסטרומענטן פֿאַר אַרויסקוועטשן וואָס מער געלט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, אין דער פֿאָרעם פֿון כּלערליי שטייערן.

דער קאַמף אַרום דעם פֿונאַנדערלייגן די שטייערן האָט אָפֿט אָנגענומען סאָציאַלע פֿאָרמען און האָט זיך דאַן אויסגעדריקט אין אַ קאַמף צווישן אָרעמע און רייכע. די אָרעמערע ביי־קהלס פֿלעגן זיך וועלן אָפּטיילן פֿונעם מעטראָפּאָליע־קהל, כּדי אַליין צו באַשטימען דעם סכום שטייערן וואָס זיי דאַרפֿן צאָלן, פֿון דער אַנדערער זייט פֿלעגן די באַעוולהטע, נישט פֿאַרמעגלעכע שיכטן פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, זיך נישט אָפּשטעלן אַמאָל פֿאַר אָנקלאָגן די קהילות פֿאַר די אַלגעמיינע מלוכה־טריבונאַלן, זוכנדיק ביי זיי שוץ קעגן דער אומגערעכטער האַנדלונג פֿון די פּירער פֿון קהל.

אין שייכות מיט אָט־דעם קאַמף שטייט, וואַרשיינלעך, דער באַשלוס פֿון וויטעבסקער קהל, אַז האַנטווערקער האָבן נישט קיין וואַל־רעכט צום קהל. ווייזט אויס, אַז די פּירער פֿונעם קהל זענען דאַן בכלל געווען שטאַרק געשטימט קעגן די האַנטווערקער, וואָרום צוגלייך איז אויך באַשלאָסן געוואָרן אַז אַ האַנטווערקער טאָר נישט פּרעטענדירן אויף אַ העכערן אַמט פֿון אַ גבאי אין דער צדקה גדולה.

דער וויטעבסקער קהל האָט אויך געפֿירט אַ שטאַרקן קאַמף קעגן איינוואַנדערונג פֿון פֿרעמדע ייִדן. דער קאַמף קעגן ניי־געקומענע עלעמענטן איז אָבער געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג אין אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין ווייסרוסלאַנד.

די איינוואַנדערונג פֿון נייע ייִדן פֿון ליטע און פּוילן פֿלעגט נאָך מער פֿאַרשטאַרקן די קאָנקורענץ אין די איבערבאַפֿעלקערטע ייִדישע פּרנסות און ברענגען אין די נייע ישובֿים צו אַ גרויסער נויט און אָרעמקייט. דער קאַמף איז געגאַנגען קודם־כּל קעגן וואַנדערנדיקע מגידים און קבצנים. ווי

שאַרף דער דראַזיקער קאַמף איז געווען, קען מען זען פון דעם פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן ציטאַט פונעם פנקס של ועד הקהילות הראשיות במדינת ליטע:

„ווענן קבצנים, וואָס... קומען פון ווייטע לענדער, פאַרפלייצן ליטע און רוס, גייען מיט קרומע פינצטערע וועגן, פאַרנעמען זיך מיט פינצטערע געשעפטן און באַלאַסטן דאָס לאַנד, אויפּעסנדיק זיין גוטס; עס באַווייזט נישט אָוועקצוגיין איינער, ווי עס קומט אָנשטאַט אים אַ צווייטער, זיי ווערן אָן אומדערטרעגלעכע לאַסט, באַזונדערס די אומווירדיקע מענטשן... זיי זענען פול מיט פאַלשקייטן און מיאוסע זאַכן און זענען נישט ווערט דאָס ברויט וועלכעס זיי עסן; דאָס איז צו זען פון אַ ריי פאַלן, ווען אייניקע פון זיי האָט מען געכאַפּט אין בתי־זונות און שענקלעך, און זיי פלעגן אַזעלכע מיאוסע מעשים אָפּטאָן, וועלכע מען קען נישט איבערטראָגן און באַשרייבן".

פאַר וויטעבסקער לאַנדסלייט איז זייער געבורט־שטאָט געווען אַ טיפּישע ייִדישע שטאָט אין ווייסרוסלאַנד מיט ייִדישע קרעמער און סוחרים, מיט בעלי־מלאכות און לופט־מענטשן, מיט אַ קליינער צאָל ייִדישע גבירים און אַ גרויסער מאַסע אָרעמעלייט און אביונים, וועלכע האָבן נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען. אָבער, אַז וויטעבסק זאָל זיין עפּעס אַ וויכטיקער סטראַטעגישער פּונקט, אַרום וועלכן עס זאָלן פאַרקומען לאַנגע, פאַרביטערטע קאַמפן, אָפּענסיוועס און קאָנטער־אָפּענסיוועס, — דאָס האָבן זיך ייִדן אין וויטעבסק און אַפילו אַלטע וויטעבסקער תושבים, וואָס קענען אויסגעזוכט די שטאָט, געוויס זיך נישט פאַרגעשטעלט.

דער צווייטער וועלט־קריג האָט אָבער אויך די גוטע קענער געעפנט די אויגן אויף זאַכן, פון וועלכע זיי האָבן נישט אָנגעהויבן אַפילו צו וויסן. זיי האָבן פּלוצים דערזען זייער שטאָט אין סאַמע צענטער פון די קריגס־געשעענישן אויפן רוסישן פראָנט.

די דייטשע מיליטערישע אָנפירונג האָט דווקא יאָ געוווּסט די סטראַטעגישע באַדייטונג פון דער צווייטער, לויט דער גרויס, שטאָט פון ווייסרוסלאַנד. פון זייער זכרון איז געוויס נישט פאַרשווונדן דער באַקאַנטער פאַקט, אַז וויטעבסק איז דער צווייטער זייל פון יענעם באַרימטן אין דער

געשיכטע „סמאָלענסקער טויער", דורך וועלכן עס פלעגן אין משך פון דור־רות גיין אַלע אָנגריפן אויף רוסלאַנד און פון רוסלאַנד.

דער שמאָלער פּאַס צווישן סמאָלענסק און וויטעבסק, ריכטיקער געזאָגט צווישן דניעפּער און דער דווינע, וואָס איז איר בריק צווישן גרויס־רוס־לאַנד און ווייסרוסלאַנד, האָט שוין געזען איבער זיך פיל אַרמייען. איבער אים האָבן די אַרמייען פון די פּאָליאַקן זיך געצויגן אין אָנפאַנג פון דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט קיין מאָסקווע, כדי אַרויפצוזעצן אויפן כסא־המלכות פון מאָסקווע דעם „פאַלשן דימיטרי" מיט זיין שוין אמתער פּוילישער פרוי.

דורכן זעלבן טויער זענען מיט 200 יאָר שפּעטער אַריינגעדרונגען קיין גרויס־רוסלאַנד די אַרמייען פון נאַפּאָלעאָנען. צווישן די ביידע אינוואַזיעס קיין רוסלאַנד פון די פּאָליאַקן און די פראַנצויזן, האָט זיך אַרום „סמאָלענסקער טויער" געדרייט דער שוועדישער דעראָבערער, קאַרל דער 12טער. סמאָלענסק האָט ער, אמת, דורכגעלאָזן אין זיין דעראָבערונגס־מאַרש, אָבער וויטעבסק האָט ער גראָד יאָ פאַרנומען און אַפילו באַוויזן אַריבערציִען די אָנפירונג פון דער שטאָט און אומגעגנט אויף זיין זייט און איינשפּאַנען זיי צום קאַמף קעגן פּיאָטר דעם גרויסן.

אויך היטלער האָט, ווי באַקאַנט, געפּרוּווט זיין גליק דורכן „סמאָלענסק טויער". און אפשר האָבן די גרויסע און שווערע קאַמפן, וואָס ער האָט געדאַרפט דורכמאַכן אין זומער פון 1941, ביי סמאָלענסק, געשפּילט גאָר נישט קיין קליינע ראָל אין זיין שפּעטערדיקער מפּלה, האַרט הינטער מאָסקווע.

די דייטשן האָבן אָבער געוווּסט, אַז דער זעלבער וועג דורך וויטעבסק און סמאָלענסק איז נישט איינמאָל אין דער געשיכטע באַנוצט געוואָרן דורך די רוסן אויף זייערע מאַרשן קיין מערב.

אין יעדן ביכל איבער דער רוסישער געשיכטע האָבן זיי געקענט לייענען, אַז מיט 300 יאָר צוריק זענען די רוסישע אַרמייען פון צאַר אַלעקסיי דורכן דאָזיקן וועג אַריין קיין ווייסרוסלאַנד. און געוויס האָט געדענקט די דייטשע מיליטערישע אָנפירונג, אַז בעת דעם קריג מיט נאַפּאָלעאָנען איז אויפן סמאָלענסקער און וויטעבסקער וועג פאַרגעקומען דער צוריקטריט

פון דער גרויסער פראַנצויזישער אַרמיי, וועלכע די רוסן, שפּאַרנדיק פון אַלע זייטן, האָבן דאָ דערפירט צו אַ קאַטאַסטראָפע. געוויס האָבן זיי אויך נישט פאַרגעסן, אַז צווישן דיביידע געשעענישן, אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט, איז מיט די זעלבע וועגן, וואָס פירן פון גרויסרוסלאַנד קיין ווייסרוסלאַנד, געגאַנגען אויף מערב די רוסישע אַרמיי, וועלכע האָט זיך זיגרייך באַטייליקט אין „7־יאָריקן קריג" און האָט די איינציקע פון אַלע דעמאָלטיקע „עליים" באַוויזן צו פאַרנעמען בערלין, אין יאָר 1745.

עס איז דעריבער נישט קיין צופאַל דער גרויסער ווידערשטאַנד, וואָס די דייטשן האָבן אין יאַנואַר 1944 אַרויסגעשטעלט קעגן דער אָפּענסיווע פון סאָוועטישן מיליטער. די שטאַרק באַפעסטיקטע און כסדר איינגעהאַלטענע ליניע וויטעבסק־אָרשע־מאָהילעוו איז לויטן פּלאַן פון די דייטשן געווען צו פאַרשטעלן פאַר די רוסן דעם וועג דורך וועלכן זיי פלעגן שטענדיק אין זייער געשיכטע גיין אויף מינסק, ווילנע, וואַרשע און דורך וועלכן די רוסן זענען שוין, ווי געזאָגט, איין מאָל אַפילו געקומען קיין בערלין (אין 1945 — צום צווייטן מאָל).

דער טויער צווישן וויטעבסק און סמאָלענסק איז אָבער אויך געווען דער טויער פאַר פרידלעכער אַריינדרינגונג פון מערב קיין רוסלאַנד. דורך סמאָלענסק און וויטעבסק איז עס אין די אַלטע צייטן פאַרגעקומען דער האַנדלס־אויסטויש צווישן דער מאָסקווער רוסלאַנד און דער פּויליש־ליטווישער מלוכה. דאָס איז אויך געווען דער וועג דורך וועלכן ייִדן פון פּוילן זענען צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען קיין מאָסקווע.

דער אינטערעסאַנטער דאָקומענט, וואָס איז איבערגעבליבן פון יענער צייט, דער בריוו־אויסטויש צווישן רוסישן צאַר איוואַן דעם גרויזאַמען און קעניג פון פּוילן סיגיזמונד אויגוסט, איז געקומען צוליב דער דיסקרימינאַציע פון די רוסן קעגן ייִדישע סוחרים פון דער פּויליש־ליטווישער מלוכה.

דער רוסישער צאַר האָט נעמלעך פאַרבאָטן די דאָזיקע סוחרים אַריינקומען קיין „מאָסקאָוויע", הגם לויטן האַנדלס־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און פּוילן האָבן זיך ביידע מלוכות קעגנזייטיק פאַרפליכטעט אַריינצולאָזן סוחרים פונעם צווייטן צד, אָן קיין שום אונטערשייד פון רעליגיע אָדער אָפּשטאַמונג.

ווער זענען עס אָבער געווען די ייִדישע סוחרים פון דער גרויסער דעמאָלטיקער פויליש־ליטווישער מלוכה, וואָס האָבן געשטרעבט אָנצוקניפּן האַנדלס־באַציִונגען מיט דער אומבאַקאַנטער און לגמרי פרעמדער פאַרן מערב מאָסקאָוויע?

שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז דאָס זאָלן האָבן געווען ייִדן פונעם ווייטן פּויזן אָדער קראָקע, לובלין אָדער וואַרשע. גיכער איז אָנצונעמען, אַז דאָס זענען געווען ייִדישע סוחרים פון ליטע און רייסן, וואָס ליגן פיל נעענטער צו רוסלאַנד ווי פּוילן, אָדער נאָך פּינקטלעכער, ייִדן פון עקסטרעמען מזרח־טייל פון ווייסרוסלאַנד, וואָס גרענעצט זיך מיטן אייגנטלעכן רוסלאַנד.

און די אַזוי גערופענע „יושבי רוסיא" פון וויטעבסק און אומגעגנט זענען, אַ דאַנק דעם וואָס זיי האָבן געוווינט ביי דער צווייטער זייט פונעם „סמאָלענסקער טויער", געווען, אַמוואַרשיינלעכסטן, די ערשטע פּיאָנערן פונעם ייִדישן האַנדל פון פּוילן מיט דער אַלטער מאָסקאָוויטער מלוכה.

האָמעל

האָמעל, מאָהילעוו, אָרשע און וויטעבסק זענען פיר גרויסע ייִדישע שטעט, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אַלע גרוילן פון דעם קריג. די דאָזיקע שטעט האָבן אָבער געוווסט פון שלאַכטן אויך אין די פאַרגאַנגענע צייטן. אַרום אייניקע פון זיי זענען פאָרגעקומען שלאַכטן בעת נאַפּאָלעאָנס איבּ־וואַזיע אין רוסלאַנד, און שפּעטער, בעת זיין צוריקמאַרש. זיי אַלע האָבן אָבער אויך געוווסט פון שלאַכטן מיט יאָרן פאַר נאַפּאָלעאָנען, ווען ווייס־רוסלאַנד האָט געהערט צו פּוילן, ווען זיי זענען געווען גרענעץ־שטעט צווישן פּוילן און דער מאָסקווער רוסלאַנד. בעת די פילע מלחמות צווישן פּוילן און מאָסקווע פאַר הערשאַפט איבער ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע, האָט די ייִדישע באַפעלקערונג פון די דערמאָנטע שטעט, נישט איין מאָל געליטן פון שחיטות, פּאָגראָמען און גירושים.

האָמעל איז אַ שטאָט, וועלכע האָט שוין מיט פערציק יאָר צוריק געהאַט אַ באַפעלקערונג פון קרוב צו פופציק טויזנט ייִדן. דער גרויסער וווּקס פון האָמעל, אַלס ייִדישע שטאָט, דערקלערט זיך מיט דער אַלגעמיינער שנעלער אַנטוויקלונג פון אַלע שטעט ביים דניעפּער, וועלכע האָבן גענומען וואַקסן צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט. אויב אין אוקראַיִנע איז די דאָזיקע אַנטוויקלונג אַרויסגערופן געוואָרן דורכן האַנדל מיט תבואה און דורך דער ניי־אַנטשטאַנענער צוקער־אינדוסטריע, איז דער וווּקס פון די שטעט אין ווייסרוסלאַנד פאַראורזאַכט געוואָרן קודם־כל דורך האַנדל מיט געהילץ און דורך דער האָלץ־אינדוסטריע, וואָס איז דאָרטן אַנטשטאַנען. ליגנדיק ביי דעם טייך סאָזש, אין אַ געגנט, וואָס איז רייך מיט וואַלד און האָבנדיק, דורכן סאָזש, אַ לייכטע וואַסער־פאַרבינדונג מיט דעם דניעפּער, — איז האָמעל שנעל געוואָרן אַ גרויסער צענטער פון האַנדל מיט האָלץ, וועלכער פלעגט פון האָמעל טראַנספּאָרטירט ווערן איבערן דניעפּער צו די, אָרעמע אין וואַלד, סטעפּן־געגנטן פון אוקראַיִנע.

דער האָלץ־האַנדל און האָלץ־אינדוסטריע זענען אין אַמאָליקן ווייס־רוסלאַנד געווען ייִדישע באַשעפטיקונגען און עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה איז איבער ניינציק פּראָ־צענט פון דעם האַנדל מיט האָלץ און פון דער האָלץ־אינדוסטריע (זעג־מילן, דאָס אויסאַרבעטן פון שליפער, טעלעגראַף־סלופּעס, מעבל און אַז״וו) געלעגן אויך אין האָמעל אין ייִדישע הענט.

נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז אָבער פאַרגעקומען אַן אָפּפלוס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון האָמעל, וועלכע האָט זיך דאָרטן פאַרקלע־נערט מיט צען טויזנט מאַן. האָמעל איז אין דער הינזיכט געווען עפּעס אַן אויסנאַם, ווייל בדרך־כלל אין נאָכן ערשטן וועלט־קריג און נאָך דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע, די ייִדישע באַפעלקערונג אין די גרויסע רוסישע שטעט שטאַרק געוואַקסן, צוליב דער אויסוואַנדערונג פון די קליינע שטעט־לעך, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון די אומרוען און פּאָגראָמען אין דער צייט פון בירגער־קריג, — ווי אויך צוליב דעם אונטערגאַנג פון די ייִדישע פּרנסות אונטערן סאָוועטישן רעזשים.

אין יאָר 1906 האָט האָמעל דורכגעמאַכט אַ פּאָגראָם, וועלכן עס איז שפּעטער באַשערט געווען מפורסם צו ווערן איבער גאַנץ רוסלאַנד, צוליב דעם פּראָצעס, וואָס איז פאַרגעקומען אין שייכות מיט אים.

דער פּראָצעס נאָך דעם האָמעלער פּאָגראָם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אַוועקגעזעצט צוזאַמען מיט די כוליגאַנעס און באַנדיטן, וואָס האָבן זיך באַ־טייליקט אין פּאָגראָם, אויך... ייִדן. דערביי איז די צאָל ייִדן געווען גרעסער פאַר דער צאָל פון די פּאָגראָם־לייט. פון די 60 מאַן, וואָס זענען געזעסן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, זענען געווען נישט מער און נישט וויני־קער ווי 36 ייִדן.

אין וואָס־זשע האָט מען די ייִדן באַשולדיקט?

מ׳האָט דאָך די ייִדן נישט געקענט באַשולדיקן, אַז זיי האָבן איינגע־אָרדנט אַ פּאָגראָם אויף זיך גופא, — האָט מען זיי באַשולדיקט אין פּאָגראָ־מירן די... קריסטלעכע באַפעלקערונג.

דער באַשולדיקונגס־אַקט האָט דערקלערט, אַז די ייִדן האָבן געמאַכט

דעם פּאָגראָם אין האָמעל, כדי צו נעמען נקמה פאַר די קרבנות, וואָס זע־נען געפאַלן אין קעשענעוו־פּאָגראָם און כדי אָפּצושלאָגן צוגלייך דעם חשק ביי די קריסטן צו מאַכן אַן ענלעכן פּאָגראָם אין האָמעל.

די ייִדן זענען, אַלזאָ, באַשולדיקט געוואָרן אין נעמען נקמה פאַר קע־שענעוו און צוגלייך אין איינאָרדענען עפּעס אַ מין פּרעווענטיוון פּאָגראָם...

דער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין רוסלאַנד. די אומ־שולדיקע ייִדן, אויף וועמען די צאַרישע פּאָגראָם־מאַכער האָבן געוואָלט וואַרפן די שולד פאַר זייער אייגענער פּאָגראָם־אַרבעט, זענען פאַרטיידיקט געוואָרן דורך אַ ריי אַדוואָקאַטן, דערונטער אויך רוסן. דער פּראָצעס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט. די רעגירונג האָט אים אַ פּנים, בכיוון געשלעפּט, כדי צו קענען ווי עס איז דערווייזן און באַגרינדן די משונהדיקע און לע־כערלעכע באַשולדיקונגען, וואָס זי האָט אַרויסגערוקט קעגן די ייִדן.

מען קען זיך שוין פאָרשטעלן, ווי געשפּאַנט עס איז געווען די אַט־מאָספער אַרום אָט־דעם ווילדן פּראָצעס, וועלכער איז אין זיין ייִדישן טייל אינגאַנצן אַראַנזשירט געוואָרן דורך דער צאַרישער אַדמיניסטראַציע. צווישן דער פאַרטיידיקונג פון די אומשולדיקע ייִדן, און די ציוויל־מאַנער פון די געליטענע פון איין זייט און דעם פאָרזיצער פון געריכט פון דער צווייטער זייט, פלעגט אָפט קומען צו צוזאַמענשטויסן, און עס איז אַפילו דערגאַנגען צו דעם, אַז די פאַרטיידיקער האָבן פאַרלאָזן דעם זאַל, פּראָטעסטירנדיק אַזוי אַרום קעגן דער גאָרנישט אָביעקטיווער און גאָרנישט אָן־פּניותדיקער האַלטונג פון דער אָנפירונג פון געריכט.

טראָץ אָבער דעם דרוק, איז בעתן פאַרהער פון די עדות קלאָר גע־וואָרן, אַז דעם פּאָגראָם האָבן געמאַכט נישט־ייִדן אויף ייִדן און נישט פאַר־קערט. פון דעסט וועגן האָט אָבער דער געריכט באַפרייט בלויז אַ קליינע טייל פון די באַשולדיקטע ייִדן. די איבעריקע זענען פאַראורטיילט געוואָרן אויף תּפיסה פון 5 חדשים און ווייניקער.

דער האָמעלער פּראָצעס איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון דעם קאַמף, וואָס די צאַרישע אַדמיניסטראַציע האָט אָנגעהויבן קעגן דער ייִדי־שער „סאַמאָאָבאָראָנע״, וואָס איז דאַן אַנטשטאַנען אין פיל שטעט און שטעט־לעך, ווו די ייִדישע באַפעלקערונג, נישט ווערנדיק געשטיצט דורך דער

פּאָליציי און מיליטער קעגן די פּאָגראָמען, האָט באַשלאָסן אַליין צו שיצן איר לעבן און כבוד. די זעלבסטשוץ, צו וועלכער עס האָבן באַלאַנגט ס׳רוב יונגעלייט פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך אין פיל שטעט אַרויסגעוויזן, אַלס אַ ווירקזאַמע אָרגאַניזאַציע. אין אַ ריי שטעט האָט די זעלבסטשוץ בכלל נישט דערלאָזט צו פּאָגראָמען. אין אַנדערע האָט דער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד פון דער זעלבסטשוץ אָפּגעשראָקן דעם צעיור־שעטן מאָפּ און האָט אים געצווונגען אָפּצושטעלן זיין פּאָגראָם־אַרבעט. דער עצם־פאַקט, אַז ייִדן פאַרטיידיקן זיך און אַז זיי זענען נישט קיין הילפלאָזע מאָסע, וואָס יעדער קען פּאָגראָמירן און ראַבירן אומבאַשטראָפט, האָט גע־ווירקט אויף דעם אויפגעהעצטן המון. די פּאָגראָם־אַרבעט, וועלכע איז לכתחילה, ווייזט אויס, געווען אַ גאָר לייכטע אַרבעט און גרינגע פּרנסה, איז נאָך דער אַנטשטייונג פון דער ייִדישער זעלבסטשוץ געוואָרן אַ גאַנץ גע־פערלעכע אונטערנעמונג, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות און איז שוין נישט דורכגעגאַנגען אַזוי גלאַט, ווי פריִער.

די צאַרישע רעגירונג האָט געוווּסט וועגן דער זעלבסטשוץ און האָט געשטרעבט זי צו באַקעמפן. קודם־כל האָט זי קוואַליפיצירט די מיטגליִ־דער פון דער זעלבסטשוץ אַלס „שטערער פון רו״ — האָט זיי אין דער היִנ־זיכט צוגעגליכן צו די... פּאָגראָם־לייט. די פּאָליציי און מיליטער, וואָס האָבן געדאַרפט באַקעמפן די לעצטע, האָבן, אַלזאָ, באַקומען אינסטרוקציעס צו ריכטן דאָס געווער אויך קעגן דער ייִדישער „סאַמאָאָבאָראָנע״.

אַ צווייטער מיטל צו באַקעמפן די זעלבסטשוץ זענען געווען די פּראָ־צעסן קעגן די ייִדן און אַז די ייִדן אַליין האָבן געמאַכט די פּאָגראָמען, אַז ווי, הייסט עס, האָבן פּאָגראָמירט זיך אַליין. דער ערשטער פון אָט־די פּראָ־צעסן איז עס געווען דער האָמעלער פּראָצעס, וועלכער האָט בשעתו גע־מאַכט אַ גוואַלדיקן רושם אין רוסלאַנד. ענלעכע פּראָצעסן זענען אויך פאָר־געקומען אין קערטש, זשיטאָמיר אאַז״וו. אין זשיטאָמיר איז, אגב, ביים פאַר־טיידיקן די ייִדן בעתן פּאָגראָם, געפאַלן אַ רוס, דער סטודענט בלינאָוו. וואָלט ער געבליבן לעבן, איז וואָר ווייסט? אפשר וואָלטן די צאַרישע באַ־אַמטע אויך אים אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, אונטער דער אָנקלאַגע, אַז ער, דער עכטער רוס, האָט געמאַכט אַ פּאָגראָם אויף

רוסן... אויף דער דעמאָראַליזירטער און פאַרפוילטער צאַרישער באַאמטנ־שאַפט איז אַלץ געווען צו גלויבן.

נאָכן פּאָגראָם האָט פון האָמעל עולה געווען אַ גאַנצע גרופּע מיטגלי־דער פון דער זעלבסטשוץ קיין ארץ־ישראל. דאָס איז געווען די ערשטע אָרגאַניזירטע גרופּע פון דער „צווייטער עליה״.

מסטיסלאַוול

פון די שטעט און שטעטלעך פון דער אַמאָליקער מאָהילעווער גובער־ניע מיט אַלטע ייִדישע ישובים, ווי מסטיסלאַוול, אָדער, ווי די ייִדן רופן עס, אַמטשיסלאַוו, קלימאָוויטש, אַשקצאָוו, די אַמאָליקע רעזידענץ־שטאָט פון דעם ליובאַוויטשער רבי, לובאַוויטש, אַ צווייטער חסידים־צענטער, ליאַדי, האָט די אינטערעסאַנטסטע געשיכטע דורכגעמאַכט מסטיסלאַוול, וווּ די ייִדי־שע קהילה עקסיסטירט שוין עטלעכע הונדערט יאָר.

מסטיסלאַוול בכלל איז אַמאָל געווען די הויפּטשטאָט פון אַ פירשטנ־טום. שפּעטער, פאַר די ליטווינער און די פּאָליאַקן, איז עס געוואָרן די הויפּטשטאָט פון אַ „וואָיעוואָדסטווע”. מסטיסלאַוול האָט דאַן, וואַרשיינלעך, געזען אין אירע ווענט די אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון דער „קרוין”, דאָס הייסט, פון וואַרשע און פון דעם „פירשטנטום”, דאָס הייסט, פון ווילנע. מסתמא פלעגט די שטאָט באַזוכט ווערן דורך הויך־געשטעלטע שליחים פון וואַרשע צי ווילנע, דורך אַ העטמאַן, אַ „קאַנצלער”, אַ „מאַרשאַלעק”, אָדער אַנדערע אָנפירנדיקע פּערזאָנען פון מיליטערישן צי ציווילן דינסט.

אונטער די רוסן איז מסטיסלאַוול געוואָרן אַ געוויינטלעך „אויעזדנע” שטעטל פון מאָהילעווער גובערניע. די לאַנגע השפּעה פון ווילנע, צי וואַר־שע האָט אויפגעהערט. און אַנשטאָט וואַרשע און ווילנע האָבן מיט דעם גורל פון דער שטאָט אָנגעהויבן אָנפירן מאָסקווע און שפּעטער פּעטערבורג.

פאַר דער רוסישער צייט איז אָבער מסטיסלאַוול מפורסם געוואָרן צווישן גאַנצן רוסישן ייִדנטום מיט אַ מעשה וואָס איז דאָרטן פּאַרלאָפן מיט 120 יאָר צוריק און וואָס האָט בשעתה געמאַכט אַ שווערן רושם אויך ווייט מחוץ מסטיסלאַוול־אַמטשיסלאַוו.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט אַנטדעקן קאָנטראַבאַנדע־סחורה אין אַ ייִדישער קראָם אין מסטיסלאַוול. בעתן אַנטדעקן עס, איז געקומען צו אַ שטיקל צונויפשטויס צווישן די ייִדן און סאָלדאַטן. דער שיכורער אָנפי־

רער פון דער מיליטערישער אָפּטיילונג, זייענדיק, אַ פּנים, אויפגערעגט וואָס די ייִדן לאָזן זיך נישט שלאָגן, האָט באַלד אָנגעשריבן אַ מסירה אַז די ייִדן האָבן מורד געווען קעגן דער מאַכט און זענען באַפאַלן די מיליטערישע אָפּטיילונג, כדי אָפּצושלאָגן די קאָנפיסקירטע סחורה. די מסירה איז אונטערשטיצט געוואָרן דורך אַ משומד און די זאַך איז דערגאַנגען צום מאַ־הילעווער גובערנאַטאָר, ענגעלהאַרדט, וועלכער האָט בכלל נישט ליב געהאַט קיין ייִדן.

ענגעלהאַרדט האָט געמאַכט פון דער גאַנצער זאַך אַ צימעס. ער האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די מסירה, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט די ייִדן. זיינע פריינד האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט זיך נישט באַרויִקן ביז ער וועט נישט פאַרניכטן די ייִדן.

באַלד איז אַוועק פון ענגעלהאַרדטן אַ ראַפּאָרט צום צאַר, אויף וועלכן עס איז אָנגעקומען אַ גאַנץ שנעלע תשובה — פולשטענדיק אין גייסט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן. די תשובה איז געווען, אַז מען זאָל די הויפּט־שולדיקע פון דעם צוזאַמענשטויס איבערגעבן דעם קריגס־געריכט און דערווייל ביז וואָס־ווען, — זאָל די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון מסטיסלאַוול באַשטראָפט ווערן מיט צושטעלן אַ רעקרוט פון יעדע צען מאַן.

וואָס פאַר אַן איינדרוק דער דאָזיקער באַפעל האָט געמאַכט אין שטעטל, איז לייכט זיך פאָרצושטעלן. מען האָט אויסגערופן אַ תענית, געלאָפן רייסן די קברים אויפן בית־עולם, געזאָגט תהילים אאַז״וו.

די אויספאָרשונג, וואָס איז געגאַנגען אַרום דער מסירה, איז געווען אַ כאַראַקטעריסטיש בלעטל פון רעאַקציאָנערן רוסישן געריכט־וועזן פון ניקאָלאַיס צייטן. די באַשטימטע קאָמיסיע האָט לכתחילה געצילט איר גאַנצע אַרבעט צו דעם, אַז די עדות דאַרפן באַשטעטיקן דעם גאַנצן אינהאַלט פון דער מסירה. אויף דער סצענע האָבן זיך, ווי שטענדיק, באַוויזן מוסרים, משומדים און נישט־משומדים. שפּעטער האָבן זיך געיאַוועט, אַלס „עדות״, אַ ריי באַאַמטע, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, געזאָגט אַלץ, וואָס דער אַנטיסעמיטישער גובערנאַטאָר האָט פון זיי געפאָדערט. צום סוף איז ענגעלהאַרדט אַליין אַראָפּגעקומען אין שטאָט, כדי צו באַקומען, אַ פּנים, סאָלידערע און מער באַגלויבנסווערטע עדות פאַר דער באַשולדיקונג. דאָס איז

אים אָבער נישט געלונגען. פאַרקערט, עס האָבן זיך נאָך געפונען עדות, דערוּנטער אויך באַאַמטע, וועלכע האָבן געלייקנט די גאַנצע געשיכטע מיט דעם אָנפאַל פון די ייִדן און מיט זייער „מרידה" קעגן דער מאַכט.

פון דעסט וועגן האָט מען אָבער אָנגעהויבן רודפן אַלע ייִדן אין שטעטל. קודם־כל האָט מען פאַראָרדנט נישט אַרויסלאָזן קיין ייִדן. באַלד האָט מען אַרעסטירט איבער 160 מאַן און מען איז צוגעטראָטן צו נעמען די רעקרוטן. געכאַפּט האָט מען אַפילו קליינע קינדער. גלייכצייטיק האָט די פּאָליציי געפּרוּווט מאַכן געשעפטן אַרום דעם כאַפּן, פאָדערנדיק אויסקויף־געלט פאַר אָפּלאָזן די „פּאַימאַניקעס".

דער גובערנאַטאָר און די פּאָליציי וואָלטן, מסתמא, געמאַכט אַ תל פון דעם גאַנצן שטעטל, ווען פאַר דעם גאַנצן ענין וואָלטן זיך נישט גענומען אַ פּאָר שתדלנים.

מען האָט אָנגעהויבן אָפּשלאָגן די שוועלן ביי פאַרשידענע שררות און הויך־געשטעלטע פּערזאָנען, כדי צו געפינען שוץ קעגן די צעיושעטע אַנטיסעמיטן, וואָס האָבן פריי באַלעבאַטעוועט אין שטעטל. סוף כל סוף האָבן די שתדלנים דערלאַנגט צו איינעם פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, דעם אַלמעכטיקן בענקענדאָרף.

דער שעף פון זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס און דער אָנפירער פון דער אַזוי־גערופענער „דריטער אָפּטיילונג" (דעם פּאָליטישן געהיים־דינסט) פון „דער אייגענער קאַנצעלאַריע פון זיין מאַיעסטעט", בענקענדאָרף, האָט בכלל גע־שפּילט גאָר אַ טרויעריקע ראָל אין רוסלאַנד. ער האָט זיך באַטייליקט אין אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד פון די „דעקאַבריסטן", שפּעטער האָט ער געפירט די אויספאָרשונג קעגן זיי און אַפילו אַסיסטירט ביים הינריכטן זייערע אָנפירער. בענקענדאָרף האָט ווילד באַקעמפט יעדן אויסדרוק פון פרייען געדאַנק אין לאַנד, קעגן יעדער פּראָגרעסיווער אידייע, קעגן דעם מעסיקסטן אַפילו ליבעראַליזם. בענקענדאָרף האָט שפּיאָנירט און שטרענג צענזורירט די פּראָגרעסיווע שרייבער און מען האָלט, אַז ער האָט מיט זיין שטענדיקן שפּיאָנירן מקצר געווען די יאָרן דעם געניאַלן רוסישן דיכטער, פּושקין.

אָבער אין דעם מסטיסלאַווער בילבול האָט זיך בענקענדאָרף אַרויס־געוויזן דווקא פון אַ גוטער זייט.

ער האָט אַראָפּגעשיקט אין דעם שטעטל אַן אָפיציר פון זיין זשאַנדאַר־מען־קאָרפּוס, כדי אויסצופאָרשן די זאַך.

די אויספאָרשונג פון דעם דאָזיקן אָפיציר האָט, ווייזט אויס, געבראַכט איבערראַשנדיקע רעזולטאַטן. וואָרום דער גובערנאַטאָר ענגעלהאַרדט האָט באַלד באַקומען דעמיסיע. זיין פאַרטרעטער אָבער האָט געשטערט דער אַר־בעט, און די ניי־באַשטימטע אויספאָרשונג־קאָמיסיע איז אַוועק אין די שריט פון דער ערשטער קאָמיסיע. עס איז, אַלזאָ, געקומען צו אַ סיכסוך צווישן דער אָרטיקער מאַכט און פּעטערבורג. ווידער איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון פּעטערבורג אַ באַאַמטער, איצט שוין פון אינערן־מיניסטעריום, וועל־כער האָט פעסטגעשטעלט, די טרויעריקע ראָל פון דער אַדמיניסטראַטי־ווער מאַכט פון דער שטאָט אין דער גאַנצער געשיכטע און איר דרוק אויף דער גאַנצער טעטיקייט פון דער קאָמיסיע. עס איז, אַלזאָ, געקומען צו אַ נייער אויספאָרשונג־קאָמיסיע, וועלכע האָט שוין געפירט איר טעטיקייט, האָבנדיק פאַר זיך אַ פאַרטיקן אורטייל פון דער אַלטער קאָמיסיע. די לעצטע האָט, אגב, דערקלערט אַלס שולדיקע אין אָנפאַל אויף דעם מיליטער 17 ייִדן, הגם אין מיליטער זענען שוין געווען אָפּגעגעבן 30 פּערזאָן.

אָבער אויך קעגן דער נייער קאָמיסיע האָט מען אינטריגירט און דער ענין וואָלט וואַרשיינלעך, ווידער פאַרצויגן געוואָרן, ווען פון פּעטערבורג וואָלט נישט אָנגעקומען אַ פאַראָרדענונג אויפצוקלערן דעם בילבול און פעסטשטעלן איין מאָל פאַר אַלע מאָל דעם אמת.

די נייע קאָמיסיע האָט טאַקע פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנצע מעשה מיט דעם אָנפאַל פון ייִדן אויף די סאָלדאַטן איז אַ שקר, און אַז דער גע־שלעג צווישן די ייִדן און די זעלנער איז געווען אַרויסגערופן דורך דעם ווילקיר פון די לעצטע. צום קריגס־געריכט זענען אַלזאָ געשטעלט געוואָרן נאָר 4 ייִדן און בלויז 2 האָט מען פאַראורטיילט אָפּצוגעבן אין סאָלדאַטן.

דעם גרעסטן פסק האָט אָבער באַקומען די אַנטיסעמיטישע קאָמאַ־ריליע, וואָס האָט פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע.

דער געוועזענער גובערנאַטאָר ענגעלהאַרדט האָט באַקומען אַ שאַרפן

פאָרוואָרף. די שולדיקע באַאַמטע זענען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. אויך די מוסרים האָבן זיך געדאַרפט שטעלן צום געריכט. די פריִער אַרעס־טירטע ייִדן, וועלכע מען האָט אָפּגעגעבן אין מיליטער, האָבן געדאַרפט באַ־פרייט ווערן.

כדי צו פאַרגיטיקן, אַ פּנים, די ייִדן פאַר די עינויִים און באַליידיקונ־גען, וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט זייט דעם אָנהייב פון פּראָצעס, איז דער דאָזיקער אורטייל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמ־לונג פון די מסטיסלאַווער ייִדן, דורך אַ ספּעציעלן באַאַמטן, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון פּעטערבורג מיט דער דערלויבעניש פון ני־קאָלאַיען.

מסטיסלאַוול איז, ווי באַקאַנט, די געבורט־שטאָט פון שמעון דובנאָוו. צו דער צייט, ווען דובנאָוו איז דאָרטן געבוירן געוואָרן, זענען נאָך געווען פריש די זכרונות וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס. עס האָבן נאָך געלעבט פיל ייִדן, וואָס האָבן צו דעם פּראָצעס געהאַט אַ שייכות, — צי אַלס באַשול־דיקטע אין דער „מרידה" און דעם אָנפאַל אויף דעם מיליטער, צי אַלס די שפּעטער באַפרייטע „פאַימאַניקעס", אָדער אַלס קרובים פון די דאָזיקע קרבנות פון דעם „מסטיסלאַווער בילבול". עס האָט נאָך דאַן אויך געלעבט דער רייכער ייִדישער סוחר פון מאָנאַסטירטשינע, יצחק זעליגמאַן, וועלכער האָט עס אייגנטלעך אָרגאַניזירט די גאַנצע פאַרטיידיקונג פון די באַשול־דיקטע און האָט געבראַכט צום מיאוסן פּסק פון דער אַנטיסעמיטישער בנופיא פון מסטיסלאַוול, בראש מיט דעם דערמאָנטן מאָהילעווער גובער־נאַטאָר.

ווער וויס, אפשר האָבן עס די לעבעדיקע דערציילונגען וועגן דעם דאָזיקן פּראָצעס באַווויגן דעם יונגן דובנאָוו צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער ייִדישער געשיכטע און האָבן אַזוי אַרום געהאַט אַ חלק אין זיין קאַריע־רע אַלס ייִדישער היסטאָריקער.

IV

אוקראַינע

קיעוו

די הויפּטשטאָט פון אוקראַינע, קיעוו, איז לויט דער אָנגענומענער מיינונג, די עלטסטע רוסישע שטאָט און האָט דערפאַר, ווי באַקאַנט, באַקומען דעם נאָמען „מוטער פון די רוסישע שטעט״. לויט דער זעלבער מיינונג, זאָל דער עצם נאָמען פון דער שטאָט שטאַמען פונעם נאָמען פון עפּעס אַ לעגענדאַרן העלד, וועלכער האָט געהייסן קי און וועלכער זאָל עס האָבן געלייגט אויף די ברעגן פון דניעפּער דעם יסוד פון דער שטאָט, פון וועלכער עס איז, ווי די רוסן זאָגן, „שפּעטער אַרויסגעקומען די גאַנצע רוסישע מדינה״.

לויט דער זעלבער מיינונג, איז אין עכט־רוסישן קיעוו געשטאַנען דאָס וויגעלע פון דער רוסישער מלוכה. די קיעווער גרויס־פירשטן האָבן אויך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון די כוזרים און אַזוי אַרום באַפרייט די רוסישע ערד פון אַ פרעמדער מאַכט און געמאַכט די רוסישע שבטים זעלבשטענדיק. אין קיעוו האָבן די רוסן אָנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע. — אַלע וויכטיקע געשעענישן פון דער עלטסטער רוסישער געשיכטע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין דער דאָזיקער ערשטער רוסישער שטאָט און זענען פאַרבונדן מיט אָט־דער „מוטער פון די רוסישע שטעט״.

פאַראַן אָבער אַ צווייטע מיינונג וועגן קיעוו, וועלכע האַלט נישט די דאָזיקע שטאָט פאַר אַ שאַפונג פון די רוסן און לייקנט די כלומרשט עכטע, רוסישע אָפּשטאַמונג פון דער שטאָט. די אָנהענגער פון אָט־דער מיינונג ווייזן אָן, אַז קיעוו האָט עקסיסטירט נאָך לאַנג פאַר דעם, ווי די רוסן זענען אַהין געקומען, אַז די כלומרשטע „מוטער פון די רוסישע שטעט״ איז געווען אַ כוזרישע שטאָט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען סאַמבאַט און איז ערשט שפּעטער דעראָבערט געוואָרן דורך די רוסן.

דעם נאָמען סאַמבאַט האָט דער ערשטער באַנוצט דער ביזאַנטינישער קייזער און שרייבער, קאָנסטאַנטין פּאָרפירָאָגענעטאָ, וועלכער האָט איבער־

געלאָזן די ערשטע באַשרייבונג פון די רוסישע שבטים, וואָס האָבן גע־וווינט אויף די דרום־ברעגן פון דניעפּער און פלעגן פון דאָרטן קומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צי אַלס פרידלעכע סוחרים, צי — און דאָס נאָך אָפטער — אַלס רויבער און אָנפאַלער.

די ביזאַנטינער, וועלכע האָבן אונטערהאַלטן באַציִונגען מיט די דרום־דיקע רוסישע שבטים דורך די אַלטע גריכישע קאָלאָניעס אין קרים, האָבן די ערשטע אין אייראָפּע אָנגעבונדן אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דעם שפּע־טערדיקן רוסלאַנד און האָבן איבערגעלאָזן אַממערסטן באַשרייבונגען וועגן די אור־עלטערן פון די איצטיקע רוסן און וועגן זייער מדינה. דער דער־מאָנטער ביזאַנטינישער קייזער, באַשרייבנדיק די רוסן, וואָס האָבן געוווינט ביים דניעפּער, דערציילט, אַז שווימענדיק מיט דעם דאָזיקן טייך צום שוואַרצן ים קיין קאָנסטאַנטינאָפּל, פלעגן זיך די סלאַווישע סוחרים אָפּ־שטעלן אין דער שטאָט סאַמבאַט, וועלכע איז געלעגן ווו די איצטיקע קיִעוו. פון די שריפטן פונעם דאָזיקן קייזער איז אָבער נישט קלאָר צי דער נאָמען סאַמבאַט (אָדער סאַמבאַטאָס) באַציט זיך צו דער שטאָט, אָדער אויך צו דעם גאַנצן טייך דניעפּער. עס קען גרייליך זיין, אַז סיי די שטאָט, סיי דער טייך האָבן ביי די ביזאַנטינער געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען. — בפרט, אַז דניעפּער הייסט אין די אַלטע רוסישע לידער „סאַפּאַט־ריעקאַ" (סאַפּאַט־טייך).

אַרום דעם דאָזיקן אומפאַרשטענדלעכן נאָמען סאַמבאַט איז בכלל גע־גאַנגען זייט יאָרן אַ לאַנגע דיסקוסיע אין דער רוסישער היסטאָרישער וויסנשאַפט. אָבער אויך ביי ייִדישע היסטאָריקערס האָט דער דאָזיקער מיס־טעריעזער נאָמען אַרויסגערופן אַ דיסקוסיע. די ענלעכקייט פון סאַמבאַט צום נאָמען פון דעם לעגענדאַרישן טייך סמבטיון האָט, אַ שטייגער, באַ־וויגן דעם באַקאַנטן ייִדישן היסטאָריקער אין פוילן, ד"ר י. שיפּער, אַרויס־צורוקן דעם געדאַנק, אַז דער טייך דניעפּער איז עס דער ייִדישער סמבטיון, — בפרט אַז דער דניעפּער אין זיין דרום־טייל איז באַוווינט געווען דורך די רויט־האָריקע כוזרים, אַז זיינע וואַסערן זענען אַזוי שטורמיש ביי די באַרימטע „פּאָראָגן", אַז די רייזנדיקע אין אַלטערטום האָט געקענט אויס־דוכטן, אַז דער טייך קאָכט און זידט, אַז ער וואַרפט פון זיך שווּעבל אַאַז"וו.

אויך לויטן ייִדישן היסטאָרישן פאָרשער פון רוסלאַנד, ה. באַראַץ, האָבן די כּוזרישע, אָדער קיִעווער ייִדן אָנגערופן דעם טייך מיטן נאָמען סמבטיון, צוליב זיין שטורמישן שטראָם ביי די שוועלן.

סאַמבאַט איז אָבער אַ טיורקישער וואָרט און באַטייט אַ הויכע פעס־טונג. היות די כּוזרים זענען געווען אַ טיורקישער שבט, לייגט זיך גראַדע אויפן שכל, אַז פון זיי שטאַמט עס דער נאָמען סאַמבאַט און אַז זיי האָבן עס בכלל געגרינדעט די שטאָט קיִעוו, אַלס פעסטונג קעגן די סלאַווישע שבטים, מיט וועלכע די כּוזרים האָבן געקעמפט. איבעריקנס איז אויך דער שפּע־טערדיקער נאָמען קיִעוו פון טיורקישער אָפּשטאַמונג און באַטייט „אַ ברעג־ישוב". אַ טייל פון קיִעוו האָט אויך געהייסן קאַזאַרי. נישט ווייט פון קיִעוו געפינט זיך דאָס שטעטל קאָראָסטען, וואָס האָט אַמאָל געהייסן איסקאָראָס־טען און איז געווען די הויפּטשטאָט פונעם דרעווליאַנער שבט, וועלכער האָט באַוווינט די גאַנצע געגנט, וואָס איז איצט באַקאַנט אונטערן נאָמען די „פּריפּעטער בלאָטעס".

אינעם געראַנגל צווישן די דרעווליאַנער און די פּאָליאַנער אַרום דעם זוער עס זאָל פּאַראייניקן אַרום זיך די צעטיילטע און צעריסענע צווישן זיך סלאַווישע שבטים, האָבן געזיגט די פּאָליאַנער, און איסקאָראָסטען האָט גע־דאַרפט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַרן פיל שטאַרקערן און רייכערן קיִעוו, וואָס איז, ווי באַקאַנט, געוואָרן די עיר־הבירה פון דער ערשטער רוסישער מדינה.

די ערשטע רוסישע כראָניק, וואָס דערציילט גענוי וועגן דעם, ברענגט אויך דעם פאַקט, אַז ביי קאָראָסטען איז געפאַלן דער קיִעווער פירשט אי־גאָר און אַז צוליב דעם האָט זיך אָן דער הויפּטשטאָט פון די דרעווליאַנער נוקם געווען איגאָרס פרוי אָלגאַ, וועלכע האָט אַוועקגעלאָזן קאָראָסטען מיטן פייער.

ווער זענען אָבער געווען די דאָזיקע ערשטע קיִעווער פירשטן? ווער איז עס געווען דער געפאַלענער ביי קאָראָסטען איגאָר? צי איז ער טאַקע, ווי די נאָרמאַניסטן ווילן, געווען אַ סקאַנדינאַווישער פירשט, מיטן עכטן, נאָרמאַנישן נאָמען יינגוואר, וואָס די רוסישע כראָניקעס האָבן, אַזוי צו זאָגן, אָנגעפעשמדט אויף רוסיש און פאַרדרייט אויפן רוסיש־קלינגענדיקן אי־

גאַר — אָדער ער איז, — ווי די אַנטינאָרמאַניסטן ווילן, — געווען עפּעס אַ טיורקיש־כוזרישער פּירשט מיטן נישט ווייניק עכטן, טיורקישן נאָמען „אינעק־ער“, וואָס באַטייט אַ יונגער האַר?

און ווער איז געווען איגאָרס קריגערישע אַלמנה, די דערמאָנטע אָלגאָ? צי ווידער, ווי די נאָרמאַניסטן ווילן, אַ סקאַנדינאַווערין מיטן עכטן נאָרמאַנישן נאָמען „העלגאַ“, אָדער פאַרקערט, אַ טיורקיש־כוזרישע פרוי מיטן געוויינטלעכן טיורקישן פרויען־נאָמען „עלגע“ — פונקט ווי דער נאָמען פון דער פרוי פון באַרימטן הונען־פירער אטילאַ, איז געווען „עלקע“!

אָט־די דאָזיקע פראַגע איז, ווי באַקאַנט, נישט דערליידיקט געוואָרן אין דער רוסישער היסטאָריאָגראַפיע. די נאָרמאַניסטישע שיטה וועלכע פאַרבינדט די אַנטשטייונג פון דער רוסישער מלוכה מיט דער דעראָבערישער טעטיקייט פון די נאָרמאַנען, וואָס זענען געקומען קיין רוסלאַנד פון סקאַנדינאַוויען, ווערט לעצטנס דורך פיל אָפּגעפרעגט און ווערט גאַר שטאַרק באַקעמפט דורך די אַזוי־גערופענע „אַנטינאָרמאַניסטן“, וואָס שרייבן־צו דעם גרעסטן איינפלוס אויף דער אַנטשטייונג פון דער קיִעווער רוסלאַנד די פאַרשיידענע טיורקישע שבטים פון דרום־רוסלאַנד און אין דער ערשטער ריי — די כוזרים, וואָס האָבן געשאַפן אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד די ערשטע און שטאַרקסטע מלוכה־פאָרמאַציע.

וואָלטן די אַנטי־נאָרמאַניסטן געקענט באַווייזן פּאָזיטיוו די ריכטיקייט פון זייער טיורקיש־כוזרישן שטאַנדפּונקט, פונקט ווי זיי זענען שטאַרק אין זייער אָפּפרעגן און קריטיקירן דעם שטאַנדפּונקט פון די נאָרמאַניסטן, — דאַן וואָלטן זיי דורך דעם פאַקט פון דער גרויסער כוזרישער השפעה אויף דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער קיִעווער רוסלאַנד, געקענט אויך דערווייזן דעם ייִדישן איינפלוס דאָרטן, וואָס האָט געקענט קומען דורך די כוזרים, וועמענס הערשנדיקער שבט האָט, כידוע, אָנגענומען די ייִדישע רעליגיע.

***

ווען האָבן זיך ייִדן באַוויזן אין דער דאָזיקער, לכתחילה כוזרישער שטאָט?

קיִעוו־סאַמבאַט איז געלעגן נישט ווייט פון קרימער האַלבּ־אינדזל מיט זיינע אַלטע גריכישע קאָלאָניעס פאַנטיקאַפּעאַ (קערטש), פעאָדאָסיאַ, כער־סאָנעס (ביי סעוואַסטאָפּאָל) א״אַנד׳, ווו ייִדישע ישובֿים האָבן עקסיסטירט לאַנג פאַר דער קריסטוס־ערא. די ייִדישע באַפעלקערונג פון פאַנטיקאַפּעאַ, וועלכע האָט ביי די כוזרים געהייסן סאַמקאַרטש, איז, אַ פּנים, אין די כוז־רישע צייטן געווען זייער באַטייטנדיק, ווארום ביי די אַראַבער האָט די שטאָט געהייסן „סאמקארטש אל יאהוד״ (דער ייִדישער סאמקארטש).

מ׳קען, אַלזאָ, אָננעמען אַז ייִדן פון קרים זענען נאָך אין די כוזרישע צייטן געגאַנגען קיין סאַמבאַט־קיִעוו. נאָכן חורבן פון דער כוזרישער מלוכה, ווען אויך קרים איז אַריינגעפאַלן צו די רוסישע פירשטן, זענען פיל ייִדן פון סאמקארטש און אַנדערע שטעט פון קרים פאַרשלעפּט געוואָרן קיין קיִעוו.

מ׳נעמט אָבער אויך אָן, אַז ייִדן זענען געקומען קיין קיִעוו אויך פון מערבֿ, פון פשעמישל און אַנדערע שטעט אין גאַליציע. ביים אָנהייב פון דער רוסישער מלוכה, ווען זי איז געווען בלויז דאָס „קיִעווער רוסלאַנד״, און מאָסקווע, ווי בכלל דאָס גאַנצע „מאָסקווער רוסלאַנד״ זענען נישט געווען בנמצא, האָט אויך דער מזרח־טייל פון גאַליציע געהערט צו דער דעמאָל־טיקער, דרומדיקער, „קיִעווער רוס״. פון אָט־דער צייט פון די כסדרדיקע קאַמפן צווישן די פאַרשיידענע פירשטן פון „קיִעווער רוסלאַנד״ איבער גאַ־ליציע, איז באַקאַנט אַ פאַקט, ווען צוויי רוסישע גרויס־פירשטן האָבן גע־בראַכט קיין קיִעוו פיל ייִדן פון פשעמישל און וואַרשיינלעך אויך פון איי־ניקע שכנותדיקע, גאַליצישע שטעט.

מיט די דאָזיקע ייִדן האָבן עס, אַ פּנים, אונטערהאַלטן באַציִונגען די ייִדישע סוחרים פון מערבֿ־אייראָפּע, וועלכע פלעגן האַנדלען מיט דער קיִע־ווער רוסלאַנד און דורך איר אויך מיט די געביטן ביי דער וואָלגאַ. די „הולכי רוסיה״ פון פּראַג, מאַינץ, רעגענסבורג און אַנדערע ווייטע שטעט פון מערבֿ האָבן, שיקנדיק אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט זייערע האַנדלס־קאַראַוואַנען אין דער ווייטער און אומבאַקאַנטער קיִעווער רוסלאַנד, גע־ווּסט, אַ פּנים, אַז אין דער הויפּטשטאָט פון דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער מדינה וועלן זיי געפינען נאָענטע, לויט דער אָפּשטאַמונג און רעליגיע, עלע־

מענטן. און אפשר האָט דאָס טאַקע געגעבן די „ראַבאַניטען“, ווי עס האָבן דאַן געהייסן די ייִדישע סוחרים פון מערב־אייראָפּע, מוט און זיכערקייט אונטערצונעמען די לאַנגע האַנדלס־נסיעות קיין רוסלאַנד און אַנצוקניפּן מיט איר האַנדלס־באַדינגונגען.

אויב די דאָזיקע מיינונג איז אַ ריכטיקע, דאַן הייסט דאָס, אַז די ייִדן האָבן געוווינט אין קיִעוו נאָך פאַר די רוסן. אַלנפאַלס „נעסטאָרס כראָניק“, דער עלטסטער דאָקומענט פון דער רוסישער געשיכטע, גיט אָן, אַז די כוזרישע ייִדן זענען געקומען קיין קיִעוו אין יאָר 986, כדי צו באַקענען דעם דעמאָלטיקן רוסישן גרויספירשט וולאַדימיר מיט דער ייִדישער אמונה. זייער מיסיע איז, כידוע, נישט געלונגען און וולאַדימיר האָט, נאָכן אויסהערן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע רעליגיעס, אויסגעקליבן פאַר זיך און פאַר זיין מדינה די ביזאַנטינישע קירכע. אָבער ייִדן זענען שוין פאַרבליבן אין קיִעוו אויך אונטער דער רוסישער הערשאַפט און דער ייִדישער ישוב אין קיִעוו, וועלכער ציילט עפּעס מער צי ווייניקער פון טויזנט יאָר, דאַרף גערעכנט ווערן אַלס דער עלטסטער ייִדישער ישוב אין רוסלאַנד.

פאַר די גאַנצע צוועלף צי עלף יאָרהונדערטער פון איר עקסיסטענץ, האָט קיִעוו דורכגעמאַכט אַ פאַרשיידנאַרטיקע און שטורמישע געשיכטע. ליגנדיק ביים דניעפּער, וואָס איז אין די אוראַלטע רוסישע צייטן געווען די פאַרבינדונגס־אַרטעריע צווישן דער צפונדיקער „נאָווגאָראָדער רוסלאַנד“ און קאָנסטאַנטינאָפּאָל, — האָט קיִעוו געשפּילט די גרעסטע ראָלע אינעם האַנדל צווישן צפון־רוסלאַנד, וואָס איז באַהערשט געווען דורך די נאָרמאַנען, און דער ביזאַנטינישער אימפּעריע. די רוסישע שבטים, וואָס האָבן דאַן פאַרנומען דעם אויבערשטן טייל פון דניעפּער, האָבן כסדר געדרענגט צום רייכן דרום און אַזוי אַרום איז קיִעוו דעראָבערט געוואָרן דורך די „וואַריאַגישע“ (נאָרמאַנישע) פירשטן, וועלכע האָבן דאַן אָנגעפירט מיט די רוסן.

ווען דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט צעקלאַפּט אין 966 די כוזרים, זענען די ייִדן אַנטלאָפן קיין קרים. שפּעטער האָבן זיי זיך אָבער צוריקגעקערט קיין קיִעוו, וועלכער איז דאַן געווען דער וויכטיקסטער און רייכסטער האַנדלס־צענטער אויפן מזרח. פאַרנעמענדיק זיך מיט האַנדל און מלאכה, האָבן די ייִדן אָנגעטראָפן אויפן ווידערשטאַנד פון די דאָרטיקע

סלאַווישע קאָנקורענטן, וועלכע האָבן נאָך מיט העכער אַכט הונדערט יאָר צוריק געפּרוּווט אַנווענדן לגבי די ייִדן דעם שפּעטער אַזוי פּאָפּולער גע־וואָרענעם מיטל פון פּאָגראָם. דעם גרויספירשט וולאַדימיר מאָנאָמאַך איז אָבער געלונגען צו צעטרייבן די פּאָגראָם־לייט. צווי ייִדן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אינעם הויף פון אַ צווייטן גרויספירשט, אַנדרעי באָגאָ־לובסקי. איינער פון זיי האָט אַפילו פאַרנומען אַ הויכן אַמט אינעם הויף פון דאָזיקן פירשט.

אין 1240 איז קיִעוו דעראָבערט געוואָרן דורך די טאָטערן. מיט 150 יאָר שפּעטער איז זי אַריינגעפאַלן צו די ליטווינער. די באַטייטונג פון דער שטאָט אַלס וויכטיקער האַנדלס־פּונקט צווישן מערבֿ און מזרח פון אייראָפּע, איז דאַן אינגאַנצן געפאַלן און קיִעוו האָט פאַרלוירן איר פריִערדיקן רום.

ייִדן האָבן זיך ווידער באַוויזן אין קיִעוו נאָכדעם, ווי ליטע האָט זיך פאַראייניקט מיט פּוילן. דאַן, אין זעכצנטן יאָרהונדערט, האָבן קיין קיִעוו איינגעוואַנדערט פּוילישע ייִדן, — בעת דער אַלטער ישובֿ אין קיִעוו איז באַשטאַנען פון ייִדן, וואָס זענען געקומען פון דער ביזאַנטישער אימפּעריע, פון קרים, — קאַווקאַז און אַפילו פון פּערסיע. דער דאָזיקער פאַקט איז וויכ־טיק צוליב דעם, ווייל ער באַווייזט, אַז דאָס אַזוי גערופענע מזרח־אייראָפּעיִ־שע ייִדנטום, דאָס הייסט די ייִדן פון רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, זענען אַ געמיש פון ייִדן, וואָס זענען געקומען אַהין אויף צווייערליי וועגן. איין וועג איז פון מערבֿ־אייראָפּע, פון דייטשלאַנד, האָלאַנד, טשעכיע, און דער צוויי־טער וועג איז געווען פון דרום און פון מזרח, פון דער ביזאַנטישער אימ־פּעריע און אַנדערע לענדער, וואָס ליגן ביי די ברעגן פון שוואַרצן ים.

***

אויך דער נייער ייִדישער ישובֿ אין קיִעוו האָט אָנגעטראָפן אויפן שטאַרקסטן ווידערשטאַנד פון דאָרטיקן סלאַווישן בירגערטום, וועלכע האָבן אַזוי לאַנג געגראָבן אונטער די ייִדן, אַז דער ליטווישער פירשט אַלעקסאַנ־דער יאַגעלאָ האָט זיי אין 1495 אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט. שעצנדיק אָבער די ייִדן אַלס גוטע און געניטע בעלי־מלאכה, ווי אויך אַלס סוחרים מיט גרויסע פאַרבינדונגען וואָס האָבן לייכט געקאָנט אויסזוכן נייע אָפּזאַץ־

מערק פאַר די סחורות פון קיִעוו און פון גאַנץ אוקראַיִנע, האָבן די פוילישע מלכים ווידער איינגעלאַדן די ייִדן צו קומען קיין קיִעוו, כדי צו באַלעבן דעם האַנדל און די מלאכה פון דער דאָזיקער, אַמאָל אַזוי רייכער און רומ־פולער שטאָט.

דער טרויעריק באַרימטער כמעלניצקי האָט איינעם זבאראווער אָפּמאַך מיטן פוילישן קעניג, יאַן קאַזימיר, ווידער דורכגעפירט אַ פונקט, אַז ייִדן טאָרן נישט וווינען סיי אין קיִעוו, סיי היינטער קיִעוו, און דער אַזוי־גערופע־נער לינק־ברעגיקער אוקראַיִנע. די זעלבע זאַך האָבן די קאָזאַקן אַרויס־באַקומען שפּעטער ביים רוסישן צאַר אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש, ווען קיִעוו און די גאַנצע געגנט היינטערן דניעפּער, זענען אַריבער צו רוסלאַנד.

יענע צייטן, די צייטן פון דער „כמעלניטשינע”, זענען, ווי באַקאַנט, איינע פון די פינצטערסטע בלעטער אין דער ייִדישער געשיכטע. די אַמאָ־ליקע רוסישע געשיכטע־שרייבער, וואָס זענען געווען זייער פיל דורכגע־דרונגען מיט נאַציאָנאַליסטישע און מיט שאָוויניסטישע געפילן, שילדערן געוויינטלעך די „כמעלניטשינע”, אַלס אַ שיינע און ריינע נאַציאָנאַלע באַוועגונג פון די אוקראַיִנער קאָזאַקן, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן זייערע אונטערדריקער, די פוילישע „פּאַנעס”, כדי זיך שפּעטער אָנשליסן אָן רוסלאַנד. פאַראייניגוועגס האָבן די קאָזאַקן פּאָגראָמירט אויך די ייִדן, וועלכע זענען געווען אַרענדאַרן ביי דער פוילישער „שליאַכטע”, געהאַלטן שענקן, פאַרשיכורט, נעבעך, די אָרעמע אוקראַיִנישע פּויערים, אויסגאַרנ־דיק דערביי זייער האָב און גוטס, אַפילו די שליסלען פון זייערע קלויס־טערס, אאַז״וו.

די שאָוויניסטישע היסטאָריקערס האָבן זיך געמאַכט נישט זען, אַז די ייִדן זענען געווען באַזיצלאָז, מער ווי אוקראַיִנער, אַז צו ערד־אַרבעט האָט מען זיי נישט צוגעלאָזן און אַז די פּאַליאַקן האָבן זיי פּשוט אָנגעוואָרפן זייערע פּרנסות.

די נייעסטע היסטאָרישע פאָרשונגען וואַרפן אָבער אַן אַנדער ליכט אויף כמעלניצקין און דער גאַנצער חברה, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אוקראַיִ־נער אויפשטאַנד פון 1648. לויט פוילישע היסטאָריקערס, איז כמעלניצקי אַפילו נישט געווען קיין אוקראַיִנער. ער האָט געשטאַמט פון דער פוילי־

שער אָרעמער „שליאַכטע״ (אַדל־קלאַס) פון אַזאַ עכט־פוילישער געגנט, ווי מאַזאָוויע.

זייענדיק אַ מענטש מיט גרויסע אַמביציעס, האָט כמעלניצקי אין פוילן אָבער גאָר נישט געקאָנט דערגרייכן און איז אַוועק קיין אוקראַיִנע, ווו ער האָט פאַראייניקט אַרום זיך די רייכערע, אַזוי־גערופענע „רעיעסטער־קאָזאַקן״, וועלכע זענען געווען אין מיליטערישן דינסט ביי דער פוילישער רעגירונג, אָפּהיטנדיק די מזרח־גרענעצן פון דער גרויסער פוילישער מלוכה און באַקומענדיק פאַר דעם אַ באַטייטנדיקן געהאַלט און אַ רייע פּריווילעגיעס. די „רעיעסטער־קאָזאַקן״ האָבן זיך געוואָלט אויסגלייכן אין זייער לאַגע מיט דער פוילישער „שליאַכטע״ און האָבן געוואָלט האָבן די זעלבע רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס זיי.

אויך כמעלניצקי איז נישט אויסן געווען די טובה פון אוקראַיִנישן אָרעמען פּויערטום. ער האָט נאָר געוואָלט ווערן דער הערשער איבער אוקראַיִנע און האָט געטרוימט וועגן באַקומען פאַר זיך און זיינע קינדער די קרוין פון דער זעלבשטענדיקער אוקראַיִנער מלוכה. מיט דער דערקלערט זיך עס, וואָס ער האָט גלייכצייטיק פאַרהאַנדלט וועגן אַ בונד סיי מיט רוסלאַנד, סיי מיט פּוילן און אַפילו מיטן טערקישן סולטאַן. דאָס הייסט, זאָל די קריסטלעכע אוקראַיִנע אַריינפאַלן צו דער „טריפהנער״, מוסולמענישער טערקיי, אַבי ער, כמעלניצקי און זיינע קינדער, זאָלן בלייבן די דינאַסטישע הערשער פון אוקראַיִנע. בעתן אָנשלוס פון אוקראַיִנע צו רוסלאַנד, האָט כמעלניצקי, נעבעך, געוויינט, ווייל ער האָט זיך געדאַרפט געזעגענען מיט זיינע גרויסע, ערגייציקע פּלענער.

אַ פיל שטאַרקערע און ממשותדיקערע קריטיק האָבן אָבער אויסגעאיבט קעגן כמעלניצקין די סאָוועטיש־אוקראַיִנישע פאָרשער. אמת, אויך זיי באַטראַכטן די געשעענישן אין אוקראַיִנע בימי כמעלניצקי אַלס אויפשטאַנד פונעם אוקראַיִנישן פּויערטום קעגן די פוילישע פּריצים. זיי שטרייכן אָבער אונטער, אַז דאָס איז געווען קודם־כל אַ סאָציאַלער אויפשטאַנד. די פּויערים האָבן געפאָדערט פאַר זיך ערד און באַפרייונג פון דער „פּאַנשטשיזנע״ (לייב־אייגנטום). כמעלניצקי און די איבעריקע אוקראַיִנישע אַריסטאָקראַטיע פון די „רעיעסטער־קאָזאַקן״ האָבן פאַרכאַפּט די אָנפירונג

מיטן דאָזיקע פֿויערישן אויפֿשטאַנד, כדי איינצושפּאַנען אים אין זייער וואָגן און כדי צוצונעמען אַלע רעכט, פּריווילעגיעס און די גאַנצע ערד פֿון די פּוילישע מאַגנאַטן פֿאַר זיך.

לויטן דערמאָנטן „זבאָראָווער אָפּמאַך" מיט פּוילן, זענען טאַקע אַלע פֿעאָדאַלע רעכט פֿון די פּוילישע פּריצים אין אוקראַינע אַריבער צו דער קאָזאַקן־„סטאַרשינע" (קאָזאַקישן אַדל־שיכט), אויך די ערד איז אַריבער נאָר צו זיי (דאָס פֿויערטום האָט גאָרנישט באַקומען). אין די דערפֿער איז צוריק איינגעפֿירט געוואָרן די „פּאַנשטשיזנע", אאַז"וו.

נישט אומזיסט האָט דער סאָוועטישער היסטאָריקער פּאָקראָווסקי געקרוינט דעריבער כמעלניצקין אַלס „פֿאַררעטער און פֿאַרביסענעם שונא פֿונעם אויפֿגעשטאַנענעם פֿויערטום".

ווען נאָכן אָפּמאַך מיט די פּאָליאַקן אין בערעסטעטשקע, האָבן זיך די אוקראַאינער פֿויערים אַרומגעזען ווי זייער „פֿירער" כמעלניצקי, האָט זיי פֿאַראַטן, לאָזנדיק זיי אָן ערד און אָן פֿרייהייט, און באַקומענדיק ביידע זאַכן פֿאַר דער ניי־אַנטשטאַנענער אוקראַאינישער „שליאַכטע", — זענען די פֿויערים אויפֿגעשטאַנען קעגן כמעלניצקין און זיין גאַנצער כנופֿיא. דער „רעטער", דער „גואל ומושיע" פֿון אוקראַאינישן פֿאָלק, האָט זיך אָבער אכזריות־דיק (לויט זיין שטענדיקן שטייגער) אָפּגערעכנט מיט די רעוואָלטירנדיקע פֿויערים, הייסנדיק פֿערטלען די געפֿאַנגענע, אַרויפֿזעצן זיי אויפֿן „קאָל" (אַ קורצער האָלץ־שטאַם מיט אַ שפּיץ). דער אוקראַאינישער „באַטקאָ" האָט דאַן געהאַנדלט לגבי זיינע אייגענע, איינשטאַמיקע, אומגליקלעכע אונטערטאַנער, מיט דער זעלבער סאַדיסטישער רציחה, רשעות און אכזריות, ווי ער האָט פֿריער געהאַנדלט לגבי די פֿרעמד־שטאַמיקע פּאָליאַקן און ייִדן.

די סאָוועטישע היסטאָריקערס ווייזן אויך אָן אויף דער פֿאַלשקייט און כיטרעקייט פֿון אוקראַאינישן „העטמאַן". די אונטערהאַנדלונגען וועגן אונטערגעבן זיך צו רוסלאַנד האָט כמעלניצקי געפֿירט גאַנצע דריי יאָר, אָפּשלעפּנדיק זיי, כדי אַרויסצובאַקומען וואָס מער רעכט און ערד — חלילה, נישט פֿאַרן אוקראַאינישן פֿויערטום — נאָר פֿאַר זיך און פֿאַר דער אויפֿגעקומענער קאָזאַקישער שליאַכטע. פֿאַרן שליסן דעם פּערעיאַסלאַווער אָפּמאַך מיט רוס־

לאַנד, האָט כמעלניצקי, שטרעבנדיק צו ווערן זעלבסטהערשער פון אוקראַי־נע, געפּרוּווט זיך אונטערגעבן אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון טערקיי.

אין 1659 זענען כמעלניצקיס יורשים און פריינד אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון דער כלומרשט פאַרהאַסטער פּוילן און געשלאָסן מיט איר אַן אָפּמאַך אין האַדיאַטש.

די נאַציאָנאַליסטישע אוקראַיִנישע היסטאָריקערס האָבן נישט ליב צו דערמאָנען וועגן אָט־דער „האַדיאַטשער אוניע". זיי שעמען זיך געוויס מיט איר. ס'טייטש, אַזוי פיל יאָרן האָבן די אוקראַיִנער געקעמפט קעגן פּוילן, כמיעלניצקי האָט געשריִען און געליאַרעמט, אַז ער וויל באַפרייען אוקראַיִנע פונעם פּוילישן יאָך, ער האָט געשאָטן פעך און שוועבל אויף די „פּאַנעס" אויף דער „שליאַכטע", וואָס פאַרקנעכטעט אוקראַיִנער, ער האָט פאַרגאָסן טייכן בלוט פאַר דער באַפרייונג, און צום סוף זענען געקומען זיינע נאָענט־סטע מיטאַרבעטער און אינטימסטע פריינד און בראש מיטן נייעם העטמאַן וויהאָווסקי, האָבן זיי צוריק אָנגעשלאָסן די פּראַוואָסלאַווּנע, פאַרקנעכטעטע פּויערישע אוקראַיִנע צו דער קאַטוילישער, אונטערדריקערישער און „שליאַ־כעטסקער" פּוילן.

זאָלאָטאָרענקאָ, איינער פון די וואָס האָט געחתמעט דעם האַדיאַטשער אָפּמאַך, איז געווען כמיעלניצקיס אַ שוואָגער און האָט, אין יאָר 1648, צו־זאַמען מיט כמיעלניצקיס יורש, וויהאָווסקי, געשוואָרן, ביים קלאַנג פון די קלויסטער־גלעקער און יובעלנדיקע געשרייען פון המון, אייביקע טרייהייט צו רוסלאַנד און האַס צו פּוילן.

אָבער דאָס האָט נישט געשאַדט אים, וויהאָווסקין און אַלע איבער־יקע פּיפּיקע, דורכגעטריבענע און פאַלשע אוקראַיִנישע פירער פון כמיעלניצקיס הדר אַריבערוואַרפן זיך שפּעטער אויף דער זייט פון פּוילן.

זיי האָבן געהאַט ביי וועמען זיך צו לערנען, די דאָזיקע טרייע תּלמי־דים פון „כמיעלן". האָט דאָך זייער לערער און פירער אַרויסגעוויזן גענוג מאַקיאַוועליזם אין זיין אויסערלעכער און אינערלעכער פּאָליטיק, האָט ער דאָך אָפילו שוין נאָכן אָנשליסן אוקראַיִנע צו רוסלאַנד, געפירט אונטער־האַנדלונגען מיט שכנותדיקע מלוכות, — דער עיקר, מיט שוועדן, — וועגן איבערגעבן אוקראַיִנע צו זיי, פאַרן פּרייז פון פאַרזיכערן אין אוקראַיִנע די הערשאַפט פון דער כמיעלניצקי־דינאַסטיע.

אויך כמעלניצקיס זון, יורי, וואָס האָט געזאָלט ווערן זיין יורש אויפן אַמט פון העטמאַן איז געגאַנגען אין פּאַטערס דרכים. ער האָט אַפילו גע־פּרוווט איבערגעבן אוקראַיִנע צו דער „בוסורמאַנישער״ טערקיי — אַבי נאָר ווערן הערשער פון אוקראַיִנע און קענען זי באַגליקן מיט אַ יורש־עצר פון כמיעלניצקיס אַפּשטאַם.

זאָלאָטאָרענקאָ האָט סוף כל סוף געענדיקט שלעכט. ער איז דערמאָר־דעט געוואָרן דורך אַ צווייטן אוקראַיִנישן העטמאַן, דורך בריוכאָוועצקין, וועלכער האָט זיין העטמאַן־טיטול געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס ער איז געווען אַ משרת ביי כמיעלניצקין.

אָבער אויך בריוכאָוועצקי האָט געענדיקט נישט בעסער. ער איז דער־מאָרדעט געוואָרן דורך אַ דריטן אוקראַיִנישן העטמאַן, דורך דאָראָשענ־קאָן, וועלכער האָט אין די שטענדיקע „ספיקות״, צו וועמען צו געהערן, צו רוסלאַנד, צי צו פּוילן, — באַשלאָסן סוף־כל־סוף, אַז אַמבעסטן איז אַנ־שליסן אוקראַיִנע צו — טערקיי און ווערן העטמאַן ביי איר „בוסורמאַנישן״ סולטאַן...

דער טורקאָפילישער העטמאַן, דאָראָשענקאָ האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אין פאַרשיקונג ביי די רוסן. דער פריִער־דערמאָנטער פּאָלאָנאָפילישער העטמאַן וויהאָווסקי, איז היינגעריכטעט געוואָרן דורך די פּאָליאַקן. דער צוויי־טער העטמאַנישער טורקאָפיל, דער שוין־דערמאָנטער זון פון כמיעלניצקי, יורי, וועלכער האָט אַפילו „זוכה״ געווען געקרוינט צו ווערן אַלס העטמאַן דורך די טערקן, — איז שפּעטער היינגעריכטעט געוואָרן דורך זיי, פאַר אַ מאָרד, וואָס ער האָט אויסגעפירט, ווי איינציקע האַלטן, איבער ייִדן.

קיין איינער, אַלזאָ, פון דער דאָזיקער כאָפּטע פון כמיעלניצקיס נאָכ־פאָלגער און תלמידים, האָט נישט פאַרענדיקט זיין לעבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן. יעדערנס לעבנס־וועג איז געווען אויסגעפלאַסטערט מיט שקר, פאַלשקייט, פאַרראַט און באַטרוג און פּראָסט פשוט, — מיט געוויינטלעכן מאָרד. און אויף יעדן פון זיי איז מקוים געוואָרן דער על דאטפת אטפוך...

***

קיִעוו און גאַנץ אוקראַיִנע האָבן פיל דורכגעמאַכט נאָכן קריג. די

שטאָט קיעוו איז זייט סוף 1917 ביזן פרילינג פון 1920, דאָס הייסט פאַר צוויי און אַ האַלב יאָר, גאַנצע צוועלף מאָל אַריבער פון איין מאַכט צו דער צווייטער. עס האָבן דאָרטן געהערשט: די „אוקראַינישע צענטראַלע ראַדע", פּעטליוראַ, די דייטשן, ראַטן־מאַכט, דעניקין, די פּאָליאַקן.

דער פּוילישער מאַרש אויף קיעוו איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון די אַלטע קאַמפן צווישן פּוילן און רוסלאַנד איבער אוקראַינע. דער „שעף פון דער פּוילישער מלוכה", פּילסודסקי, האָט געטרוימט וועגן אויפשטעלן אַ גרויסע פעדעראַטיווע פּוילישע מדינה, וואָס זאָל אַריינגעמען אין זיך אויך אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע, — אַזוי ווי ס'איז געווען אַמאָל אין דער צייט פון דער יאַגעלאָנען־דינאַסטיע אין פּוילן, ווען זי האָט זיך געצויגן „פון ים צום ים" און פאַרנומען אַ גרויסן שטח, פון באַלטישן ביזן שוואַרצן ים. דער פּלאַן פון פּילסודסקין איז, ווי באַקאַנט, נישט געלונגען. די פּוילישע אַרמיי איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך דער רוסישער אַרמיי פון אוקראַינע און פון ווייסרוסלאַנד. אגב, האָט דער גאַנצער פּלאַן פון אַ פעדעראַטיוון פּוילן נישט געפונען קיין גרויסע אונטערשטיצונג ביי די פּאָליאַקן גופא. די ענ־דעקעס, וואָס זענען געווען פאַרביסענע קעגנער פון פּילסודסקין, האָבן גאָר געוואָלט פשוט אַסימילירן די ווייסרוסן און די אוקראַינער און וואָלטן קיינמאָל נישט מסכים געווען צו געבן זיי אויטאָנאָמע רעכט, ווער רעדט נאָך טעריטאָריעלע אויטאָנאָמיע.

דאָן האָט זיך צו די פּאָליאַקן צוגעשאַרט דער טרויער־באַרימטער פּעטליוראַ, וועלכער האָט מיט זייער הילף געוואָלט ווערן אַ באַלעבאָס איבער אוקראַינע. נאָכמאַכנדיק פּילסודסקין, האָט זיך פּעטליוראַ געקרוינט אַלס „שעף פון דער אוקראַינער מלוכה". פּעטליוראַן איז אָבער זיין פּלאַן נישט געלונגען. זיין גאַנצע „אַרמיי" מיט אַלע אירע „פּאָלקן" און „קורע־ניען" פון „סיטשעוויקעס" איז באַשטאַנען פון באַנדעס רויבער און אַוואַנ־טוריסטן, וועלכע האָבן זיך געלאָזט ווילגיין איבער יידישע קעפּ, כדי ווי־דער אויפצולעבן די שרעקלעכע צייטן פון דער „היידאַמאַטשינע". פּעטליו־ראַ און זיין גאַנצע כנופיא האָט טאַקע געהאַט דעם זעלבן מיאוסן סוף וואָס די „האַידאַמאַטשינע".

צום סוף פון ערשטן וועלט־קריג האָבן זיך מיט אוקראַינע פאַראינטע־

רעסירט די דייטשן. צו רוסלאַנד און פּוילן, די דאָזיקע צוויי היסטאָרישע פּאַרטנערס, וועלכע האָבן אייניקע מאָל אין דער געשיכטע געפירט בלוטיקע קאַמפן איבער אוקראַינע, איז זייט יענעם קריג צוגעקומען נאָך אַ פּרעטענדענט אויף אוקראַינע — דייטשלאַנד. נאָכן בריסקער „שלום" פון 1918, האָבן די דייטשן געפּרוווט מאַכן פון אוקראַינע אַ זעלבשטענדיקע מלוכה, וועלכע זאָל, פאַרשטייט זיך, זיין זייער וואַסאַל און האָבן צו דעם צוועק אַריינגעזעצט דאָרטן דעם „העטמאַן" סקאָראָפּאַדסקי, אגב, אַ געוועזענער רוסישער גענעראַל פון ניקאָלאַי דעם צווייטנס סוויטע. סקאָראָפּאַדסקי האָט זיך אָבער שפּעטער געמוזט אָפּטראָגן פון קיעוו.

בעת די אַלע קאַמפן און פּערטורבאַציעס, וואָס קיעוו האָט דורכגעמאַכט נאָכן 1טן וועלט־קריג, האָט די יידישע באַפעלקערונג געליטן גאַנץ שטאַרק. די יידן איז אויסגעקומען צו ליידן כמעט פון אַלע פּרעטענדענטן אויף מאַכט אין דער אוקראַינישער הויפּטשטאָט, אָבער דער עיקר — פון די „ווייסע גענעראַלן" און פון די אוקראַינער גופא.

דער יידישער ישוב אין קיעוו האָט בכלל דורכגעמאַכט אַ גרויסע אַנטוויקלונג צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט. געשען איז עס, אַ דאַנק דעם שטאַרקן ווירטשאַפטלעכן אויפשוווּנג, וואָס רוסלאַנד האָט דורכגעמאַכט אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. דער תבואה־עקספּאָרט, די אינדוסטריאַליזירונג און בכלל דער שטאַרקער ווירטשאַפטלעכער פאָרשריט פון רוסלאַנד, — ספּעציעל אין די ערשטע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר פון לויפנדיקן יאָרהונדערט פאַרן אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג, — האָבן פאַרשטאַרקט דעם יידישן עלעמענט אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע. יידישע אונטערנעמער, ווי די פּאָליאַקאָווס, די זאַיצעווס, די בראָדסקיס, גאָרענשטיינס א"אַנד' האָבן געגרינדעט אין קיעוו אַ ריי גרויסע אונטערנעמונגען. די צוקער־אינדוסטריע און אייניקע אַנדערע וויכטיקע אינדוסטריעס פון אוקראַינע זענען געגרינדעט אָדער פאַרשטאַרקט געוואָרן אין זייער אַנטוויקלונג דורך יידישע אונטערנעמער. די יידישע באַפעלקערונג פון קיעוו האָט, אַזוי אַרום, טראָץ די צאַרישע באַגרענעצונגען, דערגרייכט שוין צום סוף פון פאַריקן יאָרהונדערט ביז 50 טויזנט נפשות.

צוזאַמען מיט דעם איז אויך געקומען צום גרויסן קולטורעלן אויפ־

שוווּנג פון ייִדישן קיִעוו, וואָס האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט אין שטאַרקן פּאַרטייִישן לעבן, אין דער אנטשטייוּנג פון אַ ייִדישער טאָג־פּרעסע, פאַרלאַגן, דער „קולטור־ליגע", אאַז"וו. אין יאָר 1918 בעת דער קורצער עקסיסטענץ פון דער „אוקראַיִנער ראַדע" איז אין קיִעוו אויך געווען אַ ייִדישער מיניסטעריום, דאַן איז דאָרטן אויך פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינער ייִדישער צוזאַמענפאָר, וואָס האָט אויך אויסגעוויילט אַ ייִדישן נאַציאָנאַלן ראָט. די וויטערדיקע שטורמישע געשעענישן פון בירגער־קריג האָבן אָבער צו דעם אַלעמען געמאַכט אַ סוף.

אויך אונטער דער סאָוועטישער מאַכט, האָט די טעטיקייט פאַר ייִדישער קולטור — ייִדישע שולן, ייִדישע וויסנשאַפט, פּרעסע, ביכער־אַרויסלאָז, טעאַטער וכדו', כידוע, נישט געהאַט קיין צו לאַנגע תקומה און איז אין יאָר 1949 ענדגילטיק ליקווידירט געוואָרן.

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַזונדערס בעת דעם בירגער־קריג און די פּאָגראָמען, איז די ייִדישע באַפעלקערונג אין קיִעוו גאָר שטאַרק געוואַקסן, אויפן חשבון פון די אַרומיקע שטעטלעך, ווו דאָס לעבן איז נישט געווען זיכער. אויב, אַ שטייגער, אין 1920 איז די צאָל ייִדן אין קיִעוו געשטיגן ביז 140 טויזנט און האָט אָנגעטראָפן העכער אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, איז עס געווען קודם־כל, צוליב די אַנטלאָפענע ייִדן. אויך דער חורבן פון די ייִדישע פּרנסות אונטערן סאָוועטן־רעזשים, האָט געטריבן די ייִדן פון די קליינע שטעטלעך צו זוכן נייע עקסיסטענץ־מעגלעכקייטן אין די גרויסע שטעט, ווי קיִעוו, כאַרקאָוו א"אַנד'.

פאַרן צווייטן וועלט־קריג האָט קיִעוו געציילט ביז 175 טויזנט ייִדן. ווער ווייסט אָבער, וויפל פון זיי איז געלונגען צו ראַטעווען זיך פון דער נאַצישער אָקופּאַציע, וועלכע האָט שוין אין די ערשטע טעג אירע אומגעבראַכט פיל צענדליקער טויזנטער ייִדן אין „באַבי יאַר".

כמיעלניצקי און כמיעל

עס איז פאַרן קריג געווען פאַר ייִדן אַ גרויסע פרייד, צו לייענען דעם באַקאַנטן אַרטיקל פון דער „גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע“ איבער כמיעלניצקין. די ליטעראַטור איבער דעם אָנפירער פון דעם קאָזאַקן־אויפשטאַנד אין 17טן יאָרהונדערט און צורר היהודים איז גאַנץ רייך. געשריבן וועגן אים האָבן ייִדן און פאָליאַקן, אוקראַיִנער און רוסן. ביי יעדן פון די שרייבער האָט כמיעלניצקי זיין באַשטימטן פלאַץ און כאַראַקטעריסטיק. די ערשטע מאַכן, כידוע, פון כמיעלן כעפרא דארעא; ביי די רוסן און די אוקראַיִנער, ווידער, איז ער, אַן אידעאַלער העלד, קעמפער קעגן פרעמדן יאָך און אונטערדריקונג, אַ נאַציאָנאַלער באַפרייער, אויסלייזער אאַז״וו. דער אַרטיקל אין דער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע האָט אָבער אָנגעשלאָגן בייע טענער. באַגדאַן כמיעלניצקי איז דאָרטן באַוויזן געוואָרן אין אַ נייעם ליכט. די רייכע ליטעראַטור איבערן קאָזאַקן־פירער, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין איר איבערוועגנדיקסטן טייל, אין שוואַרץ אָדער ווייס, האָט מיטן דערמאָנטן אַרטיקל פלוצים אויסגעברייטערט אירע ענגע, צוויי־פאַרביקע, שוואַרץ־ווייסע ראַמען און איז אַרויסגעפירט געוואָרן אויף נייע, ברייטע שליאַכן.

עס דאַרף קודם־כל אָנגעוויזן ווערן, אַז פּאָקראָווסקי, דער מחבר פונעם אַרטיקל שרייבט זיין אָפּהאַנדלונג פון כמיעלן, פון אוקראַיִנישן (און אויך רוסישן) שטאַנדפּונקט. ער פאַלט אָבער נישט אַריין אינעם געוויינטלעכן קאַזיאָנעם און שמן־זיתדיקן טאָן פון די רוסישע און אוקראַיִנישע היסטאָריקערס. פאַרקערט, באַלד אין אָנפאַנג דערקלערט ער כמיעלניצקין פאַר אַ „פאַררעטער און פאַרביסענעם שונא פונעם אויפשטענדיקן אוקראַיִנישן פויערטום“. אינעם זעלבן טאָן ווערט געהאַלטן דער גאַנצער אַרטיקל. „כמיעלניצקי, איז געווען פאָרשטייער פון אויבערשטן שיכט פון דער אוקראַיִנישער פעאָדאַל־קאָזאַקישער אַריסטאָקראַטיע, וועלכע האָט געשטרעבט אויסצוגלייכן זיך אין די רעכט מיט די פעאָדאַלן פון פוילן —

דער פוילישער שליאַכטע". כמיעלניצקי האָט פיל מאָל געפּרוּווט צונויפ־רעדן זיך מיט די פוילישע פּעאַדאַלן, וואָס עס פלעגט אַפילו ברענגען צום פאַרבינדן זיך מיט זיי. לויטן אָפּמאַך אין זבאַראָוו, איז דער קאָזאַקן־אַריס־טאָקראַטיע פאַרזיכערט געוואָרן אַלע פּעאָדאַלע רעכט און אין די גיטער פון דער שליאַכטע און מאַגנאַטן איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן פאַנש־טשיזנע. נאָך חרפּהדיקער און שווערער פאַרן פּויערטום איז געווען דער בעלאָצערקווער אָפּמאַך. כמיעלניצקי האָט זיך אכזריותדיק אָפּגערעכנט מיטן פּויערים־אויפשטאַנד, וואָס איז געגאַנגען ווייטער פון זיינע פּלענער. כדי צו ברעכן די קראַפן פון אויפשטאַנד, האָט ער זיך נישט איינמאָל באַנוצט מיט פּראָוואָקאַציע־מיטלען; בעת דער שלאַכט ביי בערעסטעטשקאָ האָט ער אַפילו פאַרלייכטערט די פּאָליאַקן זייער זיג. צענדליקער טויזנטער פּויערים זענען דאַן אומגעקומען, די כוחות פון דער פּויערישער רעוואָ־לוציע זענען איינגעבראָכן געוואָרן און די קאָזאַקישע אַריסטאָקראַטיע האָט געקאָנט שליסן דעם בעלאָצערקווער שלום, וואָס איז געווען נוצלעך פאַר די פּעאָדאַלן. נאָך מער פאַררעטעריש איז געווען כמיעלניצקיס טאַקטיק לגבי די פאָלקס־אויפשטאַנדן פון נעטשאַי, באָהון און אַנד׳. כמיעלניצקי האָט דאַן פּראָסט און פּשוט געהאָלפן די פּאָליאַקן צו דערשטיקן די פאָלקס־מרידה, געווען אַפילו פאַקטן פון אינספּירירן אויפשטאַנדן, כדי זיי שפּע־טער צו צעקלאַפּן.

אין זעלבן טאָן ווערט שפּעטער געשילדערט די טעטיקייט פון כמיעל־ניצקין, שוין אַלס העטמאַן פון דער כלומרשט זעלבשטענדיקער אוקראַינע. מיר לייענען ווידער וועגן „אכזריותדיקער אָפּרעכענונג" מיט די פּויערים. „צענדליקער שטעט און דערפער זענען ענדגילטיק געוואָרן צעשטערט און פאַרברענט; צענדליקער טויזנטער פּויערים און קאָזאַקן, וואָס האָבן גע־קעמפט קעגן די פוילישע און אוקראַינישע פּעאָדאַלן, זענען געפערטלט געוואָרן, אָוועקגעזעצט געוואָרן אויפן „קאָל" און געפּייניקט געוואָרן אויף אַנדערע אופנים". דער שרייבער גיט אויך צו, אַז אין זיין מיליטערישער טעטיקייט, האָט זיך כמיעל אַרויסגעוויזן, אַלס כיטרער אַרמיי־פירער און אַלס „דיפּלאָמאַט פון זיין קלאַס": ער האָט געקענט אויסנוצן די סתירות, סיי אין זיין אייגענעם לאַגער, סיי צווישן די שכנותדיקע מלוכות. ער איז

אויך מודה, אַז דער באַרימטער פעריעסלאַווער אָפּמאַך, לויט וועלכן אוקראַינע האָט זיך פאַראייניקט מיט רוסלאַנד, האָט מיט זיך באַצייכנט „דעם בונד פון אוקראַינער פעאָדאַלן מיט רוסישע און האָט אייגנטלעך אויסגעפורעמט יורידיש דעם אָנהייב פון דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט פון רוסלאַנד איבער אוקראַינע". „כמיעלניצקי אַליין", פאַרענדיקט דער סאָוועטישער היסטאָריקער זיין אַרטיקל, „האָט געשטרעבט צו ווערן אַ זעלבסטהערשנדיקער קעניג פון אוקראַינע, שטיצנדיק זיך אויפן קלאַס פון די אוקראַינישע פעאָדאַלן, וועלכער איז צו יענער צייט שטאַרק אויסגעוואַקסן".

דער אויפמערקזאַמער לייענער קאָן באַמערקן, אַז זיין גאַנצע „דעבאָנקינג" (אַנטבלויזונג) אַרבעט לגבי כמיעלניצקין, האָט דער סאָוועטישער שרייבער דורכגעפירט פון געווינטלעכן, היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן שטאַנדפונקט, וועלכער האָט בשעתו געהערשט אין דער סאָוועטישער היסטאָריאָגראַפיע.

די תקופה פון די קאָזאַקן־אויפשטאַנדן פון מיט 300 יאָר צוריק, וועלכע האָט איבערגעלאָזן אַזאַ שרעקלעכן אָנדענק אין דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום, איז גענומען געוואָרן אין איר סאָציאַלער צעטיילונג. געווען דאַן אוקראַינישע פויערים פון איין זייט און פאַרמעגלעכע קאָזאַקן, אָדער די קאָזאַקישע שליאַכטע, פון דער צווייטער זייט. דעם אויפשטאַנד קעגן די פּאָליאַקן האָבן עס געמאַכט די ערשטע, זיי האָבן געוואָלט באַפרייען זיך פון פאַנשטשיזנע ביי די פריצים, דערצו נאָך פרעמדע פוילישע אונטערדריקער, אָקופּאַנטן און פאַרכאַפּער. די קאָזאַקישע שליאַכטע וואָס האָט געהאַט אירע, אייגענע קלאַסן חשבונות מיט דער פוילישער שליאַכטע און האָט געוואָלט זיך אויסגלייכן מיט דער לעצטער אין אירע רעכט אין סאָציאַלע און מיליטערישע פריווילעגיעס, האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן קאַרק פון דער סאָציאַל און נאַציאָנאַל אומצופרידענער פויערישער מאַסע, כדי אין פייער פון אויפשטאַנד אָפּקאָכן איר אייגענעם געקעכץ און פאַרשקלאַפן שפעטער אונטער זיך, אונטער דער מאַכט פון אוקראַינער פעאָדאַלן, די מאַסן, וואָס זענען געווען פאַרשקלאַפט אונטער פוילישע מאַגנאַטן און פעאָדאַלן. דער סאָוועטישער היסטאָריקער שרייבט טאַקע: „כמיעלניצקין איז געלונגען, שטיצנדיק זיך אויף די פויערישע אויפשטאַנדן, אַוועקפירן און

באַהויפּטן דעם קאַמף, קעגן דער פּוילישער שליאַכטע, דורך צוציִען צום דאָזיקן קאַמף די מערהייט פון דער קאָזאַקישער שליאַכטע, דערונטער אויך די קאָזאַקן פון דער זאַפּאָראָגער (נישט־פּוילישער) סיטש"...

דער סאָוועטישער שרייבער איז אָבער אין דער הינזיכט נישט באַגאַנגען קיין טעות. זיין פּרווו פון מאַכן אַ סאָציאַלן אויפשניט פון אוקראַיִנישן פּויערטום, כדי צו אַנטפּלעקן די סאָציאַלע פּאָזיציע פון כמיעלניצקין, אַלס פירער פון דער רייכער קאָזאַקישער שליאַכטע און אונטערדריקער פון אָרעמען און פאַרשקלאַפטן פּויערטום, איז נישט קיין פּראָדוקט פון „ווישפול טהינקינג". פאַרקערט, דווקא אין דעם געביט איז די סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע נישט אָריגינעל. דער פאַקט פון אַ קאָזאַקישער שליאַכטע אין אוקראַיִנע, די אַזוי־גערופענע „רעיעסטראָווע" קאָזאַקן, וועלכע זענען געווען אויפן דינסט פון דער צענטראַלער פּוילישער מאַכט אין וואַרשע און האָבן גענאָסן פון ספּעציעלע „קעניגלעכע" רעכט און אויך פון אַן אַנטשפּרעכנדיקער, שטענדיקער באַלוינונג מיט געלט און אויך מיט ערד־מאַיאָנטקעס, איז לאַנג אונטערגעשטראָכן געוואָרן, פאַרשטייט זיך נישט לגנאי, דורך די פּוילישע היסטאָריקערס. די פּוילישע היסטאָרישע וויסנשאַפט האָט שוין אויך לאַנג באַטאָנט דעם צווייטן פאַקט, אויף וועלכע די סאָוועטישע, היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע באַטראַכטונג שטיצט זיך, — נעמלעך די רייבונגען און סתירות צווישן דער „רעיעסטראָווער" קאָזאַקן־שליאַכטע און דער שליאַכטע און מאַגנאַטן פון פּוילישער אָפּשטאַמונג. עס איז אויך באַקאַנט דער פאַקט, אַז די צענטראַלע מאַכט אין וואַרשע האָט כסדר געוואָלט אויסנוצן די דאָזיקע סתירות פאַר אירע אייגענע אינטערעסן. די לייטזעליקייט וואָס די פּוילישע קעניגן האָבן אַרויסגעוויזן לגבי דער קאָזאַקישער שליאַכטע איז דיקטירט געוואָרן נישט בלויז דורכן פאַקט, וואָס די „רעיעסטראָווע" קאָזאַקן האָבן געשיצט אוקראַיִנע קעגן די טאַטאַרן, טערקן, צי אַפילו אויך, ווי ס'איז געשען נישט איין מאָל, קעגן דער אייגענער, פּראַוואָסלאַווער מאָסקווע, — נאָר און אפשר נישט אין אַ קלענערער מאָס, דורך דעם, וואָס די קעניגלעכע מאַכט האָט באַטראַכט די רעגיסטרירטע ביי איר קאָזאַקישע שליאַכטע, אַלס אָביעקטיוון פאַרבינדעטן אין קאַמף קעגן די מעכטיקע, פּוילישע מאַגנאַטן, די „האַלבע קעניגן", די ווישנעוויעצקיס, פּאָ־

טאַצקיס, ראַדזשיווילס, וואָס האָבן געהאַט באמת אומבאַגרענעצטע „פריי־הייטן" און כמעט סוווערענע מאַכט אין אוקראַינע (און אויך ליטע) און זע־נען געווען אַ שטענדיקע געפאַר פאַר דער „קרוין", מיט וועלכער זיי האָבן זיך אָפט געקאָנט פאַרגלייכן סיי מיט זייער גוואַלטיקן רייכטום און אומגע־הייערע גיטער, אַזוי אויך מיט זייערע אייגענע אַרמייען, וואָס זענען געווען אונטער דער אַבסאָלוטער און סוווערענער מאַכט פון די מעכטיקע פעאָ־דאַלע הערשער.

עס איז באַקאַנט די מיינונג אין דער פוילישער היסטאָריאָגראַפיע, אַז כמיעלניצקיס גאַנצער אויפשטאַנד אויף דער אוקראַינע איז, אויב נישט אינספּירירט געוואָרן דורכן קעניג, איז אָבער דורך אים באַטראַכט געוואָרן גאָר גינסטיק און אַז וולאַדיסלאַוו דער 4טער זאָל האָבן געזאָגט כמיעלניצקין און זיינע פריינד, וואָס זענען געקומען קיין וואַרשע קלאָגן זיך אויף די מאַגנאַטן, אַז זיי זענען נישט קיין שיפּע־קינדערלעך און אַלס שליאַכטע, דאַרפן זיי פאַרטיידיקן זייערע רעכט און פּאָזיציעס מיט געווער. צי דאָס איז געווען טאַקע אַזוי, צי נישט, — קאָן קיינער נישט זאָגן, אָבער די „קרוין" אין וואַרשע האָט געווינטשט די האַלבע קעניגלעך אין אוקראַינע דאָס זעלבע, וואָס די רעיעסטראָווע קאָזאַקן און אַז זי וואָלט גערן באַנוצט זיך מיט די סתירות צווישןביידע און נאָך מער מיט אַן אויפשטאַנד פון די קאָ־זאַקן, וואָס זאָל אָפּשוואַכן די אומבאַגרענצטע מאַכט און די כמעט קעניג־לעכע פּאָזיציעס פון אירע אייביקע קעגנער, — לייגט זיך גראַדע אויפן שכל. די גאַנצע פוילישע געשיכטע איז דאָך פול מיטן דאָזיקן קאַמף פון דער קעניגלעכער מאַכט און פונקט, ווי אירע קעגנער, פלעגט זי זיך נישט אָפּזאָגן פון קיין שום מיטלען אינעם דאָזיקן קאַמף. דער געשפּענסט פון אָט דעם היסטאָרישן קאַמף האָט געוואָרפן זיין שאָטן אפילו אויף דער געשיכטע פון מאָדערנעם פוילן. ווען פּילסודסקי, וועלכער, איז אין זיינע טאָטאַלי־טאַרישע תשוקות אַרויסגעגאַנגען פונעם דאָזיקן וויכטיקסטן אפשר מאָמענט אין דער פוילישער געשיכטע, האָט די אַמאָליקע „קעניגלעך" פאַרגליכן צו די... מאָדערנע פּאָליטישע פּאַרטייען און האָט באמת אויף עפּעס אַ מאָ־ניאַקישן אופן געשטעמפּלט זייער באַרעכטיקטן קאַמף פאַר קאָנטראָל אי־בער דער רעגירונג און פּרעזידענט, אַלס אַן אָפּקלאַנג פונעם אַמאָליקן קאַמף

פון די מאַגנאַטן קעגן דער „קרוין״, וואָרענענדיק אויף אַ דעמאַגאָגישן אופן אַז די זעלבשטענדיקייט פון פוילן קאָן איינגעהאַלטן ווערן דורך אַ שטאַרקער צענטראַלער מאַכט אין דער פאָרעם פון אַ טאָטאַליטאַרער מאָנאַפּאַרטייישער רעגירונג.

וואָס עס איז יאָ ניי אין דער סאָוועטישער כאַראַקטעריסטיק פון כמיעלניצקין, איז זיין פינצטערע ראָל, אַלס אונטערדריקער פון די אוקראַיִנישע פּויערים־מאַסן. דאָ, אויף דעם געביט איז באמת אַנטדעקט און אַנטפּלעקט געוואָרן אַ וויכטיקער אַספּעקט אין דער טעטיקייט און אין דער גאַנצער פּערזענלעכקייט פונעם „אוקראַיִנישן פּריהייטס־קעמפּער״, וועלכער די געווייינטלעכע, „קאַזיאָנע״ היסטאָריקערס האָבן, ווייזט אויס, געזוכט צו פאַרדעקן. אַלס פאַררעטער און אַפילו פּראָוואָקאַטאָר, האָבן כמיעלניצקין געשטעמפּלט אויך פּוילישע היסטאָריקערס. פאַר אייניקע פון זיי איז דאָך כמיעלניצקי בכלל געווען צוויי מאָל פאַררעטער, ווייל ער האָט נישט בלויז בוגד געווען אין דער מאַכט, וועלכע ער האָט יאָרן־לאַנג געדינט און וועלכער ער האָט פיל מאָל געשווירן טרייהייט און איבערגעגעבנקייט, נאָר אויך, ווייל ער, דער זון פון אַ באַקאַנטן פּוילישן שליאַכטשיץ פון דער עכט־פּוילישער מאַזאָוויע (ווי זיי באַהויפּטן), דער תלמיד פון יעזויִטישע און מיליטערישע פּוילישע שולן, האָט, גייענדיק מיט די קאָזאַקן, פאַרראַטן אויך זיין שטאַם, זיין פאָלק, זיין מדינה און זיין רעליגיע. די רוסישע היסטאָריאָגראַפיע טרעט אָבער, כידוע, קאַטעגאָריש אַרויס קעגן דער באַהויפּטונג וועגן דער פּוילישער אָפּשטאַמונג פון כמיעלניצקין, טענהנדיק, אַז ער האָט געשטאַמט פון פאַדאָליע און האָט אויך זיין נאָמען באַקומען פונעם דאָרטיקן שטעטל כמעלניק (אָבער דאָס קאָן אָפּגעוועגדעט ווערן דורכן פאַקט, וואָס אויך פוילן האָט אַ כמיעלניק, אין געגנט פון לובלין, און כמיעלניצקי, צי זיין פאָטער, האָבן געקענט מיט פונקט אַזוי פיל גרונט נעמען זייער נאָמען פון פּוילישן כמיעלניק).

לאָמיר אָבער לאָזן די קאַזיאָנע היסטאָריקערס, ביי וועלכע דיכטונג, דיקטירט דורך נאַציאָנאַליסטישע און שאָוויניסטישע געפילן, פאַרשטעלט געוויינטלעך אָפּט דעם אמת. דער „באַפרייער פון אוקראַיִנע״ איז געווען פון פּוילישער אָפּשטאַמונג, — טאָ וואָס איז פון דעם? — קאָנען זאָגן זיינע חסי־

דים. עס איז אָבער געווען אַן אידעלע, פרייהייט און אמת־זוכנדיקע נאַטור, און האָט נישט געקאָנט צוזען דעם יאָך און אונטערדריקונג פון די אוקראַי־נישע מאַסן — „ווו עס ווערט געקעמפט, פאַר פרייהייט, — דאָרט איז מיין פאָטערלאַנד".

די סאָוועטישע כאַראַקטעריסטיק צעשטערט אָבער אויך די דאָזיקע לעגענדע. דער שרייבער פון די שורות קאָן זיך נישט אָפּזאָגן פונעם באמת גרויסן פאַרגעניגן צו ציטירן נאָך אַמאָל די אויבן־געבראַכטע ווערטער פון דער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע: „פאַררעטער און פאַרביסענער שונא פונעם... אוקראַיִנישן פויערטום", „...געגעבן דירעקטע הילף די פוילישע חיילות, וואָס האָבן דערשטיקט די פאָלקס־אויפשטאַנדן; עס זענען באַקאַנט אָפּענע פאַלן פון אינספּירירן דורך אים אויפשטאַנדן, כדי צו צעשמעטערן זיי", „...האָט זיך נישט איין מאָל באַנוצט מיט ריין פּראָוואָקאַטאָרישע מע־טאָדן, מיטן ציל צו איינברעכן די קראַפט פון פויערים־אויפשטאַנד", „אכ־זריותדיק זיך אָפּגערעכנט מיט די פויערישע אויפשטאַנד אין אוקראַיִנע". „...צענדליקער שטעט און דערפער זענען צעשטערט און פאַרברענט גע־וואָרן, צענדליקער טויזנטער פויערים און קאָזאַקן... זענען געפערטלט גע־וואָרן, געזעצט געוואָרן אויף אַ „קאָל" (שטאַנג) און געפייניקט געוואָרן אויף אַנדערע אופנים", — קלינגען דאָך גאָר נאָענט און באַקאַנט פאַרן יידישן אויער. לייענענדיק זיי, ווילט זיך דאָך זאָגן: „סע טו קאָם שע נו". ס'קלינגט דאָך ווי אַ קאַפּיטל פון נתן האַנאָווערס „יון מצולה". און יון־מצולהדיק איז די באַשרייבונג, הגם דער מחבר פונעם אַרטיקל, פונקט ווי איבעריקנס אויך פיל נישט־מאַרקסיסטישע היסטאָריקערס, סיי פון שוואַרץ־שרייבנדיקן און נאָך מער פון ווייס־שרייבנדיקן לאַגער, פאַרשוויגן לגמרי די קאָזאַקישע שחיטות אויף די יידן און מאַכן זיך נישט וויסנדיק פון אַ נעמיראָוו, אַ טולטשין, אַן אומאַן און פיל צענדליקער אַנדערע שטעט און שטעטלעך, ווו אויך יידן זענען געפייניקט געוואָרן נישט מיט ווייניקער און, זיכער, נאָך מיט מער אכזריות, ווי די אייגענע אוקראַיִנער. דאָס אַרויסהייבן אָבער אין כמיעלניצקין די שטריכן פון רשעות און אכזריות, פאַררעטערישקייט און פּראָוואָקאַציע אַפילו אין אַן אַרטיקל אָן די יידן, איז אַן און פאַר זיך אַ וויכטיקער פאַקט. צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך אין דער רוסישער היס־

טאָריאָגראַפיע, דערנענטערט זיך דאָס געשטאַלט פון כמיעלניצקין צו דער געשטאַלט פון אונדזער כמיעל, וועמענס פינצטערער נאָמען איז שטענדיק באַגלייט געוואָרן מיטן פיל־זאָגנדיקן „ימח שמו וזכרו"!

עס איז געווען אַ שטאַרקע טרייסט אין אָט דעם פאַקט, וואָס דער סאָ־וועטישער, אָן ייִדן געשילדערטער, כמיעלניצקי איז ממש פונקט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער, ענלעך צו „אונדזער" כמיעל, וועמענס אימהדיקע געשטאַלט איז געשאַפן געוואָרן אויפן סמך פון די שרעקלעכע, אָבער בלויז ייִדישע דערפאַרונגען און זכרונות. און אפשר איז אין אָט דעם, וואָס כמיעלניצקיס פּערזענלעכקייט איז אַרויסגעקומען די זעלבע, ווען זי איז געשילדערט גע־וואָרן פון צוויי, לחלוטין אומפאַרבינדעטע שטאַנדפּונקטן, אויך געווען די גאַראַנטיע, אַז אָט די כמעט געמיינזאַמע שילדערונג איז טאַקע נאָענט צום אמת, און אַז כמיעל — דער אכזר, רשע, פאַררעטער און פּראָוואָקאַטאָר, דער מאַן, וואָס האָט געשטרעבט צו זיינע אייגענע צילן, צו ווערן זעלבסט־הערשער איבער אוקראַיִנע — אַנטשפּרעכט טאַקע דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט, מערער, ווי די פיל אַנדערע שילדערונגען, ווו דיכטונג איז פיל מער פאַר וואָרהייט און ווו נאַציאָנאַליסטישע כוונות „וועישפול טהינ־קינג" אָדער שפּעטערדיקע, לאחר המעשהדיקע באַטראַכטונגען האָבן ביוודעים (צי בלא יודעים) באַדעקט די געשטאַלט פון כמיעלן, ווי די פּאָ־ליאַקן זאָגן, מיט „בראָנדז", — געמאַכט פון איר אַ היסטאָרישע פיגור, אַ מאָנומענט, אַ זכר און אויך מוסטער לדורות.

איז אָבער אין צייט פון קריג געקומען דער באַקאַנטער סאָוועטישער קער לגבי כמיעלניצקין און האָט צעשטערט די סאָוועטישע באַגרינדונג און פאַרפעסטיקונג פאַר דער ייִדישער שילדערונג פון כמיעלן. דער „דע־באַנקטער", דער אַנטבלויזטער אין זיין גאַנצער מיאוסער און אָפּשטויסנ־דיקער נאַקעטקייט כמיעלניצקי, איז צוריקגעקערט געוואָרן צום גאָר אַלטן שטאַנד, וואָס ער האָט נאָך געהאַט בימי אַילאָוואַיסקי. די אומגעוואָרפענע סטאַטוע איז צוריק באַדעקט געוואָרן מיטן פריִערדיקן, קאַזיאָנעם, היס־טאָרישן בראָנדז און איז צוריקגעשטעלט געוואָרן אויף איר אַלטן פּיע־דעסטאַל. עס קען זיין, אַז אין דעם האָט געשפּילט אַ ראָליע די נייע, נעגאַ־טיווע שטעלונג פון דער סאָוועטישער געשיכטע־וויסנשאַפט צום „פּרי־

מיטיוון", „רויען" אַלטן היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישן צוגאַנג צו געשיכט־לעכע פּראָצעסן און פּערזענלעכקייטן, ביי וועלכע די סאָוועטישע היסטאָ־ריאָגראַפיע האָט זיך געהאַלטן זייט פּאָקראָווסקין. און אויב מ'רעווידירט די אַלטע שטעלונג לגבי אַ גראָזני, אַלעקסאַנדער נעווסקי און אַנדערע גרויס־רוסישע נאַציאָנאַלע פיגורן, אויב זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין, ווי בימי פּאָקראָווסקי און זיינע פילע נאָכפאָלגער, פאָרשטייער פון פעאָדאַלע, פרי־צישע שיכטן, פאַרשקלאַפער פון פויערטום, — אויב די אַלע העלדן פאַר־לירן איצט זייער „שוואַרצן", „דעבאָנקטן" סאָציאַלן פּנים, ווערן אויס שדים און באַקומען נייע, סתם מענטשלעכע און אויך פּאָזיטיווע שטריכן, — טאָ פאַרוואָס זאָל מען דאָס זעלבע נישט טאָן בנוגע אַ נישט־גרויסרוסישן, אַן אוקראַאינישן טוער?

דער מחבר פון די שורות מוז זיך מודה זיין, אַז אים איז נאָך נישט אַריינגעפאַלן אין האַנט די נייע, רעווידירטע רוסישע געשיכטע און אַז ער האָט דעריבער נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו לייענען, וואָס עס שרייבן איצט די סאָוועטישע היסטאָריקערס איבערן פריערדיקן „פאַררעטער און פאַרביסענעם שונא פון אויפשטייענדיקן אוקראַאינישן פויערטום", וואָס זיין אמתער ציל איז געווען נישט די באַפרייונג פון אוקראַאינע, נאָר דאָס ווערן „זעלבסט־הערשנדיקער קעניג פון אוקראַאינע". עס שיינט אָבער, אַז די רע־וויזיע פון דער שטעלונג צום פריערדיקן „פאַררעטער און פאַרביסענעם שונא" (נישט רעכענענדיק שוין די איבעריקע נעגאַטיווע עפּיטעטן, וואָס זענען געגעבן געוואָרן כמיעלניצקין), איז געשען, צוליב אָפּאָרטוניסטישע טעמים. אמת, רוסלאַנד האָט בעתן קריג און אויך פאַר אים איבערגעלעבט די תקופה פון „ליבע צום פאָטערלאַנד" און „שטאָלץ פונעם פאָלק". די אַלטע לאָזונגען פון קאַראַמזינען, וועלכער האָט, דוכט זיך, דער ערשטער באַזונגען דעם אויפשטייג פון דער „גאָסודאַרסטוואָ ראָסיסקאָיע", זענען געוואָרן באַזונדערס נאָענט און טייער די פירער פון דער סאָוועטן־מלוכה, וועלכע האָבן שטענדיק געשטעלט דעם טראָפּ אויף דער צווייטער טייל פון דעם צוויי־איניקן וואָרט, אויף מלוכה, בעת דעם קריג, — ווען די גע־פאַר מצד די נאַציס, וואָס האָבן אָקופּירט גאַנץ אוקראַאינע און ווייס־רוס־לאַנד און האָבן אָנגעשפּאַרט ביז מאָסקווע און דער וואָלגע, האָט אָנגענו־מען אַזעלכע גרויזאַמע, מוראדיקע פאָרמען.

מ׳קען זיך אָנשטויסן, אַז אין מאָסקווע האָט מען, ווייזט אויס, דאַן מורא געהאַט, אַז היטלער זאָל נישט דאָ איבערחזרן דעם עקספּערימענט פון האָ־הענצאָלערן־דייטשלאַנד נאָך בריסק, און זאָל נישט אָנהייבן אָפּערירן מיטן לאָזונג פון אַ „סאַמאָסטייִנער" אוקראַיִנע מיט עפּעס אַ העטמאַן וואָס זאָל זיין אונטער בערלין. לכתחילה טאַקע, ווי באַקאַנט, האָט מען אין נאַצי־לאַגער געפּלאַנט עפּעס אין דער הינזיכט. ביים פאַרנעמען לעמבערג, איז דאָרטן איינגעפירט געוואָרן אַן אוקראַיִנישע אַדמיניסטראַציע, מיט דער אוקראַיִנישער פאָן. אויפן אויבערפלאַך איז אַרויסגעשווומען באַנדעראַ מיט זיינע באַנדעס. געווען אַפילו דאַן, אין יוני־יולי 1941, קלאַנגען וועגן אַן אוקראַיִנישער רעגירונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין לעמבערג, אַלס דער הויפּט־שטאָט פון מערב־אוקראַיִנע. געווען אויך דאַן אַ קלאַנג וועגן אַן אוקראַיִנישער פּאָסט־מאַרקע, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן און דווקא מיטן בילד פון כמיעלניצקין, הגם דער לעצטער איז קיינמאָל נישט געווען פּאָפּולער צווישן די אוקראַיִנער אין גאַליציע.

די פּראָ־אוקראַיִנישע נטיות פון דער נאַצי־מאַכט האָבן זיך אָבער נישט באַרעכטיקט. די רעכט און פרייהייט, וואָס די נאַציס האָבן לכתחילה געגעבן די „באַנדעראָווצעס", זענען געווען אויסגערעכנט אויף אונטערצושטיצן אוקראַיִנישע, אַנטי־סאָוועטישע רעאַקציאָנערע עלעמענטן פונעם זעלבן סאָציאַלן און פּאָליטישן קאַליבער, ווי — דער כמיעלניצקי פון דער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע. שפּעטער האָט די נאַצי־מאַכט אין גאַנצן פאַרוואָרפן אירע לכתחילהדיקע, שוואַכע פּראָ־אוקראַיִנישע שטעלונג. אין דער אָקופּאַציע־מאַכט, וואָס די נאַציס האָבן איינגעשטעלט איבער דער רוסישער אוקראַיִנע און בכלל איבער אַלע אָקופּירטע רוסישע געביטן, האָבן, ווייזט אויס, געהאַט אַ שטיקל דעה אַמאָליקע ווייסע רוסישע עלעמענטן, — אַ קליינער, אמת, הייפל פון ווייס־רוסישע גענעראַלן און פּאָליטישע טוער, וועלכע האָבן, אַ פּנים, געוואָלט די „איינציקע, נישט־צעטיילטע" רוסלאַנד.

(טייל פון דער רוסישער עמיגראַציע האָט, כידוע, נישט מיטגעמאַכט מיט די היטלעריסטן און האָט, צוליב איר פּאַטריאָטישער שטעלונג, זיך אָפּגעטרייסלט פון אָט די עלעמענטן און געווונטשן דעם ראַטנפאַרבאַנד אַ זיג).

עס איז אָבער געבליבן אַ גרויסע געפאַר מצד די אוקראַיִנישע נאַציאָנאַליסטן. אין מאָסקווע האָט מען, אַ פּנים, מורא געהאַט, אַז די „סאַמאָסטייניקעס״ זאָלן נישט באַאַרבעטן דערוויל די אוקראַיִנישע מאַסן מיט אוקראַיִנישע אומאָפּהענגיקייטס־אידייען. עס איז, בכן, אַוועק אַ געיעג מיט די נאַציאָנאַלע טוער פון דער אָקופּירטער אוקראַיִנע אַרום נאַציאָנאַלע אוקראַיִנישע לאָזונגען, העלדן, פיגורן. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויף כמיעלניצקין, אַלס דער איניציאַטאָר פון פּערעיעסלאַווער אָפּמאַך, וואָס האָט פאַראייניקט אוקראַיִנע מיט רוסלאַנד. די מלחמה־אינטערעסן פון ראַטנפאַרבנד האָבן ווידער באַקומען די אויבערהאַנט איבער אַלע אַנדערע באַטראַכטונגען און מאָטיוון. „דער גנב איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער תליה״, און מיטן נאָמען פון פריִערידקן „פאַררעטער און פאַרביסענעם שונא״ איז אַפילו אָנגערופן געוואָרן די שטאָט, ווו עס איז געקומען צו דער פאַראייניקונג און אַפילו פּשוטער אַריינגיסונג פון אוקראַיִנע אין דער גרויס־רוסישער מלוכה, אָן קיין שום „סאַמאָסטעינאָסט״ פאַר איר.

פאַרשטייט זיך, אַז כמיעל איז מיט דעם נייעם קער פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק, נישט געכשרט געוואָרן. צייטווייליקע מאָטיוון און אויסרעכענונגען וועלן נישט ענדערן דעם היסטאָרישן אמת.*

* די רעוויזיע לגבי כמיעלניצקין איז נאָכן קריג דורכגעפירט געוואָרן אין רוסלאַנד אַזוי איילעוודיק, אַז אין דער נייער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע געפינט זיך כמיעלניצקי נישט אונטערן אות „כ״ (וואָס איז איינער פון די לעצטע אין רוסישן אלף־בית), נאָר אונטערן אות „ב״, — אַלס באָגדאַן כמיעלניצקי. די איילעוודיקייט איז פאַרשטענדלעך, ווייל וואָלט מען געוואַרט אויפן אות „כ״, וואָלט דאָך געבליבן ווייטער אַ צייט אין קראַפט די אַלטע און ריכטיקע כאַראַקטעריסטיק פון כמיעלניצקין, וואָס איז, ווי געזאָגט, געגעבן געוואָרן דורכן באַקאַנטן סאָוועטישן היסטאָריקער, פּראָפ׳ נ. פּאָקראָווסקי, אגב, אַ נאָענטער פריינד און מיטאַרבעטער פון לענינען.

אומאַן

אומאַן, וועלכע איז באַרימט ווי די שטאָט פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, איז אויך טרויעריק־באַרימט אין דער ייִדישער געשיכטע ווי די שטאָט פון מורא־דיקע שחיטות אויף ייִדן.

די שטאָט איז אַריין אין דער געשיכטע פאַר די שחיטות וואָס דער פי־רער פון די האַידאַמאַקעס, גאָנטאַ, האָט דאָרט דורכגעפירט אין יאָר 1768. די דאָזיקע שחיטות פאַרנעמען אַ באַזונדערן קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע.

די האַידאַמאַקעס זענען געווען באַנדעס פון אַנטלאָפענע פּויערים, זעל־נער און סתם אומצופרידענע עלעמענטן, וואָס האָבן איבערגעביטן זייער פּרידיקן, נישט לייכטן, פאַרשקלאַפטן לעבן אויף אַ לעבן פון פרייע מענטשן, און זייערע פּרידיקע, שווערע באַשעפטיקונגען אויף דער פיל גרינגערער פּרנסה פון רויב און גזילה. אין דער ווייטער אוקראַינע, וואָס איז געלעגן אויפן ראַנד פון דער אַמאָליקער פּוילישער מלוכה, האָבן זיי וויניק געפילט אויף זיך דעם אַדמיניסטראַטיוון דרוק פון וואַרשע.

אַ גוטע געלעגנהייט פאַר אַ פּלוצימדיקער מרידה איז אַנטשטאַנען פאַר דער אַוואַנטוריסטיש־מורדישער האַידאַמאַקן־באַוועגונג אין 1768, ווען אין פּוילן האָט גענומען שמעקן מיט אַ בירגער־קריג, צוליב דער אַזוי־גערו־פענער „קאָנפעדעראַציע פון באַר״. באַר, אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליע, איז דאַן מפורסם געוואָרן, צוליב דער „קאָנפעדעראַציע״, וואָס די גרויסע פּוילישע מאַגנאַטן האָבן דאָרטן געשאַפן, כדי קעגנצושטעלן זיך דער פּאָ־ליטיק פון וואַרשע. דער דורות־לאַנגער קאַמף צווישן רוסלאַנד און פּוילן איבער אוקראַינע, האָט מיט דער אַנטשטייונג פון דער קאָנפעדעראַציע באַ־קומען אַ נייעם שטויס. אין פּעטערבורג האָט מען דערפילט, אַז עס האָט זיך געשאַפן אַ גינסטיקע סיטואַציע פאַר אַ דרוק אויפן מערבדיקן שכן, מיט וועלכן די חשבונות זענען, זייט כמעלניצקיס אויפשטאַנד, קיינמאָל נישט געווען אין אָרדענונג.

די הײדאַמאַקן זענען אין זײער טעטיקײט געװײנטלעך געשטיצט גע־װאָרן דורך דער אויטאָנאָמער „זאַפּאָראָגער סיטש". אין זײערע בלוטיקע, זינלאָזע אַװאַנטורעס און שחיטות פּלעגן אָבער די דאָזיקע „װאַטאַזשקעס" אָפט אָפּעררירן מיט געפּעלשטע „גאָלדענע גראַמאָטעס" פון דער, צי יענער רוסישער קײזערין (דאַן, כידוע, איז אין רוסלאַנד געװען אַ גערעטעניש אויף װײבלעכע הערשער), אַז זײ דערלויבן זײ צו שעכטן פּאָליאַקן און ייִדן.

די פּוילישע קװעלן באַשולדיקן איבעם לעצטן הײדאַמאַקן־אויפשטאַנד, נישט די „סיטש", נאָר רוסלאַנד. דער צענטער פון דער אַנטי־פּוילישער פּראָפּאַגאַנדע אין אוקראַיִנע זענען געװען די קלױסטערס און מאָנאַסטירן. די לעצטע האָבן זיך, אגב, פאַרנומען מיט טרײבן בראַנפן און מעד און האָבן אויף דעם געביט אָנגעטראָפן אויף דער קאָנקורענץ פון די ייִדן, װעלכע פלעגן, כידוע, געװײנטלעך, האָבן אַ חזקה אויפן רעכט פון „פּראָפּינאַציע".

אויך דער גײסטיקער אָנפירער פון דעם הײדאַמאַקן־אויפשטאַנד איז געװען אַ גײסטלעכער. דאָס איז געװען דער גלח יאַװאָרסקי. ער זאָל עס האָבן געװען דער אויטאָר פון דעם געפּעלשטן „גאָלדענעם בריװ", װאָס יעקאַטערינא די גרױסע, האָט געשיקט צו זשעלעזניאַקן, „דערלויבנדיק" אים צו שעכטן אַלע פּאָליאַקן און ייִדן, — פּונקט װי אַן אַ דערלױבעניש פון פּעטערבורג װאָלט ער עס נישט געטאָן.

עס האָט זיך אַלזאָ אָנגעהויבן אַ געװײנטלעכער בלוטיקער אוקראַיִנער אויפשטאַנד. די באַנדעס האָבן זיך קודם־כל געלאָזן אויף די שטעט, װעלכע מען האָט אונטערגעצונדן און, באַלד, װי געװײנטלעך, צעראַבירט. אײן אַטאַמאַן האָט צעראַבירט די שטעט סמיעלע און זװעניגראָדקאַ, אַ צװײטער האָט אונטערגעצונדן און צעראַבירט קאַניעװ, אַ דריטער האָט זיך געלאָזן װױל־גײן אין פאַסטאָװ און װאַסילקאָװ.

דעם גרעסטן חורבן האָט אָבער אָנגעמאַכט דער הױפּט־פירער פון דעם אויפשטאַנד, זשעלעזניאַק, אין אומאַן, װעלכער איז, װײזט אויס, דאַן געװען די רײכסטע, נאָך קיִעװ, שטאָט פון אוקראַיִנע.

די שרעקלעכע שחיטה אין אומאַן איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַ רײ פאַרראַטן פון די הױפּט־אָנפירער און פאַרטײדיקער פון דער שטאָט.

צום ערשט האָט פאַררעטן דער הויפּט־באַשיצער פון דער שטאָט, דער קאָ־זאַקן־„סאָטניק" גאָנטאַ, וועלכער האָט געדינט ביי די פּאָליאַקן און איז געווען אַ גאַנצער ידיד מיט פּאָטאָצקין, צו וועמען אומאַן האָט געהערט.

פּאָטאָצקי האָט, טראָץ די וואָרענונגען פון פיל איינוווינער, אַרויסגעשיקט גאָנטאַן מיט זיין מיליטער קעגן זשעלעזניאַקס באַנדעס.

גאָנטאַ, דערשפּירנדיק, אַז ביי זשעלעזניאַקן קאָן ער מאַכן נאָך אַ בעסערע קאַריערע, ווי ביי פּאָטאָצקין, האָט געבראָכן די שבועה, וואָס ער האָט געשוואָרן צו די פּאָליאַקן וועגן פאַרטיידיקן די שטאָט, און איז באַלד אַריבער אויף זשעלעזניאַקס זייט. דער פאַררעטערישער „סאָטניק" האָט אָבער ווייטער געשפּילט זיין ביטרע שפּיל און נאָך אַמאָל אָפּגענאַרט דעם פּוילישן גובערנאַטאָר. קומענדיק מיט די באַנדעס פון זשעלעזניאַקן צו דער שטאָט, האָט גאָנטאַ צוגעזאָגט מלאַדאַנאָוויטשן, אַז ער וועט נישט אָנטאָן קיין שום שאָדן די איינוווינער פון אומאַן, אויב מען וועט אים פרידלעך אַריינלאָזן אהין.

אין אומאַן האָבן זיך דאַן געפונען איבער 20 טויזנט פּאָליאַקן און ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרטן צונויפגעזאַמלט, אַנטלויפנדיק פון די רוצחישע האַידאַמאַקן־באַנדעס. אַריינקומענדיק אין שטאָט, האָט גאָנטאַ מיט זיינע באַנדעס זיך געלאָזן אויף דער דאָזיקער הילפלאָזער פּליטים־מאַסע. די פּאָליאַקן האָבן זיך באַהאַלטן אין די קאָשטשאָלן, די ייִדן — אין די שולן.

דריי טויזנט ייִדן האָבן געפונען אַ צייטווייליקע שוץ אין גרויסן בית־מדרש. די דרייסטערע צווישן זיי האָבן זיך באַוואָפנט מיט דרענגער און מעסערס און האָבן אָפּגעשטויסן די צעיושעטע באַנדעס. עס זענען פאַרבליבן די נעמען פון צוויי ייִדן, לייבע שאַרגאָראָדסקי און משה מנקר, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג פונעם בית־מדרש.

די פאַרטיידיקונג איז געווען, ווייזט־אויס, אַ דערפאָלגרייכע, וואָרום די „האַידאַמאַקעס" האָבן מיט זייערע אַטאַקעס דעם בית־מדרש נישט געקענט איינגעמען. דאַן האָבן זיי אָנגעהויבן באָמבאַרדירן די שול מיט האַרמאַטן. פון דעם זענען איינגעפאַלן די ווענט פון דער שול, וועלכע האָבן אונטער זיך באַגראָבן די ייִדן, וואָס זענען דאָרט געווען.

די פירער פון די „האַידאַמאַקעס" האָבן אויך נאָכדעם אַרויסגעוויזן

ווייער סאַדיסטישע, רציחהשע כיטרעקייט. די רייכע ייִדן פון דער שטאָט האָט מען געבראַכט אין ראַטהויז און געצוווּנגען זיי אָפּצוגעבן די קאָזאַקן זייער אייגנטום, צוזאָגנדיק צו שענקען דערפאַר דאָס לעבן. אָבער נאָכן אַרויסבאַקומען פון זיי, וואָס מ׳האָט געוואָלט, האָבן די קאָזאַקן אַלעמען דערהרגעט, אַרויסוואַרפנדיק זיי פון די פֿענצטער פונעם ראַטהויז אויפן ברוק.

אויך מלאָדאָנאָוויטשן האָט מען סוף־כל־סוף דערהרגעט. דערביי האָבן נאָך די קאָזאַקן געוואָלט אַרויסווייזן זייער קאָזאַצקן „יושר״, זאָגנדיק אים פאַרן טויט, אַז פונקט ווי ער האָט פאַרראַטן די ייִדן, אַזוי וועלן זיי, די קאָזאַקן, אים פאַרראַטן און וועלן אים אויך אומברענגען. דאָס דערמאָנט דעם פאַל מיט דער באַלאַגערונג פון טולטשין אין כמעלניצקיס צייטן, ווען די 200 פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען האָבן אַרויסגעגעבן כמעל־ניצקיס באַנדעס די 600 ייִדן, וואָס האָבן, ווי באַקאַנט, מוטיק פאַרטיידיקט די שטאָט. די פּאָליאַקן האָבן געהאָפט, אַז אַרויסגעבנדיק די ייִדן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט זיי זיך וואָכנלאַנג געשיצט אין טולטשין, — וועלן זיי געפינען חסד ביי די קאָזאַקן און וועלן אַליין זיך ראַטעווען פון די בלוטיקע באַנדעס. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער, אַז נאָכדעם, ווי כמעלניצקיס רוצ־חים האָבן אויסגעקוילעט די פאַרראַטענע און אַרויסגעגעבענע ייִדן, — האָבן זיי זיך אויפן זעלבן אופן אָפּגערעכנט אויך מיט די פאַרראַטער.

די שרעקלעכע שחיטה איבער ייִדן, וואָס די „האַידאַמאַקעס״ האָבן דורכגעפירט אין אומאַן, איז איינע פון די בלוטיקסטע בלעטלעך אין דער מאַרטיראָלאָגיע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אוקראַינע. דער טאָג, ווען די שחיטה איז געשען, דער 8טער תמוז, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס תענית, און פלעגט אָפּגעהיט ווערן דורך די איינוווינער פון אומאַן און פון דער גאַנצער אומגעגנט.

גאָנטאַ אַליין האָט אָבער נישט לאַנג געהוליעט מיט זיינע רוצחים־באַנדעס. אַ וואָך נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעפירט דעם שוידערלעכן פּאָג־רם אין אומאַן, איז גאָנטאַ מיט זשעלעזניאַקן צעקלאַפּט געוואָרן דורכן רו־סישן מיליטער פון גענעראַל קרעטשעטניקאָוו.

דאָס רוסישע מיליטער איז דאַן געקומען אין פוילישן טייל פון אוקראַי־

גע, זייענדיק גערופן דורך די פּוילישע אַזוי־גערופענע „קאָנפעדעראַטן", וואָס האָבן אַראָפּגעבראַכט די רוסן, כדי צו העלפן אין זייער קאַמף קעגן דער צענטראַלער פּוילישער מאַכט אין וואַרשע. די רוסן בכלל האָבן גע־שטיצט די „הײַדאַמאַקעס" אין זייערע אויפשטאַנדן קעגן די פּאַליאַקן, האָ־פנדיק אַזוי־אַרום צו דערשיטערן די פּוילישע מאַכט אויפן רעכטן ברעג פון דניעפּער, כדי צו קענען שפּעטער צונעמען פאַר זיך אויך דעם פּוילישן טייל פון אוקראַיִנע. ווען אָבער דער אויפשטאַנד פון די „הײַדאַמאַקעס" האָט אָנגענומען שטאַרקע פאָרמען און עס איז אַנטשטאַנען אַ געפאַר, אַז ער זאָל זיך איבערוואַרפן אויך אויף דער צווייטער, רוסישער זייט פון דניע־פּער, — דאַן האָט זיך מאָסקווע דערשראָקן פאַר דער פּערספּעקטיוו צו האָבן ביי זיך, אין דער רוסישער אוקראַיִנע, די זעלבע מערדערישע אָנפאַלן, די זעלבע רציחות, בלוט־פאַרגיסונגען, ראַבירונגען פון האָב־און־גוטס און אונ־טערצינדונגען פון שטעט, דערפער און פעלדער, וואָס די „הײַדאַמאַקעס" האָבן מיט אַזאַ ברייטער האַנט פּראַקטיצירט אויפן רעכטן ברעג פון דניע־פּער, מיט דער צושטימונג און אונטערשטיצונג פון די רוסן.

פאַר אַ רעגולערער אַרמיי איז נישט געווען קיין גרויסע זאַך, צו געבן זיך שנעל אַן עצה מיט די באַנדעס וואָס האָבן זייער גאַנצע „העלדישקייט" געקענט אַרויסווייזן אינעם קאַמף קעגן שוצלאָזע און הילפלאָזע מענטשן. גאָנטאַ און זשעלעזניאַק זענען באַלד אַריינגעפאַלן אין די רוסישע הענט. דער לעצטער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. גאָנטאַן ווידער האָבן די רוסן אַרויסגעגעבן דער פּוילישער מאַכט וועלכע האָט זיך געוואָלט מיט אים ווי געהעריק אָפּרעכענען פאַר אַלע רציחות און מאָרדן, וואָס ער איז באַגאַנ־גען. מ'האָט געוואָלט פאַר גאָנטאַן אויסטראַכטן עפּעס אַ ספּעציעלע מיתה־משונה. מ'האָט אים געזאָלט פּייניקן אין משך פון 14 טעג, שניידנדיק פון אים פּאַסן, אָפּהאַקנדיק ביסלעכווייז זיינע הענט און פיס אאַז"וו — אַלץ אי־נעם גייסט פון יענער שרעקלעכער און רשעותדיקער צייט.

אין דער ווירקלעכקייט האָט מען גאָנטאַן באַלד געטויט, דורכפירנ־דיק די דערמאָנטע אָפּעראַציעס שוין איבערן טויטן קערפּער פון הײַדאַ־מאַקן־פירער. מען האָט זיך נישט געקאָנט אָפּזאָגן פון איזדיעקעווען זיך אפילו איבערן טויטן גאָנטאַ, אַזוי ווי „הײַדאַמאַקעס" פלעגן זיך איזדיע־

קעווען איבער די לעבעדיקע קרבנות וואָס פלעגן אַריינפאַלן אין זייערע מערדערישע הענט.

די סאָוועטישע היסטאָריקערס וואָס אין זייער דראַנג צו געפינען אין יעדן מין אַמאָליקן אויפשטאַנד אין רוסלאַנד עפּעס אַ סאָציאַלן מאָמענט, האָבן זיי אויך מלמד זכות געווען אויף דער „האַידאַמאַטשינע", — האָבן דאָך געמוזט מודה זיין, אַז די „האַידאַמאַקעס" זענען לכתחילה געווען פּשוטע גזלנים־באַנדעס. אויך שפּעטער, ווען צו די „האַידאַמאַקעס" זענען צוגעשטאַנען פּויערים, זענען אויך די סאָוועטישע היסטאָריקערס מודה, אַז דער קערן פון די „האַידאַמאַקעס" זענען אַלץ פאַרבליבן פּשוטע רויבער.

די „האַידאַמאַטשינע" איז נאָך דער אוקראַנישער שחיטה אונטערגעגאַנגען. אָבער מיט קאַרגע 150 יאָר שפּעטער האָט זי ווידער געפּרוווט אויפשטיין תחית־המתים. דאָס איז געווען אין די יאָרן 20־1918, ווען נאָכן ערשטן וועלט־קריג, זענען די „האַידאַמאַקעס" געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון די אוקראַאינישע „אַרמייען" פון די „אַטאַמאַנען" סקאָראָפּאַדסקי און פּעטליורע. די נייע „האַידאַמאַקעס" האָבן געפּרוווט, ווי באַקאַנט, באַנייען די פינצטערע טראַדיציעס פון כמיעלניצקי און גאָנטאַ... זיי זענען אָבער צעקלאַפּט געוואָרן דורך דער זעלבער סאָוועטן־מאַכט, וועלכע האָט געפּרוווט כאָטש אַביסל מלמד־זכות זיין אויף די „האַידאַמאַקעס".

אומאַן איז באַרימט אין דער חסידישער וועלט, ווי די שטאָט פון דעם גרויסן חסידישן מנהיג און צדיק ר' נחמן בראַצלאַווער, וועלכער האָט געשאַפן אַן אייגענע שיטה אין חסידיזם.

אומאַן איז אויך די שטאָט, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן דער משכיל חייקל הורוויטש און דער יידישער שריפטשטעלער מרדכי ספּעקטאָר.

ר' נחמן בראַצלאַווער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין נאָכפאָלגער, ער איז ביי זיינע חסידים קיינמאָל נישט פאַררעכנט געוואָרן פאַר טויט. זיינע חסידים זענען שטענדיק געקומען אין זיין אוהל אין אומאַן און דאָרט איבערגעלאָזט קוויטלעך, ווי ער וואָלט פאַר זיי געווען אַ לעבעדיקער רבי.

וואָס עס איז איבערגעבליבן פון דער היינטיקער אומאַן, נאָכדעם ווי

די רויטע אַרמיי האָט די שטאָט צוריקגענומען איז שווער צו זאָגן. מיר קע־
נען זיך אָבער משער זיין וואָס עס איז געוואָרן פון די דאָרטיקע ייִדן.

די שחיטה וואָס די נאַציס האָבן דאָרט דורכגעפירט איז געוויס נישט
ווייניקער שוידערלעך ווי די שחיטה וואָס די האַידאַמאַקעס האָבן דורכ־
געפירט אויף די אומאַנער ייִדן אין 1768.

זשיטאָמיר

זשיטאָמיר האָט אין מיטן פון פאַריקן יאָרהונדערט געשפּילט אַן אַנ־געזעענע ראָל אין גייסטיקן לעבן פון רוסישן ייִדנטום. אין זשיטאָמיר האָבן זיך דאָן קאָנצענטרירט אַ רייע ייִדישע שרייבער און משכּילים, ווי גאָט־לאָבער, חיים־זעליג סלאָנימסקי, צווייפעל און אַנדערע. קיין זשיטאָמיר איז נאָך פריִער אַריבערגעפירט געוואָרן די באַרימטע ייִדישע דרוקעריי פון סלאַוויטע, וועלכע איז דאָן פיל מער געווען באַרימט מיט אירע ש״סן, ווי די שפּעטער באַקאַנט־געוואָרענע דרוקעריי פון האלמנה והאחים ראָם. און ענדלעך האָט די הויפּטשטאָט פון וואָלין אויך זוכה געווען צו האָבן דאָן בײַ זיך די צווייטע, נאָך ווילנע, ייִדישע ראַבינער־שול, ווו די דערמאָנטע משכּי־לים זענען געווען אָנפירער און לערער.

די ראַבינער־שולן, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן אין דער צייט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, כּדי מזכּה צו זיין דאָס רוסישע ייִדנטום מיט די גע־העריקע גייסטיקע פירער, — האָבן, ווי באַקאַנט נישט געגאָסן פון אַ באַ־זונדערער סימפּאַטיע פון די ייִדישע מאַסן. אויף דער ברייטער ייִדישער גאַס האָט מען די דאָזיקע שולן באַטראַכט סיי אַלס נעסטן פון אפּיקורסות און גאָטלאָזיקייט, סיי אַלס אַקטיווע צענטערן פון רוסיפיקאַציע און אַסימילאַ־ציע. אויף די ראַבינער, וואָס זענען אַרויס פון די שולן, האָט מען געקוקט ווי אויף משרתים פון צאַרישן רעזשים און אַמאָל אַפילו ווי אויף אַגענטן פון דער דעמאָלטיקער רוסישער רעגירונג, וועלכע איז געווען איבערגענוג פאַרהאַסט בײַ די ייִדישע מאַסן.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז די מאַסן, וואָס זענען דאָן אָנגעפירט געוואָרן על פּי רוב דורך רעליגיעזע און אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן, האָבן איבערגע־טריבן אין זייער באַציִונג צו די „קולטור־טרעגער״, וואָס זענען אַרויסגע־קומען פון די ראַבינער שולן. דער ביישפּיל פון דער וואַרשעווער ראַבינער־שול, וועלכע האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ פּאָר צענדליק משומדים, איז אַ

באַוויזן, אַז אין גרונט איז די נעגאַטיווע באַציִונג פון רוסישן ייִדנטום צו די ראַבינער־שולן געווען אַ ריכטיקע.

אַרום די ראַבינער־שולן, וועלכע זענען שפּעטער, צוליב זייער דורכפאַל, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין לערער־סעמינאַרן, האָט זיך אָבער גרופּירט די אויפגעקלערטע ייִדישע אינטעליגענץ פון יענער צייט און צווישן איר פילע, וואָס האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער מאָדערנער ייִדישער קולטור.

אַזאַ מאַן איז געווען דער דירעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, חיים־זעליג סלאָנימסקי.

וואָס איז סלאָנימסקי נישט געווען אין זיין צייט? ער איז געווען אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר און אַ מאַן פון אמתער וויסנשאַפט, ער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס דערפינדער און האָט, פון דער אַנדערער זייט, געשריבן פּובליציסטישע אַרטיקלען. אַ פריינד פון באַרימטן דייטשן נאַטור־וויסנשאַפטלער און הומאַניסט, אַלעקסאַנדער הומבאָלד, האָט סלאָנימסקי פּאָפּולאַריזירט צווישן דעם העברעיִש־לעזנדיקן עולם הומבאָלדס אָנשויונג אויף דעם קאָסמאָס און האָט בכלל פאַרשפּרייט נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ידיעות אויף דער ייִדישער גאַס.

סלאָנימסקי האָט אָבער אויך געשריבן אָריגינעלע ווערק איבער מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. זיינע דערפינדונגען אויף דעם געביט פון מעכאַניק האָבן אים באַקאַנט געמאַכט אין די וויסנשאַפטלעכע ספערן פון פעטערבורג און זענען באַלוינט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן פּריז פון דער פעטערבורגער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע.

זיין וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט האָט אויך געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד און דער דערמאָנטער הומבאָלד האָט אים אַפילו פאָרגעשטעלט פאַר דעם קעניג פון פּרייסן און שפּעטערדיקן קייזער פון דייטשלאַנד, ווילהעלם דעם ערשטן.

די וויסנשאַפטלעכע און אויפקלערערישע טעטיקייט פון סלאָנימסקין איז, ווי ביי אַלע משכילים, געפירט געוואָרן אין העברעיִש. די „טאָכטער פון די הימלען״, די השכלה, האָט געדאַרפט, ווי באַקאַנט, אָפּט געבראַכט ווערן צו די ייִדישע מאַסן אין אַ געהעריקן לבוש און די „שפחה״, דער „זשאַרגאָן״, האָט פאַר דעם נישט געפּאַסט. אגב האָט מען אויך געקאָנט צור־

געבן צו יעדער פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכער אָפּהאַנדלונג אַ געהעריקן מאָ־טאָ פון תנ"ך און אַזוי אַרום „כשרן" די וועלטלעכע טעמע אין די אויגן פון די רעליגיעזע און אָרטאָדאָקסישע לעזער. דער פּסוק „השמים מספרים כבוד אל" האָט, אַ שטייגער, געקאָנט דינען אַלס אַ גוטער מאָטאָ פאַר אַ בוך איבער אַסטראָנאָמיע און, זיכער, האָבן די משכילים געקאָנט געפינען באַטרעפנ־דיקע פּסוקים אויך פאַר אַנדערע צווייגן פון דער וועלטלעכער וויסנשאַפט.

סלאָנימסקיס נאָמען איז אויך באַשריבן אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער פּרעסע אין רוסלאַנד. ער איז עס געווען דער גרינדער פון דער ערשטער העברעיִשער צייטונג אין רוסלאַנד, „הצפירה". אָבער אויך די יידישע פּרעסע האָט צו פאַרדאַנקען איר אַנטשטייונג אַ משכיל. די ערשטע יידישע צייטונג אין יידיש מיט דעם דייטשמערישן נאָמען „דער באָאָבאַכ־טער אַן דער ווייכסל" און מיט דעם פּוילישן צונאָמען „דאָסטשעגאַטש נאַד־ווישליאַנסקי" איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ וואַרשעווער משכיל און לע־רער פון דער וואַרשעווער ראַבינער־שול, טוגענדבאַלד. דער וועכנטלעכער „בעאָבאַכטער", געדרוקט אין יידיש און פּויליש, האָט אָבער געהאַט פּיל ווייניקער מזל און האָט עקסיסטירט פּיל ווייניקער צייט ווי די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע טעגלעכע „הצפירה".

סלאָנימסקי איז געשטאָרבן אין טיפן עלטער אין אָנהייב פון לויפנדיקן יאָרהונדערט. וואָס איז אָבער געוואָרן פון סלאָנימסקיס קינדער און קינדס־קינדער? ווהין איז אַוועק די גזע פון דעם מענטשן, וואָס האָט אַזוי פּיל מיטגעהאָלפן, אַז זשיטאָמיר זאָל בשעתו באַקומען דעם נאָמען פון „ירושלים ד'אוקראַינע" און וואָס האָט זיך אַזוי פאַרדינט געמאַכט אין דער געשיכטע פון דער יידישער השכלה און דער מאָדערנער העברעיִשער פּרעסע?

איין אייניקל פון סלאָנימסקין איז דער באַקאַנטער פּוילישער דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי. געבוירן אין אַ געשמדטער שטוב, געהערט ער, צוזאַ־מען מיט דעם יידן יוליאַן טובים צו די פּראָמינענטסטע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער פּוילישער דיכטונג. ביידע, סלאָנימסקי און טובים זענען אין אָנפאַנג פון זייער ליטעראַרישער קאַריערע נישט געווען עפּעס שוה־בשוה מיט דעם יידנטום און פלעגן דאַן געהערן אָפּלאַכן פון פּוילישן יידן, זייער זעלטן מיט רעכט — פּיל מער מיט אומרעכט.

טובים, וואָס האָט אָפּגעלאָזן מיט דער אָפּלאַכעריי, האָט זיך אַפילו פאַר דעם קריג אָנגעהויבן אַביסל דערנעענטערן צו יידן און עס האָט אויך געטראָפן, אַז ער האָט אַמאָל געשיקט אַ שטיקל באַגריסונג צו אַ פייערונג, דאַכט זיך, פון אַ ציוניסטישן פאָנד, פון „קרן־היסוד" אין וואַרשע.

סלאָנימסקי איז אָבער געבליבן וויט פון יידנטום. אמת, אין דעם שאַרפ־זין, סאַרקאַזם און גאַליקייט פון זיינע גייסטרייכע פעליטאָנען, וואָס פלעגן פאַר דעם קריג דערשיינען אין דער גרויסער פוילישער ליטעראַרישער וואָכנשריפט „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע", און דער אייביקער אומצופרידנקייט זיינער, און זיינע שטענדיקע זוכענישן און אין דעם כסדרדיקן שטרעבן צו העכערע עסטעטישע, סאָציאַלע און עטישע ווערטן — וואָלט מען לייכט געקאָנט אַרויספילן דעם „פינטעלע ייד", וואָס קומט צום אויסדרוק אין דעם דאָזיקן וויטן פון יידנטום שרייבער. וואָלט אין זיין דיכטונג דער סאַרקאַזם, שאַרפזין געקומען צו דעם זעלבן אויסדרוק ווי אין זיינע פעליטאָנען, וואָלט סלאָנימסקי, זיכער, געקאָנט ווערן געקרוינט אַלס פוילישער הייגע.

דעם דאָזיקן „הייגעיזם" פילן אין אים אַרויס אויך פּאָליאַקן. פיל פון זיי איז אַבסאָלוט פרעמד דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון סלאָנימסקיס שאַפונג. און עס האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן, אַז מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז זיין שאַפונג איז נישט „פויליש", אַז עס פעלט איר די רויקייט, דער אינערלעכער גלייכגעוויכט און די לויטערקייט, וואָס זענען, לויט זייער מיינונג, די נאַציאָנאַלע שטריכן פון דער עכטער פוילישער ליטעראַרישער שאַפונג. מען גיט אים, אַלזאָ, צו פאַרשטיין, אַז ער איז פאָרט נישט קיין אמתער פּאָליאַק, — דאָס, וואָס עס האָבן פאַר אים אויף אַ ברוטאַלן אופן דעמאָנסטרירט פוילישע זעלנער אין אַ מיליטערישן לאַגער ערגעץ אין ענגלאַנד, וווהין ער איז אַראָפּגעקומען מיט אַ פאַרלעזונג, בעתן צווייטן וועלט־קריג.

בעסער ווי אַנטאָנין גייט זיין פיל־וויניקער באַקאַנטן און וויניקער טאַלאַנטירטן קוזין, — דעם רוסישן שרייבער, מיכאַיל סלאָנימסקי, וועלכער איז טעטיק אין ראַטנפאַרבאַנד. אויב די סאָוועטישע ליטעראַרישע קריטיק האָט אים עפּעס פאַרגעוואָרפן איז עס, נישט זיין נישט־רוסישע, נאָר אפשר

זיין נישט־פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג. מען דאַרף אָבער מודה זיין, אַז אין זיין עצם טאַלאַנט שטייט דער רוס מיכאַיל סלאָנימסקי נידעריקער פאַר דעם פּאָליאַק (צי כמו פּאָליאַק) אַנטאָני סלאָנימסקי. די רוסישע ליטעראַרישע קריטיק האָט זיך אַלנפאַלס פיל וויניקער פאַרנומען מיט מיכאַילן ווי די פּוילישע מיט אַנטאָנין, און דער לעצטער שפּילט אַ פיל גרעסערע ראָל אין דער פּוילישער ליטעראַטור און פאַרנעמט אין איר אַ פיל אַנזעעוודיקערן פּלאַץ, ווי זיין שוועסטערקינד אין רוסלאַנד.

האָט אָבער דער אַלטער סלאָנימסקי פאָרויסגעזען, אַז זיינע קינדער און אייניקלעך וועלן אינגאַנצן אַוועקגיין פון דעם פעלד, אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט און ווו ער האָט אָפּגעגעבן זיינע גרויסע טאַלאַנטן און זיין גאַנצן לעבן? האָט ער פאָרויסגעזען, אַז די יידישע מאַסן, די יידישע קולטור און בכלל דאָס יידישע פאָלק וועלן נישט געניסן גאָרנישט פון דער ליטעראַרי־שער שאַפונג פון זיינע קינדער און קינדס־קינדער, און אַז די לעצטע וועלן בכלל פאַרלאָזן דאָס פאָלק צווישן וועלכן דער אַלטער סלאָנימסקי האָט גע־ווירקט און מיט וועמען ער איז געווען פאַרבונדן זיין גאַנצן לעבן?!

באַרדיטשעוו

לויט ידיעות פון רוסלאַנד, איז אין דער דאָזיקער ייִדישער שטאָט פון אַמאָליקן רוסלאַנד, נישט פאַרבליבן קיין איין ייִד. איז עס אָבער מעגלעך, אַז אָט די באַוווּסטע ייִדישע קהילה איז אָפּגעמעקט געוואָרן? איז זיך פאַרצושטעלן אַז ס'איז אין גאַנצן פאַרשוווּנדן די אַמאָליקע ייִדישסטע רוסישע שטאָט?

דער ייִדישער ישוב אין באַרדיטשעוו האָט זיך, ווי אין פיל אַנדערע שטעט אין אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד, אָנגעהויבן מיט אַ מיל, וואָס דער אייגנטימער פון דער שטאָט, אַ טישקעוויטש, בראַניצקי, ראַדזשיוויל, צי עפּעס אַן אַנדער שררה פון אַמאָליקן פּוילן, האָט אָפּגעגעבן אין פאַכט צו ייִדן; צוגלייך האָט דער פּריץ, ווי געווייִנטלעך, פאַרפאַכטעט דעם ייִדן אויך דעם אָפּצאָל, וואָס איז גענומען געוואָרן פאַר דורכפאָרן דעם בריק ביי דער מיל.

די פּוילישע קוועלן וועלכע ברענגען די דאָזיקע ידיעה, דערציילן, אַז אין אָנפאַנג פון 18טן יאָרהונדערט האָבן שוין די ייִדן געבילדעט אין באַרדיטשעוו אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג. פאַרנומען האָבן זיך די דעמאָלטדיקע באַרדיטשעווער ייִדן נישט נאָר מיט פאַכטן פּריצישע גיטער, מילן און שטייער־אָפּצאָלן, נאָר אויך מיט מלאכה. אַ פּנים, אַז באַזונדערס גרויס איז דאַן געווען צווישן די באַרדיטשעווער ייִדן די צאָל שניידערס, וואָרום זיי האָט עס דאַן די פּוילישע מאַכט דערלויבט צו גרינדן אַ ספּעציעלן צעך און אַפילו אָפּטיילן זיך פון קהל.

דער לעצטער פאַקט איז אַ באַווייז, אַז די באַרדיטשעווער קהילה, ווי פיל אַנדערע קהילות אין פּוילן, האָט געוווּסט פונעם קאַמף צווישן פאַרשיידענע שיכטן און קלאַסן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. על פּי רוב פלעגן דאַן קעמפן קעגן קהל די אָרעמערע טיילן פון דער באַפעלקערונג, די בעלי־מלאכות און סתם נישט־פאַרמעגלעכע עלעמענטן, אויף וועלכע די פירער

פון קהל פלעגן אַרויפליגן פיל שטייערן. אויך צום סוף פון 18טן יאָרהונ־דערט האָט „עמך״ פאַרגעזעצט דעם קאַמף קעגן קהל און, לויט פוילישע קוועלן, האָט מען דאַן דערלויבט אַ טייל „סטאַראָזאַקאָנע״ (ווי די ייִדן האָבן געהייסן ביי די פאָליאַקן) אויסקלייבן אַן אייגענעם געריכט וואָס זאָל זיין אומאָפּהענגיק פון שטעטלדיקן רב. אפשר האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן קאַמף פון חסידים קעגן מתנגדים, און די ערשטע האָבן זיך געוואָלט אויס־טיילן פון דער גאַנצער קהילה, וואָס איז געלעגן אין מתנגדישע הענט.

באַרדיטשעוו איז סוף־כל־סוף, ווי באַקאַנט, געוואָרן אַ גרויסער צענ־טער פון חסידיזם, דאָס איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס אין באַרדיטשעוו האָט געלעבט און געווירקט איינער פון די שענסטע גייסטער פון דער חסידישער וועלט, ר׳ לוי יצחק.

ר׳ לוי יצחק האָט אין זיינע יאָרן געהאַט פיל אויסצושטיין פון פאַרבי־סענע און פאַנאַטישע מתנגדים. צוליב זיי האָט ער געדאַרפט פאַרלאָזן איי־ביקע שטעטלעך אין פוילן, ווו ער איז געווען טעטיק.

אָנקומענדיק קיין באַרדיטשעוו האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גוואַלדיקע פּאָפּולאַריטעט צווישן די ברייטסטע מאַסן פון דער שטאָט, אַ דאַנק זיין פשטות, פאָלקסטימלעכקייט און נאָענטקייט צו די אונטערדריקטע און אָרעמע טיילן פון דער קהילה פאַר וועלכע ער איז געווען אַ שטיצער און אַ העל־פער. אַ תלמיד פון מעזריטשער רבי, האָט ר׳ לוי יצחק נישט אַריינגעטראָגן קיין נייע געדאַנקען אין חסידיזם. ער האָט אָבער דעם חסידיזם דערנענטערט צו די ברייטע שיכטן, פרעדיקנדיק ליבע צום פאָלק ישראל, וועלכער איז דער טרעגער פון די אמתע געטלעכע אידייען.

דער באַשיידענער אָרט לעבן און די פאָלקסטימלעכקייט פון חסידיזם פון ר׳ לוי יצחק האָט אים געמאַכט נאָענט און ליב צווישן די ייִדישע פאָלקס־מאַסן, ביי וועלכע ר׳ לוי יצחק איז געוואָרן דער אמתער אָנפירער און וואָרט־זאָגער און וועמענס געשטאַלט זיי האָבן פאַרקערפערט אין אַ רייע ייִדישע פאָלקס־לידער און מעשיות.

דער גרויסער וווקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פון באַרדי־טשעוו, וועלכער האָט געבראַכט צו דעם, אַז די שטאָט איז געוואָרן סוף־כל־סוף אויף דריי־פערטל אַ ייִדישע, באַציט זיך צו דער ערשטער העלפט פון

פאַבריקן יאָרהונדערט און איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אַנט־וויקלונג פון דער שטאָט. אין דער ערשטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונ־דערט איז באַרדיטשעוו געוואָרן איינער פון די גרעסטע האַנדלס־צענטערן אין אוקראַיִנע.

נאַפּאָלעאָנס אינוואַזיע אין רוסלאַנד און דער ווירטשאַפטלעכער חורבן, וואָס די פראַנצויזיש־רוסישע מלחמה האָט געבראַכט אין ווייס־רוסלאַנד און אין פוילן, האָבן געבראַכט צו אַ שטאַרקן וווקס פון די פרייזן פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָדוקטן פון אוקראַיִנע.

דער האַנדל מיט תבואה און דער עקספּאָרט פון דאָרפישע פּראָדוקטן פון אוקראַיִנע אין די חרובע און אויסגעהונגערטע געביטן פון רוסלאַנד, ווי אויך אין יענע פרעמדע לענדער וואָס האָבן געליטן פון נאַפּאָלעאָנס מלחמות, האָט דאַן אַריינגעבראַכט גרויסע רווחים. די ייִדישע סוחרים און תבואה־עקספּאָרטירערס פון באַרדיטשעוו האָבן פון דעם געגאָסן און האָבן שפּעטער פאַרנוצט זייערע פּראָפיטן אויף אויסברייטערן דעם האַנדל אין דער שטאָט, אויף פאַרלייגן נייע אונטערנעמונגען, כּלערליי געשעפטן, בענק, פאַבריקן און וואַרשטאַטן. דער אויפגעלעבטער ווירטשאַפטלעכער מצב פון באַרדיטשעוו האָט צוגעצויגן אין דער שטאָט פיל ייִדן פון די אַרומיקע געגנטן.

די ייִדישע באַפעלקערונג פון באַרדיטשעוו האָט גענומען כּסדר וואַקסן, דערגרייכנדיק מיט הונדערט יאָר צוריק די ציפער פון איבער זעקס און פערציק טויזנט מאַן, וואָס האָט געמאַכט באַרדיטשעוו פאַר דער גרעסטער דאַן ייִדישער קהילה אין רוסלאַנד, און פאַר דער צווייטער, נאָך וואַרשע, אין אייראָפּע.

באַרדיטשעוו איז דאַן געוואָרן אויך אַ באַטייטנדיקער ייִדישער קולטור־צענטער אין רוסלאַנד. דאָרטן האָבן זיך קאָנצענטרירט אַ רייע משכּילים און אַהין האָט אויך געווענדט זיינע באַמיִונגען לילִיענטאַל, ווען ער האָט איבערגענומען, אין אויפטראַג פון דער רוסישער רעגירונג, די אַרבעט פון פאַרשפּרייטן רוסישע בילדונג צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג פון תּחום המושב.

שפּעטער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן די ירידה פון באַרדיטשעוו. אַלס

האַנדלס־צענטער איז די שטאָט פאַרקאָנקורירט געוואָרן דורך וואַרשע און נאָכהער דורך אָדעס. די ערשטע איז דורך אירע באַן־פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד און מיט צענטראַל־רוסלאַנד געוואָרן דער גרעסטער פאַרמיט־לונגס־צענטער אין האַנדל צווישן רוסלאַנד און אויסלאַנד. אָדעס ווידער איז, אַלס דער גרעסטער רוסישער פּאָרט ביים שוואַרצן ים, געוואָרן אויך דער גרעסטער עקספּאָרטירער פון דער אוקראַיִנישער תבואה און פון אַנ־דערע פּראָדוקטן פון דער אוקראַיִנישער לאַנדווירטשאַפט.

ייִדן פון באַרדיטשעוו האָבן, אַלזאָ, אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויסוואַנ־דערן, דער עיקר, קיין אָדעס, וווהין עס האָבן זיך אויך אַריבערגעצויגן פיל פון די באַרדיטשעווער אונטערנעמונגען וועלכע זענען נאָכן אַמאָליקן „בום“ געוואַקסן אין באַרדיטשעוו, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

די ירידה פון באַרדיטשעוו האָט געפונען איר אָפּשפּיגלונג אין דער שיינער ייִדישער ליטעראַטור. מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האָט, ווי באַ־קאַנט, פאַרבראַכט אין באַרדיטשעוו אַ געוויסע צייט, האָט געפונען די שטאָט אין צושטאַנד פון איר ירידה, ווען צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט געהערשט אַ גרויסע אָרעמקייט, צוליב דער גוואַלדיקער קאָנקורענץ און די איבערבאַפעלקערטע ייִדישע פּרנסות.

די אויפמערקזאַמקייט פון מענדעלען האָט, ווי באַקאַנט, צוגעצויגן די הערשאַפט אין דער שטאָט פון די כלערליי בעלי־טאַקסע, שטאָטישע תקיפים און קהלשע קליאַמקעס. פון דעסט וועגן האָט דער זיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אויך באַמערקט אַז די צרות פון דער שטאָט, די גרויסע נויט און אָרעמקייט צווישן די מאַסן איז אַ פּועל־יוצא נישט נאָר פון די כלערליי מאַכינאַציעס פון די שטאָטישע תקיפים און קהלשע פּיַאווקעס, נאָר פון דער אַלגעמיינער רעכטלאָזיקייט פון די ייִדישע מאַסן און פונעם עקאָנאָמישן געטאָ אין וועלכן די צאַרישע רעגירונג האָט זיי פאַרשפּאַרט. אָט די עקאָ־נאָמישע געטאָ, וואָס איז געקומען צו אַזאַ שאַרפן אויסדרוק אין ייִדישן איבערבאַפעלקערטן באַרדיטשעוו, האָט עס מענדעלע אַזוי טרעפלעך כאַ־ראַקטעריזירט, שרייבנדיק וועגן די באַרדיטשעווער ייִדן וועלכע מ׳האָט צו־נויפגעדריקט אויף איין פּלאַץ, ווו דער קאַמף פאַר עקסיסטענץ מוז, צוליב דער געדיכטקייט פון דער באַפעלקערונג, אָננעמען די משונהדיקסטע פאַר־

מען און דערפירן צו דעם, אַז דער שטאַרקער זאָל איינשלינגען דעם שוואַכן.

אין אָנפאַנג פון לויפנדיקן יאָרהונדערט איז באַרדיטשעוו געקומען אַביסל צו זיך. די באַרדיטשעווער יידן האָבן איבערגענומען די מעטאָדן פון קליין־פאַבריקאַציע און הויז־אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ דערפאָלג צווישן די יידן אין וואַרשע. אין באַרדיטשעוו זענען, אַלזאָ, אַנטשטאַנען קליינע פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון גאַלאַנטעריע־סחורות, שיך און אַנ־דערע לעדער־אויסאַרבעטונגען. די יידישע באַפעלקערונג אין דער שטאָט האָט ווידער גענומען וואַקסן און האָט דערגרייכט פאַרן ערשטן קריג ביז פינף־און־פופציק טויזנט פערזאָן.

די מלחמה, דער בירגער־קריג און די פאָגראָמען נאָך יענעם קריג האָבן אָבער געבראַכט צו אַ קאַטאַסטראָפאַלער ירידה פון דער אַמאָליקער יידישסטער שטאָט אין רוסלאַנד. געגוג אָנצוווייזן, אַז אין 1923 זענען אין באַרדיטשעוו געווען נאָר 28 טויזנט יידן, ד״ה, עפּעס מער פון אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט ערב דעם ערשטן וועלט־קריג.

אונטער דער ראַטנמאַכט האָט די צאָל יידן אין באַרדיטשעוו ווידער גענומען שטייגן. צוגלייך איז אָבער אויך געשטיגן די אַלגעמיינע באַפעל־קערונג פון דער שטאָט און אין אַ גרעסערן טעמפּאָ, ווי די יידישע באַפעל־קערונג, אַזוי אַז דער פּראָצענט יידן אין באַרדיטשעוו איז טראָץ דעם ווּוקס, געוואָרן קלענער.

די העכער דרייסיק טויזנט יידן וואָס באַרדיטשעוו האָט געהאַט אין 1926, האָט אָנגעטראָפן נאָר 55 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, לגבי די 65 פּראָצענט וואָס די דערמאָנטע 28 טויזנט יידן האָבן אָנגעטראָפן אין באַר־דיטשעוו מיט דריי יאָר פריער.

אָדעס

אָדעס, כידוע, איז איינע פון די באַקאַנטסטע רוסישע שטעט אין אויס־לאַנד. דעם גרויסן פירסום האָט אָדעס צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס זי איז איינע פון די גרעסטע רוסישע האַפן־שטעט און איז אויסגעוואַקסן צום גרעסטן רוסישן תבואה־פּאָרט, וועלכער האָט געהאַט פאַרצווייגטע האַנדלס־פאַרבינדונגען מיט אַלע אייראָפּעיִשע לענדער און אויך פיל לענדער חוץ אייראָפּע.

נישט פילע ווייסן אָבער, אַז אָדעס איז אַ נייע שטאָט. ווען דער פראַנ־צויזישער קאַפּיטאַן דע־ריבאַס, וואָס האָט געדינט אין רוסישן מיליטער, האָט אין סוף פון די 90ער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט דעראָבערט ביי די טערקן זייער קליינע פעסטונג כאַדזשי־בעי און האָט אויף איר אָרט פאַר־לייגט אין 1794 אַ רוסישע פעסטונג, געבנדיק איר דעם גריכישן נאָמען אָדעסאַ, לויטן נאָמען פון אַן אַלטער גריכישער קאָלאָניע, וואָס האָט גע־זאָלט זיין אויף דעם זעלבן פּלאַץ, — האָט ער זיך, געוויס, קוים פאַרגע־שטעלט, אַז פון דעם נייעם פּונקט, וואָס איז געווען חצי פעסטונג און חצי האַפן, זאָל שפּעטער אויסוואַקסן דער גרעסטער רוסישער פּאָרט ביים שוואַרצן ים. די אַנטוויקלונג פון אָדעס איז אָבער אַוועק אין גאָר אַ שנעלן טעמפּאָ, וואָס פלעגט ווערן איבערגעריסן נאָר דורך מלחמות און עפּידעמיעס.

די מלחמות זענען קודם־כל געווען מיט טערקיי. די עפּידעמיעס האָבן געהאַט צו טאָן מיטן ים־האַנדל פון דער דאָזיקער שטאָט, וווהין עס פלעגן פאַרשלעפּט ווערן פון אַנדערע פּאָרט־שטעט אַמאָל די פעסט און אַמאָל די כאָלערע. די שטאָט אָבער, ווי געזאָגט, איז געוואַקסן ווי אויף הייוון און אין 1915, דאָס הייסט נאָך 120 יאָר פון אַנטוויקלונג, האָט שוין די אַמאָליקע כאַדזשי־בעי געציילט איבער 650 טויזנט איינוווינער, וואָס איז פאַרן אַמאָ־ליקן רוסלאַנד געווען גאָר אַ גרויסע ציפער.

צו יענער צייט איז אָדעס געוואָרן, לויט דער גרויס פון דער באַפעל־

קערונג, די פערטע שטאָט אין רוסלאַנד, נאָך פעטערבורג, מאָסקווע און וואַרשע. די שטאָט האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע אינדוסטריע, אייגענע שיף־ווערפטן, פיל תבואה־מילן, צוקער־זאַוואָדן, פאַבריקן פון לעדער און טעקס־טיל־אויסאַרבעטונגען, פאַבריקן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען און פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג, אַ גרויסע מיטל־ און קליין־אינדוסטריע, אַ פאַר־צווייגטן האַנטווערק אאַז״וו.

דעם גרעסטן וווּקס האָט די שטאָט דורכגעמאַכט דווקא אין די לעצטע יאָרן פאַר יענעם קריג. פון 1897 ביז 1904 איז איר באַפעלקערונג געוואַקסן אויף 200 טויזנט נפשות; פון 1904 ביז 1915 — אויף נייע 150 טויזנט מאַן.

די שטאָט איז דאַן געווען אפשר די „אינטערנאַציאָנאַלסטע״ שטאָט אין רוסלאַנד. וואָרום חוץ רוסן, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אַ העלפט פון דער באַ־פעלקערונג און חוץ די יידן, וואָס האָבן געבילדעט אַ דריטל פון די איינ־וווינער פון אָדעס און די אוקראַאינער מיט זייערע 10 פראָצענט פון אירע בירגער, האָט אָדעס געהאַט גריכן, אַרמענער, טאָטערן, רומענער, מאָלדאַ־וואַנער, דייטשן, פאָליאַקן און פראַנצויזן. דאָס אַלטע רוסלאַנד האָט פון אַזאַ פיל־פאַרביקער אין נאַציאָנאַלער הינזיכט שטאָט נישט געוווּסט, פונקט ווי זי האָט נישט געוווּסט פון אַזאַ איבערראַשנדיק שנעלן, ממש פאַנטאַסטישן וווּקס פון אַ שטאָטישן ישוב.

אָדעס וואָלט בלי שום ספק אָנגעהאַלטן איר שנעלן וווּקס און אויפ־שטייג, אָבער דער ערשטער וועלט־קריג האָט צו דעם געמאַכט אַ סוף. דער קריג האָט אָפּגעשטעלט דעם אויסערלעכן האַנדל פון אָדעס. דער גרויסער פּאָרט, ווו ס׳האָט שטענדיק געווימלט מיט שיפן פון אַלע עקן פון דער וועלט, איז געוואָרן טויט. די טויטקייט האָט אויך אָנגעהאַלטן נאָכן קריג. אויך בעת דעם בירגער־קריג פון די יאָרן 20־1918 האָט אָדעס נישט געקאָנט קומען צו זיך. די שטאָט איז דאַן אַריבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דאָ האָבן אין איר געהערשט די אוקראַאינער, דאָ די ווייסע, דאָ די רויטע. עס האָט אויך נישט געפעלט קיין מיליטערישע אינטערווענץ פון אויסלענדישע מלו־כות. אין יענער צייט האָט אָדעס געזען ביי זיך אַ דעסאַנט פון פראַנ־צויזן, גריכן און איטאַליענער.

וואָס די שטאָט האָט דורכגעמאַכט בעתן בירגער־קריג, און בכלל ווי

זי האָט געליטן פון אים, ווי אויך פון דער סטאַגנאַציע, וואָס האָט זיך אָנ־געהויבן מיטן ערשטן וועלט־קריג, איז אַמבעסטן צו זען פון דער געוואַלדי־קער ירידה פון דער באַפעלקערונג פון אָדעס, וועלכע איז פון 1915 ביז 1923 געפאַלן אויף העכער 300 טויזנט מאַן, דאָס הייסט אויף גאַנצע 50 פּראָצענט. שפּעטער האָט אָדעס גענומען ביסלעכווייז ווידער קומען צו זיך. אין 1926 האָט זי שוין געציילט 420 טויזנט איינוואוינער, דערונטער 80 טויזנט ייִדן, וואָס עס האָט אויסגעמאַכט בלויז אַ העלפט פון דער צאָל ייִדן אין אָדעס פאַר יענעם קריג.

די געשיכטע פון די ייִדן אין אָדעס איז פּונקט אַזוי אַלט, ווי די שטאָט גופא. פאַראַן אַפילו אַ מיינונג, אַז ווען די רוסן האָבן דעראָבערט ביי די טערקן די פעסטונג כאַדזשי־בעי, האָבן זיי שוין געפונען דאָרטן ייִדן. דער שפּעטערדיקער ייִדישער ישוב אין אָדעס האָט זיך אויסגעבילדעט פון צו־געוואַנדערטע ייִדן.

די ערשטע ייִדישע איינוואַנדערער קיין אָדעס זענען געקומען פון די נאָענט־ליגנדיקע אוקראַיִנישע פּראָווינצן, — פּאָדאָליע און וואָלין. שפּעטער האָבן זיך קיין אָדעס גענומען ציִען ייִדן פון גאַליציע און פון ליטע. אין דער ערשטער צייט האָבן אין דער ייִדישער קהילה פון אָדעס געשפּילט אַ גרויסע ראָל דווקא די „בראָדער", דאָס הייסט די גאַליציאַנער און בכלל מערב־ייִדן, וואָס פלעגן קומען קיין אָדעס דורך בראָד.

זיי האָבן עס געבראַכט קיין אָדעס די אידייען פון השכלה און האָבן אָנגעהויבן יענעם קאַמף פאַר אַריינפירן אַלגעמיינע בילדונג אויף דער ייִדי־שער גאַס, פאַר צוציִען די ייִדישע מאַסן צום לשון המדינה און צו וועלט־לעכע פאָרמען פון לעבן, וואָס האָט זיך שפּעטער איבערגעטראָגן אין אַנדערע ייִדישע ישובים אין רוסלאַנד.

אין אָנפאַנג פון פאַריקן יאָרהונדערט האָט אָדעס כמעט ווי נישט גע־האַט קיין רוסישע באַפעלקערונג. די נייע שטאָט, פּונקט ווי פיל אַנדערע פּונקטן אין „נײַ־רוסלאַנד", איז געווען באַזעצט דורך גריכן, אַרמענער און טערקן. די רוסישע רעגירונג האָט דאַן געזוכט קאָלאָניזאַטאָרן פאַר דער נייער געגנט, וואָס זי האָט צוגענומען ביי די טערקן און האָט געוואָרפן אַן

אויג קודם־כל אויף די פעלקער פון באַלקאַן, וואָס זענען געווען אונטער־דירעקט דורך טערקיי.

אַזוי אַרום האָבן זיך עס באַוויזן אין ניי־רוסלאַנד גריכן, בולגאַרן, סערבן. די לעצטע זענען באַזעצט געוואָרן אויף דעם באָדן און האָבן געגרינ־דעט אַ ריי לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס. די גריכן האָבן אָבער גענומען אויף זיך די ראָל פון שטאָטישע קאָלאָניזאַטאָרן, — דאָס הייסט די זעלבע ראָל, וואָס די ייִדן.

עס איז, אַלזאָ, געקומען שפּעטער צו קאָנקורענץ צווישן ביידע שטאָ־טישע עלעמענטן, און אָדעס איז געוואָרן דער עדות פון ספּעציעלע, אַזוי־גערופענע „גריכישע" פּאָגראָמען אויף ייִדן.

דער ערשטער אַזאַ פּאָגראָם, אין 1821, איז פאָרגעקומען אין פאַרבינ־דונג מיטן טויט פון גריכישן פּאַטריאַרך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די טערקן. די אָדעסער גריכן, וועלכע האָבן, אַ פּנים, געהאַט אויסצושטיין אַ שווערע קאָנקורענץ פון די ייִדישע תבואה־סוחרים און עקספּאָרטירער, מאַנופאַקטור־הענדלער און געלט־טוישער, האָבן באַשולדיקט די ייִדן, אַז זיי האָבן אַ שייכות צום מאָרד. בעתן פּאָגראָם, וואָס איז שפּעטער געקומען, האָט מען קודם־כל צעראַבירט די ייִדישע גע־שעפטן, צוגענומען דאָס האָב־און־גוטס פון די הייזער, פאַרכאַפּט די געלטער ביי די טוישער אאַז״וו.

אַ צווייטער „גריכישער" פּאָגראָם" איז פאָרגעקומען מיט אַ יאָר 30 שפּע־טער. אָנגעהויבן האָבן אים מאַטראָסן פון אָנגעקומענע גריכישע שיפן. אָבער אויך די אָרטיקע גריכן האָבן זיך באַטייליקט אין פּאָגראָם און האָבן דורך אים געפּרווט דערליידיקן זייערע האַנדלס־סיכסוכים און קאָנקורענץ מיט די ייִדן.

אָדעס האָט אָבער אויך געוווּסט פון נישט־גריכישע פּאָגראָמען. דער וואַקסנדיקער ווילשטאַנד פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין דער שטאָט האָט זיך, אַ פּנים, צופיל געוואָרפן אין די אויגן און האָט נישט געלאָזן רוען אויך די שונאי־ישראל צווישן די נישט־גריכן.

דריי אַזעלכע, נישט־גריכישע פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אין די 70ער און 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. דער שרעקלעכסטער פּאָגראָם איז

אָבער פאַרגעקומען אין אָדעס אין אָקטאָבער 1905 און איז געווען פאַרבונדן מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס איז געקומען נאָכן באַקאַנטן אָקטאָבער־מאַניפעסט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. דער דאָזיקער פּאָגראָם האָט געדויערט 4 טעג און איז געווען געווענדט נישט נאָר קעגן די ייִדן, נאָר אויך קעגן די ליבעראַלע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט.

אָדעס איז אַ געוויסע צייט פאַרן פּאָגראָם געווען דער עדות פון אַ מעכטיקער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער שטאָט, וועלכע האָט אָנגענומען געפערלעכע פאָרמען פאַר דער מאַכט. די זאַך איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שטרייקנדיקע אַרבעטער איז געלונגען אַריבערצוציִען אויף זייער זייט אַ טייל פונעם מיליטער, וואָס האָט זיך געפונען אין דער שטאָט.

עס איז געקומען צום באַרימטן אויפשטאַנד אויף דער פּאַנצער־שיף „פּאָטיאָמקין", וועלכע האָט מיטגעהאָלפן די אַרבעטער, באַשיסנדיק די שטאָט פון ים. דער דערפאָלג פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וואָס האָט באַוויזן צו מאַכן פאַרשריט אַפילו צווישן דעם מיליטער און די מאַטראָסן, האָט צערייצט די מאַכט און די שוואַרץ־מאהדיקע עלעמענטן אין דער שטאָט, וועלכע האָבן דורכן פּאָגראָם געוואָלט נעמען נקמה פון די ייִדן און פון דער ליבעראַלער באַפעלקערונג אין דער שטאָט.

די רעזולטאַטן זענען געווען שרעקלעכע: עס זענען דערהרגעט געוואָרן 500 מאַן, דערונטער 400 ייִדן און אייניקע הונדערט זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן. גאַנצע גאַסן מיט הייזער זענען צעראַבירט געוואָרן. די מאַטעריעלע פאַרלוסטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן אין שווערע הונדערטער טויזנטער רובלס.

שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטילער פּאָגראָם אויף די ייִדן. די שוואַרצע מאה, וואָס האָט פאַרכאַפּט די שטאָט־פאַרוואַלטונג, האָט גענומען דריקן די ייִדן. מ'האָט איינגעפירט פּראָצענט־נאָרמעס ביים אָננעמען אין די שולן, ביי געבן אַרבעט. מ'האָט גערודפט פאַר יעדער קלייניקייט און געזען צו דערגיין די יאָרן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

דער 1טער וועלט־קריג האָט אָבער געמאַכט אַ סוף צום באַלעבאַטעווען פון די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין דער שטאָט. די זאָרג פאַרן קריג, די דאגות, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיט אים און דער ווילן צוצוציִען

די ייִדן צום אַלגעמיינעם פּאַטריאָטישן שטראָם, ווי אויך דער אומאויפ־הערלעכער דרוק פון די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן אין לאַנד, האָבן געצוווּנגען די דאָרטיקע מאַכט אויפצוהערן צו שטיצן די שוואַרץ־מאהדיקע עלע־מענטן און אָנצונעמען אַביסל אַ בעסערן קורס לגבי די ייִדן, — בפרט אין אָדעס, וווּ די ייִדן האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין ווירטשאַפטלעכן אויפ־בוי און דער אַנטוויקלונג פון איר גרויסן האַנדל און אינדוסטריע.

בעתן ערשטן וועלט־קריג איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן די ראָל פון אָדעס, אַלס ייִדישער צענטער. די אַלטע ייִדישע צענטערן אין רוסלאַנד, וואַרשע און ווילנע, זענען געווען פאַרנומען דורך די דייטשן. די נייע צענ־טערן אין פּעטראָגראַד און מאָסקווע האָבן נאָך געהאַט אַ קליינעם איינפלוס. דערפאַר האָט זיך אָבער שטאַרק געלאָזן פילן די השפעה פון אָדעס, וואָס איז געוואָרן אַ גרויסער ייִדישער קולטור־צענטער אין פאַריקן יאָרהונדערט, ווען עס זענען דאָרטן געווען טעטיק ד״ר פינסקער, ליליענבלום, ביאַליק, מענדעלע מוכר ספרים און אַנדערע.

אין אָדעס האָבן אין דער צייט פון יענעם קריג געוווינט מענדעלע מוכר ספרים, אחד־העם, ביאַליק, ראַווניצקי, אוסישקין. אַהין זענען אויך געקו־מען אַ רייע ייִנגערע ייִדישע שרייבער, אַנטלאָפענע פון וואַרשע און פון ווילנע און צוגעוואַנדערטע פון אַנדערע שטעט.

אָדעס, וואָס איז נאָך פון פריִער געווען אַ גרויסער ציוניסטישער צענ־טער און דאָס וויגעלע פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, איז אַזוי אַרום גע־וואָרן דער גרעסטער ייִדישער גייסטיקער צענטער אין רוסלאַנד.

דער בירגער־קריג און די פּאָגראָמען, וואָס זענען געקומען אין די יאָרן 1920־1918, האָבן אָבער אין גאַנצן אָפּגעשטעלט די אַנטוויקלונג פונעם דאָ־זיקן צענטער. דער גרעסטער טייל פון די ייִדישע שרייבער און קולטור־טוער האָט געמוזט אויסוואַנדערן און פון אָדעס איז נישט געוואָרן דאָס, וואָס מ׳האָט פון איר דערוואַרט, — בפרט נאָכן נייעם רעזשים.

יידישע קאָלאָניעס אין אוקראַינע און די פּלענער וועגן יידישע רעפּובליקן

1

די געשיכטע פון דעם, ווי אַזוי די ייִדן אין רוסלאַנד האָבן זיך גענו־מען באַשעפטיקן מיט ערד־אַרבעט, איז גאָר אַן אינטערעסאַנטער קאַפּיטל פון וועלכן מ׳קאָן זייער פיל לערנען. דעם געדאַנק, אַז ייִדן דאַרפן אַריבער־גיין צו אַנדערע און מער־פּראָדוקטיווערע פּרנסות, און אַז די מלוכה דאַרף זיי העלפן צו קאָלאָניזירן זיך אויפן באָדן, האָט דער ערשטער אַרויסגע־זאָגט דער פּוילישער היסטאָריקער און ליבעראַלער מלוכה־מאַן טשאַצקי. אַליין אַ רייכער פּריץ אין וואָלין, וווּ עס האָט צו אים געהערט דאָס שטעטל פּאָריצק, האָט טשאַצקי גוט געקענט דאָס אמתע ייִדישע לעבן. זיינע אָנ־שווינגען און דרייסטע רעפאָרם־פּלענער בנוגע ייִדן, האָט טשאַצקי צוגע־שטעלט דעם אַזוי־גערופענעם 4־יאָריקן פּוילישן סיים, וואָס האָט אין די יאָרן 92־1788 אויסגעאַרבעט וויכטיקע רעפאָרמען פאַר פּוילן, וואָס האָבן געצילט צו מאַכן געזונט דאָס פּוילישע מלוכה־לעבן און צו פאַרהיטן פּוילן פון ענדגילטיקן צעפאַל. דער סיים האָט אָבער נישט באַוויזן צו באַהאַנדלען טשאַצקיס רעפאָרם־פּלענער פאַר די ייִדן, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון עכטן הומאַניזם. טשאַצקי אַליין האָט אין זיין שטעטל פיל געהאָלפן די ייִדן. אין זיין דרוקעריי אין פּאָריצק האָבן זיך, אַגב, אויך גע־דרוקט העברעיִשע ביכער.

כמעט גלייכצייטיק מיט טשאַצקין האָט אויך דער באַקאַנטער רוסישער דיכטער דערזשאַווין פּראָפּאַגירט דעם געדאַנק וועגן אַריבערפירן ייִדן צו לאַנדווירטשאַפט. זייענדיק מיטגליד פון רוסישן סענאַט, האָט דערזשאַווין באַזוכט די נאָר־וואָס פאַראייניקטע מיט רוסלאַנד ווייסרוסישע געביטן, כדי אויסצופאָרשן די שווערע לאַגע פון די פּויערים. זיינע אויספירן האָבן גע־

טראָגן אַ היבש ביסל אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער. דערזשאַווין האָט אָבער אויך צוגעזען די גרויסע ייִדישע נויט אין די ווייסרוסישע שטעט און שטעטלעך און האָט געעצהט אין פּעטערבורג, מען זאָל די ייִדן אַריבערפירן צו לאַנדווירטשאַפט.

די רוסישע רעגירונג האָט זיך אָבער נישט געאײַלט נאָכצוקומען די אַלע עצות. יעקאַטערינאַ די גרויסע, וואָס האָט געפירט אַ פרײַנדשאַפט מיט די פּראָגרעסיווע מענטשן פון איר צײַט, — די ענציקלאָפּעדיסטן און אַנדערע, מיט פאַרגייער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — און האָט בכלל ליב געהאַט אַרויסצוווײַזן איר כלומרשטן ליבעראַליזם, — האָט לגבי ייִדן נישט געפונען פאַר נייטיק עפּעס צו טאָן און האָט נישט אָנגעהויבן אַפילו צו טראַכטן וועגן העלפן די גרויסע מאַסן ייִדן, וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן אונטער איר הערשאַפט, נאָך דער צעטיילונג פון פּוילן, ווען רוסלאַנד האָט אַרײַנבאַקומען אין אירע גרענעצן די ייִדן פון ווייסרוסלאַנד, ליטע, וואָלין און פּאָדאָליע.

אין יעקאַטערינעס צײַטן איז אין רוסלאַנד געפירט געוואָרן אַ גרויסע קאָלאָניזאַציע־אַרבעט. רוסלאַנד האָט דאַן דעראָבערט פון טערקיי די אַזוי־גערופענע „נאָווע־ראָסיאַ" (ניי־רוסלאַנד), דאָס הייסט, די גרויסע, רײַכע און פּרוכטבאַרע געגנט בײַם שוואַרצן ים, צווישן די טײַכן דניעפּער און דניעסטער. די דאָזיקע רײַכע געגנט איז דאַן, אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט, געווען גאָר שיטער באַזעצט און די רוסישע רעגירונג האָט אײַנגעלאַדן, ווען מען זי האָט נאָר געקענט, — דײַטשן, שוועדן, גריכן, בולגאַרן, כדי צו באַזעצן דאָס ניי־דעראָבערטע לאַנד, וואָס עס איז פאַר איר געווען וויכטיק, קודם־כל פון מיליטערישן שטאַנדפּונקט. ייִדן האָט מען אָבער קיין „ניי־רוסלאַנד" נישט אַרײַנגעלאָזן.

אינטערעסאַנט איז, אַז די ידיעה וועגן די גרויסע קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן אין „נאָווע־ראָסיאַ" האָט זיך פאַרשפּרייט אויך צווישן די פּוילישע ייִדן, און עס זענען דאַן מצד זיי דערלאַנגט געוואָרן ביטעס צו דער וואַרשעווער רעגירונג, אַז מ׳זאָל זיי דערלויבן זיך צו קאָלאָניזירן אין אוקראַינע, ווי אויך אין דעם נייעם, ווייניק־באַזעצטן געביט. די זעלבע ידיעה האָט אַפילו אָנגעשפּאַרט אויך אַזש קיין איטאַליע און שפּאַניע, און האָט

באַוויזן אַ גרופּע ייִדן פֿון דאָרטן, צו ווענדן זיך קיין פּעטערבורג, ווענן דערלויבן זיי צו באַזעצן זיך אין נייעם געביט.

געשען איז עס אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן יאָרהונדערט, ווען דער שפּאַנישער אַדמיראַל דע קריליאָן האָט פֿאַרטריבן פֿון די באַלעאַרן־אינדזלען די קאָרסיקאַנער, גריכן און ייִדן, חושד זייענדיק זיי אין סימ־פּאַטיעס צו ענגלאַנד. די קאָרסיקאַנער און גריכן זענען באַלד איינגעלאַדן געוואָרן צו באַזעצן זיך אין „ניי־רוסלאַנד", דאַן האָבן אויך די פֿאַרטריבענע ייִדן זיך געווענדט דורכן רוסישן פֿאַרשטייער אין רוים, קיין פּעטערבורג, אַז אויך זיי זאָל מען דערלויבן צו קאָלאָניזירן זיך אין ניי־רוסלאַנד. דער רוסישער פֿאַרשטייער, גראַף מאַטשעניגאָ, האָט פֿון זיין זייט אונטערגעשטיצט די ווענדונג, אַנווייזנדיק, אַז ווען דער גרויס־הערצאָג פֿון טאָסקאַנע האָט געוואָלט באַלעבן זיין הויפּטשטאָט ליוואָרנאָ, האָט ער איינגעלאַדן אַהין ייִדן און זיי האָט ער עס צו פֿאַרדאַנקען דעם בלייִענדיקן מצב פֿון זיין הויפּטשטאָט. אויף דער דאָזיקער און דער צווייטער ענלעכער ווענדונג איז אָבער אָנגעקומען די תשובה, אַז די רוסישע רעגירונג וויל דווקא גריכישע און קאָר־סיקאַנער קאָלאָניסטן, אָבער נישט קיין ייִדן.

אין יעקאַטערינעס צייטן זענען אויך פֿריִער געווען פֿאַלן, ווען ייִדן האָבן זיך געווענדט, מ'זאָל זיי דערלויבן באַזעצן זיך אין רוסלאַנד, אָבער אָן דערפֿאָלג. אין יאָר 1764 האָט דער הויפּט־קאָמאַנדיר פֿון „באָוואָ־ראָסיאַ", גענעראַל מעלגונאָוו, אַוועקגעשיקט קיין ריגע אַ דעלעגאַציע פֿון ייִדישע סוחרים פֿון רוסלאַנד, מיט אַ ספּעציעלער שליחות, — אַראָפּצוברענגען קיין „ניי־רוסלאַנד" ייִדישע סוחרים פֿון פּוילן און אויך פֿון פּרייסן, פּאָמערן און בראַנדענבורג. פֿון דער שליחות האָט זיך אָבער גאָרנישט נישט אויס־געלאָזט.

ערשט אין אָנהייב פֿון 19טן יאָרהונדערט האָט מען ייִדן דערלויבט צו קאָלאָניזירן זיך אין „ניי־רוסלאַנד". געשען איז עס אָבער אין רעזולטאַט פֿון אַ גזירה.

אין יאָר 1810 האָט יעקאַטערינאַס אייניקל, אַלעקסאַנדער דער 1טער, פֿאַראָרדנט אַרויסצוטרייבן די ייִדן פֿון פֿיל דערפֿער און ישובים אין טשער־ניגאָווער און מאָהילעווער גובערניעס. היות די פֿאַרטריבענע זענען געבליבן

אָן עקסיסטענץ־מיטלען, האָט מען זיי דערלויבט צו קאָלאָניזירן זיך לעבן כערסאָן.

די קאָלאָניזאַציע איז ניט צוגעגאַנגען לייכט. די רעגירונג האָט נישט געגעבן קיין גענוגנדיקע סומעס געלט. אין קאָלאָניזירטן געביט האָבן גע־הערשט מגיפות און פון זיי, ווי אויך פון קעלט און הונגער, זענען אין די ערשטע 5 יאָר אויסגעשטאָרבן ביז 5 טויזנט נפשות. דאָן האָבן זיך אין כערסאָנער גובערניע, אגב, באַזעצט פיל לובאַוויטשער חסידים, בראש מיט זייער רבין, ר' שניאור זלמנס זון.

ניקאָלאַי דער 1טער האָט, ווי באַקאַנט, געוואָלט זיין אַ גאַנצער „רע־פאָרמאַטאָר" אין יידישן לעבן און האָט אַפילו געפּרוווט איינפירן פאַר יידן רוסישע „שקאָלעס". ער האָט זיך אויך באַמיט צו פאַרשטאַרקן די יידישע קאָלאָניזאַציע. דער דאָזיקער גרעסטער צאַרישער דעספּאָט און אכזר, האָט אויך די קאָלאָניזאַציע־אַרבעט צווישן יידן געוואָלט פירן מיט אַ בייטש. די יידן האָט מען געוואָלט צווינגען צו ערד־אַרבעט, דראָענדיק זיי מיט פאַר־שיקונג אין סיביר. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען יידן, געטריבן דורך גרויסער נויט, האָבן זיך געלאָזט גיין הינטער די אוראַלער בערג, אין די טאָבאָלסקער און טאָמסקער גובערניעס, היות דאָרטן איז געווען פיל פרייע און ביליקע ערד. די רעגירונג האָט אָבער פאַרהאַלטן דעם דאָזיקן שטראָם, און די יידישע קאָלאָניזאַציע איז ווידער געריכטעט געוואָרן קיין „ניי־רוס־לאַנד".

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט זיך אָנגע־שטויסן אויף גרויסע שוועריקייטן. ווען מ'האָט נאָכן אָפּשאַפן די „פּאָנ־שטשיזנע" אין יאָר 1861, גענומען אויך אויסטיילן ערד פאַר די באַפרייטע פויערים, האָט מען אָפּגעשניטן גרויסע חלקים דווקא פון באָדן, וואָס האָט געהערט צו די יידישע קאָלאָניעס. שפּעטער זענען געקומען די „צייטווייַ־ליקע כללים" פון גראַף איגנאַטיעוו, לויט וועלכע יידן האָבן בכלל נישט געטאָרט דערווערבן באָדן אין דערפער און לעבן שטעטלעך. די יידישע קאָלאָניזאַציע האָט זיך דעריבער אָפּגעשטעלט, און דער יידישער קאָלאָני־זירונגס־פאָנד (פון דער רעגירונג) אין הויך פון אַ מיליאָן רובל איז צוריק אַריבער אין דער רעגירונגס־קאַסע.

אמת, די לאַגע פון די ייִדישע קאָלאָניסטן האָט זיך פאַרבעסערט אין יאָר 1900, ווען אַ טייל פון זיי האָט באַקומען פאַר זיך רעזערוו־חלקים. אָבער מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר שפּעטער, בעת דער סטאָליפּין־רעאַק־ציע, וואָס איז געקומען נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, האָט מען די ייִדישע קאָלאָניעס ווידער פאַרבאָטן צו קויפן נייעם באָדן.

די גרעסטע טייל ייִדישע קאָלאָניעס איז פאַרן ערשטן וועלט־קריג גע־ווען אין כערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס. די נעמען פון די קאָלאָניעס האָבן באַוויזן פון וואַנען די קאָלאָניסטן האָבן געשטאַמט. אַזוי זענען דאָרטן געווען אַזעלכע נעמען ווי: ניי־וויטעבסק, ניי־קאָוונע, ניי־זשיטאָ־מיר. נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 האָבן די קאָלאָניעס באַקומען נייע אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן. דער בירגער־קריג און די קאַמפן מיט די דייטשן און מיט כלערליי אוקראַיִנישע „אַטאַמאַנען" און „באַטקאָס" האָבן אינעם דאָזיקן געגנט אַנגעמאַכט אַ תל פון די ייִדישע קאָלאָניעס.

נאָכן בירגער־קריג האָבן זיך קיין דרום־אוקראַיִנע אַ לאָז געטאָן פיל ייִדישע איבערוואַנדערער פון די חרובע שטעטלעך פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע. די דעקלאַסירטע ייִדישע מאַסע האָט געוואָלט געפינען איר עקאָ־נאָמישן תיקון דורך ווערן ערד־אַרבעטער און לעבן אַ פּראָדוקטיוו לעבן. די אַלטע קאָלאָניעס זענען, אַלזאָ, צוריק אויפגעבויט געוואָרן און עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ נייע קאָלאָניזאַציע, געשטיצט דורך דער רעגירונג.

די נייע קאָלאָניזאַציע האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט מחוץ פון דעם געביט פון די אַלטע ייִדישע קאָלאָניעס און האָט אָנגעשפּאַרט אַפילו קיין קרים. צו די אַלטע קאָלאָניעס, ווי „דאָבראָווי קוט", „איזראַעלאַווקאַ", „שדה־מנוחה", צי „ניי־קאָוונע" אאַז"וו, זענען צוגעקומען ייִדישע ישובים מיט פרישע און נייע נעמען, גענומען זייער אָפּט פון דער נייער, רעוואָלו־ציאָנער־סאָוועטישער ווירקלעכקייט, — ווי „נאָווי פּוט" (נייער וועג), „נאָ־וואַיאַ זאַריאַ" (נייער מאָרגנשטערן), „ניוואַ" (פעלד), „זאַנגען", „האָפענונג", „אויפגאַנג" א"אַנד'.

אין קרים זענען די נייע קאָלאָניעס געווען פון חלוצישער אָפּשטאַ־מונג. געגרינדעט זענען זיי געוואָרן דורך חלוצים, וואָס האָבן זיך צונויפ־געזאַמלט פון אַלע טיילן פון רוסלאַנד אין קרים, כדי צו פאָרן ווייטער קיין

ארץ־ישראל, און זענען אָבער פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער מאַכט, וואָס האָט די ווערטפולע און אידעאַליסטישע יוגנט נישט געוואָלט אַרויסלאָזן פון לאַנד. וועגן דער חלוצישער אָפּשטאַמונג פון די דאָזיקע קאָלאָניעס זאָגן עדות זייערע העברעיִש־חלוצישע נעמען, ווי תל־חי, משמר, מעין, חקלאי. זיי אַלע זענען געווען קאָמונעס, נאָך לאַנג איידער די ראַטנמאַכט האָט איינ־געפירט אירע „קאָלכאָזן” און „סאָווכאָזן”. זייענדיק מוסטערהאַפט אָרגאַ־ניזירט, פירנדיק זייער קולטור־אַרבעט אין העברעיִש און בכלל אין ייִדישן נאַציאָנאַלן גייסט, זענען די דאָזיקע קאָלאָניעס שטאַרקט באַקעמפט געוואָרן דורך דער „יעווסעקציע”, אָבער מיט ווייניק דערפאָלג.

אין יאָר 1931 האָט אין רוסלאַנד געלעבט אויפן באָדן איבער אַ פערטל מיליאָן ייִדן, פון זיי 172 טויזנט אין אוקראַיִנע. די צאָל ייִדן, באַשעפטיקטע אין לאַנדווירטשאַפט, האָט זיך, אַלזאָ, אין פאַרגלייך מיט דער צייט ביז דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917, מער ווי פאַרטאָפּלט.

אין קרים איז אין יאָר 1921 אויך געמאַכט געוואָרן דער פרווו פון שאַפן אַ ייִדישע רעפּובליק, וואָס איז, זיכער, אַנטשטאַנען אין שייכות מיטן גרויסן ווּקס און גרויסן דערפאָלג פון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע דאָרטן. אַ הייסער אָנהענגער פון דאָזיקן געדאַנק איז געווען דער ייִדיש־סאָוועטי־שער עקאָנאָמיסט לאַרין־לוריע. קעגן דעם פּלאַן איז אָבער אַרויסגעטראָטן דער אַרבעטער־ראַט פון דער דאָזיקער טאַטערישער געגנט, בראש מיטן טאָטערן־פירער איבראַהימאָוו. דער לעצטער איז שפּעטער אַפילו דערשאָסן געוואָרן צוליב קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אָבער פון דעם פּלאַן וועגן שאַפן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע רעפּובליק אין קרים איז גאָרנישט גע־וואָרן. די צאָל ייִדן אין קרים, וואָס לעבן פון לאַנדווירטשאַפט, איז געווען 20 טויזנט.

II

אין אַלטן צאַרישן רוסלאַנד איז כערסאָן געווען דער צענטער פון די גרעסטע און צאָלרייכסטע ייִדישע קאָלאָניעס, וואָס זענען געלעגן אין אַ געביט, וואָס ווערט באַגרענעצט דורך כערסאָן און ניקאָלאַיעוו פון דרום און יעליסאַוועטגראַד (איצט קיראָוואָגראַד) און קריוואָי ראָג, פון צפון.

די יידישע קאָלאָניזאַציע אין דרום־רוסלאַנד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט 150־160 יאָר צוריק, האָט, ווי באַקאַנט, צו קיין גרויסע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. פון די עטלעכע טויזנט יידישע משפּחות, וואָס האָבן איינגעוואַנדערט אין די אַמאָליקע יעקאַטערינאָסלאַווער און כערסאָנער גובערניעס, כדי צו באַזעצן זיך אויפן באָדן און אָנהייבן ציִען זייער חיונה פון נייע, דאָרפישע פּרנסות, — זענען נאָר אַ טייל געבליבן ביי דער לאַנדווירטשאַפט. געווירקט האָבן אויף דעם, בלי ספק, די אַלגעמיינע, שלעכטע באַדינגונגען, אין וועלכע די לאַנדווירטשאַפט האָט זיך געפונען אין צאַרישן רוסלאַנד. די עטלעכע צענדליק יידישע קאָלאָניעס, וואָס זענען געבליבן עקסיסטירן אין די דערמאָנטע צוויי גובערניעס, האָבן ערשט שפּעטער געקומען אַביסל קומען צו זיך, פאַרגרעסערן זייער באַזיץ און באַלעבאַטישקייט, אויסברייטערן זייער ווירטשאַפט, פאַרגרעסערן דעם אינווענטאַר אאַז״וו. געשען איז דאָס אַ דאַנק דעם, וואָס מיט די קאָלאָניעס האָט זיך פאַראינטערעסירט די יק״א, וואָס האָט אָנגעהויבן שטיצן זיי מיט הלוואות, ווי אויך אין שייכות מיט דער אַלגעמיינער פאַרבעסערונג פונעם מצב פון דער לאַנדווירטשאַפט אין רוסלאַנד אין אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט, — צוליבן וווּקס פון די פּרייזן אויף תבואה און דער גרעסערער נאָכפראַגע אויף דאָרפישע פּראָדוקטן, סיי אין לאַנד גופא, סיי פאַר עקספּאָרט קיין אויסלאַנד.

די ערשטע וועלט־מלחמה און די פּאָגראָמען בעתן בירגער־קריג, האָבן אָבער געמאַכט אַ סוף צום פאָרשריט פון די יידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד. די כוואַליע פון פּאָגראָמען האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן געביט, ווו עס זענען געזעסן די דאָרפישע יידישע האָרעפּאַשניקעס. געוועזן פאַלן, ווען די פאַראיינצלטע יידישע דאָרפס־ישובים זענען פשוט אָפּגעווישט געוואָרן פון די צעיושעטע באַנדעס און זייער באַפעלקערונג איז אויסגעראַטן געוואָרן. אַ טייל קאָלאָניעס האָבן זיך אָבער באַוויזן קעגנצושטעלן די פּאָגראָם־כנופיאס און אָפּט מיט דערפאָלג.

די אַגראַר־רעוואָלוציע, וואָס רוסלאַנד האָט אַדורכגעמאַכט אין די יאָרן 1917־1920, האָט דער יידישער באַפעלקערונג ווייניק וואָס געגעבן. אַלס שטאָט־, אָדער קליינשטעטלדיקער עלעמענט, האָבן די יידן נישט גע־

קענט געניסן פון דער חלוקה פון פּריצישן באָדן, וואָס איז דאָן דורכגע־פירט געוואָרן צווישן דעם ערדלאָזן פויערטום און פויערים, וואָס האָבן גע־האַט ווייניק באָדן. פון דער נישט־אָרגאַניזירטער און בכלל סטיכישער פּו־נאַנדערטיילונג פונעם באָדן האָבן על פּי רוב גענאָסן די איינגעזעסענע דאָרפישע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאַט גענוג לעבעדיקן און טויטן אינ־ווענטאַר אויף צו באַאַרבעטן די שטחים, פאַראַקערן און פאַרזייען דעם ניי־באַקומענעם באָדן, אַראָפּנעמען דעם שניט אד״גל. יידן, אַפילו אין די קליי־נע שטעטלעך אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וואָס האָבן געהאַט אייגע־נע גערטנער, צי סעדער, האָבן זעלטן געהאַט יענעם מינימאַלן לעבעדיקן און טויטן אינוועטאַר, וואָס וואָלט געווען נייטיק אויף צו באַאַרבעטן ווי געהעריק ניי־באַקומענע ערד.

דער חורבן פון די יידישע שטאָטישע פּרנסות נאָך דער רעוואָלוציע, די דעקלאַסירונג און שרעקלעכע פאַראָרעמונג פון די ברייטע יידישע מאַסן אין רוסלאַנד, האָבן זיי געטריבן צו זוכן נייע קוואַלן פון פּרנסה, און צי מ׳האָט געוואָלט, צי נישט, — האָט מען געמוזט ווענדן די אויגן צו ערד־אַרבעט, — בפרט, אַז אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע און דעם גרויסןווירטשאַפטלעכן חורבן, צוליבן בירגער־קריג און די מלחמות, איז נאָך אין לאַנד נישט געווען קיין רייד וועגן אינדוסטריאַליזירונג, וועגן אויפ־שטעלן נייע אַרבעטס־פלעצער אין שטאָט, נייע פאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען בכלל.

די פאַראָרעמטע יידישע מאַסע פון די קליינע שטעטלעך אין ווייסרוס־לאַנד און אוקראַינע האָט נישט געהאַט פאַר זיך קיין גרויסע אויסזיכטן פאַר אַריבערגיין צו לאַנדווירטשאַפט אויפן אָרט. די געדיכטע, אָרטיקע דאָרפּי־שע באַפעלקערונג וואָלט קיין נייע מענטשן צום פאַרכאַפּטן באָדן נישט צו־געלאָזט. אגב, האָבן די יידן אַליין מורא געהאַט צו דערווייטערן זיך פון זייערע שטענדיקע ישובים. נאָך די פּאָגראָמען פון די יאָרן 1918־1920. די ראַטן־רעגירונג האָט באַשלאָסן צו ריכטן דעם דראַנג צו ערד־אַרבעט צווישן די יידן, צו נייע פלעצער און קודם־כל צום סטעפּן־געביט אַרום כערסאָן, אָדעס און אין קרים.

די דאָזיקע געגנט, וואָס איז געווען רייך אין גרויסע, פּריצישע מאַ־

יאָנטקעס מיט צענדליקער טויזנטער דעסיאַטינעס ערד, האָט אויך אין די אַלטע צייטן געליטן פון אַ מאַנגל אין ערד־אַרבעטער און פלעגט צוציִען צו זיך יעדן פרילינג און זומער פויערים פון די איבער־באַפעלקערטע גובערניעס אין צענטראַל־רוסלאַנד. די מאַסנהאַפטע סעזאָן־עמיגראַציע פון די ערדלאָזע פויערים פון צענטראַל־רוסלאַנד צו די זומער־אַרבעטן אין דרום־רוסלאַנד, וואָס איז געווען אַ גוט באַקאַנטע דערשיינונג אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט זיך נאָך דער רעוואָלוציע שטאַרק פאַרקלענערט, ווייל די פויערים האָבן שוין באַקומען פאַר זיך אייגענעם באָדן אין זייערע שטענדיקע וווין־ערטער. דער פלאַן איז, אַלזאָ, געווען, אַז מ׳זאָל די דעקלאַסירטע יידישע מאַסן פון ווייסרוסלאַנד און צפון־אוקראַיִנע איבערזידלען אינעם סטעפּן־געביט פון דרום־רוסלאַנד, וואָס האָט געליטן אַ שטאַרקן מאַנגל אין אַרבעטס־הענט.

צום רעגולירן די יידישע איבערזידלונג קיין דרום־רוסלאַנד, איז עס געשאַפן געוואָרן דורך דער ראַטן־רעגירונג דער „קאָמזעט”. אים צו הילף איז געקומען דער „אָזעט”. דער פלאַן האָט אַרויסגערופן פיל אויפזען אין אויסלאַנד און מיט הילף פאַר אים זענען געקומען אַ ריי יידישע אָרגאַניזאַציעס אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, ווי יִקאָ, דער „אַגראָדזשאָינט” און „אָרט”.

נישט פיל צווישן דעם יונגן יידישן עלעמענט פון ווייסרוסלאַנד און אוקראַיִנע, וואָס האָבן זיך גענומען איבערזידלען אין די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד, האָבן, וואַרשיינלעך, געוווּסט דאָס אַלטע ליד פון אליקום צונזער וועגן דעם, אַז „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה” און אַז ערד־אַרבעט איז בכלל „דאָס וואָרע גליק פון לעבן”. די באַדינגונגען דאָרטן, אין די נייע פלעצער, זענען געווען גאַנץ אַנדערש ווי אין די דאָרפישע היימישע געגנטן. פון דעסט וועגן האָט די באַוועגונג אָהין אָנגענומען אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב, ווי די באַוועגונג צו לאַנדווירטשאַפט צווישן די ווייסרוסיש־ליטווישע יידן, אין דער צייט, ווען דער באַרימטער יידישער פאָלקס־בדחן האָט באַזונגען פאַר די אָרעמע לופט־מענטשן פון איבערבאַפעלקערטן תחום המושב די מעלות פון דער פּראָדוקטיווער און געזונטער ערד־אַרבעט.

דאָן זענען עס אויך אַנטשטאַנען די פּלענער וועגן אַ קאָמפּאַקטער יידי־

שער קאָלאָניזאַציע אין באַשטימטע געביטן, מיטן ציל צו שאַפן אויטאָנאָמע ייִדישע איינהייטן און אַפילו וועגן אַ באַזונדערער ייִדישער רעפובליק אין קרים. דער לעצטער פּלאַן האָט באַזונדערס געשמייכלט די געוועזענע ציוניסטן און סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן, וואָס האָבן עס געבילדעט דעם אומפּאַרטייִשן עלעמענט פון „אָזעט". פונעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן צוליב דער קעגנערשאַפט פון פאַרזיצער פון די קרימער סאָוועטן, דעם טאָטער איבראַהימאָוו.

די ניי־אַנטשטאַנענע קאָלאָניעס האָבן זיך קאָנצענטרירט אינעם אַלטן ייִדישן קאָלאָניזאַציע־געביט אַרום כערסאָן און יעקאַטערינאָסלאַוו, ווי אויך אין צפון־קרים. די ערשטע נייע קאָלאָניעס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן, אגבֿ, דורך דער ציוניסטיש־געשטימטער יוגנט און דורך חלוצים אין קרים. צו די קאָלאָניעס מיט העברעיִשע נעמען, וואָס די דאָזיקע יוגנט האָט זיי געגעבן, ווי תל־חי, קדימה, התקווה אד"גל, זענען שפּעטער צוגעקומען קאָלאָניעס אין אַנדערע געגנטן מיט אַזעלכע נעמען ווי לענינדאָרף, קאַלינינדאָרף, סטאַלינדאָרף, וואָס האָבן עס, צוזאַמען מיט די גאָר אַלטע שדי־מנוחהס, ניי־וויטעבסקן, ראָמאַנאָווקעס אאַז"וו, געבילדעט דעם נייעם, אויסגעברייטערטן ייִדישן לאַנדווירטשאַפטס-געביט אין רוסלאַנד.

טראָץ דעם גרויסן פאַרנעם, וואָס די נייע קאָלאָניזאַציע האָט אָנגענומען אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטן־מאַכט, האָט זיך אָבער איר אַנטוויקלונג פאַרהאַלטן, און אַפילו דער שפּעטער אויפגעקומענער פּלאַן פון אַן אויטאָנאָמער ייִדישער רעפובליק אין ווייטן און פוסטן ביראָבידזשאַן, האָט דאָ נישט געהאָלפן.

די סיבה פון דעם איז געלעגן נישט נאָר אין שלעכטן מצבֿ פון דער לאַנדווירטשאַפט נאָך דער רעוואָלוציע, צוליב די נידעריקע פּרייזן אויף דאָרפישע פּראָדוקטן, וואָס די ראַטן־רעגירונג האָט איינגעפירט און שטרענג רעגולירט, כדי צו קענען דערנערן די אויסגעהונגערטע שטאָטישע באַפעלקערונג. וואָס שייך די ייִדן, זענען די סיבות געווען טיפערע. צווישן זיי האָט זיך נאָך בעתן קריג אָנגעהויבן אַן אויסוואַנדערונג פון די קליינע שטעטלעך אין די גרויס-שטאָטישע צענטערן. דער בירגער־קריג און די פּאָגראָמען האָבן אַט־דעם פּראָצעס נאָך מער פאַרשטאַרקט.

אין די גרויסע שטעט ווידער זענען די ייִדן, אַלס מער געבילדעטער און אינטעליגענטער עלעמענט, פיל מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין רע־גירונגס־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן, צוליבן אײַ־בערנעמען די פּריוואַטע ווירטשאַפט, די בענק, דעם האַנדל אאַז״וו, — ווי אויך דורך די ניי־אַנטשטאַנענע פאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונ־גען, וואָס זענען געווען אַ מלוכה־אייגנטום.

טראָץ דעם אָפּהאַלט אין דער נייער ייִדישער קאָלאָניזאַציע, איז אָבער כערסאָן און איר אומגעגנט ווייטער געבליבן אַ געביט פון ייִדישער לאַנד־ווירטשאַפט און פאַרן צווייטן וועלט־קריג, איז אַ העלפט ייִדן אין אָט־דער געגנט געווען באַשעפטיקט אין אַגריקולטור. די אַנדערע לאַנדווירטשאַפט־לעכע ייִדישע געביטן זענען געלעגן צו מערב און מזרח פונעם אַלט־נייעם כערסאָנער קאָלאָניזאַציע־צענטער, — אַרום אָדעס און אַרום זאַפּאָראָזשיע.

III

אין פרילינג פון יאָר 1919, ווען עס איז געשטאָרבן דער ייִד יאַקאָוו סווערדלאָוו, וואָס איז געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון „וציק״, איז מיכאַיל קאַלינין אויסגעוויילט געוואָרן אַלס זיין יורש. טראָצקי האָט דאַן, לויט זיין געוווינהייט, געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע, ווו ער האָט קאַליני־נען געלויבט אין הימל אַריין און האָט אים אויך באַטיטלט, אַלס „פּראָלע־טאַרי קרעסטיאַניטש״ (פּראָלעטאַריער בן פויער). מיטן דאָזיקן, געוויסער־מאַסן אויסגעקליגלטן, אָבער טרעפלעכן נאָמען, איז טראָצקי געוויס אויסן געווען אונטערצושטרייכן, אַז דער נייער פאָרזיצער פון אַלרוסישן אויספיר־קאָמיטעט פון די סאָוועטן, פאַרקערפּערט אין זיך, אַלס אַרבעטער און דער־צו נאָך פון פויערישער אָפּשטאַמונג, די דעמאָלטיקע הויפּט־אידייע פון דער באָלשעוויסטישער פאַרטיי: דעם צוזאַמענבונד פון דעם אַרבעטער־קלאַס און פויערטום. דאָס האָט, אַלזאָ, געדאַרפט זיין דער נייער פּרעזידענט פון ראַ־טנפאַרבאַנד, מ. קאַלינין.

אַ געוויסע צייט האָט קאַלינין פריִער אָנגעפירט מיט דער נאַציאָנאַ־ליטעטן־אָפּטיילונג פון „וציק״, געווען איז עס דאַן, ווען סטאַלין איז נאָך געווען קאָמיסאַר פאַר נאַציאָנאַליטעטן־ענינים. קאַלינינען געהערן, אגב, די

באַקאַנטע ווערטער, אַז ווען ער וואָלט געווען אַ רב, וואָלט ער געעצהט די יידן נישט צו קאָנצענטרירן זיך אין גרויסע מאַסן אין מאָסקווע. געווען איז עס אין אַ צייט, ווען די יידן, געראָדפט און פּאָגראָמירט דורך די כלער־ליי ווייסע גענעראַלן אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און צענטראַל־רוסלאַנד, האָבן מאַסנווייז פאַרלאָזט זייערע איינגעזעסענע פלעצער און זיך געלאָזט אין די צענטראַלע גרויסע שטעט, ווו די לאַגע איז נישט געווען אַזוי געפער־לעך ווי אין די קליינע שטעטלעך און דאָרפישע געגנטן. קאַלינין, האָט, וואַרשיינלעך, געוווּסט וועגן דער דאָזיקער דערשיינונג. ער האָט אויך, זי־כער אויך געהערט וועגן דער שרעקלעכער דעקלאַסירונג און פאַראָרעמונג פון די יידישע מאַסן, וואָס זענען אויסגעראָטן געוואָרן פון זייערע פּאָזי־ציעס, נישט בלויז טעריטאָריעל, אַזוי צו זאָגן, נאָר אויך סאָציאַל, — צו־ליבן אונטערגאַנג פון די יידישע פרנסות.

דער „קאָמזעט", וואָס איז דאַן אַנטשטאַנען ביי דער נאַציאָנאַליטעטן־אָפּטיילונג, האָט עס געזאָלט אַריבערפירן אַ טייל פון די דעקלאַסירטע יידי־שע מאַסן צו ערד־אַרבעט און צו קאָלאָניזירן זיי אויפן פרייען באָדן. אויף וויפל די הערשנדיקע דאַן קרייזן האָבן פאַרבונדן גרויסע האָפענונגען מיט אָט־דער אַרבעט, איז צו זען פון דעם, וואָס אַלס פאָרזיצער פון „קאָמזעט" איז באַשטימט געוואָרן נישט קיין אַנדערער, ווי דער וויצע־פאָרזיצער פון „וציק", סמידאָוויטש (ברודער פון באַקאַנטן שרייבער ווערסאַיעוו־סמידאָוויטש), — דאָס הייסט קאַלינינס געהילף אויף זיין פרעזידענטן־אַמט פון פאַרבאַנד.

די יידישע מאַסן, וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די גרויסע שטעט, האָבן אויך אָנגעהויבן מאַסנווייז אַריבערגיין צו שטאָטישע, דער עיקר, ליבעראַלע פּראָפעסיעס. פּיליכט, האָט טאַקע דער „קאָמזעט", שטעלנדיק דעם טראָפּ אויף דער קאָלאָניזאַציע און אַגראַריזאַציע פון די דעקלאַסיר־טע יידן, געוואָלט זיי אָפּציען, סיי פון די גרויסע שטעט, אַזוי אויך פון די אינטעליגענטישע באַרופן, וואָס האָבן געקענט אַרויסרופן רייבונגען מיט דער נישט־יידישער אינטעליגענץ.

די פרווון פון „קאָמזעט" האָבן אָבער, ווי באַקאַנט, קיין דערפאָלג נישט געהאַט. אויך דער גרעסטער פּראָיעקט פון „קאָמזעט", וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט שאַפן אַ יידישע אויטאָנאָמע איינהייט אין ביראָבידזשאַן האָט, כידוע, נישט געהאַט קיין מזל.

די ייִדן אין רוסלאַנד האָבן אָבער געשעצט קאַליניִנס אינטערעס און באַמיִונגען צו פאַרבעסערן זייער לאַגע. איז אפשר קען מען מיט דעם אויך דערקלערן דעם פאַקט, וואָס אַ ריי ייִדישע דערפער אין רוסלאַנד האָבן געטראָגן דעם נאָמען פון קאַליניִנען, — אין דער פאָרם פון קאַליניִנדאָרף, קאַלינין, צי קאַליניִנאָ. אויך דער ערשטער ייִדישער זעלבסטפאַרוואַלטונגס־ראַיאָן אויף אוקראַיִנע, וואָס האָט דאָרטן אַרומגענומען די אַלטע דאָרטיקע ייִדישע קאָלאָניעס, האָט געטראָגן דעם נאָמען קאַליניִנדאָרפער ראַיאָן און האָט, ווייזט אויס, מיט ייִדיש אַלס שפּראַך פון דער אַדמיניסטראַציע, פון געריכט־ און שול־וועזן, געדאַרפט דינען אַלס מוסטער פון דעם, וואָס די ייִדן וועלן קענען באַקומען פאַר זיך אין נאַציאָנאַלער הינזיכט, ווען זיי וועלן זיך נישט קאָנצענטרירן אין מאָסקווע און אין אַנדערע גרויסע שטעט און אין די דאָרטיקע שטאָטיש־אינטעליגענטישע פּראָפעסיעס, — נאָר וועלן זיך קאָלאָניזירן אויפן לאַנד אין קאָמפּאַקטע מאַסן, וואָס עס וועט זיי דערמעגלעכן צוגלייך אויך איינהאַלטן זייער נאַציאָנאַלן פּנים און אויסצולעבן זיך נאַציאָנאַל אין דער ייִדישער שפּראַך און קולטור.

דאַן איז עס אויך געקומען צום צווייטן פּלאַן פון שאַפן אַן אויטאָנאָמע ייִדישע רעפּובליק אין ראַטנפאַרבאַנד דורך קאָנצענטרירטער קאָלאָניזאַציע, צום פּלאַן וועגן בירָאָבידזשאַן.

די קאָלאָניזאַציע אין דעם דאָזיקן ווייט־מזרחדיקן געביט, וואָס ליגט ביי דער גרענעץ מיט מאַנדזשוריע און געפינט זיך אַזוי ווייט פון די אַלטע ייִדישע ישובים אין אוקראַיִנע און ווייסרוסלאַנד, איז אָבער געגאַנגען זייער לאַנגזאַם און האָט, לויט די ציפערן פון 1931, געבראַכט בלויז צו פינף טויזנט ייִדן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט.

די אַלגעמיינע צאָל ייִדן אין בירָאָבידזשאַן האָט דאַן באַטראָפן עטלעכע און צוואַנציק טויזנט נפשות. אין אַ טייל פונעם דאָזיקן ווייטן און ווייניק באַזעצטן ווינקל ביים אַמור האָבן די ייִדן געבילדעט די מערהייט פון דער באַפעלקערונג און אַ דאַנק דעם איז בירָאָבידזשאַן געוואָרן, אמת, נישט קיין אויטאָנאָמע ייִדישע רעפּובליק, ווי מען האָט לכתחילה געפּלאַנט, נאָר בלויז אַן „אויטאָנאָמע ייִדישע געגנט".

קערטש איז אַמאָל געווען אַ יידישע שטאָט

קערטש, וואָס איז אפשר די עלטסטע שטאָט אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד, האָט נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געהאַט אַ יידישע באַפעלקערונג און מיט העכער טויזנט יאָר צוריק איז דאָרטן געווען די צאָל יידן אַזוי גרויס און זייער ראָל אַזוי באַטייטנדיק, אַז מען האָט די דאָזיקע שטאָט געהאַלטן אַפילו פאַר אַ יידישע שטאָט.

נישט נאָר קערטש, נאָר אויך די שכנותדיקע פעאָדאָסיע און ווייטער ליגנדיקע כערסאָנעס און אָלוויע, זענען פאַקטיש די ערשטע שטאָטישע ישובים אין רוסלאַנד. זיי זענען געגרינדעט געוואָרן נישט דורך די רוסן, נאָר דורך גריכן, וואָס האָבן מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק איבערגעוואַנדערט קיין דרום־קרים פון קליין־אַזיע און האָבן געגרינדעט אויף דיביידע ברעגן פון קערטשער ים־דורכגאַנג אַ באַזונדערע מלוכה אונטערן נאָמען קרימערישער באָספאָר (אָדער וואָספאָר), — ווי עס האָט ביי די גריכן געהייסן דער קערטשער ים־דורכגאַנג, וואָס פאַראייניקט דעם אַזאָוו־ים מיטן שוואַרצן ים (צום אונטערשייד פון פאָנטישן באָספאָר, וואָס פאַראייניקט דעם שוואַרצן ים מיטן מאַרמאָר־ים).

קערטש, וואָס האָט ביי די גריכן געהייסן פאַנטיקאַפעאָ, איז געווען די הויפטשטאָט פון דער דאָזיקער שוין לאַנג פאַרשווּנדענער מלוכה, וואָס אירע גרענעצן האָבן זיך געצויגן ביז די סטעפּעס פון דעם טייך קובאַן אויף מזרח. חוץ פאַנטיקאַפעאָ, האָט די דערמאָנטע מלוכה אַריינגענומען אויך די דערמאָנטע פעאָדאָסיאַ (קאַפאַ), כערסאָנעס, ווי אויך פאַנאַגאָריאַ און אַנדערע שטעט, וואָס געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט פון קערטשער ים־דורכגוס. די באָספאָר־מלוכה איז געווען, דער עיקר, אַ האַנדלס־מלוכה און האָט פאַרמיטלט אינעם סחורות־אויסטויש צווישן די פעלקער פון שוואַרצן און פון מיטללענדישן ים. דער האַנדל איז געגאַנגען מיט די עיקר־פראָדוקטן פון אַלטערטימלעכן סחורות־אויסטויש, ווי תבואה, פעלן, פיש, זאַלץ

און אויך מיט שקלאַפן. פאַר אָט־די סחורות פלעגט די באָספאָר־מלוכה באַ־קומען פון גריכנלאַנד און אויך פון רוים שטאָפן, כלים, קונסט־זאַכן און אַנדערע פּראָדוקטן פון דער גריכישער און רוימישער אינדוסטריע. מיט דער צייט איז באָספאָר בכלל געוואָרן דער תבואה־שפּייכלער פון גריכנ־לאַנד. מיט דער אָפּשוואַכונג פון גריכנלאַנד איז אויך געפאַלן די מאַכט פון די גריכישע קאָלאָניעס אין דער באָספאָר־מלוכה.

קערטש־פּאַנטאַקאַפּעאַ איז געווען די קעניגין פון באָספאָר. דאָס שטרייכט אונטער דער אַלטער רוסישער פאָרשער פון די קערטשער אַל־טערטימלעכקייטן, א. שיק, וואָס שרייבט אין זיין בוך איבער דער, ווי ער רופט זי אָן, „וואָספאָרישער מלוכה", וואָס איז דערשינען מיט העכער הונ־דערט יאָר צוריק, אַז „פּאַנטאַקאַפּעאַ איז געווען איינער פון די הויפּט־מערק פון גריכנלאַנד, און האָט געצויגן צו זיך אַלע האַנדלס־צווייגן פון טאַנאַיס (גריכישער נאָמען פון טייך דאָן) און פון פאַנאַגאָריא, און האָט אונטערגע־האַלטן אַן אויסטויש מיט ברויט פון איר פּרוכטבאַרן האַלב־אינדזל און מיטן זאַלץ פון אירע אָזיערעס. פון דעמאָסטענעסעס רעדע קעגן לעפּטין (350 יאָר פאַר קריסטוסן) איז צו זען, אַז די אַטענער סוחרים האָבן קאַנטאָרן לענגאויס דעם גאַנצן ברעג פון קימערישן באָספאָר און אויך קאָמיסיאָ־נערן, וואָס פלעגן ווינטער־צייט צוגרייטן די לאַדונגען פון סחורות, כדי אָפּצושיקן זיי אין פרילינג און זומער".

ווען זענען אָבער ייִדן געקומען אין דער באָספאָר־מלוכה און ווי אַזוי האָבן זיי עס דערגרייכט צו זייער גרויסער צאָל און ראָל אין פּאַנטיקאַפּעאַ־קערטש?

וועגן דעם זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען. פאַראַן אַ מיינונג אַז דער רוימישער קייזער אַדריאַן, וואָס האָט, כידוע, אונטערדריקט דעם אויפ־שטאַנד פון בר־כוכבא, האָט אין יאָר 137 פאַרשיקט קיין באָספאָר פיל ייִדי־שע געפאַנגענע. פאַראַן אָבער אויך באַווייזן, אַז ייִדן האָבן געוווינט אין באָספאָר נאָך לאַנג פאַרן חורבן פון בית־שני. דער רוסישער געלערנטער פּאָגאָדין, וואָס האָט אין אָנפאַנג פון דעם יאָרהונדערט אַנטדעקט און דע־שיפרירט די ייִדיש־גריכישע אויפשריפטן און מצבות לעבן קערטש, האָט פעסטגעשטעלט, אַז ייִדן האָבן נאָך דאָרטן געוווינט פאַר דער קריסטוס־

ערע. אויף די אַנטדעקטע מצבות לעבן קערטש האָט מען אויך געפונען אויסגעקריצט מנורות, שופרות, לולבים און אַנדערע אַלט־יידישע סימ־באָלן. די יידישע סינאַגאָגע אין דער שכנותדיקער פעאָדאָסיע איז, וואַר־שיינלעך, די עלטסטע אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד, וואָרום זי איז אויפגעבויט געוואָרן אין יאָר 909.

די בלי־תקופה פון יידישן ישוב אין באָספאָר איז געקומען נאָך דעם, ווי די דאָזיקע מלוכה איז דעראָבערט געוואָרן דורך די כוזרים. אַריינדרינ־גענדיק קיין קרים אין 6טן יאָרהונדערט, האָבן די כוזרים געפונען שוין דאָרטן אַ קאָנטיקע יידישע באַפעלקערונג. די כוזרים אַליין האָבן, ווי באַ־קאַנט, אָנגענומען דעם יידישן גלויבן אין 8טן יאָרהונדערט. דאָן איז קערטש און איר אומגעגנט געווען אַ מקום־מקלט פאַר די ביזאַנטינישע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, צוליב די רדיפות פון אימפּעראַטאָר לעאָ דעם דריטן. די הויפּטשטאָט פון קרים, די גריכישע פּאַנטיקאַפּעאַ, האָט ביי די כוזרים באַקומען דעם נאָמען סאַמקאַרץ. וועגן דער גרויסער ראָל פון די יידן אין סאַמקאַרץ ווערט דערציילט אינעם בריוו פון כוזרישן קעניג יוסף צום פינאַנץ־מיניסטער פון קאָרדאָוואַ, חסדאי איבן שאַפּרוט. וועגן דעם זעלבן דערמאָנט אויך דער יידישער רייזנדער ר׳ פּתחיה פון רעגענסבורג.

די יידישקייט פון דער שטאָט איז, אַ פּנים, געווען באַקאַנט אויך פיל וויטער מחוץ קרים, וואָרום דער באַקאַנטער אַראַבישער געאָגראַף פון יענער צייט, איבן פאַקור, רופט אָן די שטאָט „סאַמקאַרץ אַל יאַהוד״, דער יידישער סאַמקאַרץ. אינעם אויבן־דערמאָנטן כוזרישן בריוו ווערט, אגב, אויך אָנ־געוויזן, אַז סאַמקאַרץ האָט אַ געוויסע צייט געהאַט אַ יידישן שטאָט־פאַר־וואַלטער מיטן נאָמען רב חשמונאי.

אויך אין דער קריסטלעכער וועלט האָט מען זיך שטאַרק אינטערע־סירט מיטן „יידישן סאַמקאַרץ״. עס איז באַקאַנט, אַז דער פּאַטריאַרך פאָ־טיאָס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן קריסטנטום צווישן דער יידישער און כוזרישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אין קרים זע־נען מיט אָט־דעם צוועק געווען טעטיק די באַקאַנטע קריסטלעכע מיסיאָ־נערן, די ברידער קיריל און מעטאָדיוס, וואָס זענען, כידוע, אויך פאַרהיי־

ליקט געוואָרן דורך דער פּראַוואָסלאַוונער קירכע פאַר זייער אייפערדיקער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום צווישן די רוסיש־סלאַווישע שבטים. ווי עס ווייזט אויס, האָבן אָבער די ביידע „הייליקע" נישט געהאַט קיין דערפּאָלג צווישן די ייִדן און די כוזרים.

אויף די גרויסע גריכישע קאָלאָניע אויף דער אַנדערער זייט פון קערטשער ים־דורכגוס, פּאַנאַגאָריע מיט איר ייִדישער באַפעלקערונג, איז אַריינגעפאַלן צו די כוזרים. די מצבות און אַנדערע אויסגעגראָבענע דענקווירדיקייטן, וואָס מ'האָט דאָרטן געפונען, דערציילן וועגן אַ ייִדיש לעבן, וואָס איז מיט צוויי־דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק געווען אויף דער צווייטער זייט פון קערטשער ים־דורכגאַנג, וווּ עס געפינט זיך דער טאַמאַנער האַלב־אינדזל. אין די גריכישע צייטן האָט די געגנט געהייסן טאַמאַטאַרכאַ. שפּעטער, און ווען די כוזרים זענען צעשלאָגן געוואָרן דורך די רוסן, האָט דער האַלב־אינדזל באַקומען דעם וווּיל־קלינגענדיקן רוסישן נאָמען טמו־טאַראַקאַן.

די בלי־תקופה פון ייִדישן ישוב אין קערטש און אין גאַנץ קרים איז אויסגעפאַלן אויף יענער צייט, ווען די כוזרישע מלוכה האָט דערגרייכט איר העכסטע אַנטוויקלונג. דאַן מיט 11־12 יאָרהונדערטער צוריק האָט זיך די כוזרים־מלוכה אויסגעשפּרייט פון אונטערשטן טייל וואָלגע ביז ווייט איבערן דניעפּער, און פון קיִעוו ביז די דרום־ברעגן פון איצטיקן רוסלאַנד, ביים שוואַרצן ים און קאַווקאַז. קיִעוו גופא, די דאָזיקע „מוטער פון די רוסישע שטעט", איז געגרינדעט געוואָרן דורך די כוזרים און האָט געהייסן „סאַמבאַט" (אַ פעסטונג).

די הויפּטשטאָט פון דער כוזרים־מלוכה, איטיל, איז געלעגן נישט ווייט פון דער איצטיקער אַסטראַכאַן. די אַנדערע באַקאַנטע שטעט זענען געווען: סאַרקעל, ביים דאָן, וואָס איז דורך די רוסן אָנגערופן געוואָרן „ביעלאַיאַ וויעזשאַ" (ווייסער טורעם).

די כוזרים האָבן געפירט פיל מלחמות מיט פערסן און אַראַבער אין טראַנסקאַווקאַזיע, און מיט גריכן, רוסן, פּעטשענעגן און פּאָלאָווצעס — אויף די סטעפּעס פון דרום־רוסלאַנד. אַ דאַנק די זיגן איבער אָט־די אַלע

קעגנער זייערע, האָבן עס די כוזרים מצליח געווען אויסצובויען זייער גרויסע מלוכה און ווערן אַ גרויסמאַכט. זיי פלעגן אָפט שליסן בונדן, דער עיקר, מיט דער צווייטער גרויסמאַכט פון יענער צייט, — מיט ביזאַנץ.

סאמקארץ איז אָבער אין גאַנג פון די כסדרדיקע מלחמות מיט די רוסן, אַריינגעפאַלן איינמאָל צו זייער פירשט איגאָר, וואָס האָט פיל ייִדישע געפאַנגענע איבערגעגעבן צו די הערשער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין יאָר 941 האָבן די כוזרים צוריקגענומען די שטאָט. אין דער זעלבער צייט האָט דער אָנפאַל פון פעטשענעגן אויף צפון־כאַזאַריע פאַרטריבן פון דאָרטן דעם וואַנדערנדיקן כוזרישן שבט, קאַבאַרן. די לעצטע האָבן צוזאַמען מיט די וואַנדערנדיקע מאַדיאַרן־שבטים, וואָס זענען געקומען פון דער וואָלגע, — אויסגעוואַנדערט קיין אונגאַרן, ווו מען טרעפט עד־היום כוזרישע נעמען, פונקט ווי מען געפינט אַזעלכע ישובים־נעמען בכלל אויפן גאַנצן ברייטן שטח, וואָס ציט פון דרום־רוסלאַנד קיין גאַליציע און נאָך ווייטער — קיין אונגאַרן.

די גרויסע כוזרישע מלוכה איז, ווי באַקאַנט, געפאַלן אין מיטן פון צענטן יאָרהונדערט, ווען דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט דעראָבערט די כוזרישע הויפּטשטאָט איטיל און האָט חרוב געמאַכט זייער פעסטונג סארקעל. נאָכן פאַלן פון די דאָזיקע שטעט, זענען אָבער געבליבן עקסיסטירן צוויי קליינע כוזרישע פירשטנטומס, — אין דערמאָנטן קרים און אין דאַגעסטאַן, אויף קאַווקאַז. ביידע פירשטנטומס זענען געלעגן אויף דער פעריפעריע פון דער אַמאָליקער אויסגעשפּרייטער כוזרישער מלוכה.

ס׳איז אינטערעסאַנט צוצוגעבן דערביי, אַז קרים איז געווען באַקאַנט די רייזנדע פון איראָפּע אונטערן נאָמען „גהאַזאַריאַ״, די איטאַליענישע פאָרם פון כאַזאַריע. „גהאַזאַריע״ האָט קרים געהייסן ביי די איטאַליענער און אין מערב־איראָפּע בכלל.

די ייִדן אין דאַגעסטאַן, ווי אויך די כוזרים, וואָס האָבן דאָרטן איינגעהאַלטן דעם ייִדישן גלויבן, זענען שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אין רוסלאַנד אַלס די „באַרג־ייִדן״, ווי אויך אונטערן נאָמען „קומיקי״.

וואָס שייך קרים, זענען די דאָרטיקע ייִדן און כוזרים, נאָכן דעראָבערן

די געגנט דורך די רוסן, געבליבן עקסיסטירן טיילוויז צווישן די קאַ־ראַימער און טיילוויז צווישן די אַזוי גערופענע „קרימטשאַקעס״, וואָס ריידן אויף אַ טאָטערישן דיאַלעקט, וועלכן זיי לייגן אָבער אויס מיט העברעיִשע אותיות.

כערסאָנעס

אין קרים, אויפן כערסאָנער האַלב־אינדזל, געפינען זיך רויִנעז פון אַן אַלטער, שוין לאַנג פאַרשווונדענער שטאָט, — אפשר די עלטסטע שטאָט אויפן שטח פון רוסלאַנד, — וואָס האָט נאָך עקסיסטירט אין דער פאַר־קריסטוס־צייט און איז דאַן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען כערסאָנעס, אָדער די טאַורישע כערסאָן.

פונקט ווי די איבעריקע אַלטע שטעט אויפן קרימער האַלב־אינדזל, איז אויך די טאַורישע כערסאָן געגרינדעט געוואָרן דורך גריכישע קאָ־לאָניסטן, וואָס זענען אַראָפּגעקומען קיין קרים פון קליין־אַזיע. מ׳האַלט, אַז די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק און האָט עקסיסטירט ביזן 13טן יאָרהונדערט. ליגנדיק ביים סאַמען דרום־שפּיץ פון קרים, איז כערסאָן געווען אַ פיל זיכערער פונקט פאַר די גריי־כישע קאָלאָניסטן ווי די צוויי אַנדערע גרויסע ניי־געגרינדעטע שטעט, פאַנ־טאַקאפּעאָ (די איצטיקע קערטש) און אָלוויאַ (איצט ניקאָלאַיעוו), וואָס פלעגן כסדר אָנגעגריפן ווערן דורך די ווילדע טאַורישע שבטים, וואָס האָבן דאַן געלעבט אין קרים, אָדער פון די נישט־ווייניקער ווילדע סקיפן, די פאָר־גייער פון די איצטיקע רוסן, וואָס האָבן דאַן באַוווינט דרום־רוסלאַנד. — אַ געגנט וואָס אין די אויגן פון די גריכן און די רוימער איז עס געלעגן הינטער די הרי חושך.

כערסאָן די טאַורישע, האָט צוזאַמען מיט פאַנטיקאפּעאָ, אָלוויאַ, אנאפּא, טאנאיס, קאפא און אַנדערע גריכישע קאָלאָניעס, וואָס זענען גע־לעגן ס׳רוב ביי די ברעגן פון קרימער האַלב־אינדזל, געהערט צו גריכנ־לאַנד און איז אַ לאַנגע צייט געווען איר תבואה־שפּייכלער, באַזאָרגנדיק די גריכישע מעטראָפּאָליע מיט ברויט, פיש, שקלאַפן, פעלן, האָלץ און אַנ־דערע אַרטיקלען פונעם דעמאָלטדיקן מסחר.

די אַלע אויסגערעכנטע שטעט האָבן אָבער אויך גענאָסן פון אַ בריי־

טער אויטאָנאָמיע און זענען פּאַקטיש געווען מלוכות פאַר זיך, פירנדיק צווישן זיך אַ גרויסע קאָנקורענץ אויפן האַנדלס־געביט און אַמאָל אויך מלחמות.

צווישן די רוינען פון כערסאָן האָט מען געפונען אַן אויפשריפט מיטן טעקסט פון דער שבועה וואָס עס פלעגט דאַרפן אָפּגעבן יעדער איינוווינער פון דער שטאָט ביים באַקומען בירגערשאַפט. אין דער דאָזיקער שבועה ווערט געזאָגט, אַז דער נייער בירגער פאַרפליכטעט זיך נישט צו באַטייליקן זיך אין די פאַרשווערונגען קעגן דער געמיינדע פון די כערסאָנער און קעגן עמעצן פון אירע בירגער. דער פאַקט, אַז פאַרשווערונגען קעגן דער שטאָט ווערן דערמאָנט אין דער שבועה, איז אַ באַווייז, אַז זיי זענען געווען אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג און זענען, אַמוואַרשיינלעכסטן, געמאַכט געוואָרן דורך די שכנותדיקע גריכישע שטעט, וואָס האָבן געוואָלט אונטערוואַרפן אונטער זיך די דאָזיקע, אַ פנים, גאַר פאַרמעגלעכע גרויסע קאָלאָניע אין קרים.

צוזאַמען מיט די איבעריקע גריכישע קאָלאָניעס אויפן האַלב־אינדזל, האָט כערסאָן דורכגעמאַכט אַ גרויסע געשיכטע פון בהדרגהדיקן אויפשטייג, פונאַנדערבלי און אונטערגאַנג. די גרעסטע אַנטוויקלונג האָבן די גריכישע ישובים אין קרים דורכגעמאַכט אונטערן קעניג מיטרידאַט יעוופּאַטאָר, וועלכער האָט אויפגעבויט די גרעסטע גריכישע מלוכה אויף די ברעגעס פון שוואַרצן ים און איז אין זיין צייט געווען דער געפערלעכסטער קעגנער פון רוים.

מיטרידאַט האָט זיך, כידוע, פאַרמאָסטן אַרויסצוטרייבן די רוימער פון זייערע קאָלאָניעס אין אַזיע און האָט געפירט קעגן דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע דריי מלחמות, וועלכע האָבן פאַרשאַפט פיל זאָרגן די הערשער פון רוים. נאָכן טראַגישן סוף פון דעם דאָזיקן געפערלעכן קעגנער פון רוים, וועלכער איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב דעם פאַרראַט פון זיינע קריגס־העלפער און אַפילו פון זיין אייגענעם זון, — זענען די גריכישע ישובים אין קליין־אַזיע און קרים אַרונטערגעפאַלן פולשטענדיק אונטער דער הערשאַפט פון רוים. די רוימישע אימפּעראַטאָרס פלעגן הערשן איבער די גרויסע גריכישע קאָלאָניעס, אויסשפּילנדיק איינע קעגן דער צווייטער. דאָ

פלעגט מען פּראָטעזשירן כערסאָן קעגן פּאַנטיקאַפּעאַ, אַ צווייטן מאָל פלעגט מען פּראָטעזשירן די דאָזיקע הויפּטשטאָט פון דער וואָספּאָרישער מלוכה קעגן אָט דער שענסטער גריכישער קאָלאָניע פונעם טאַורישן האַלב־אינדזל (ווי ס׳האָט ביי די גריכן געהייסן קרים).

כערסאָן האָט געזען איבער זיך אויך די הערשאַפט פון ביזאַנץ. די אויסגראָבונגען האָבן אַנטדעקט רוּינען פון געביידעס, וואָס געהערן סיי צו דער גריכישער, סיי צו דער רוימישער, סיי צו דער ביזאַנטישער תקופה, ווען אין דער שטאָט איז שוין געווען אַ באַטייטנדיקע קריסטלעכע באַפעל־קערונג, וועגן וואָס עס זאָגן עדות די אויסגעגראָבענע פונדאַמענטן פון די קריסטלעכע „באַזיליקעס״.

ייִדן זענען געווען אין אַלע גרויסע גריכישע קאָלאָניעס אין קרים, און אין קערטש (די כוזרישע סאַמקאַרטש) איז זייער צאָל אין צייט געווען אַזאַ גרויסע, אַז ביי די אַראַבישע געאָגראַפן האָט די שטאָט געהייסן „סאַם־קאַרץ אַל יאַהוד״, — די ייִדישע סאַמקאַרטש. וואָס שייך די ייִדן אין כערסאָן, איז באַקאַנט אַז אין דעם 300סטן יאָר האָבן זיי זיך באַטייליקט אין אַן אויפשטאַנד, צוזאַמען מיט די געצנדינער, קעגן דער קריסטלעכער מאַכט אין דער שטאָט. דער דאָזיקער פאַקט, וועגן וועלכן עס ווערט דער־ציילט און די לעבנס־באַשרייבונגען פון צוויי קריסטלעכע הייליקע פון כער־סאָן, קאָן אויך באַטראַכט ווערן אַלס באַווייז, אַז ייִדן האָבן זיך נישט געפילט אין דער דאָזיקער גריכישער שטאָט אַלס פרעמדע, צי ניי־געקומענע, וועלכע געפינען דאָרטן בלויז פון אַזיל־רעכט, נאָר זענען דאָרטן געווען אַלט־באַזע־סענע תושבים, וועלכע קאָנען אַפילו זיך ווענדן צום מיטל פון אויפשטאַנד, כדי צו פאַרטיידיקן זייערע רעכט אָדער כדי אומצוּוואַרפן אַ מאַכט וואָס געפעלט זיי נישט.

די לאַגע פון די ייִדן האָט זיך געוויס פאַרבעסערט, ווען כערסאָן און בכלל דער גאַנצער קרימער האַלב־אינדזל איז דעראָבערט געוואָרן דורך די כוזרים. געשען איז עס אין 581. דער גריכישער נאָמען פון דער שטאָט „כערסאָנעס״ איז ביי די כוזרים געוואָרן שורשונא. אַז ייִדן זענען אונטער די כוזרים געוואָרן אַ וויכטיקער און אָנגעזעענער עלעמענט אין דער באַ־פעלקערונג פון דער שטאָט, איז צו זען פון דעם וואָס דער סלאַווישער אַפּאָס־

טאָל קיריל, וועלכער האָט זי באַזוכט אין 861, אויפן וועג קיין כאַזאַריען און צו די דרום־סלאַוון, וווהין ער איז, כידוע, געפאָרן מיט דער מיסיע צו פאַרשפרייטן קריסטנטום, — דערמאָנט אין זיינע זכרונות די כערסאָנער ייִדן.

די שטאָט פלעגט אָבער אין יענער צייט אַריבערגיין פון האַנט צו האַנט. די כוזרים האָבן אָפט געהאַט צו טאָן מיטן בונד פון ביזאַנץ און די רוסן, וועלכע פלעגן שליסן יד־אחת, כדי צו ברעכן די שטאַרק אויסגעוואַקסענע כוזרישע מאַכט, וואָס האָט געהאַט אונטער זיך דעם גאַנצן גרויסן שטח פון שוואַרצן ים.

ווען דער כוזרישער מלך יוסף האָט מיט אַ דריי הונדערט און פופציק יאָר נאָך דער דעראָבערונג פון כערסאָן דורך די כוזרים, ווידער פאַרכאַפּט די שטאָט, וועלכע איז אַ פּנים דערווייל אָפּגעפאַלן פון דער כוזרישער מלוכה, — האָט ער דאָרטן געמאַכט אַ שחיטה אויף די רוסן, אַלס די פאַרבינדעטע פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַן אָפּקלאַנג פון דער דאָזיקער געשעעניש געפינען געוויסע געלערטע אין יענעם טייל פון אַלט־רוסישן העלדן־עפּאָס, די אַזוי־גערופענע „בילינעס” (גבורים־לידער), ווו עס ווערט דערציילט וועגן קאַמף פונעם רוסישן פאָלקסהעלד גבור איליאַ מוראָמעץ מיטן זשידאָווין, ווייל דער לעצטער (זשידאָווין באַדייט ייִד), האָט אומגעבראַכט פיל רוסן אין די סטעפּעס.

אַ פּנים, אַז די שטאָט האָט זיך דאָך נישט איינגעהאַלטן לאַנג ביי די כוזרים, וואָרום אין דער רוסישער געשיכטע ווערט דערציילט, אַז דער רוסישער גרויס־פירשט וולאַדימיר דער הייליקער האָט שפּעטער אָפּגעגעבן כערסאָן די גריכן, אַלס אָפּצאָל פאַר זיין פרוי, — די שוועסטער פון ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר. ביי די רוסן, ווו כערסאָן איז געוואָרן באַקאַנט אונטערן נאָמען קאָרסון, איז די דאָזיקע שטאָט בכלל אַרומגערינגלט מיטן אָרעאָל פון אַ הייליקן פּלאַץ און די לעגענדע זייערע דערציילט, אַז טאַקע אין קאָרסון האָט עס וולאַדימיר אָנגענומען דאָס קריסטנטום און דורכגעפירט דעם טבילה־ריטואַל, מקיים זייענדיק אַזוי אַרום די ערשטע קריסטלעכע מצוה.

דער לעצטער היסטאָרישער סימן פון די ייִדן אין כערסאָן באַציט זיך

צום 11טן יאָרהונדערט, ווען — ווי די כראָניקעס דערציילן — די פּאָלאָווצעס האָבן געהאַלטן די שטאָט אין זייער מאַכט. דאַן זאָלן זיי האָבן פאַרקויפט צו ייִדן דעם רוסישן מאָנאַך יעווסטראַטי, פאַרוואָס מ׳האָט אַלע ייִדן שפּעטער אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט.

די טאַורישע כערסאָן האָט אָבער לאַנג שוין נישט עקסיסטירט. די שטאָט איז פאַרלאָזן געוואָרן אינגאַנצן אין 13טן יאָרהונדערט. פון דער אַמאָליקער גלאָררייכער תקופה פונעם רייכן און גרויסן ישוב אויפן מערב־ברעג פון קרים זענען איבערגעבליבן נאָר רויִנען, וועלכע ציִען צו זיך אַ לענגערע צייט די אויפמערקזאַמקייט פון פאַרשידענע פאָרשער פונעם אַנטיקן אַלטערטום.

מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק האָבן סאָוועטישע ים־טויכער געמאַכט אַ וויכטיקע אַנטדעקונג: זיי האָבן, נעמלעך, געפונען אַ גרויסע טייל פון דער אַלטער כערסאָן, ליגנדיק אונטערן וואַסער. דער ברעג פון ים האָט זיך, אַ פּנים, אין משך פון די לעצטע פאַר טויזנט יאָר אַראָפּגעלאָזן און גאַנצע גאַסן פון דער עלטסטער טייל פון דער שטאָט, צוזאַמען מיט זייערע בנינים, זענען בּיסלעכווייז פאַרזונקען געוואָרן אין ים, ווו מ׳האָט זיי צופעליק אַנטדעקט ערשט אין אונדזער צייט, — באַשטעטיקנדיק אַזוי אַרום די שוין לאַנג אַרויסגעזאָגטע מיינונג, אַז די אַלטע כערסאָן איז געלעגן צו מערב פון די איצטיקע רויִנען.

די געשיכטע פון די ייִדישע ישובים אין די אַלטע קרימישע קאָלאָניעס באַווייזט, אַז ייִדן זענען אַן אור־אַלטער עלעמענט אויפן שטח פון איצטיקן רוסלאַנד און אַז אין די באַטרעפנדיקע געביטן האָבן זיי זיך באַזעצט פיל פריִער פאַר די רוסן. אינטערעסאַנט איז דאָ צו באַמערקן, אַז ד״ר מ. גומפּלאָוויטש, דער זון פון באַרימטן סאָציאָלאָג, האָט אין זיין בוך איבער די התחלות פון די ייִדישע ישובים אין פּוילן, דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז אויך קיין פּוילן זענען די ייִדן געקומען זייער פרי און געגאַנגען זענען זיי צוערשט אַהין נישט פון מערב, נאָר פון קרים און פון דער כוזרשיער מלוכה.

די „יידישע פעסטונג" אין קרים

I

אַ „שטעטל" אויף אַ נאַקעטן פעלדז פון קיזלשטיין, היילן און אונטער־ערדישע קאָרידאָרן, די הויפּט־גאַס ווערט יעדע נאַכט פאַרשלאָסן דורך אייזערנע טויערן, דאָס שטעטל מאַכט בכלל דעם איינדרוק נישט פון אַ מאָדערנעם ישוב, נאָר פון עפּעס אַן אַרכעאָלאָגישן דענקמאָל, — אַט אַזוי ווערט געשילדערט אין דער באַטרעפנדיקער רוסישער ליטעראַטור* די „יידישע פעסטונג", טשופוט־קאַלע בלע"ז, וואָס די רוסן האָבן ביים דעראָבערן קרים אָנגערופן „זשידאָווסקי גאָראָד".

וואָס עס ווערט דאָרט נישט דערציילט וועגן דער דאָזיקער געהיימניספולער יידישער שטאָט, וועלכע איז, אגב, שפּעטער פאַרלאָזט געוואָרן דורך אירע איינוווינער, איז — אַז דאָרט זאָל האָבן געלעבט דער קאַראַאימישער גייסטלעכער יצחק סאַנגאַרי, וועלכער האָט, ווי די קאַראַאימער באַהויפּטן, אַריינגעפירט דעם יידישן גלויבן צווישן די כוזרים. טשופוט־קאַלע זאָל אויך האָבן געווען דער לעצטער מקום־מקלט פון די כוזרישע קאַגאַנען, ביי דער עס איז אונטערגעגאַנגען, אין 11טן יאָרהונדערט, די לעצטע כוזרישע מלוכה, וואָס איז נאָך געבליבן עקסיסטירן אין קרים, אָדער גהאַזאַריע, ווי קרים האָט אין מיטלאַלטער געהייסן אין מערב־איראָפּע.

שפּעטער האָבן אין דער יידישער פעסטונג פון קרים געוווינט די טאָטערישע כאַנען.

דאָס וויכטיקסטע אָבער, וואָס ווערט דערציילט וועגן טשופוט־קאַלע איז, אַז די יידישע פעסטונג זאָל האָבן עקסיסטירט עטלעכע הונדערט יאָר נאָך פּאַר קריסטוסן, און ווי די קאַראַאימער, די אויטאָרן פון דער דאָזיקער

* ס. סעמיאָנאָוו. געאָגראַפישער ווערטער־בוך פון דער רוסישער אימפּעריע, ב' 5 (רוסיש), פּעטערבורג, 1885.

ווערסיע באַהויפּטן, זאָל טשופוט־קאַלע דאַן געזאָלט טראָגן נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דעם עכטן העברעיִשן נאָמען סלע היהודים...

די קרימער טאַטערן, הייסט עס, האָבן שפּעטער דעם דאָזיקן נאָמען פאַרטאַטערישט אויף טשופוט־קאַלע.

אַרום אַט דער איצט פאַרלאָזענער ייִדישער פעסטונג פון קרים האָט זיך שטאַרק געטומלט מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, ווען רוסישע היסטאָרי־קערס האָבן זיך פאַראינטערעסירט מיט דער געשיכטע און אָפּשטאַמונג פון די קאַראַימער. די קאַראַימער איז געגאַנגען אין לעבן צו דערווייזן, אַז זיי האָבן נישט קיין שום שייכות צו ייִדן, אַז זיי האָבן נישט מיטגעמאַכט די גאַנצע ייִדישע געשיכטע און טראָגן נישט דעריבער קיין שום פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַר די טענות, וואָס די קריסטלעכע וועלט שטעלט אַרויס קעגן ייִדן.

אין דער ערשטער ריי האָט זיך עס געהאַנדלט צו דערווייזן, אַז די קאַראַימער האָבן נישט קיין שום שייכות צו דער קרייציקונג פון קריסטוסן. די קאַראַימער איז, אַלזאָ, געגאַנגען אין באַווייזן, אַז זיי זענען געקומען קיין קרים נאָך פאַר קריסטוסן.

אַזעלכע באַווייזן האָט עס דער קאַראַימישער געלערנטער פירקאָוויטש געוואָלט געפינען אין טשופוט־קאַלע.

פירקאָוויטש האָט צוערשט, מיט דער הילף פון דער פּאָליציי, צוגענו־מען ביי די קרימער ייִדן פון קאַראַסו־באַזאַר די אַלטע כתבי־הקודש, וואָס די „קרימטשאַקעס" האָבן מיט דורות צוריק אָפּגעקויפט ביי ייִדן פון בבל און פון עגיפּטן. די אָפּגענומענע אַלטע חומשים און תנ"כן פון 9טן און 10טן יאָרהונדערט האָט פירקאָוויטש „אויסגעבעסערט", צוגעשריבן צו זיי על־טערע דאַטעס, אַריינגעשריבן פּונקטן פון קרים, אַריינגעשטעלט מעשיות וועגן די קרימער קאַראַימער אאַז"וו. די אַנטשפּרעכנדיקע אַזוי אַרום „קאָ־רעגירטע" דאָקומענטן האָט פירקאָוויטש אָנגעגעבן אַלס געפונענע אין דער „ייִדישער פעסטונג" פון קרים.

די גרעסטע פעלשונגען האָט אָבער פירקאָוויטש געמאַכט אין טשופוט־קאַלע גופא. אין דעם אַזוי־גערופענעם עמק יהושפט, ווו עס געפינט זיך דער קאַראַימער בית־עולם פון טשופוט־קאַלע, האָט פירקאָוויטש „אַנט־

דעקט״ מצבות און דענקמעלער, וואָס באַווייזן, אַז קרים איז אין די אור־אַלטע צייטן געווען באַזעצט דורך די איינוווינער פון דעם ביבלישן מדי און אַז צוזאַמען מיט זיי זענען עס געקומען קיין קרים ייִדן פון די עשרת השבטים. די דאָזיקע ייִדן האָבן עס אויפגעשטעלט אין קרים אירע עלטסטע ישובים און דערונטער אויך דעם סלע היהודים, דאָס הייסט די איצטיקע טשופוט־קאלע.

פון די אַלע מעשיות פון פירקאָוויטשן האָבן די קאַראַימער געמאַכט דעם געהעריקן געברויך. אויף דעם סמך פון פירקאָוויטשעס „אַנטדעקונג״, האָבן זיי זיך געווענדט צו דער רוסישער מאַכט וועגן געבן זיי די זעלבע רעכט, ווי די רוסן און נישט אונטערוואַרפן זיי די באַגרענעצונגען פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג אין רוסלאַנד, מאָטיווירנדיק עס מיט דעם, וואָס זיי, די קאַראַימער, האָבן גאָרנישט געמיינזאַמעס מיט די ייִדן, זיי האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דעם משפט איבער קריסטוסן, זיי זענען נישט שולדיק אין זיין קרייציקונג, און האָבן בכלל נישט יענע חסרונות און שלעכטע זיטן, וועלכע די צאַרישע מאַכט האָט פאַרגעוואָרפן די ייִדן. די קאַראַימער האָבן דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז זיי זענען נישט קיין „ייִדן־קאַראַימער״ ווי זיי האָבן דאַן געהייסן אין רוסלאַנד, — נאָר „רוסישע קאַראַימער פון משה־רבינוס גלויבן״.

די קאַראַימער האָבן זייער ציל דערגרייכט. זיי זענען באַפרייט געוואָרן פון אַלע רעכט־באַגרענעצונגען, וועלכע זענען געלעגן אויף די ייִדן און זיי זענען אויסגעגליכן געוואָרן אין די רעכטן מיט דער רוסישער באַפעלקערונג. די מעשיות פון פירקאָוויטשן וועגן די קאַראַימער אַלס אָפּשטאַמיקע פון די עשרת־השבטים, וועגן דעם סלע־היהודים וואָס איז געשטאַנען אויף דעם אָרט פון דער איצטיקער טשופוט־קאלע, זענען אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער וויסנשאַפט. דער נאָמען טשופוט־קאלע, ווי דער ישוב הייסט איצט ביי די קרימער טאַטערן, האָט זיך גענומען פון דעם, וואָס די טאַטערישע הערשער פון קרים האָבן בשעתם אַריבערגעפירט די קאַראַימער־געמיינדע פון זייער הויפּטשטאָט, פּאַכטשיסאַראַי, אין דער נעבן־ליגנדיקער פעסטונג קירקיער, וועלכע האָט אַ דאַנק דעם שפּעטער באַקומען דעם נאָמען טשופוט־קאלע, אָדער „ייִדישע פעסטונג״.

אין שייכות מיט דעם איז כדאַי צו באַמערקן, אַז אין מיטלאַלטער האָבן בכלל עקסיסטירט אין צענטראַל און מזרח־איראָפּע ישובֿים מיט ייִדישע נעמען. אַזוי זענען נעבן פּויזן און קאַליש געווען דערפֿער מיט דעם נאָמען זשידאָווא, אין גאַליציע דערמאָנען מיטלאַלטערלעכע קוועלן די פּונקטן זשידאָוו, זשידאָווסקאָ וואָליאַ. נאָך איצט איז דאָרט פֿאַראַן אַ שטעטל זשידאָטום.

פֿון דייטשע קוועלן איז באַקאַנט, אַז לעבן מאַגדענבורג און אַנדערע דייטשע שטעט זענען אין מיטלאַלטער געווען ישובֿים מיט דעם נאָמען יו־דענדאָרף. אין דער עסטרייכישער פּראָווינץ שטייערמאַרק איז אַפֿילו געווען יודענבורג, דאָס הייסט, אַ דייטשע טשופּוט־קאַלע. אַ שטאָט מיט אַ ייִדישן נאָמען זאָל אויך זיין די שטאָט קאַלאַטאַיוד אין שפּאַניע, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער ייִדישער ישוב, און וואָס איר נאָמען זאָל שטאַמען פֿון שפּאַנישן קאַסטיליאַ דע לאָס כודיאָס. פֿון שפּאַניע, איבער דייטשלאַנד און פּוילן ביז קרים ציט זיך, אַלזאָ, אַ קייט ישובֿים, וואָס זענען מאַרק־שטיינער אויף דעם וועג פֿון ייִד.

אין קרים און לעבן קרים געפֿינען זיך שטעט, וועלכע זענען אפשר די עלטסטע ישובֿים אויף דער טעריטאָריע פֿון רוסלאַנד און האָבן נאָך מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געהאַט אַ ייִדישע באַפֿעלקערונג.

די דאָזיקע שטעט זענען די שכנותדיקע פֿעאָדאָסיע און די ווייטער־ליגנדיקע כערסאָן און אָלוויאַ. די אַלע שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן נישט דורך די רוסן, נאָר דורך די גריכן, וואָס האָבן מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק איבערגעוואַנדערט קיין דרום־קרים. שוין אין די אַלטע, גרי־כישע צייטן זענען אין די אַלע שטעט געווען ייִדישע ישובֿים.

קערטש, וועלכע האָט ביי די גריכן געהייסן פּאַנטיקאַפּעאָ, איז געווען די הויפּטשטאָט פֿון דער דאָזיקער, שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדענער גריכישער מלוכה אין דרום־רוסלאַנד.

די כוזרים, וועלכע זענען אַריינגעדרונגען קיין קרים אין 6טן יאָרהונ־דערט, האָבן דאָרטן געפֿונען אַ באַטייטנדיקע ייִדישע באַפֿעלקערונג. די כוזרים, ווי באַקאַנט, האָבן אָנגענומען דעם ייִדישן גלויבן אין מיטן פֿון 8טן יאָרהונדערט. דעמאָלט איז קערטש און די גאַנצע אומגעגנט געוואָרן אַ

מקום־מקלט פאַר די ביזאַנטישע ייִדן, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון קאָנסטאַנ־טינאָפּאָל, צוליב די רדיפות פון אימפּעראַטאָר לעאָ דעם 3טן.

די הויפּטשטאָט פון קרים, די אַמאָליקע גריכישע פּאַנטיקאַפּעאָ, האָט ביי די כוזרים באַקומען דעם נאָמען סאַמקאַרץ. וועגן דער גרויסער ראָל פון די ייִדן אין סאַמקאַרץ ווערט דערמאָנט אין דעם בריוו פון כוזרישן קעניג יוסף צום פינאַנץ־מיניסטער פון קאָרדאָווע, חסדאי איבן שאפּרוט. וועגן איר דערמאָנט אויך דער באַקאַנטער ייִדישער רייזנדער, ר׳ פּתחיה פון רע־גענסבורג. די ייִדישקייט פון דער שטאָט איז אַ פּנים, געווען באַקאַנט אויך פיל ווייט מחוץ קרים, ווארום דער באַקאַנטער אַראַבישער געאָגראַף פון יענע צייטן, איבן פאַקור, רופט אָן די שטאָט „סאַמקאַרץ אל יאהוד״, דער ייִדישער סאַמקאַרץ. אין דעם אויבנדערמאָנטן כוזרישן בריוו ווערט, אגב, אויך אָנגעוויזן, אַז סאַמקאַרץ האָט אַ געוויסע צייט געהאַט אַ ייִדישן שטאָט־פאַרוואַלטער, מיטן נאָמען רב חשמונאי.

אויך אין דער דעמאָלטדיקער קריסטלעכער וועלט האָט מען זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם „ייִדישן סאַמקאַרץ״. עס איז באַקאַנט, אַז דער פּאַטריאַרך פאָטיאָס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט געוואָלט פאַרשפּרייטן קריס־טנטום צווישן דער ייִדישער און כוזרישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אין קרים זענען פאַר דעם צוועק געווען טעטיק די באַקאַנטע פאַרשפּרייטער פון קריסטנטום צווישן די דרום־סלאַוון, די ברידער קיריל און מעטאָדיוס, וועלכע זענען, צוליב דער אייפעריקער פאַרשפּרייטונג פון קריסטנטום צווישן די רוסן, פאַרהייליקט געוואָרן דורך דער אָרטאָדאָקסישער קירכע. ווי עס ווייזט אָבער אויס, האָבן די ביידע סלאַווישע אַפּאָסטאָלן נישט געהאַט קיין דערפאָלג צווישן די ייִדן און די כוזרים.

אויך די גרויסע גריכישע קאָלאָניע אויף דער אַנדערער זייט פון קער־טשער ים־דורכגאַנג, פאַנאַגאַריאַ, מיט איר באַטייטנדיקער ייִדישער באַפעל־קערונג, איז אַריינגעפאַלן צו די כוזרים. די מצבות און אַנדערע אויסגע־גראָבענע דענק־ווירדיקייטן, וואָס מען האָט דאָרט געפונען, דערציילן וועגן אַ ייִדישן לעבן, וואָס איז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק געווען אויף דער צווייטער זייט פון קערטשער ים־דורכגאַנג אויף דעם טאַמאַנער האַלב־אינ־דזל, וועלכער האָט ביי די גריכן געהייסן טאַמאַטארכא און וועלכער האָט

שפעטער, נאָך זיין דעראָבערונג דורך די רוסן, באַקומען דעם ווויל־קלינ־גענדיקן רוסישן נאָמען „טמוטאראקאַן״.

די בלי־תקופה פון דעם ייִדישן ישוב אין קערטש און אין גאַנץ קרים איז אויסגעפאַלן אין יענער צייט, ווען די כוזרישע מלוכה האָט דערגרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון איר אַנטוויקלונג. דאַן האָט די דאָזיקע מלוכה פאַרנומען אַ גרויסן שטח, פון אונטערשטן טייל פון דער וואָלגע ביז ווייט איבער דעם דניעפּער, און פון קיִעוו ביז דעם דרום־ברעג פון שוואַרצן ים און קאַווקאַז.

קיִעוו גופא, די דאָזיקע, ווי די רוסן רופן זי אָן „מוטער פון די רוסישע שטעט״, איז געגרינדעט געוואָרן דורך די כוזרים און האָט חוץ דעם נאָמען קיִעוו, וועלכער באַדייט אין טערקיש (די כוזרים זענען געווען אַ טיורקישער שבט) ברעג־ישוב, געטראָגן אויך דעם נאָמען „סאַמבאַט״ (אַ פעסטונג). די הויפּטשטאָט פון דער כוזרישער מלוכה, איטיל, איז געלעגן נישט ווייט פון דער איצטיקער אַסטראַכאַן. די אַנדערע באַקאַנטע שטעט זענען געווען סאַר־קעל, ביים דאָן, וועלכע האָט ביי די רוסן שפּעטער געהייסן בעלאַיאַ וויע־זשאַ, און סעמענדער ביים קאַספּישן ים.

די כוזרים האָבן געפירט פיל מלחמות מיט די פּערסן און אַראַבער אין טראַנסקאַווקאַז, און מיט די גריכן, רוסן, פּעטשענעגען און פּאָלאָווצעס אויף די סטעפּעס פון דרום־־רוסלאַנד. זייער גרויסע מלוכה האָבן זיי אויסגע־בויט, אַ דאַנק זייערע זיגן איבער די אַלע דאָזיקע קעגנער. אָפט פלעגן זיי שליסן בונטן, דער עיקר, מיט די אימפּעראַטאָרן פון ביזאַנץ, קעגן די רוסן און די ווילדע שבטים פון די סטעפּעס. פאַראַן אַ מיינונג, אַז אויך די ייִדישע אמונה האָט דער כוזרישער „קאגאַן״ און זיין הויף אָנגענומען הויפּטזעכלעך, צוליב, אַזוי צו זאָגן אויסערלעך־פּאָליטישע חשבונות, — נישט וועלנדיק אָננעמען דעם קריסטנטום און ווערן אָפּהענגיק פון די אימפּעראַטאָרן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, און אויך נישט אַרונטערפאַלן אונטער דער השפעה פון די קאַליפן פון באַגדאַד, דורך אָננעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. מיט די אַראַבער האָבן די כוזרים לאַנגע יאָרן געקעמפט אין טראַנס־ און פאָדער־קאַווקאַז.

סאמקארץ איז אָבער, אין גאַנג פון די כסדרדיקע מלחמות מיט די

רוסן, אַריינגעפאַלן צו זייער פירשט איגאָר, וועלכער האָט פיל יידישע געפאַנגענע איבערגעגעבן צו די הערשער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די גרויסע כוזרישע מלוכה איז, ווי באַקאַנט, געפאַלן אין מיטן פון 10טן יאָרהונדערט, ווען דער רוסישער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט דעראָבערט די הויפּטשטאָט פון דער מלוכה, איטיל, און חרוב געמאַכט סארקעל. נאָך דעם פאַלן פון די דאָזיקע שטעט זענען אָבער געבליבן עקסיסטירן צוויי קליינע כוזרישע פירשטנטומס, אין דאַגעסטאַן (אויף קאַווקאַז) און אין קרים, וועלכע איז, אַ פּנים טאַקע דעריבער געווען באַקאַנט די רייזנדע פון אייראָפּע אונטער דעם נאָמען גהאזאריא, ווי קרים האָט געהייסן אין אייראָפּע ביז דעם 3טן יאָרהונדערט.

די יידן, און די פאַרבליבענע ביים יידישן גלויבן כוזרים פון דאַגעסטאַן, האָבן זיך איינגעהאַלטן אין קאַווקאַז אונטער דעם נאָמען „בערג־יידן" און „קומיקי". אין קרים און אין דער אַמאָליקער פאַנטיקאַפּעאָ, וועלכע איז פון כוזריש־יידישן סאמקארץ געוואָרן די רוסישע קערטש — זענען די יידן און, וואַרשיינלעך, אויך אַ געוויסע צאָל כוזרים, געבליבן עקסיסטירן טייל־ווייז צווישן די דאָרטיקע קאַראַימער און טיילווייז אַלס „קרימטשאקעס", קרימער יידן, — וואָס רעדן אויף אַ טאָטערישן דיאַלעקט.

V

רוסלאַנד

1100 יאָר זינט דער גרינדונג פון דער רוסישער מלוכה

נישט אַלע ווייסן, אַז אין יאָר 1962 איז אויסגעפאַלן אַ גרויסער יובל פון דער רוסישער מלוכה, — בעמלעך 1100 יאָר, זינט רוסלאַנד איז אַנטשטאַנען און האָט זיך בכלל אויסגעבילדעט אַלס מלוכה. מיט 1100 יאָר צוריק, אין יאָר 862, איז פאָרגעקומען די באַרימטע געשעעניש, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „די באַרופונג פון די וואַריאַגן״, אָדער פון די נאָרמאַנען, וואָס האָט אויך געבראַכט צו דער שאַפונג פון דער ערשטער רוסישער מלוכה, — דער אַזוי־גערופענער „קיעווער רוסלאַנד״ (היות איר הויפּטשטאָט איז געווען קיעוו).

די עלטסטע רוסישע כראָניק (אָדער „ליעטאָפּיס״, ווי זי הייסט ביי די רוסן) דערציילט בעמלעך, אַז די רוסן, וואָס האָבן געוווינט לעבן נאָווגאָראָד, האָבן אין יאָר 862 געשיקט אַ דעלעגאַציע צו די שכנותדיקע „וואַריאַגן״ מיט דער ביטע, אַז זיי זאָלן זיי העלפן אויפשטעלן זייער מלוכה. „אונדזער לאַנד — האָבן די שליחים געזאָגט — איז גרויס און רייך. אָבער עס איז אין איר נישטאָ קיין אָרדענונג. קומט הערשן און פאַרוואַלטן מיט אונדז״. דאַן זענען די נאָרמאַנישע פירשטן, ריוריק, איגאָר און אָלעג, אַוועק קיין קיעוו, ווו זיי האָבן אויפגעשטעלט זייער הויפּטשטאָט און פון דאָרטן גענומען אָנפירן מיט דער ניי־געשאַפענער, — שוין נישט נאָווגאָראָדער, — נאָר „קיעווער רוסלאַנד״. די דינאַסטיע, וואָס האָט שפּעטער געהערשט איבער רוסלאַנד, האָט זיך טאַקע אָנגערופן, לויט ריוריקס נאָמען, די „ריוריקאָוויטשעס״. ערשט אין יאָר 1613 האָט איר אָרט פאַרנומען די דינאַסטיע פון די ראָמאַנאָווס. ריוריקס קינדער און קינדס־קינדער האָבן געהערשט, בכן, איבער רוסלאַנד העכער 700 יאָר און זענען דערפאַר געווען די לענגסטע רוסישע דינאַסטיע. די פירשטן, וואָס האָבן פון איר געשטאַמט, האָבן שפּעטער געהערט צום גרעסטן רוסישן יחוס.

די כראָניק, ווו די גאַנצע מעשה ווערט דערציילט, איז געשריבן געוואָרן 200 יאָר נאָך דעם „באַרוף פון די וואַריאַגן". אָבער די רוסישע היסטאָריקערס האָבן אָנגענומען, אַז די זאַך איז נאָענט צום אמת, — היות זי איז געשריבן אויפן סמך פון דערציילונגען, וואָס זענען פון דור צו דור איבערגעגעבן געוואָרן אין פאָלק. דער באַרימטער רוסישער היסטאָריקער קליוטשעווסקי האַלט, אַז עס קאָן זיין, אַז די נאָווגאָראָדער רוסן האָבן איינגעלאַדן נאָרמאַנען צו היטן די גרענעצן און בכלל אויסצופירן מיליטערישע און שוץ־פונקציעס, — היות די נאָרמאַנען האָבן זיך, ווי באַקאַנט, אויסגעצייכנט מיט זייערע מיליטערישע מעלות און זענען געווען גוטע סאָלדאַטן און קעמפערס. אָבער שפּעטער האָבן די דאָזיקע „שומרים" פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַכט אין לאַנד און געוואָרן אירע הערשערס. די דערציילונג אין דער „ערשטער כראָניק" באַציט זיך דערפאַר צו דער צייט פון די נאָרמאַנען, וואָס די נאָווגאָראָדער רוסן האָבן צו זיך אַראָפּגעבראַכט. דאַן זענען זיי, אַזוי צו זאָגן, געווען „גוט און פרום", און די רוסן האָבן נישט געהאַט קיין גרונט צו זיין מיט זיי אומצופרידן און האָבן זיי באַטראַכט פאַר לעגאַלע טרעגער פון דער מאַכט.

קליוטשעווסקי און דער רוב רוסישע היסטאָריקערס געהערן צו דער אַזוי־גערופענער גרופּע פון „נאָרמאַניסטן". פאַראַן אָבער אויך „אַנטי־נאָרמאַניסטן", וואָס נעמען נישט אָן די גאַנצע מעשה מיטן „רופן די וואַריאַגן". אגב, אויך די מאָדערנע, סאָוועטישע היסטאָריקערס זענען קעגן דעם, אָבער צוליב פּאַטריאָטיש־רוסישע מאָטיוון. זיי שטייט, אַזוי צו זאָגן, נישט אָן, וואָס רוסלאַנד האָט געדאַרפט ברענגען צו זיך הערשערס פון דרויסן. לויט זיי, איז רוסלאַנד געבויט געוואָרן פון אָנפאַנג אָן נאָר דורך רוסן, און קיין שום פרעמדער האָט דאָרטן נישט געהאַט קיין ווירקונג און נישט געשפּילט קיין ראָליע.

וואָס שייך די „אַנטי־נאָרמאַניסטן", זענען אויך פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווייזן אָן, אַז די נעמען פון די אַראָפּגעבראַכטע פירשטן, זענען נישט דווקא קיין נאָרמאַנישע. אויך ביי די כוזרים, וואָס האָבן דאַן געהערשט אין דרום־רוסלאַנד און באַזיגט אַ ריי רוסישע שבטים, טרעפט מען ענלעכע נעמען; איגאָר קאָן זיין איז גאָר געווען אינגוואַר, וואָס האָט ביי די כוזרים געהייסן

אַ „נייער מאַן“. אַנשטאָט „ריוריק“ האָבן די כוזרים געהאַט אַ „רעריק“, און וואָס שייך דעם פירשט אָלעג, האָבן די כוזרים געהאַט ביי זיך אויך אַ „העלעג“. דער פרויען־נאָמען אָלגאַ, איז ביי די כוזרים געווען „העלגאַ“. אויך די פרוי פון אַטילאַ, דעם באַרימטן אַנפירער פון די הונען, וואָס האָבן זיך אין 8טן יאָרהונדערט ווי אַ שטורעם דורכגעטראָגן איבער אייראָפע, האָט געהייסן „עלקאַ“.

וואָס שייך דער שטאָט קיִעוו, וואָס איז געוואָרן, ווי געזאָגט, די הויפּט־שטאָט פון די „באַרופענע“ נאָרמאַנישע פירשטן, איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז זי האָט פריִער געהייסן ביי די כוזרים סאַמבאַט און איז געווען זייער פעס־טונג אויפן דניעפּער. וועגן דער שטאָט סאַמבאַט, האָט דער ערשטער דער־ציילט אין זיין בוך דער ביזאַנטינישער קייזער קאָנסטאַנטין פאָרפירא־גע־נעטאַ.

אויך דער נאָמען „קיִעוו“ זאָל זיין פון טיורקישער אָפּשטאַמונג (די כוזרים זענען, ווי באַקאַנט, געווען אַ טיורקיש פאָלק) און זאָל באַטייטן „ברעג־ישוב“. אַ טייל קיִעוו, טאַקע ביים ברעג פון דניעפּער, האָט אַמאָל געהייסן ביי די רוסן „קאָזאַרי“ (כוזרים).

און אַז מען האַלט שוין ביי די כוזרים, איז כדאי אויך אָנצוווייזן, אַז אָט דאָס דאָזיקע פאָלק, וואָס האָט, ווי באַקאַנט, אָנגענומען די ייִדישע רע־ליגיע אין 8טן יאָרהונדערט, האָט בכלל אויסגעבילדעט די ערשטע מלו־כהשע פאָרמאַציע אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד. די כוזרים האָבן געשאַפן זייער מלוכה אין דרומדיקן טייל פון רוסלאַנד, צווישן דעם קאַס־פישן ים און דער וואָלגע פון איין זייט, און דעם דניעפּער און שוואַרצן ים פון דער צווייטער זייט. די כוזרישע מלוכה איז אַנטשטאַנען דאַן, ווען די רוסישע שבטים האָבן געפירט אַ פרימיטיוון און באַרבאַרישן לעבן, ווען זיי זענען נישט געווען פאַראייניקט און האָבן אפילו נישט געטרוימט וועגן אויפשטעלן אַן אייגענע מלוכה; עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, אַז אַ טייל רוסישע שבטים זענען טאַקע אויך באַהערשט געוואָרן דורך די כוזרים און געדאַרפט זיי צאָלן צינזן און אויספירן זייערע באַפעלן.

נאָכן אָננעמען די ייִדישע רעליגיע דורך די אויבערשטע שיכטן פון די כוזרים, האָבן זיך אין דער ברייטער כוזרישער מלוכה באַוויזן ייִדן און

עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז יידן זענען געווען אין דעם כוזרישן סאַמבאַט (דעם שפּעטערדיקן קיעוו), נאָך פריער פאַר די רוסן. זיי האָבן געקענט אַהין קומען אויך פון אַ ריי שטעט ביים שוואַרצן ים, ווי פאַנטיקאַפּעאַ (די איצטיקע קערטש), קאַפאַ (די איצטיקע פעאָדאָסיע), כערסאָנעס (ביים איצטיקן סעוואַסטאָפּאָל) א״אַנד׳. אַט די אַלע שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן נאָך אין אַלטערטום, דורך גריכישע קאָלאָניסטן, און יידן האָבן זיך דאָרטן באַזעצט, אַלס מיטל־עלעמענט, — וועגן וואָס עס זענען פאַראַן זייער פיל היסטאָרישע באַווייזן.

קאָנסטאַנטין פּאָרפיראָגענעטאַ, דער אויבן־דערמאָנטער ביזאַנטינישער אימפּעראַטאָר, דערציילט זייער פיל אין זיינס אַ בוך וועגן האַנדל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין זיין צייט צווישן אַט די אַלע אַלטע שטעט ביים שוואַרצן ים, און די סלאַווישע שבטים, וואָס האָבן געוווינט ביים דניעפּער. סאַמבאַט רופט ער אָן אַלס פּונקט אויפן דניעפּער, ווו די סלאַווישע סוחרים פלעגן זיך אָפּשטעלן ביים אַריבערפירן זייערע סחורות מיט די שיפלעך פון דניעפּער צו די שטעט ביים שוואַרצן ים, וואָס האָבן דאַן געהערט צו קאָנסטאַנטינאָפּאָל, — קאָנסטאַנטינס הויפּטשטאָט.

קאָנסטאַנטין באַשרייבט אויך די באַרימטע „פּאָראָגן״ (שוועלן) ביים דניעפּער, און דעם שטורעמדיקן וואַסער־שטראָם ביי זיי, וואָס רוט קיין מאָל נישט און קאָן זיך נישט איינשטילן.

אָט דער פאַקט, צוזאַמען מיטן מאָדנעם נאָמען „סאַמבאַט״, האָט עס געגעבן אַ געלעגנהייט געוויסע היסטאָריקערס צו שפּעקולירן אויף דער טעמע, צי איז נישט דער דניעפּער דער אַמאָליקער, לעגענדאַרער יידישער סמבטיון. פון קאָנסטאַנטינס שריפטן איז נישט קלאָר, צי דער נאָמען סאַמבאַט (אָדער סאַמבאַטאָס) באַציט זיך צו דער שטאָט, אָדער צום גאַנצן טייך דניעפּער. אַלענפאַלס קלינגט סאַמבאַטאָס ווי אונדזער סמבטיון, וואָס, לויט דער לעגענדע, רוט ער נישט און שטראָמט מיט אַ ווילדער און אַ שטאַרקער קראַפט אַלע טעג פון דער וואָך, רועדיק בלויז אום שבת.

אַז די כוזרים האָבן בכלל אויסגעאיבט אַ גרויסע השפּעה אויף די סלאַווישע שבטים איז אויך צו זען פון דעם, וואָס ווען די רוסן האָבן, מיט

העכער 1000 יאָר צוריק, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם יאָך פון די כוזרים און חרוב געמאַכט זייער מלוכה, האָט זייער פירשט סוויאַטאָסלאַוו, וואָס האָט טאַקע באַזיגט די כוזרים, אָנגענומען דעם כוזרישן טיטול „כאַגאַן״, און האָט זיך געקרוינט, נישט אַלס פירשט („קניאַז״) — נאָר אַלס „כאַגאַן״ פון די רוסן. אויך זיין זון, וולאַדימיר, דער זעלבער וואָס האָט אָנגענומען דעם קריסטנטום און האָט דאָס קריסטנטום בכלל אַריינגעפירט אין „קיִעווער רוסלאַנד״, — האָט איינגעהאַלטן דעם דאָזיקן כוזרישן טיטל. ווען וולאַדימיר דער הייליקער, ווי די רוסן רופן אים אָן, איז געשטאָרבן, האָט דער מעטראָפּאָליט פון קיִעוו אין זיין באַקאַנטן הספד נאָכן ערשטן רוסיש־קריסטלעכן הערשער, — אים באַוויינט, אַלס „כאַגאַן״ פון די רוסן.

פאַראַן אָבער אויך אַ מיינונג, אַז דער גאַנצער פאַקט פון „רופן די וואַריאַגן״ איז פאַראורזאַכט געוואָרן דורך די כוזרים און זייער וואַקסנדיקער מלוכה־קראַפט.

בעת דער כוזרישער הערשאַפט איבער די רוסישע שבטים, האָבן די לעצטע אָנגעהויבן צו וואַנדערן פון די צפון־געביטן, ווו זיי האָבן געוווינט, צום וואַרעמען דרום. דאָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע רוסישע וואַנדערונג פון „וואַלד צום סטעפּ״, וואָס האָט שפּעטער אויסגעפּילט כמעט די גאַנצע אַלטע רוסישע געשיכטע. דורכן סטעפּ האָט מען געקענט זיך דערשלאָגן צו די וואַרעמע ברעגן פון דעם אַזאָווער, צי שוואַרצן ים, ווו עס זענען אויך געלעגן פרוכטבאַרע שטחים פון „טשערנאָזיאָם״ (שוואַרץ־ערד), — נישט ווי דער אומפרוכטבאַרער, נאַסער, זאַמד־ און בלאָטע־באָדן, וואָס די רוסישע שבטים האָבן געהאַט ביי זיך אין די קאַלטע, וואַלדיקע צפון־געגנטן, ווו זיי האָבן געוווינט, ערגעץ־ווו ביים טייך אָקאַ, צי ביי דער וואָלכאָוו־אָזיערע, לעבן צפונדיקן נאָווגאָראָד.

די דאָזיקע רוסישע וואַנדערונג איז געגאַנגען, דער עיקר, מיטן טייך דאָן, ווו די כוזרים האָבן אויסגעבויט זייער פעסטונג סאַרקעל (אויף העברעיִש: שרכיל). אָט די פעסטונג זייערע איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פון ביזאַנטינישע אַרכיטעקטן און בוי־מייסטערס ביים אויסבייג פון דאָן, ווו ער דערנעענטערט זיך אַמשטאַרקסטן צו דער וואָלגע. דער ציל פון

דער פעסטונג סאַרקעל איז טאַקע געווען צו היטן די באַוועגונג אויפן שמאָלן פּאַס צווישןביידע גרויסע טייכן, דורך וועלכן מ׳איז געפאָרן ווייטער אויפן דרום, — צום ים־ברעג. איצט, אגב, איז דער דאָזיקער פּאַס דורכגעבראָכן געוואָרן דורך די סאָוועטן, ווען זיי האָבן דורכגעפירט דעם וואָלגע־דאָנער קאַנאַל, וואָס פאַראייניקט ביידע טייכן און רעגולירט דעם גאַנצן סחורה־פּאַרקער, וואָס גייט אָן אויף ביידע טייכן פון טיף־רוסלאַנד — צום שוואַרצן ים און פאַרקערט.

ווען די כוזרים האָבן באַמערקט די גרויסע וואַנדערונג, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אין דער ריכטונג פון שוואַרצן ים, זענען זיי אַלאַרמירט געוואָרן דורך דער געפאַר, וואָס די איינוואַנדערנדיקע סלאַוון קאָנען שאַפן פאַר זייער באַזיץ און הערשאַפט איבער דער גאַנצער געגנט ביים דאָן און דער וואָלגע. דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן די וואַנדערונג אָפּגעשטעלט, שליסנדיק דעם שמאָלן יבשה־דורכגאַנג צווישן דאָן און דער וואָלגע, לעבן זייער סאַרקעל־פעסטונג.

דאָס אָפּשטעלן די וואַנדערונג האָט אַרויסגערופן גרויס אומרו צווישן די סלאַווישע שבטים, וואָס האָבן זיך דערזען צוריק פאַרשפּאַרט און אָפּגעשלאָסן אין זייער אומהיימלעכן און קאַלטן וואַלד־געביט, ביי די טייכן אָקא און וואָלגאַ. דאַן איז עס געקומען צו דעם „רופן די וואַריאַגן״ דורך די רוסן. די רוסן האָבן זיך אַרומגעקוקט, אַז זייער צעשפּליטערטקייט און נישט־אָרגאַניזירטקייט לאָזט זיי נישט פאַרווירקלעכן אויך זייער וואַנדערונגס־ציל צום וואַרעמען דרום. אַזוי אַרום איז עס געקומען צו דעם, אַז זיי האָבן זיך געווענדט צו די „וואַריאַגן״ וועגן אָרגאַניזירן זיי, אַלס פּאָליטישע אייני־הייט און אויך צום קאַמף קעגן זייערע קעגנער, — אויך די כוזרים.

אַ דאַנק דעם איז עס אויך אַנטשטאַנען די „קיִעווער רוסלאַנד״, וואָס האָט זיך, אגב, שפּעטער אויך געגעבן אַן עצה קעגן די כוזרים, וועלכע דער קיִעווער פירשט סוויאַטאָסלאַוו האָט באַזיגט קאַרגע 100 יאָר נאָכדעם, ווי די „באַרופונג פון די וואַריאַגן״ איז פאַרגעקומען.

עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז אויב אַ טייל פון די אויבן־געבראַכטע מיי־נונגען, דער עיקר וועגן קיִעוו־סאַמבאַט־סמבטיון, ווערט אַרויסגערוקט דורך ייִדישע היסטאָריקערס, ווערט די לעצטע מיינונג, וועגן דער ווירקונג פון די

כּוזרים אויף דעם „רופֿן די וואַריאַגן” געשטיצט דורכן באַרימטן רוסישן היסטאָריקער ג. ווערנאַדסקי, וואָס איז איצט פּראָפֿעסאָר אין יעיל־אוני־ווערזיטעט. די סאָוועטישע היסטאָריאָגראַפֿיע, וואָס איז ביליק־פּאַטריאָטיש, דערמאָנט אָבער אַפֿילו נישט, — סיי די ייִדישע היסטאָריקערס, סיי ווער־נאַדסקין.

סמאָלענסק איז געווען די טיר פאַר די פּוילישע יידן קיין רוסלאַנד

סמאָלענסק, פּונקט ווי קיעוו, נאָווגאָראָד, פּסקאָוו, געהערט צו די ערשטע רוסישע שטעט, און פּונקט ווי אַלע שטעט, וואָס ליגן ביים מערב־ראַנד פון רוסלאַנד, איז סמאָלענסק אין משך פון איר לאַנגער געשיכטע, אַריבער פון רוסישע אין אַנדערע הענט. פּונקט ווי קיעוו, איז סמאָלענסק געווען ביי די ליטווינער און פּאָליאַקן, שפּעטער ווידער ביי די רוסן.

ווען ליטע האָט זיך פאַרייניקט מיט פּוילן, און אין דער פאַראייניקטער פּויליש־ליטווישער מלוכה האָבן די ערשטע פידל געגומען שפּילן די פּאָליאַקן, איז סמאָלענסק אַריבער צו פּוילן. צום סוף פון 17טן יאָרהונדערט איז סמאָלענסק, די דאָזיקע אַלטע רוסישע שטאָט, וואָס איז אין די גאָר אַלטע צייטן געגרינדעט געוואָרן דורכן רוסישן שבט דרעגאָוויטשי, אַריבער ענדגילטיק צו רוסלאַנד.

פאַר יידן אין סמאָלענסק אינטערעסאַנט צוליב דעם, וואָס דורך איר האָבן יידן פון פּוילן און ליטע אָנגעהויבן אַריינקומען קיין „מאָסקאָוויע", — דאָס הייסט, אין דער אַלטער, קליינער רוסלאַנד, וואָס האָט זיך געדעקט מיט דער איצטיקער צענטראַל־רוסלאַנד, האָבנדיק, אַלס הויפּטשטאָט, מאָסקווע. סמאָלענסק איז, אַלזאָ, געווען די צווייטע שטאָט, נאָך קיעוו, דורך וועלכער יידן זענען אַריינגעקומען קיין רוסלאַנד.

יידן זענען אין סמאָלענסק געווען שוין אין סאַמע אָנפאַנג פון 17טן יאָרהונדערט. אַריינגעקומען זענען זיי אַהין, וואַרשיינלעך, מיטן פּוילישן מיליטער, אין יאָר 1654. ווען סמאָלענסק איז באַלאַגערט געוואָרן דורכן רוסישן מיליטער פונעם צאַר אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש, זענען צווישן די אָנפירער פון דער פאַרטיידיקונג געווען צוויי יידן, בערקאָ, דער ראַיגראָדער „סטאַראָסטע", און אַ צווייטער בערקאָ, פון רעזשעשיץ. ביידע האָבן אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג פון באַזונדערע ראַיאָנען פון דער שטאָט.

ווען סמאָלענסק איז געפאַלן און די גאַנצע געגנט איז אַריבער צו די רוסן, האָבן די ייִדן געדאַרפט עוקר זיין פון דאָרטן צוזאַמען מיט די פּאָליאַקן. אינעם שלום־אָפּמאַך, וואָס איז שפּעטער געשלאָסן געוואָרן נאָכן קריג, האָט מאָסקווע אויסגערעדט, אַז ייִדן וועלן קיין סמאָלענסק מער נישט אַריינגעלאָזן ווערן.

אַרום אָט־דעם ענין פון יאָ, צי נישט אַריינלאָזן קיין סמאָלענסק און קיין רוסלאַנד בכלל, איז אָנגעגאַנגען צווישן פּוילן און מאָסקווע אַ לאַנגער דיפּלאָמאַטישער קאַמף. דער קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 16טן יאָר־הונדערט און עס זענען פון אים פאַרבליבן די דעמאָלטדיקע „דיפּלאָמאַטישע נאָטעס", מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעטוישט אין יאָר 1550 דער פּוילישער קעניג סיגיזמונד דער 2טער און דער רוסישער צאַר איוואַן דער גרויזאַמער. די נאָטעס זענען בריוו, וואָס איין מלך האָט געשיקט צום צווייטן.

דער קעניג סיגיזמונד דער 2טער, וואָס איז בכלל באַקאַנט אין דער געשיכטע פון פּוילן אַלס געבילדעטער און טאָלעראַנטער מאַנאַרך, האָט זיך באַמיט, אַז סוחרים פון פּוילן און ליטע זאָלן אַריינגעלאָזן ווערן קיין רוסלאַנד. אינעם ספּעציעלן בריוו, וואָס ער האָט געשיקט וועגן דעם צו איוואַן דעם גרויזאַמען, שרייבט ער, צווישן אַנדערן פאָלגענדעס:

„עס האָבן אונדז פיל מאָל דאַקוטשעט אונדזערע אונטערטאַנען, די ייִדן, סוחרים פון ליטווישן גרויס־פירשטנטום, וועלכע האָבן שוין לאַנג פריִער, בעת דיינע עלטערן, די גרויס־פירשטן, געהאַט רעכט צו גיין אין דיין מלוכה און אין מאָסקווע און איבערן גאַנצן לאַנד מיט סחורות און האַנדלען. און איצט, ברודער מיינער, דערלאָזטו נישט יענע אונדזערע סוחרים, די ייִדן, צו גיין מיט סחורות אין דיין מלוכה, און דו האָסט אייניקע פון זיי געהייסן קודם־כל פאַרהאַלטן און זייערע סחורות צוצונעמען. און דעריבער קומען זיי נישט עד־היום אין דיין מלוכה, וואָס עס איז פאַר יענע אונדזערע סוחרים אַ גרויסע עוולה און אַ שאָדן, און וואָס האָט נישט ווייניק פאַרקלענערט אונדזערע גרענעץ־אָפּצאָל־הכנסות אין אונדזער מלוכה־אוצר".

סיגיזמונד איז, אַלזאָ, אויסן געווען נישט בלויז די טובה פון די ייִדי־שע סוחרים, נאָר אויך זיינע אייגענע אינטערעסן, — זאָרגנדיק ספּעציעל

וועגן די הכנסות, וואָס די פּוילישע מלוכה־קאַסע פלעגט דאַן באַקומען פונעם גרענעץ־אָפּצאָל, ביים עקספּאָרטירן סחורות פון פּוילן קיין רוסלאַנד. דער פּוילישער קעניג פאַררופט זיך ווייטער אויפן פּרינציפּ פון קעגנזייטיקייט און פאָדערט, אַז היות ער, סיגיזמונד, דערלויבט סוחרים פון רוסלאַנד צו קומען קיין פּוילן, זאָל אויך דער צאַר איוואַן, נישט פאַרווערן סוחרים פון פּוילן אַריינצוקומען קיין רוסלאַנד, — „בכדי —גיט ער ווידער צו אין זיין בריוו — מיר זאָלן נישט האָבן פון יענע (יידישע) סוחרים קיין אָנקלאַגע און אין אונדזערע גרענעץ־הכנסות קיין שאָדן״... דעם פּיסקאָלן מאָמענט, דעם שאָדן וואָס דער פּוילישער מלוכה־אוצר האָט געמוזט ליידן, צוליבן פאַלן פון די גרענעץ־הכנסות, לאָזט סיגיזמונד כסדר, ווי מיר זען, נישט אָפּ.

אויף דעם האָט איוואַן דער גרויזאַמער געענטפערט דעם פּוילישן קעניג, צווישן אַנדערן, כהאי לישנא:

„און וואָס דו האָסט צו אונדז געטאָן שרייבן, אַז מיר זאָלן דיינע יידן דערלויבן צו פאָרן אין אונדזער מלוכה, ווי אַמאָל, האָבן מיר געשריבן צו דיר פריער נישט איינמאָל, מודיע זייענדיק דיר וועגן די מעשים־תעתועים פון די יידן, ווי זיי האָבן אונדזערע מענער און פויערים פאַרפירט און גיפטיקע קרייטעכצער אין אונדזער מלוכה אַריינגעבראַכט און פיל שלעכטס אונדזער לאַנד אָנגעטאָן. און דיר, ברודער אונדזערער, הערנדיק וועגן אַזעלכע שלעכטע מעשים זייערע, פּאַסט נישט פיל וועגן זיי צו שרייבן, וואָרום אויך אין אַנדערע מלוכות, ווו יידן זענען געווען, איז פון זיי פיל בייז פאָרגעקומען, און פאַר די דאָזיקע שלעכטע מעשים האָט מען זיי טאַקע פון דאָרטן אַרויסגעטריבן, און פיל אַנדערע האָט מען צום טויט איבערגעגעבן. דאָ, אין גאָרנישט אַזעלכע אַלטע צייטן, האָט מען אַלע יידן פאַר זייערע שלעכטע מעשים, פון דער וואָלאַכישער ערד (וואלאכיע — אַ טייל פון דער איצטיקער רומעניע) אַרויסגעשיקט, און אַנדערע צעשלאָגן. און מיר ווילן, אַז גאָט זאָל געבן, אַז אין אונדזערע לענדער זאָלן מענטשן לעבן אין רו, אָן קיין שום פאַרווירונג. און דו, ברודער, זאָלסט וועגן יידן ווייטער צו אונדז נישט שרייבן״.

איוואַן דער גרויזאַמער האָט, אַלזאָ, געענטפערט זיין קעניגלעכן „ברו־

דער" גאַרנישט אויף אַ דיפּלאָמאַטישן שטייגער. פון איוואַנס בריוו קאָן מען אַרויספילן דעם שווערן און אומהיימלעכן כאַראַקטער פון מאָסקווער דעספּאָט. די ווערטער אַז מען האָט ייִדן אַרויסגעטריבן פון געוויסע לענ־דער, באַציִען זיך, זיכער, צום גירוש שפּאַניע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1492, און הגם דער גירוש איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די „קאַ־טוילישע־אַפּאָסטאָלישע" מאָנאַרכן, פערדינאַנד און עליזאַבעט, לויט דער איניציאַטיוו פון דער קאַטוילישער קירך, וואָס איז גאָר שטאַרק געהאַסט געוואָרן דורכן צאַר פון דער פּראַוואָסלאַווער „מאָסקאָוויע", האָט עס, ווי מיר זען, נישט געשטערט איוואַנען צו פאַררופן זיך אויף דעם גירוש, אַלס באַרעכטיקונג פאַר זיין אַנטי־ייִדישער שטעלונג.

די „גיפטיקע קרייטעכצער", וואָס איוואַן דערמאָנט אין זיין בריוו, באַציִען זיך, מסתמא, אויף אימבער, פעפער און אַנדערע בשמים וואָס די ייִדן פלעגן עקספּאָרטירן פון מערב קיין רוסלאַנד און אוקראַיִנע. די אָפּ־געשטאַנענע, האַלב־באַרבאַרישע באַפעלקערונג פון די דאָזיקע לענדער פלעגט די דאָזיקע טראָפּישע פלאַנצן באַטראַכטן ווי אַ בייז־ווונדער, און ס'איז נישט קיין איבערראַשונג, ווען אויך איוואַן דער גרויזאַמער שרייבט זיי צו עפּעס גיפטיקע אייגנשאַפטן.

ווייזט אויס, אַז מיט אָט דעם בריוו־אויסטויש איז דער ענין פון ייִדישן האַנדל מיט רוסלאַנד נישט דערליידיקט געוואָרן. וואָרום שפּע־טער, ווען אין רוסלאַנד האָט שוין געהערשט די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע, איז דער ענין ווידער אויפגעקומען אויף דעם טאָג־אָרדענונג.

בעת דער הערשאַפט פון צאַר אַלעקסעי מיכאַילאָוויטש, ד"ה, אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט, איז אין מאָסקווע דערשינען אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג פונעם „באַלשאָי פּריכאַד" (דעמאָלטדיקע מלוכה־קאַנצעלאַריע), אַז לויטן „באַפעל פון גרויסן קעניג, איז נישט דערלויבט דורכצולאָזן פון סמאָלענסק קיין ייִדן מיט אָדער אָן סחורות".

און דאָך האָט מען אין יאָר 1680, ד"ה צוויי יאָר נאָכן דערשיינען פון אָט דעם באַפעל, געכאַפּט אין מאָסקווע אַ ייִדן, מיטן נאָמען לעוועך (?) אַבראַמאָוו, וואָס איז געקומען אין דער רוסישער עיר־הבירה מיט סחורות.

דעם יידן האָט מען באַלד אַראָפּגעבראַכט אין „פּאָסאָלסקי פּריקאַז“ (דאָס דעמאָלטדיקע רוסישע אויסערן־מיניסטעריום).

ביים פאַרהער איז מען דערגאַנגגען, אַז ער איז געקומען נישט אַליין, נאָר מיט זיין שוואָגער, אַבראַמקאָ מאָיסעיעוו. און אַז ביידע האָבן זיי גע־בראַכט קיין מאָסקווע „שטאָפן און פאַרביקע געוואַנטן“.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווען ביידע סוחרים וועלן פאַרקויפן זייער סחורה, זאָלן זיי תיכף באַצאָלן דעם גרענעץ־אָפּצאָל פאַר איר.

ווייזט אויס, אַז טראָץ אַלע שטערונגען, פלעגן יידישע סוחרים פון פוילן, דאָך באַוויזן אַנצוקומען דורך סמאָלענסק אין „מאָסקאָוויע“ און אָפּזעצן דאָרט פאַרשיידענע סחורות.

נאָווגאָראָד און די „זשידאָווסטוווישטשיע"

נאָווגאָראָד ווערט, ווי באַקאַנט, פאַרגעשטעלט אין דער רוסישער געשיכטע, אַלס די ערשטע הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד. דאָ האָבן עס געקיניגט די לעגענדאַרישע רוסישע פירשטן ריוריק, טרובאר און איגאָר. דאָ האָבן עס די צפונדיקע רוסישע שבטים גערופן צו זיך הערשער מעבר לים, כדי איינצושטעלן רו און אָרדענונג אין זייער גרויסן און רייכן לאַנד, וועלכעס זיי אַליין האָבן נישט געקאָנט פאַרוואַלטן. נאָווגאָראָד איז בכלל געווען דאָס וויגעלע פון דער גרויסער רוסישער מלוכה.

פאַראַן אָבער אַ צווייטע מיינונג, וואָס לייקנט, אַז נאָווגאָראָד איז געגרינדעט געוואָרן דורך די רוסן. די מיינונג שטיצט זיך אויף דעם, וואָס נאָווגאָראָד איז נאָך פאַר די רוסן געווען באַקאַנט אין סקאַנדינאַוויע אונטער דעם נאָמען האָלמגאַרד און אַז די דאָזיקע שטאָט איז בכלל געגרינדעט געוואָרן דורך נאָרמאַנען, ביי וועלכע זי איז געווען אַ סטאַציע־פּונקט אויף זייער גרויסן וואַסער־וועג, פון באַלטישן ים קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

אין דער הינזיכט האָט, אַלזאָ, נאָווגאָראָד נישט אויסגעמיטן דעם גורל פון דער צווייטער אַלטער שטאָט, קיִעוו, וואָס אויך איר גרינדונג ווערט צוגעשריבן נישט די רוסן, נאָר די כוזרים, וועלכע האָבן אויף דער טעריטאָריע פון דער איצטיקער רוסלאַנד אויסגעבילדעט אַ מלוכה נאָך לאַנג פאַר דעם, ווי די רוסישע שבטים האָבן זיך דערהויבן צו אַ מלוכהשער עקסיסטענץ.

נישט קלאָר איז אויך די אָפּשטאַמונג פון די ערשטע פירשטן, וואָס האָבן געהערשט אין נאָווגאָראָד און אין רוסלאַנד בכלל. די פאַרשפּרייטסטע מיינונג ביז דאָ נישט לאַנג איז געווען, אַז זיי זענען געווען נאָרמאַנען, וואָרום דער רוסישער נאָמען ריוריק איז נישט מער, ווי דער געענדערטער נאָרמאַנישער הראעקר; טרובאר איז טאָראַוואַרד; איגאָר איז יינגוואר; אָלגא — העלגא, אאַז"וו.

פאַראַן אָבער אַ מיינונג, אַז פּיל פון די נעמען זענען פון טיורקיש־כּוזרישן אָפּשטאַם, וואָרעם איגאַר איז דער רוסיפיצירטער טיורקישער וואָרט אינעק־ער (אַ יונגער הער), אָלעג איז דער טיורקישער אילעק (דער ערשטער), אָלגא איז דער טיורקישער פרויען־נאָמען עלגע, אאַז״וו.

אויב אָט די צווייטע מיינונג איז אַ ריכטיקע, דאַן וואָלט עס באַטייט, אַז די אַלטע רוסן זענען געווען אונטער אַ פיל־שטאַרקערער טיורקיש־כּוזרישער (און דורך דעם געוויסערמאָסן אויך ייִדישער) השפּעה, ווי אונטער אַ נאָרמאַנישער.

דעם אַלטן נאָווגאָראָד איז אָבער באַשערט געווען מיט פיל הונדערטער יאָרן שפּעטער דורכצולעבן אַ טיפע אויפטרייסלונג, און טאַקע צוליב גע־וויסע ייִדישע איינפלוסן, וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק אין דער אַזוי גערופענער „יערעס זשידאָווסטוווּיושטשיך״, — דער „אפּיקורסות פון די יודאַיזירנדיקע״.

ווער זענען עס געווען די דאָזיקע יודאַיזירנדיקע?

די אָנגענומענע ווערסיע וועגן זיי איז פאָלגנדע:

אין די 70סטע יאָרן פון 15טן יאָרהונדערט איז קיין נאָווגאָראָד אָראָפּ־געקומען פון קיִעוו אַ שליח פון פּוילישן קעניג, דער פירשט מיכאַיִל אָלעל־קאָוויטש. אין זיין סוויטע האָבן זיך געפונען אייניקע ייִדישע סוחרים, ווי אויך דער ייִד זכריה, וועלכער זאָל עס האָבן געווען דער גאַנצער גרינדער פון דער היערעזיע פון די יודאַיזירנדיקע. זכריה האָט פאַרפירט אין דער היערעזיע צוויי באַקאַנטע נאָווגאָראָדער גלחים.

שפּעטער זענען זכריהן געקומען צו־הילף די צוויי ליטווישע ייִדן, יוסף שמואל און משה האנוש. די אפּיקורסות האָט זיך איבערגעטראָגן קיין מאָסקווע, ווו זי האָט געוווּנען פאַר זיך אַ ריי פאַרשטייער פון דער העכערער געזעלשאַפט, ווי דעם הויף־„דיאַק״ קורצין, די שנור פון גרויס־פירשט, העלענאַ, און אַנדערע.

וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון דער סעקטע האָט באַלד מיטגעטיילט קיין מאָסקווע דער הויפּט־גייסטלעכער פון נאָווגאָראָד, געננאַדי. דער לעצטער האָט אויך אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די אַפּיקורסים. אַ טייל פון זיי איז אַנט־לאָפן קיין ליטע, אַ טייל — קיין מאָסקווע.

די אפּיקורסות איז אָבער נישט ליקווידירט געוואָרן. פאַרקערט, דער מאָסקווער גרויס־פירשט האָט צו איר אַרויסגעוויזן אַ טאָלעראַנטע באַציִונג. ער האָט אַפילו די צוויי דערמאָנטע נאָווגאָראָדער גלחים, וועלכע זכריה האָט „באַקערט" צום יודאַיִזם, איינגעלאַדן קיין מאָסקווע און האָט זיי באַ־שטימט אַלס הויפּטן פון צוויי קלויסטערס.

געגנאַדי האָט אָבער פאַרגעזעצט דעם קאַמף. ער האָט אַפילו געדופן אָפּצורעכענען זיך מיט די אַפּיקורסים אויפן שפּאַנישן שטייגער, פאַררופנדיק זיך אויפן לאַנד, ווו די אינקוויזיציע האָט דאַן, כידוע, געקעמפט קעגן די היערעטיקער מיט שייטערהויפנס און די ייִדן זענען בכלל פאַרטריבן גע־וואָרן פון לאַנד.

שפּעטער האָט דער גרויס־פירשט איוואַן דער 3טער נאָכגעגעבן דער קירך. די איינפלוסרייכע פּראָטעקטאָרן פון די יודאַיִזירנדיקע זענען אַריינ־געפאַלן אין אומגנאָד. די סעקטע איז פאַרבאָטן געוואָרן און די פּראַוואָ־סלאַווישע קירך איז זיך מיט זיי באַגאַנגען ווי מען איז זיך דאַן באַגאַנגען מיט היערעטיקער אין דער קאַטוילישער שפּאַניע, — מען האָט זיי פאַר־ברענט.

אין וואָס איז אייגנטלעך באַשטאַנען די טעטיקייט פון די אַפּיקורסים און פאַרוואָס איז זייער היערעזיע געשטעמפּלט געוואָרן דווקא אַלס „יו־דאַיִזירנדיקע", קאָן מען געוווּיר ווערן נאָר פון די שריפטן פון די קעגנער פון דער סעקטע, ווייל פון די סעקטאַנטן גופא איז כמעט גאָרנישט געבליבן. די קעגנער, פאַרשטייט זיך, שפּאָרן נישט קיין פאַרבן, כדי פאַרצושטעלן די גרינדער פון דער סעקטע, אַלס פינצטערע אַפּטריביקע „קינדער פון טייוול", „כלים פון דער סיטרא אחרא", און „פאַרפלוכטע הינט", וואָס זענען אַראָפּגעקומען אויף דער הייליקער רוסישער ערד פון גיהנום, פון וואַנען עס האָט זיי אַראָפּגעשיקט דער שטן אַליין.

וועגן דעם ייִדן זכריה, דעם דאָזיקן חוטא ומחטיא את הרבים, דער־ציילט איינער פון די פאַנאַטיקער פון דער קירך, אַז ער, זכריה, איז „געווען געלערנט אין אַלע פאַרברעכנס, אין כישוף, שוואַרצע מאַגיע, שטערנזעערײַ און אַסטראָלאָגיע". די צוויי גלחים, וועלכע ער האָט פאַרפירט, האָבן כלו־מרשט געוואָלט אַפילו דורכפירן איבער זיך די ברית־מילה, אָבער זכריה

האָט זיי געהייסן ווערן שיעור נישט קיין מאַראַנען: האַלטן זייער ייִדישקייט אין געהיים און פאַרבלייבן אויסערלעך קריסטן.

פון דעסט וועגן איז אָבער באַוווסט, אַז צו די יודאַיִזירנדיקע האָבן געהערט דווקא געבילדעטע פאַרשטייער פון דער דעמאָלטדיקער רוסישער געזעלשאַפט. דער הויף־„דיאַק" קוריצין איז געווען רוסישער דיפּלאָמאַ־טישער פאַרשטייער אין ליטע און אונגאַרן און האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אויסערן־פּאָליטיק פון איוואַן דעם 3טן. די 2 גלחים אַלעקסעי און דעניס האָבן באַקומען זייערע העכערע אַמטן אין מאָסקווע, ווייל זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער בילדונג און קולטור. אויך די גרויס־פירשטין העלענאַ האָט געשטאַמט פון אויסלאַנד און האָט געהערט צו די מער פאַרגעשריטענערע קרייזן פון מאָסקווע.

דער גאַנצער קאַמף אַרום דער נייער היערעזיע האָט זיך בכלל אָפּגע־שפּילט אין נאָוואָגאָראָד אין אַ שטורמישער צייט. די זעלבשטענדיקע רוסישע מלוכה אין נאָווגאָראָד, וועלכע האָט געהאַט אַ שטיקל פאַרלאַמענט אין דער פאָרם פון אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג און האָט גענאָסן פון אַ פאַרהעל־טניסמעסיקן ווילשטאַנד, — אַ דאַנק איר פאַרצווייגטן האַנדל מיט די מערב־מלוכות, איז דאָ אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך די שאַרפע קאַמפן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען צווישן דעם „שוואַרצן", ד"ה דעם פּראָסטן, אומ־פאַרמעגלעכן פאָלק און דעם הערשנדיקן סוחרים־קלאַס פון דער שטאָט, ווי אויך צוליב דער מלחמה פון נאָווגאָראָד מיט מאָסקווע, וועלכע האָט סוף־כל־סוף אונטערגעוואָרפן אונטער זיך די רייכע און סווערענע נאָוו־גאָראָדער רעפּובליק.

די באַוועגונג פון די יודאַיִזירנדיקע האָט געהאַט דערפאַלג, דער עיקר, צווישן דעם פּראָסטן נאָווגאָראָדער המון, וועלכער האָט געקעמפט קעגן דער שטאָטישער פּלוטאָקראַטיע. דער דאָזיקער אינערלעכער קאַמף אין נאָווגאָראָד איז אָבער געלעגן אין די אינטערעסן פון מאָסקווער גרויס־פירשט, וועלכער האָט געוואָלט און האָט סוף־כל־סוף אויך אונטערגעוואָרפן נאָווגאָראָד דער הערשאַפט פון מאָסקווע.

מיט דעם לאָזט זיך דערקלערן די טאָלעראַנטע באַציִונג פון דעם גרויס־פירשט פון דער „פּראַוואָסלאַווער מאָסקווע" צו די אַפּיקורסים. אגב, איז

עס אויך געווען ביי אים אַ געווער אין דעם קאַמף קעגן דער דאָן שטאַר־קער רוסישער קירך בכלל.

דער פּראָטעסטאַנטיש־רעפאָרמאַטאָרישער כאַראַקטער פון דער באַ־וועגונג פון די יודאַיזירנדיקע איז, אַלזאָ, בלי ספק קאָמפּליצירט געוואָרן דורך די סאָציאַלע קאַמפן אין נאָווגאָראָד גופא און דורכן פּאָליטישן קאַמף און דער מלחמה צווישן נאָווגאָראָד און מאָסקווע.

דער רובֿ רוסישע היסטאָריקערס האַלט, אַז די באַשולדיקונג, אַז די היערעזיע האָט געהאַט צו טאָן מיט ייִדן און איז געווען דווקא אַ „יודאַי־זירנדיקע" איז נישט דערוויזן געוואָרן. די דאָזיקע באַשולדיקונג איז, אַ פּנים, געוואָרפן געוואָרן, כדי צו פאַרשוואַרצן די אָנהענגער פון דער באַ־וועגונג און בכלל די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן אין דעמאָלטדיקן רוסלאַנד, אין די אויגן פון די פאַנאַטישע מאַסן.

וועגן דער עצם־לערע פון די „זשידאָווסטווויושטשיע" איז באַקאַנט, אַז זיי זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דער אויסערלעכער פרומקייט פון דער קירך, האָבן נישט אָנערקענט קריסטוסן, אַלס גאָטס זון, האָבן געלייקנט זיין געטלעכקייט און בכלל אָפּגעוואָרפן דעם גאַנצן קריסטלעכן דאָגמאַט וועגן דער דריי־אייניקייט פון גאָט; בהסכם מיט דעם, האָבן זיי געהאַלטן מער פון אַלטן טעסטאַמענט, ווי פון נייעם, געלייקנט פיל זאַכן פון קריסט־לעכן ריטואַל.

ווי זייערע קעגנער באַהויפּטן, האָבן זיי אַפילו געפייערט שבת, אָנשטאָט זונטיק.

באַקאַנט איז אויך, אַז די יודאַיזאַנטן האָבן געפאָדערט צוצונעמען די רייכטימער ביי דער קירכע, קאָנפיסקירן ביי די מאָנאַסטירן זייערע גרויסע מאַיאָנטקעס אד"גל.

דאָס לייקענען די געטלעכקייט פון קריסטוסן און דעם דאָגמאַט וועגן דער דריי־אייניקייט פון גאָט, איז אָבער געווען דער יסוד פון פיל היערע־טישע און סעקטאַנטישע באַוועגונגען אין קריסטנטום, אָנהייבנדיק פון די אַריאַנער אין אַלטערטום ביז צו דער נייסטער צייט. ביז לוטערן און קאַל־ווינען, פלעגט די אָפיציעלע קירך שטענדיק באַשולדיקן אַפּיקורסים אין „יודאַיזירן" — אומאָפּהענגיק דערפון, צי די נייע לערע איז געווען אַ באַ־

וווסטזיניקע דערנענטערונג צום יידנטום, אָדער אַ געוויינטלעכע אָפּווייכונג פון די קריסטלעכע באַרמעס.

וועגן „יודאַיזאַנטן" האָט מען, בכן, געוווסט אויך אין פיל אַנדערע לענ־דער פון אייראָפּע און פיל פריער, ווי אין רוסלאַנד. רוסלאַנד האָט אין דער הינזיכט „פּאַרשפּעקטיקט", פּונקט ווי זי איז אָפּגעשטאַנען געווען אין אַנדערע הינזיכטן לגבי מערב־אייראָפּע.

פון דעסט וועגן איז כדאי צוצוגעבן, אַז די רוסישע „זשידאָווסטוווּיוש־טשיע" האָבן עפּעס יאָ געגעבן פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָרעם צווישן די ווערק, וואָס זענען פון זיי איבערגעבליבן האָט מען געפונען אַן איבער־געזעצטן מחזור, דעם „שעסטאָקריל", וואָס איז אַן איבערזעצונג פון דעם העברעישן בוך „שש כנפים", אַ טייל פון רמב"מס ווערק איבער לאָגיק, א"אַנד'.

ריגע

ריגע איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהייב פון 13טן יאָרהונדערט דורכן דייטשישן אָרדן פון „שווערדן־טרעגער". נאָכן דורכפאַל פון די קרייצצוגן קיין ארץ־ישראל, זענען די מיטגלידער פון דער דאָזיקער דייטשישער מי־ליטעריש־מאָנאַכישער אָרגאַניזאַציע, פונקט ווי די אַנדערע „נוסעי הצלב", געבליבן אָן אַ שטיקל אַרבעט און האָבן אַרומגעוואַנדערט, פּאַראַרעמטע און פאַרביטערטע, איבער אייראָפּע, ביז וואַנען זיי האָבן דערשמעקט פאַר זיך אַ נייעם געביט, ווו זיי האָבן געקאָנט אַרויסווייזן זייער קריסטלעכן אייפער און צוגלייך דעראָבערן אַ גוט שטיקל פאַרמעגן.

די קריסטיאַניזירונג און קאָלאָניזירונג פון די באַלטישע פּראָווינצן, וואָס די פרום־בלוטיקע ריטערס פון „ליוואָנישן אָרדן" האָבן שפּעטער דורכגעפירט, איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אויפן זעלבן וועג פון פייער און שווערד, ווי די פריערדיקע בלוטיקע און רויבערישע אַוואַנטורעס פון די קרייצצוגלער אויפן נאָענטן מזרח.

קיין ייִדן האָבן די „ריטערלעכע" און פרומע רויבער אינעם נייעם געביט נישט אָנגעטראָפן און האָבן זיך דעריבער נישט געקאָנט באָדן אין ייִדיש בלוט, פונקט ווי זיי האָבן זיך געבאָדן אין בלוט פון די ליטווינער, לעטן און עסטן. ביים דעראָבערן אָבער קורלאַנד, בשכנות מיט ליטע, האָט דער גרויס־מייסטער פונעם אָרדן נישט פאַרגעסן אַרויסצולאָזן אַ פאַרבאָט פאַר ייִדן צו וווינען דאָרטן, פאַרשפּרייטנדיק פרום דעם פאַרבאָט אויך אויף געצנדינער און אַנדערע אומגלייביקע.

צי דער דאָזיקער פאַרבאָט, וואָס באַציט זיך צום 14טן יאָרהונדערט, האָט געצילט קעגן אַ רעאַלער „סכנה" פון ייִדישער איינוואַנדערונג קיין קורלאַנד פונעם שכנותדיקן ליטע און פוילן, — איז שווער צו זאָגן. אָבער מיט איבער הונדערט יאָר שפּעטער האָט ריגע, די הויפּטשטאָט פונעם אָרדן, שוין געוווּסט פון ייִדן, וואָרעם פון איבערגעבליבענע דאָקומענטן איז צו

זען, אַז אַ ריגער סוחר האָט דורכגעפירט אין יאָר 1536 אַ געשעפט מיט אַ יידישן סוחר.

די „סכנה״ פון אַ יידישער איינוואַנדערונג קיין ריגע פון שכנותדיקע לענדער איז געוואָרן רעאַל, ווען קורלאַנד איז אין יאָר 1561 אַרונטערגע־פאַלן אונטער דער מאַכט פון פוילן. דאַן איז טאַקע אַוועק אַ סדרה פון פּאַר־באַטן קעגן יידן צו באַזעצן זיך אין דעם נייעם וואַסאַלן־הערצאָגטום פון דער פויליש־ליטווישער מדינה. אין די פּריווילעגיעס וואָס דער הערצאָג קעטלער האָט אַרויסבאַקומען פון זיין נייעם, פוילישן, שיצער און הערשער פאַר זיך און פאַרן גאַנצן דייטשן ריטערלעכן אַדעל, איז בפירוש אויסגע־רעדט געוועז אַז יידן טאָרן נישט וווינען אין ריגע.

פון דעסט וועגן פלעגן יידן יאָ אַריינקומען אינעם נייעם טייל פון דער פוילישער מלוכה. פאַר אַ געוויסן שטייער פלעגט מען זיי דערלויבן בעת די ירידים צו פאַרקויפן און קויפן באַשטימטע סחורות, אָבער בלויז ביי די אָרטיקע בירגער פון דער שטאָט.

די יידן האָבן אָבער, ווייזט אויס, געהאַנדלט אויך מיט סוחרים פון מאָסקווע, וואָס פלעגן ברענגען קיין ריגע דער עיקר רויכוואַרג. דאָס האָט געבראַכט צו סיכסוכים מיטן שטאָטראַט. דער סוף איז געווען אַז אַפילו פאַר זייער צייטווייליקער אַנוועזנהייט האָט מען די יידן איינגעשלאָסן אין אַ ספּעציעלן יידן־הויף, פון וועלכן עס איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַ געטאָ. דער איבערגעבליבענער פון יענער צייט „יידן־הויף־אָרדינאַנץ״, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם יידישן בעל־הבית, וואָס האָט פאַר האַלטן דעם הויף געצאָלט דער שטאָט אַ באַשטימטע סומע געלט, אַנטהאַלט גע־נויע אינסטרוקציעס וועגן דעם אויפהאַלט פון יידן אין ריגע און וועגן קאָנטראָל איבער זייער האַנדל.

ווען אין 1710 איז ריגע אַריבער צו רוסלאַנד, איז זי געווען פון די ערשטע שטעט מיט יידן, וואָס די נייע אימפּעריע האָט אַריינבאַקומען אונ־טער איר מאַכט. די אָרטיקע דייטשע בירגער האָבן אָבער נישט גערוט. עס איז צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן דער „יידן־הויף״, וווהין אַלע יידן האָבן זיך געדאַרפט אַריבערקלייבן.

די יידן האָבן זיך אָבער, ווייזט אויס, אַרויסגעוויזן אַלס גאָר אַ נוצ־

לעכער עלעמענט פאַר דער שטאַט, וואָרעם ווען מיט הונדערט יאָר צוריק איז דערשינען די פאַראָרדענונג וועגן אַ גירוש פון די ייִדן פון דער נייער רוסישער אימפּעריע, האָט זיך דווקא דער ריגער שטאָטראַט איינגעשטעלט פאַר די ייִדן. די פירער פון דער שטאָט האָבן, געוויס, געגומען אין אַכט דעם גרויסן נוצן וואָס ריגע האָט פון אירע ייִדן אין די האַנדלס־באַציונגען מיט פּוילן.

צוליב דער ענערגישער אינטערווענץ פון דער שטאָט אין פּעטער־בורג, איז אַפילו דערגאַנגען צו אַ סכסוך אין די הויכע פּענצטער. די ספּע־ציעלע שליחים קיין פּעטערבורג, וואָס האָבן זיך דאָרטן משתדל געווען, אַז מ׳זאָל די ייִדישע סוחרים וואָס זענען אָנגעקומען מיט שיפלעך און פּליטן אויף דעם דווינע־טייך, אַריינלאָזן קיין ריגע, האָבן געהאַט דערפאָלג ביים „רעגירנדיקן סענאַט״.

די קייזערין עליזאַבעט, אָבער, האָט נישט באַשטעטיקט דעם באַ־שלוס פון סענאַט וועגן אַריינלאָזן ייִדן אין ריגע. דאַן איז עס געקומען צו דער באַקאַנטער רעזאָלוציע פון פּיאָטר דעם גרויסנס טאָכטער, אַז „פון קריסטוסעס שונאים וויל איך נישט האָבן קיין רווחים״.

דער שטאָטראַט האָט שפּעטער צוויי מאָל באַנייט זיין השתדלות. ער האָט אָנגעוויזן, אַז די פאַרטריבענע ייִדן פאָרן קיין דאַנציק, קעניגסבערג און מעמעל, וועלכע וועלן אַזוי אַרום פאַרקאָנקורירן ריגע אַלס האַנדלס־צענטער. די השתדלות האָט אָבער נישט געהאָלפן.

אַ געלעגנהייט צוריק צו באַקומען ייִדן האָט זיך געשאַפן פאַר ריגע ווען עס האָט זיך געענדיקט דער שאַרפער ייִדן־פיינטלעכער קורס אין רוס־לאַנד. ווען יעקאַטערינע די צווייטע האָט געגומען פּלאַנען צו באַזעצן ייִדן אינעם דעראָבערטן „ניי־רוסלענדישן געגנט״, און האָט צו דעם צוועק באַ־שטימט די קאָמיסיע פון די „שוץ־ייִדן״ באַמבערגער, אהרן און בער, האָבן די דאָזיקע „פאַקטאָרן״ און ליפעראַנטן פון דער רוסישער אַרמיי אויסגע־קליבן ריגע אַלס דאָס אָרט פון וואַנען די קאָלאָניזאַציע האָט געדאַרפט געפירט ווערן. פון דער קאָלאָניזאַציע האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. אָבער דערפאַר האָבן זיך אין ריגע ווידער באַוויזן ייִדן, וועלכע מ׳האָט שפּע־

טער דערלויבט אויפהאַלטן זיך אין דער שטאָט אין אַ ספּעציעלן „ייִדישן איינפאָר־הויף״, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז פאַרגרעסערט ביז עטלעכע.
מחוץ דער געטאָ האָט מען דערלויבט צו וווינען בלויז די דערמאָנטע „שוץ־ייִדן״ און זייער באַדינונג.

אין ריגע איז דאַן געקומען צו אינערלעכע סכסוכים צווישן די ייִדן גופא און די „שוץ־ייִדן״, וועלכע האָבן זיך, אַ פּנים, באַטראַכט אַלס אַ מין אַרסטאָקראַטיע צווישן די ריגער ייִדן. די ציטווייליק וווינענדיקע ייִדן פון דער געטאָ פלעגן פאַרמסרן די „שוץ־ייִדן״, אַז זיי פירן אַן אומדערלויבטן האַנדל און האָבן געפאָדערט, אַז מ׳זאָל די ייִדן צוריק פאַרשפּאַרן אינעם „ייִדן־הויף״. די סכסוכים פלעגן דערגיין צום שטאָט־געריכט און עס איז אַפילו געקומען צו דעם, אַז די צוגעוואַנדערטע ייִדן זענען באַזייטיקט געוואָרן, נישט בלויז פון ריגע, נאָר אַפילו פון דער גאַנצער ליפלענדישער גובערניע.

די צאָל ייִדן אין ריגע איז פון דעסט וועגן כסדר געוואַקסן, אַזוי אַז אין אָנהייב פון פאַריקן יאָרהונדערט האָבן זיך מיט דעם פאַראינטערעסירט דער ליפלענדישער גובערנאַטאָר און דער מיליטערישער גובערנאַטאָר פון ריגע. די לאַגע פון די ייִדן איז אָבער ביסלעכווייז רעגולירט געוואָרן.

די צאָל „ייִדן־הויפן״ האָט זיך פאַרגרעסערט ביז פינף. מען האָט ייִדן דערלויבט צו פאַרנעמען זיך אויך מיט מלאכה. די ווענדונג פון די שוץ־ייִדן צום שטאָטראַט, אין דעם הונדערטסטן יובל פון איינשליסן ריגע צו רוסלאַנד, וועגן געבן זיי גלייכע רעכט מיט די איבעריקע בירגער פון שטאָט, איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן. די ריגער דייטשן האָבן צוריק באַנייט זייער פיינטשאַפט צו די ייִדן און געקוקט קרום אויף זייער וווּקס אין דער שטאָט.

דער וווּקס איז אָבער געגאַנגען אומאויפהערלעך און צום צווייטן הונדערטסטן יובל פון ריגעס איינשליסונג אין רוסלאַנד האָט שוין די שטאָט געציילט ביי דרייסיק טויזנט ייִדן, וואָס עס האָט אָנגעטראָפן קנאַפּע 8 פּראָצענט איינוווינער פון ריגע.

דער ייִדישער ישוב אין ריגע האָט דערגרייכט זיין העכסטע אַנטוויקלונג פאַרן ערשטן וועלט־קריג. די ריגער ייִדן האָבן דאַן געשפּילט

אַ באַטייטנדיקע ראָל אינעםווירטשאַפטלעכן לעבן פֿון דער שטאָט, וועלכע איז געוואָרן איינע פֿון די וויכטיקסטע האַפֿן־שטעט פֿון רוסלאַנד.

ייִדן האָבן גענומען אַ גרויסן אָנטייל אינעם אַרויספֿיר פֿון תּבֿואה, האָלץ, פֿלאַקס און אַנדערע פּראָדוקטן פֿון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וואָס פֿלעגן גיין דורך ריגע קיין אויסלאַנד און האָבן געבילדעט דעם באַטייטנדיקסטן צווייג פֿון רוסישן עקספּאָרט. דאָס גלייכן איז געווען אָנזעעוודיק די ראָל פֿון ייִדן אין דער האָלץ־ און לעדער־אינדוסטריע און אין באַנקוועזן. דער ייִדישער האַנטווערק האָט זיך קאָנצענטרירט אין דער באַקליידונגס־ און שיך־אינדוסטריע. ייִדישע לוין־אַרבעטער זענען געווען, דער עיקר, אין די קליינע טאַבאַק־, פּאַפּיראָסן־ און קאָנפֿעקטן־פֿאַבריקן.

אַ דאַנק די האַנדלס־באַציִונגען מיט אויסלאַנד, דער עיקר, מיט דייטשלאַנד און האָלאַנד, — איז אין ריגע זייער פֿרי אַנטשטאַנען די השׂכּלה־באַוועגונג. די ייִדן אין ריגע און בכלל קורלאַנד זענען געווען שטאַרק פֿאַרדייטשט. בעת דער ציילונג פֿון 1897 האָט אַ דריטל ריגער ייִדן אָנגעגעבן דייטש, אַלס זייער מוטער־שפּראַך. די השפּעה פֿון דער דייטשישער קולטור איז געגאַנגען פֿון קעניגסבערג און דאָרפּאַט. עס איז בכן נישט געווען קיין וווּנדער וואָס ליליענטאַל, וועלכער האָט אין ריגע געהאַט די שענסטע אויפֿנאַמע, האָט דאָרט אויך געפֿונען דעם בעסטן פֿלאַץ פֿאַר אָנווענדן זיינע בילדונגס־רעפֿאָרמען.

צום סוף פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט איז אין ריגע אַנטשטאַנען אַ חובֿבֿי־ציון־באַוועגונג, וועמעס פֿירער איז געווען הרבֿ מרדכי עליאַסבערג, אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער פֿונעם חובֿבֿי ציון־צוזאַמענפֿאָר אין דרוסקעניק.

אינעם זעלבשטענדיקן לעטלאַנד איז געקומען צו אַן אויפֿבלי פֿונעם נאַציאָנאַלן ייִדישן לעבן, וועלכעס האָט באַקומען נייע סטימולן. די געוויינטלעכע גערמאַניזירונג און רוסיפֿיצירונג פֿון די ריגער ייִדן האָבן גענומען אָפּלאָזן. עס האָט זיך אַנטוויקלט דאָס ייִדישע און העברעיִשע שולוועזן, אַ דאַנק די מינדערהייט־רעכט. די לעטישע פֿאַשיסטן האָבן אָבער אַלץ מבֿטל געמאַכט.

טראַגישער סוף פון ערשטן יידישן דאָקטער אין מאָסקווע

די מעדיצין־וויסנשאַפט איז אין מיטלעלטער געווען בכלל זייער ווייניק אַנטוויקלט. ווער רעדט נאָך אין די סלאַווישע לענדער, — אין פוילן און אין „מאָסקאָוויע" — ווי רוסלאַנד האָט דאַן געהייסן אין דער גרויסער וועלט — האָט מען זייער ווייניק געוווסט פון דער חכמת הרפואה. און אַז מען פלעגט דאָרטן דאַרפן אַ רופא, האָט מען זיך געווענדט קיין מערב־אייראָפּע, קיין איטאַליע, פראַנקרייך, צי אַנדערע מערב־לענדער, פון וואַנען מ'פלעגט געוויינטלעך אַראָפּברענגען דעם רופא קיין מאָסקווע. פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַבי פאַר וועמען, נאָר פאַרן צאַר, צי פאַר די פירשטן, אָדער פאַר אַנדערע וויכטיקע פאַרשוינען, „באָיאַרן" און שררות.

גאַנץ אָפט פלעגן די דאָזיקע רופאים זיין יידן. יידן און אַראַבער האָבן אין מיטלעלטער, כידוע, אויפגעהאַלטן ביי זיך די וויסנשאַפטלעכע דעראָבערונגען פון דער אַלטער צייט. אויך די מעדיצין, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן דורך די חכמי־יוון און אין רוים, האָט געפונען אַ מקום ביי דיביידע סעמיטישע פעלקער. די ווערק פון די גריכישע פילאָסאָפן און געלערנטע זענען איבערזעצט געוואָרן אין אַראַביש און העברעיש, און פיל פון זייערע געלערנטע האָבן זיך געלערנט אויף די דאָזיקע אַלטע ווערק און האָבן אַנטוויקלט די מעדיצינישע און אַנדערע קענטעננישן פון אַלטן יוון און רוים נאָך פיל ווייטער.

עס פלעגט, אַלזאָ, נישט זעלטן טרעפן, אַז אין די אָפּגעשטאַנענע און פאַרגרעבטע לענדער פון מזרח־אייראָפּע, ווען מ'פלעגט דאָרט דאַרפן האָבן אַ גוטן רופא, אַ ספּעציאַליסט אויף פאַרשידענע חולאתן און מיחושים, פלעגט מען אַראָפּברענגען אַהין אַ יידן. אַזאַ מין פאַל האָט זיך פאַרלאָפן אויך אין אַלטן רוסלאַנד, ווען זי האָט נאָך געהייסן „מאָסקאָוויע" און האָט פאַרנומען גאָר אַ קליינעם חלק פון דער איצטיקער, גרויסער רוסלאַנד.

און ווען מען האָט אין 1951, אין מאָסקווע, אַרעסטירט און שפּעטער אויך אַרויסגעלאָזן ייִדישע דאָקטוירים, וואָס זענען געווען באַרימטע מעדיצינער און געהיילט די איינוווינער פון קרעמל, — האָט זיך נישט ווילנדיק דער־מאָנט וועגן דעם ערשטן ייִדישן דאָקטער אין מאָסקווע, וואָס האָט אויך געהיילט אין קרעמל.

די טראַגישע געשיכטע פון אָט־דעם ייִדישן רופא, וואָס האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט אין מאָסקווע און געהערט אויך צו די ערשטע גרינדער פון דאָרטיקן ייִדישן קיבוץ, איז כדאַי איבערצודערציילן. ווייל פיל זאַכן פון אָט־דער געשיכטע דערמאָנען דעם דורכגעפאַלענעם „דאָקטוירים־פּראָצעס" אין מאָסקווע.

די געשיכטע האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט העכער דריי הונדערט יאָר צוריק. אין יענער צייט האָט אין רוסלאַנד געהערשט דער צאַר אַלעקסעי, פאָטער פון באַרימטן רוסישן קעניג פּיאָטר דער גרויסער. צאַר אַלעקסעי האָט געפירט פיל מלחמות מיט די פּאָליאַקן. עפּעס האָט ער נישט געקאָנט אויסקומען מיט זיי. דאָ איז אים איין זאַך נישט געפעלן געוואָרן, דאָ — אַ צווייטע זאַך. געגאַנגען איז דעם רוסישן צאַר וועגן די דעמאָלטדיקע גרענעץ־געביטן צווישן פּוילן און מאָסקאָוויע, — דאָס הייסט וועגן ווייס־רוסלאַנד און אוקראַיִנע. אין די דאָזיקע געביטן האָט אָבער געוווינט אַן אַנזעעוודיקע ייִדישע באַפעלקערונג, וואָס איז אין „מאָסקאָוויע" בכלל נישט געווען בנמצא. פאַרנעמענדיק דעם צי יענעם טייל פון די דערמאָנטע גרע־נעץ־געביטן מיט פּוילן, פלעגט רוסלאַנד אַריינבאַקומען די דאָרטיקע ייִדן. פאַרשטייט זיך, אַז די לעצטע האָבן קיין האַניק פון איר נישט געלעקט. די האַלב־באַרבאַרישע „מאָסקאָוויטן" האָבן בכלל פיינט געהאַט פרעמדע פעלקער, און די ייִדן האָט מען פּראָסט־פּשוט פּאָגראָמירט.

בעת איינער פון די פילע מלחמות, האָבן די רוסן גענומען אין גע־פאַנגענשאַפט דעם ייִד דאַנילאָ זשידאָווין אָדער דאַנילאָ פאָנגאַדען. ביי די רוסן הייסט ער אויך דאַנילאָ יעוולעווו, — דניאל בן יואל.

פאָנגאַדען איז געווען פון פאַך אַ באַרבער. אָבער באַרבעריי איז אין יענע צייטן געווען ענג פאַרבונדן מיט דער דעמאָלטדיקער מעדיצין. אַ באַרבער האָט אויך געקאָנט עפענען אָדערן, לאָזן בלוט, שטעלן פּיאַווקעס.

אַמאָל האָט ער אויך געקאָנט היילן מיט ביטערע גראָזן, מיט היילנדיקע קרייטעכצער, צי מיט בשמים, וואָס מען פלעגט ברענגען פון די עקזאָטישע מזרח־לענדער. פאַנגאַדען, ווייזט אויס, איז געווען מיט אָט־די אַלע זאַכן באַקאַנט, מען האָט אים, אַלזאָ, אַפּגעשיקט קיין קיִוו און פון דאָרטן קיין מאָסקווע, ווו ער האָט אויך אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אין זיינע כלערליי זאַכן, — אָנהייבנדיק פון באַרבערייַ, ביז שטעלן פּיִאַווקעס, לאָזן בלוט און היילן מיט קרייטעכצער.

ווייזט אויס, אַז געגאַנגען איז אים גאָרנישט שלעכט מיט די אַלע פּרנסות, וואָרעם עטלעכע יאָר נאָך זיין אַראָפּקומען קיין מאָסקווע, איז פאַנגאַדען עולה לגדולה געוואָרן. דער „אַפּטעקאַרסקי פּריקאַז״, ווי עס האָט דאַן געהייסן אין רוסלאַנד דאָס געזונט־מיניסטעריום, — האָט אים געגעבן דעם „טשין״ פון אַ „פּאַד־דאָקטור״ (געהילף־דאָקטער). מיט 15־12 יאָר שפּעטער האָט פאַנגאַדען באַקומען פון דעמזעלבן „פּריקאַז״ דעם ראַנג פון אַ פולנעם דאָקטער. ער איז, ווייזט אויס, דאַן בכלל באַרימט געוואָרן אין דער צאַרישער הויפּטשטאָט אַלס גוטער רופא, אויף וועלכן מ׳קאָן זיך פאַרלאָזן בעת אַ שלאַפקייט, צי ערנסטער חולאת.

דער דאָקטער־טיטל איז פאַנגאַדענען געגעבן געוואָרן דורך אַ ספּע־ציעלער „גראַמאָטע״ פון צאַר אַלעקסעי. דאָס איז, אַלזאָ, געווען אַ גרויסער כבוד און אויסצייכענונג פאַרן ייִדישן רופא. דער ספּעציעלער דעקרעט פון דעם צאַר האָט פאַנגאַדענען אויפגעהויבן זייער הויך אין די אויגן פון דער באַפעלקערונג פון דער רוסישער הויפּטשטאָט. צייט־חברים פון ייִדישן דאָקטער דערציילן, אַז ער איז דאַן געווען דער פּאָפּולערסטער רופא אין מאָסקווע. פאַנגאַדען האָט געקענט פון פולן צוטרוי פון צאַר און פון זיין אַלמעכטיקן בעל־יועץ, דעם באַרימטן, רייכן „באָיאַרין״, אַרטאַמאָן מאַט־וועיעוו. דער לעצטער, אַליין אַ געבילדעטער מאַן, האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער וועלט, און האָט געוואָלט זען אויך אין רוסלאַנד בילדונג און פּראָגרעס, און האָט דעריבער בכלל געזוכט מקרב צו זיין צו זיך געלערנטע אויסלענדער, וואָס האָבן דאַן געוווינט אין מאָסקווע.

דניאל בן יואל פאַנגאַדען איז אויך געוואָרן הויפּט־רופא פון דער צאַ־

רישער פאַמיליע אין קרעמל און, ווי מרדכי הצדיק, איז ער געזעסן „בחצר המלך", ווארעם אַ יאָר נאָכדעם, ווי דער צאַר אַלעקסעי האָט אים „פּאַזשאַלעוועט" מיטן רופא־טיטל, איז אַרויס פון צאַר אַ „פּריקאַז", אַז מ'זאָל דעם רופא פאַנגאַדען אַריינלאָזן אָן קיין שום שטערונג אין די פּאַלאַצן פון דער צאַרין נאַטאַליע קירילאָוונע (די מוטער פון פּיאָטר דעם גרויסן), פון צאַרס זין און פון זיינע טעכטער. פאַנגאַדענס רום איז דאַן, ווי מיר זען, געשטאַנען גאָר הויך און ער איז געווען דער אָנערקענטסטער רופא אין די העכסטע קרייזן פון מאָסקווע.

פאַנגאַדען האָט דאַן אויך אָנגעהויבן ביסלעכווייז אַראָפּצוּבּרענגען ייִדן קיין מאָסקווע. אַ דייטשער רייזנדער, וואָס האָט דאַן באַזוכט די צאַרישע הויפּטשטאָט, דערציילט אין זיינע זכרונות, אַז אַ דאַנק פאַנגאַדענען, איז דאַן געוואַקסן די ייִדישע באַפעלקערונג פון מאָסקווע. ווער ווייסט, צי דער ערשטער ייִדישער ישוב אין מאָסקווע איז טאַקע נישט אַנטשטאַנען מיט פאַנגאַדענס הילף. ער אַליין איז אָבער שפּעטער אָפּגעגאַנגען פון ייִדנטום. צוערשט איז ער אַריבער צום לוטעראַניזם. געווען, דאַכט זיך, אויך אַ קאַטאָליקער, שפּעטער איז ער איינגאַנצן אַריבער אין שויס פון דער רוסישער, אָרטאָדאָקסיש־פּראַוואָסלאַוונער „צערקווע".

דער רופא דניאל „זשידאָווין" וואָלט זיך רויִק אויסגעלעבט זיינע יאָרן אין עושר און כבוד, — בפרט, אַז ער האָט נאָך, ווי געזאָגט, אויסגעביטן דאָס רענדל און זיך „גלייך־געשאַלטעט" אַלס קריסט, מיט אַלע „מאָסקאָוויטן", — ווען נישט די דראַמאַטישע און שטורמישע געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין קרעמל און אין גאַנץ מאָסקווע, נאָכן טויט פון צאַר אַלעקסעי.

אין מאָסקווע איז דאַן אָנגעגאַנגען צווישן פאַרשידענע קליקעס אַ קאַמף פאַר מאַכט. אַלעקסעיס יורש — דער בכור זיינער פּיאָדאָר — איז געשטאָרבן אין יאָר 1682. קלאַנגען זענען דאַן געווען, אַז ער איז נישט געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, נאָר מהאָט אים אָפּגעסמט. אין מאָסקווע איז אַנטשטאַנען אַ מהומה. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף צווישן די מילאָסלאַווסקיס און נאַרישקינס, פון וועלכע עס האָבן געשטאַמט ביידע ווייבער פון צאַר אַלעקסעי, איבער דעם, ווער עס זאָל ירשענען פּיאָדאָרן.

די „סטרעלצעס״ (מיליטער) וואָס האָבן באַהערשט די שטאָט, האָבן אָוועק־געזעצט אויפן טראָן ביידע פרינצן, — איוואַן פון די מילאָסלאַווסקיס און פיאָטר — פון דער נאַרישקין־משפחה. איבער זיי, אַלס מינדעריעריקע, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַלס „הערשערין״, אַלעקסיס עלטערע טאָכטער, סאָפיע.

בעת די בלוטיקע קאַמפן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט פאַר דעם, האָט זיך דער המון געלאָזט אויף אויסלענדער. מ׳האָט, ווייזט אויס, שוין דאַן פיינט געהאַט אין מאָסקווע „קאָסמאָפּאָליטן״ און געזען פטור צו ווערן פון זיי. מ׳האָט זיך אויך גענומען צום יידישן רופא.

די „שיסער״־אַרמיי, וואָס האָט דאַן רעפּרעזענטירט דעם רעאַקציאָנערן טייל פון דער מאָסקווער באַפעלקערונג, האָט בכלל פיינט געהאַט אַלע אויסלענדישע פּאַראַנדקעס און נישט געוואָלט הערן פון קיין שום רעפאָר־מען אין לאַנד.

דער יידישער דאָקטער, וואָס איז געקומען פון דרויסן און איז געוואָרן לייב־דאָקטער פון צאַר און פון זיין יינגערער פרוי, נאַטאַליע נאַרישקין (דער מוטער פון פיאָטר דעם גרויסן) — איז, ווייזט אויס, באַזונדערס גע־ווען פאַרהאַסט ביי דער רעאַקציאָנערער מאַסע פון די „סטרעלצעס״.

מ׳האָט אים באַשולדיקט (פּונקט ווי בעת דער „דאָקטוירים־אַפּערע״ אין די יאָרן 1952־1953 אין מאָסקווע) אין פאַרסמען זיינע פּאַציענטן מיט עפּעס אַ זאַך, אין וועלכע ער האָט כלומרשט אַריינגעטאָן גיפט. סוף־כל־סוף האָט מען אים דערמאָרדעט.

אַ טאָג פאַר דעם האָט מען אויך דערהרגעט פאַנגאַדענס 21־יאָריקן זון, ווי אויך זיין געהילף, וואָס האָט געהייסן גוטמענטש. פון דער גאַנצער משפחה איז איבערגעבליבן בלויז די אלמנה פון רופא. דאָס איז געשען, אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער צאַרין נאַטאַליע, וואָס האָט זיך פער־זענלעך איינגעשטעלט ביי די צעיושעטע „שיסער״ פאַר דער פרוי פון איר לייב־דאָקטער.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס לעבן פון ערשטן יידישן דאָקטער אין מאָסקווע. זיין גורל, ווי מיר זען, איז געווען פיל טראַגישער ווי דער גורל פון די יידן־דאָקטוירים, וואָס סטאַלין האָט באַשולדיקט אין אויסגעטראַכטע

דורך אים מאָרדן און פאַרשווערונגען. די לעצטע זענען, ווי באַקאַנט, סוף־כּל־סוף באַפרייט געוואָרן פון דער ווילד־אומזיניקער באַשולדיקונג און זענען אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פונעם טראַגישן סוף פון „דאָקטור" דאַנילאָ זשידאָווין (ווי ער האָט געהייסן ביים המון), פון זיין זון און זיין געהילף, גוטמענטש.ביידע פאַלן באַווייזן אָבער ווי געפערלעך עס איז געווען און אויך געבליבן דער גורל פון די „פרעמדע" ייִדן־דאָקטוירים ביי הערשער און שררות פון קרעמל.

זיבעציק יאָר נאָך גירוש מאָסקווע

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז געוואָרן זיבעציק יאָר זינט די צאַרישע רעגירונג האָט דורכגעפירט דעם אַזוי־גערופענעם „מאָסקווער גירוש". די ערשטע פאַראָרדענונג וועגן דעם גירוש איז אַרויס אין מערץ 1891.

זינט דעם מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט די יידישע באַפעלקערונג אין מאָסקווע גענומען שטאַרק וואַקסן, באַזונדערס איז געשטיגן די די צאָל יידן אין מאָסקווע נאָך דעם, ווי אויפן רוסישן טראָן איז אַרויף דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער, וואָס האָט שפּעטער באַקומען דעם צונאָמען „דער באַפרייער" („אָסוואָבאָדיטיעל"). געשען איז דאָס צוליב דעם, וואָס אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט ווי באַקאַנט, באַפרייט, מיט הונדערט יאָר צוריק, די פּויערים אין רוסלאַנד פון „פּאַנשטשיזנא".

אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אָבער דורכגעפירט אויך אַנדערע רעפאָרמען אין דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסישן לעבן. און זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די גאַנצע „רעפאָרם־עפּאָכע", האָט זיך אויך די באַציִונג פון דער מאַכט צו די יידן געענדערט צום בעסערן.

דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף דעם וווּקס פון דער צאָל יידן אין מאָסקווע. די דאָזיקע צאָל האָט זיך פאַרטאָפּלט פון אַכט טויזנט אין 1871 ביז זעכצן טויזנט אין 1880. די גרעסטע צאָל אין מאָסקווע האָבן די יידן דערגרייכט אין יאָר 1889. די יידן האָבן דעמאָלט געציילט 23 טויזנט און זיי האָבן אויסגעמאַכט דריי פּראָצענט פון דער דעמאָלטיקער גאַנצער באַפעלקערונג אין מאָסקווע.

דער לייענער וועט זיכער פרעגן: ווי אַזוי איז עס געקומען צו אָט־דעם גרויסן וווּקס פון דער צאָל יידן אין דער צווייט־גרעסטער שטאָט אין דעם אַלטן, צאַרישן רוסלאַנד? וואָס האָט עס געצויגן אַהין די יידן פון די שטעט און שטעטלעך פון דעם תחום המושב?

אויף דעם גיט אונדז אַ גוטן ענטפער דער מעמאָראַנדום פון דעם

מאָסקווער סוחרטום צו דער מאַכט, נאָך די פּאָגראָמען אין יאָר 1881, ווען די אַדמיניסטראַציע פון דער שטאָט האָט אָנגעהויבן דריקן אויף די מאָס־קווער ייִדן.

אין דעם מעמאָראַנדום ווערט אָנגעוויזן, אַז ייִדן שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין דעם מאָסקווער האַנדל. זיי זענען שטענדיקע קליִענטן ביי די גרויסע מאָסקווער פירמעס און זיי קויפן דאָרטן איין הורטאָוונע סחורות, וואָס זיי פירן אַוועק אין דעם תחום המושב, ווו דער קליינהאַנדל איז קאָנ־צענטרירט אין ייִדישע הענט. אַ חוץ דעם, פאַרמיטלען די ייִדישע סוחרים צווישן די צענטראַלע מאָסקווער אינדוסטריעס און די ראַנד־גובערנ־עס, וואָס ליגן אין אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד און ליטע.

זינט מען האָט די ייִדן געלאָזן פרייער אַריינקומען אין מאָסקווע, האָבן זיך אירע האַנדלס־באַציִונגען מיט די אַנדערע טיילן פון רוסלאַנד פאַר־שטאַרקט.

דער דאָזיקער מעמאָראַנדום האָט, אַלזאָ, אונטערגעשטראָכן, אַז אויב מען וועט דריקן די ייִדן, וואָס וווינען אין מאָסקווע און מען וועט באַגרע־נעצן זייער פּרוכטבאַרע און נוצלעכע טעטיקייט, וועט זיך דאָס אָפּרופן שלעכט אויף דעם אַלגעמיינעם ווירטשאַפטלעכן מצב פון דער שטאָט.

יענע ווענדונג פון די מאָסקווער סוחרים צו דער מאַכט האָט טאַקע געהאַט אַ פּעולה. די גזירות קעגן די מאָסקווער ייִדן זענען נישט דורכגע־פירט געוואָרן. די ייִדישע באַפעלקערונג איז ווייטער געוואַקסן און זי האָט דערגרייכט דעם פּריִער־דערמאָנטן, אָנזעעוודיקן פּראָצענט פון דער אַלגע־מיינער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אָבער דאָס אַלץ איז געווען נאָר צייטווייליק.

דער גירוש פון מאָסקווע איז פאָרגעקומען אין אַ קורצער צייט און האָט אַרומגענומען צוואַנציק טויזנט נפשות. דעם 28סטן מערץ 1891 איז דערשינען דער באַפעל וועגן אַרויסשיקן פון דער שטאָט די ייִדישע האַנט־ווערקערס, מייסטערס און דאָס גלייכן. שפּעטער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ צווייטער באַפעל, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו געוועזענע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געהאַט דאָס רעכט זיך צו באַזעצן אין דער שטאָט.

די אַלע באַפעלן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם מאָסקווער

פירשט סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש, וועלכער איז געווען אַ ברודער פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם דריטן, און אַ פעטער פון דעם לעצטן צאַר, ניקאָלאַי דעם צווייטן. סערגעי אַלעקסאַנדראָוויטש איז געווען פונקט אַזאַ רעאַקציאָנער ווי זיין ברודער, דער צאַר. און ער האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן אַלס אַ צורר היהודים.

די גירוש־באַפעלן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, זענען דורכגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט. טאָמער האָט עמעצער פאַרשפּעטיקט צו ליקווידירן זיינע געשעפטן אין דער שטאָט, פאַרקויפן זיין פאַרמעגן, אָפּנעמען דאָס געלט פאַר די סחורות אד״גל., — האָט מען אים געשיקט אין תפיסה, כדי פון דאָרטן אָפּשיקן אים „פּאָ עטאַפּו״ (דאָס הייסט, מיט פּאָליציי־צוואַנג) אין תחום־המושב. פיל פון די אַרויסגעשיקטע האָבן אַפילו נישט געוווסט ווהין מען שיקט זיי, ווייל זיי האָבן יאָרנלאַנג געוווינט אין מאָסקווע, וווהין זיי זענען אָנגעקומען יונגערהייט. קראַנקע און קימפּעטאָרינס האָט מען געשיקט גלייך אויפן וואָקזאַל. כדי אויסצומיידן די תפיסה, האָבן מענטשן זיך באַהאַלטן אויף בית־עלמינס. געווען אויך פאַלן פון זעלבסטמאָרד.

דעם צורר, דעם גרויספירשט, האָט שטאַרק מיטגעהאָלפן דער מאָסקווער פּאָליציימייסטער וולאַסאָווסקי. אין די „פּאָליציי־ידיעות״ זענען דערשינען מעלדונגען וועגן מתנות אין געלט, וואָס וועלן געגעבן ווערן פאַר כאַפּן אומלעגאַל־וווינענדיקע יידן. פאַר יעדן געכאַפּטן יידן האָט דער אָבער־פּאָליציימייסטער צוגעזאָגט געבן אַזוי פיל, ווי פאַר צוויי רויבער...

צווישן די געליטענע איז אויך געווען דער קאַזיאָנער ראַבינער שלמה מינאָר. אין יאָר 1891 האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש אַריבערצופירן אַ „מאלעלניע״ (געבעט־הויז) אין אַ ספּעציעל אויפגעשטעלטן בנין.

דער פּאָליציימייסטער האָט אָבער חרטה געקראָגן אויף דער דערלויבעניש. די מתפללים פון דער שול האָבן געוואָלט נאָכגעבן דעם אַנטיסעמיטישן פּאָליציימייסטער. אָבער מינאָר און דער גבאי פון דער שול, שניידער, האָבן דערלאַנגט אַ ביטע צו דערלויבן זי עפענען.

דער סוף איז געווען, אַז עס איז אָנגעקומען אַן „אַלערהעכסטער״ באַ־

פעל, אַרויסצושיקן מינארן און שנײַדערן פון מאָסקווע. די סינאַגאָגע האָט מען געהייסן פאַרקויפן אָדער פאַרוואַנדלען אין אַ צדקה־אַנשטאַלט.

דער ענין מיט דער סינאַגאָגע האָט זיך אָבער געצויגן אייניקע יאָר. אין 1896 האָט זיך מאָסקווע געגרייט, צוזאַמען מיט גאַנץ רוסלאַנד, צו דער קרוינונג פון דעם נייעם צאַר, ניקאָלאַי דעם צווייטן. די פירער פון דער מאָסקווער קהילה האָבן, אַלזאָ, באַשלאָסן אויסצונוצן די געלעגנהייט און עפענען די סינאַגאָגע, צו דער קרוינונגס־פייערונג. זיי האָבן אָבער באַקומען אַן ענטפער, אַז אַזאַ מין ביטע שטעלט מיט זיך פאָר אַ אַ חוצפּהדיקן ברעכן פון קייסערס ווילן. גלייכצייטיק זענען געשלאָסן געוואָרן 9 געבעט־הייזער. די איבערגעבליבענע 5 האָבן געקענט אויפנעמען נאָר 800 מתפּללים, בעת בלויז ייִדישע סאָלדאַטן פון מאָסקווער גאַרניזאָן, וואָס פלעגן קומען דאַווענען, האָבן אַנגעטראָפן טויזנט.

עס איז, אַלזאָ, געקומען צו אַ געהיימער תפילות־אָפּריכטונג און פון די 26 טויזנט ייִדן, וואָס האָבן פריִער געוווינט אין מאָסקווע, איז נאָכן גירוש איבערגעבליבן די צאָל פון העכער 8.000, — אין יאָר 1897, ווען דער צאַר ניקאָלאַי דער צווייטער איז אַרויף אויפן טראָן.

סערגיי האָט, אגב, אין זיין יוגנט באַזוכט ארץ־ישראל און, אַ דאַנק זיינע באַמיִונגען, האָט עס די צאַרישע רעגירונג געשאַפן דאָרט די „רוס־קאַיע פּאַדוואָריע".

דער גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש האָט געהאַט אַ ביטערן סוף. ער איז דערהרגעט געוואָרן דורך דעם טעראָריסט קאַלאַיעוו, אין יאָר 1904.

קאַלאַיעווס אַטענטאַט האָט נישט געהאַט גאָרנישט צו טאָן מיטן „מאָס־קווער גירוש". ער איז פאַרגעקומען פיל יאָרן נאָכן גירוש און איז דורכ־געפירט געוואָרן, לויטן באַשלוס פון דער „באָיעוואָיאַ אָרגאַניזאַציאַ" (קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע) פון דער פּאַרטיי פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָ־נערן, וואָס האָט זיך דאַן פאַרמאָסטן אויך אויף אַנדערע, וויכטיקע פאַר־שטייער פון דעם צאַרישן רעזשים. די פּאַרטיי האָט זיי געוואָלט אָפּראַמען, אַזוי צו זאָגן, פון וועג און אָפּשרעקן צוגלייך די צאַרישע רעגירונג, אַז זי

זאָל אויפהערן מיט איר רעאַקציאָנערע פּאָליטיק און זאָל געבן „ערד און פרייהייט" דעם פּאַראָרעמטן רוסישן פויערטום.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין רוסלאַנד האָט געהאַלטן דעם גרויספירשט, אַלס „בייזן גייסט" פון צאַר ניקאָלאַי דעם 2טן, וואָס דער־לאָזט אים נישט מאַכן וועלכע עס איז רעפאָרמעס אין לאַנד און געבן אַ „קאָנסטיטוציע" און אַ פּאַרלאַמענט. דער גרויספירשט סערגיי, חוץ דעם, וואָס ער איז, ווי געזאָגט, געווען דעם צאַרס אַ פעטער, איז ער אויך געווען זיינער אַ שוואָגער, וואָרעםביידע האָבן חתונה געהאַט מיט צוויי שוועס־טער, דייטשע פּרינצעסינס פון העסען־דאַרמשטאַדט, — אַזוי אַז ער האָט געהאַט זייער פיל מעגלעכקייט צו באַווירקן דעם שוואַכן און כאַראַקטער־לאָזן פלימעניק זיינעם.

קאַלאַיעוו איז אין דער תפיסה באַזוכט געוואָרן דורך דער אלמנה, די גרויספירשטין יעליסאַוועטאַ. ער האָט איר דערציילט, אַז ער האָט גע־זאָלט מאַכן דעם אַטענטאַט אויף איר מאַן, פריִער, אָבער ער האָט זיך אָפּ־געהאַלטן, ווייל ער האָט געזען, אַז אין דער קאַרעטע געפינען זיך, חוץ דעם גרויספירשט, אויך זי און קליינע קינדער, און ער האָט נישט געוואָלט הרגענען אומשולדיקע מענטשן. אויף יעליסאַוועטאַן האָט דער אַטענטאַט געמאַכט אַזאַ שווערן איינדרוק, אַז זי האָט אין דעם דערזען עפּעס אַ שטראָף נישט נאָר פאַר איר מאַנס, נאָר אויך פאַר אירע אייגענע זינד.

זי האָט זיך דעריבער אָפּגעזאָגט פון איר רייכן, פירשטלעכן לעבן און איז אַריינגעטראָטן אין אַ מאָנאַסטיר. זי איז אומגעקומען אין יאָר 1918, צוזאַמען מיט דער גאַנצער צאַרישער משפחה, וואָס איז, כידוע, היגנגע־ריכטעט געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס.

ווי באַוווּסט, פאָרן איצט פיל אַמעריקאַנער באַזוכן רוסלאַנד, דער עיקר וויל מען זען מאָסקווע, וואָס איז די הויפּטשטאָט פון לאַנד. האָט זיך לעצטנס געטראָפן, אַז איינער אַזאַ טוריסט האָט באַזוכט מאָסקווע און איז אויך געווען, ווי ער שרייבט, אין דער „צענטראַלער סינאַגאָגע", פון הרב לעווין, אויף טשערנישעווסקי גאַס.

דאָס איז — שרייבט ער אין דעם „דזשויִש פראַנטיר" (ענגלישע חודש־אויסגאַבע פון דער פּועלי־ציון אין אַמעריקע) — די סינאַגאָגע, וואָס איז

געעפנט געוואָרן אין מאַי 1891, „אין מיטן פון דער אַנטיסעמיטישער קאַמ־פּאַניע, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן גענעראַל־גובערנאַטאָר פון מאָסקווע, גרויספירשט (סערגעי) אַלעקסאַנדראָוויטש".

דערמאָנענדיק, אַז באַלד נאָך דער דערעפענונג פון דער שול, איז אַרויס דער קייזערלעכער דעקרעט וועגן אַרויסטרייבן די ייִדישע איינוווי־נער פון דער שטאָט, וויזט דער שרייבער אָן, אַז אויך די סינאַגאָגע האָט מען דאַן באַפוילן צו שליסן. מהאָט אויך געהייסן אַראָפּנעמען איר קופּאָל.

דער מחבר דערציילט ווייטער, אַז נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917, איז די סינאַגאָגע געעפנט געוואָרן פון דאָסניי, און ווי הרב לעווין דער־ציילט, איז זי דאַן שוין קיין איין טאָג נישט געווען געשלאָסן.

אין האַרבסט 1941, ווען די דייטשן האָבן זיך דערנעענטערט צו מאָס־קווע, האָט מען די סינאַגאָגע־פּירער עוואַקויִרט קיין אוזבעקיסטאַן. אָבער אין דעצעמבער, ווען די נאַציס זענען צעקלאַפּט געוואָרן, איז אין דער שול אָפּגעריכט געוואָרן אַ דאַנק־תפילה, אין דער אָנוועזנהייט פון אַ סך סאָל־דאַטן.

די ערשטע יידן אין פעטערבורג

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז געוואָרן 250 יאָר, זינט פּיאָטר דער גרויסער האָט געגרינדעט פּעטערבורג, דאָס היינטיקע לעניגראַד, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר דער הויפּטשטאָט פון זיין אימפּעריע.

ווען די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן, האָט רוסלאַנד כמעט ווי נישט געוווסט פון קיין יידן. אין שכנותדיקן פּוילן, וווּ עס איז געווען אַ גרויסער יידישער ישוב, האָבן יידן געפּרוווט אָנקניפּן האַנדלס־באַציִונגען מיט דער אָפּגעשטאַנענער „מאָסקאָוויע". געטאָן האָבן עס, דער עיקר, יידן, וואָס האָבן געוווינט אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וואָס זענען געלעגן אויף דער גרענעץ פון פּוילן מיט רוסלאַנד. דאָס איז אָבער צוגעגאַנגען זייער שווער. אין „מאָסקאָוויע" האָט מען נישט ליב געהאַט קיין פרעמדע, און צו אַן אויסלענדער האָט מען זיך דאָרט באַצויגן מיט גרויס חשד. ווער רעדט נאָך צו יידן, — פון זיי האָט מען אַפילו נישט געוואָלט הערן.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אויך דאַן, ווען פּיאָטר דער גרויסער האָט זיך גענומען רעפאָרמירן זיין אָפּגעשטאַנען לאַנד. ווען פּעטערבורג איז געוואָרן געגרינדעט, האָט מען קיין יידן אַהין אַלץ נישט אַריינגעלאָזן.

דער קעניגסבערגער רב, א. עפּשטיין, האָט אַפילו דאַן געהאַלטן, אַז די השגחה אַליין וויל נישט, אַז יידן זאָלן וווינען אין דער נייער רוסישער הויפּטשטאָט. פּעטערבורג האָט, ווי באַקאַנט, אין זומער זייער קורצע „ווייסע" נעכט. די זון באַוויזט דאַן קוים צו פאַרגיין אין מערב, ווי זי דערשיינט באַלד ווידער צוריק אויף דער מזרח־זייט. פאַר דער עצם־נאַכט מיט איר פינצטערקייט ווערט נישט איבערגעלאָזן קיין וועזנטלעכע צייט, און דאָס, וואָס עס ווערט יאָ איבערגעלאָזן פאַר נאַכט, איז לגמרי נישט טונקל און פינצטער, נאָר בין־השמשותדיק און „ווייס" (פון דאַנען שטאַמט אויך דער אויסדרוק „ווייסע נעכט").

הרב עפּשטיין האָט אָנגעוויזן, אַז צוליב אָט די דאָזיקע „ווייסע נעכט",

איז פשוט אוממעגלעך פעסטצושטעלן די ריכטיקע צייט פאַר מעריב און שחרית־דאַוונען. דעריבער איז טאַקע בעסער —האָט ער געזאָגט— אַז ייִדן זאָלן דאָרטן נישט וווינען...

ייִדן האָבן זיך אָבער ביסלעכווייז באַוויזן אין דער נייער רוסישער הויפּטשטאָט. די ערשטע צו זיין דאָרט זענען געווען די האַלבע ייִדן און מאַראַנען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אומגעבונג פון פּיאָטר דעם גרויסן.

איינער פון אָט־די ייִדן איז אַפילו געוואָרן אויבער־פּאָליציימייסטער פון דער נייער שטאָט און האָט אויך באַקומען דעם טיטל „גראַף". דאָס איז געווען גראַף אַנטאָן מאַנויִלאָוויטש דיוויער.

גראַף דיוויער איז געווען אַ זון פון אַ פּאָרטוגעזישן ייִדן, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט פון זיין היימאַט קיין האָלאַנד. דאָס אויסוואַנדערן פון שפּאַנישע און פּאָרטוגעזישע ייִדן איז בשעתו געווען אַ געוויינטלעכע דער־שיינונג. מען איז געלאָפן פון די פאַנאַטישע און אָפּגעשטאַנען־קאַטוילישע לענדער קיין האָלאַנד, ווו עס האָט געהערשט פרייהייט פון געוויסן און וואָס האָט דאַן בכלל פאַרנומען אַן אָנפירנדיקן פּלאַץ אין דער וועלט. דער יונגער דיוויער האָט זיך גענומען אין האָלאַנד, צו ים־נאַוויגאַציע. לכת־חילה איז ער געווען אַ פשוטער מאַטראָס אויף אַ שיף. עס האָט אים אָבער אָפּגעגליקט.

אין יאָר 1697 איז קיין האָלאַנד געקומען פּיאָטר, וואָס איז דאָרט בכלל געווען אַן אָפּטער גאַסט. אויך דער רוסישער צאַר האָט אין האָלאַנד גע־לערנט די קונסט פון ים־נאַוויגאַציע. דאָרטן האָט ער אויך בכלל באַקומען, אַזוי צו זאָגן, דעם חשק צו פאַרוואַנדלען זיין רוסלאַנד אין אַ ים־מאַכט און צו דעראָבערן פאַר איר אַ וועג צום ים־ברעג. לכבוד דעם גרויסן, אָנגע־לייגטן גאַסט האָט די מאַכט אין אַמסטערדאַם איינגעאָרדנט אַ פּייערלעכן ים־פּאַראַד. פּיאָטר אַליין האָט אויפן פּאַראַד אָנגעפירט מיט אַ שיף, ווו דער ייִנגער דיוויער איז געווען אַ „יונגע". פּיאָטר האָט באַמערקט דעם יונגן, כוואַטסקען מאַטראָס און אים איינגעלאַדן קיין רוסלאַנד.

אין פּעטערבורג האָט דיוויער שנעל געשטיגן. אַ פרייִלעכער און ספּריטנער, איז ער באַלד געוואָרן גאָר נאָענט צום צאַר, וואָס האָט אים

געמאַכט פאַר זיין „דיענשטשיק" (דינער). די רוסישע געזעלשאַפט האָט זיך אָבער באַצויגן קאַלט צום ניי־געקומענעם. יעדער פּרוּוו זיינער, מתחתן צו זיין זיך מיט דער „באַיאַרסקער" אַריסטאָקראַטיע, האָט באַגעגנט אומ־געהייערע שטערונגען. מהאָט דיוויערן נישט געקאָנט מוחל זיין זיין יידישע אָפּשטאַמונג. און הגם ער איז שוין געווען אויס ייד, האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזן אין דער הויכער געזעלשאַפט. די יידישע אָפּשטאַמונג האָט, ווייזט אויס, בכלל געשפּילט אַ פאַטאַלע ראָל אין דיוויערס צוקונפט. דיוויער איז טאַקע שפּעטער געוואָרן ביי פּיאָטרן גענעראַל־אַדיוטאַנט. ער האָט, ווי געזאָגט, אויך זוכה געווען צו דערהייבן ווערן צום גראַף־טיטל. ער האָט אָבער נישט אויסגעמיטן געוואַלטיקע אַנטוישונגען, ירידות און פּיין. ציי־טנווייז האָט זיך אַפילו געדוכט, אַז עס איז בכלל אויס מיטן בעל־הצלחה, דיוויער, און אַז פּיאָטרס ליבלינג און אַדיוטאַנט, ער, וואָס האָט געטאָן אַזוי פיל פאַר פּעטערבורג, אַז זי זאָל ווערן באמת אַ גרויסע און שיינע שטאָט, — אַז אָט דער מאַן וועט אומקומען אין שרעקלעכער נויט און פאַרגעסנ־קייט, ערגעץ־ווו, אין ווייטן סיביר, אַזוי, אַז אַפילו פון זיין געדעכעניש זאָל גאָרנישט איבערבלייבן.

בכדי צו ווערן גלייך מיט אַלע מקורבים פון גרויסן פּיאָטר, האָט דיי־וויער געזוכט פאַר זיך אַ כלה דווקא אין דער הויכער געזעלשאַפט פון פּע־טערבורג. ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער פאַרזעסענער, אַלטער שוועסטער פון אַלמעכטיקן מענשיקאָוו, וואָס איז אין צייט שיר נישט גע־וואָרן שני למלך צו פּיאָטערן.

מענשיקאָוו האָט אָבער נישט געוואָלט הערן פון אַזאַ מין שוואָגער. דיוויער האָט געמוזט אָנווענדן כלערליי טריקן, כדי צו באַקומען פאַר זיך זיין באַשערטע. ער האָט זי דאַן פּראָסט און פּשוט אַרויסגעגנבעט פון מענ־שיקאָווס הויז (פאַראַן אַ מיינונג, אַז ער האָט זי פריער פאַרפירט). דער אַלמעכטיקער מענשיקאָוו איז געווען אויסער זיך: סטייטש, אַ זון פון אַ יידן פאַרשלעפּט זיין לייבלעכע שוועסטער! ער האָט זיך געלאָזן מיט זיין גאַנצן הויף משרתים צום סעקוועסטרירער. מהאָט דיוויערן צעמזיקט און צעשלאָגן ביז בלוט. דיוויער האָט זיך געקלאָגט צו פּיאָטרן, און דער צאַר האָט זיך געשטעלט אויף זיין צד. פּיאָטר האָט געהייסן באַלד אַדורכפירן

די חתונה אין משך פון דריי טעג. מענשיקאָוו האָט געמוזט נאָכגעבן. ער האָט אָבער פאַרטייעט זיין כעס און רציחה־געפילן און געוואַרט אויף אַ מאָמענט ווען ער וועט זיך קאָנען אָפּרעכענען מיט זיין „אומווירדיקן" קעגנער.

פעטערבורג איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס די נייע הויפּטשטאָט פון רוסלאַנד אין יאָר 1701. זי איז אָבער געוואַקסן גאַנץ פּאַמעלעך. קיינער האָט נישט געוואָלט פאָרן אין נייעם כרך, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן ווייטן צפון פון רוסלאַנד, צווישן זומפּן און אייביקע בלאָטעס. די שטאָט האָט זיך בכלל געטרונקען אין בלאָטע. קיין אָנשטענדיקע וווינונג איז דאָרט נישט געווען. אין האַפן האָבן געהוליעט כלערליי טונקעלע עלע־מענטן, — מאַטראָסן, שטורמאַנעס, וואָס זענען געקומען מיט די שיפן און זיך געלאָזט וווילגיין. געליטן האָט מען אויך פון די אַרטיקע פינען און אויך פון כלערליי בראָדיאַגעס, גנבים און רויבער, וואָס האָבן איבערפולט די געסלעך ביי דעם טייך ניעוואַ און ביים פאָרט. די נייע שטאָט האָט בכלל געהאַט אַ שלעכטן נאָמען אין רוסלאַנד און קיין שום אָנשטענדיקער מענטש מיט זיין משפחה וואָלט נישט געוואָלט אַהין איבערוואַנדערן.

פּיאָטר האָט דאַן באַשטימט דיוויערן, אַלס אויבער־פּאָליציימייסטער פון פעטערבורג. זיין אויפגאַבע איז געווען צו מאַכן די שטאָט ווי ס'באַדאַרף זיין פאַר אַ הויפּטשטאָט, זען אַז זי זאָל ענדלעך אויך ווערן אַ צוציִונגס־פלאַץ פאַר איבערוואַנדערער פון אַנדערע שטעט. דיוויער האָט באַקומען אונטער זיך 10 אָפיצערן, 20 אונטער־אָפיצערן און 160 פּאָליציאַנטן. ער האָט באַלד אויך איינגעפירט אַ „פּאַזשאַרנע קאָמאַנדע" מיט מאָדערנע פּאָמ־פּעס און אַנדערע איינריכטונגען פאַר לעשן פייער, וואָס מ'האָט, אגבֿ, אַראָפּ־געבראַכט אַלץ פון דער זעלבער האָלאַנד. ער האָט אויך באַפוילן צו ברוקירן די הויפּט־גאַסן און אַרויסצופירן דאָס מיסט. אַ פּאָר הונדערט לאַמטערנעס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אין אַלע טיילן שטאָט, כדי דער עולם זאָל נישט מורא האָבן צו גיין ביינאַכט. ער האָט אויך איינגעפירט נאַכטוועכ־טער, אויפגעשטעלט „ראָגאַטקעס" אין די עקן פון שטאָט, און געזען, אַז מען זאָל קאָנטראָלירן שטרענגער דעם עולם, וואָס גייט אין פאָרט אַרויס פון דער שטאָט. צוגלייך האָט ער פאַרמאַכט די רויבערישע מלינהס און טונ־

קעלע סאַלאָנעןביים האָפן און האָט בכלל פאַרבאָטן אַזאַרט־שפּילן און שיכרות. די פּיל בראַדיאַגעס און שנאָרער האָט ער געהייסן פּראָסט און פּשוט שמייסן און פאַריאָגן פון דער הויפּטשטאָט.

דיוויער אַליין פלעגט יעדן טאָג אַרומפאָרן איבער דער שטאָט און זען, צי זיינע באַפעלן ווערן אויסגעפירט און צי פּעטערבורג קריגט ענדלעך אַ לייטישן אויסזען. אויפגעטאָן האָט ער, ווייזט אויס, זייער פיל, וואָרעם אין יאָר 1720 האָט ער באַקומען דעם טיטל גראַף און איז אויך געוואָרן גע־נעראַל־לייטענאַנט. אין דער שטאָט האָט ער געהאַט אַ שם אַלס גלענצנדער אַדמיניסטראַטאָר און אַן ערלעכער מענטש, וועמען מ׳קען נישט אונטער־קויפן דורך געלט (פיל פון פּיאָטרס מקורבים זענען דווקא נישט געווען קיין נקיי־כפּים און האָבן גענומען ווו עס לאָזט זיך...).

דיוויער איז דערהויבן געוואָרן נאָך העכער, ווען ער איז געשיקט גע־וואָרן מיט אַ ספּעציעלער מיסיע קיין קורלאַנד.

קורלאַנד איז דאַן געווען אַ זעלבשטענדיק הערצאָגטום, אָפּהענגיק בלויז פון פוילן. די קורלענדער, ווילנדיק פּטור ווערן פון אַט־דער אָפּ־הענגיקייט, האָבן באַשלאָסן איינלאַדן צו זיך אַ זון פון זאַקסישן קעניג, אויגוסט דעם 2טן, אַלס זייער הערשער. דערהערט אַזאַ געשיכטע, האָבן די פּאָליאַקן צונויפגערופן זייער סיים קיין גראָדנע און פאַרבאָטן די קורלענ־דער אַראָפּצוברענגען דעם זאַקסישן פּרינץ.

אויך רוסלאַנד, איז צוליב אירע טעמים, געווען קעגן דעם. זי האָט דאַן אַראָפּגעשיקט קיין מיטוי דיוויערן. די קורלענדער האָבן זיך אָבער נישט צוגעהערט צו זיינע רעדעס און זענען געבליבן ביי זייער באַשלוס. נאָכמער, — זיי האָבן פאַרגעלייגט דיוויערן אַן אַפּותיקאַ, כדי פּרוּוון אים אונטער־צוקויפן און איינגיין אויף זייער באַשלוס. דיוויער האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג און ווען דאָס איז באַקאַנט געוואָרן אין פּעטער־בורג, האָט דאָס נאָכמער געהויבן זיין רום.

אין פּעטערבורג זענען דערווייל פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. עס איז געשטאָרבן פּיאָטר, — דיוויערס פּריינט און פּראָטעקטאָר. דיוויערס שונא, מענשיקאָוו, האָט געוואָלט אַרויפזעצן אויפן טראָן זיינס אַ קאַנדי־דאַט. דיוויערן וואָלט דאַן, זיכער געווען זייער ביטער, וואָרעם מענשיקאָוו

וואָלט דאָס אויסגענוצט, כדי אָפּצורעכענען זיך מיט אים. דעם טראָן האָט אָבער איבערגענומען פּיאָטרס אלמנה, יעקאַטערינע און דיוויער האָט גע־קענט לייכט אָפּאָטעמען.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווען יעקאַטערינע איז געוואָרן שטאַרק קראַנק, האָט זיך מענטשיקאָוו ווידער באַוויזן אויף דער סצענע. ער האָט געוואָלט חתונה מאַכן פּיאָטרס אַן אייניקל, פון זיין זון אַלעקסיי (אויך אַ פּיאָטר), מיט זיין טאָכטער, כדי צו ווערן אַזוי אַרום דער פאַקטישער הערשער אי־בער דער גרויסער רוסישער אימפּעריע. דער קראַנקער צאַרין האָט מענ־שיקאָוו אונטערגערוקט אַ צוואה, אַז זי איז מסכים אויף זיין פּלאַן, וואָס האָט אים געדאַרפט מאַכן פאַרן אומגעקרוינטן הערשער פון רוסלאַנד.

מענשיקאָווס כיטרער פּלאַן איז צונישט געמאַכט געוואָרן דורך אַ קעג־נערישער גרופּע, צו וועלכער עס האָט אויך געהערט דיוויער. מענשיקאָוו האָט אָבער באַוויזן צו אַרעסטירן כמעט אַלעמען פון דער גרופּע. דיוויערן האָט מען געפּייניקט אויף אַ בעסטיאַלישן אופן.

מענשיקאָוו האָט, אַלזאָ, דערגרייכט זיין ציל. האָט דיוויערן אַריינבאַ־קומען אין זיינע הענט. דער כעס קעגן אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער, מענשיקאָוו, האָט גאָר פאַרגעסן, אַז דיוויער איז זיינער אַ שוואָגער און האָט זיין שוועסטער פּאַר אַ פּרוי. דער נייער דיקטאַטאָר האָט פאַרשיקט דיוויערן מיט דער פּרוי אין דער וויטסטער העק פון סיביר, טויזנט וויאָרסט וויט פון דער סיבירער שטאָט יאַקוטסק. דיוויער איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן פון דער אַרומיקער וועלט און געהאַלטן געוואָרן אויף ברויט מיט וואַסער.

דיוויער וואָלט, וואַרשיינלעך, אויך אומגעקומען אין וויטן סיביר. דערווייל האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז מענשיקאָוו איז געפאַלן. אויפן טראָן איז אַרויף די קורלענדישע הערצאָגין אַננאַ יאַנאָוונאַ, פּיאָטרס אַ פּלימע־ניצע, — די זעלביקע, וועמען דיוויער האָט געקאָנט נאָך פון מיטוי. זי האָט אָבער פאַרגעסן וועגן דיוויערן. די הילף איז געקומען פון אַן אַנדער צד.

אין יענער צייט האָט דער באַרימטער דעניש־רוסישער רייזנדער בע־רינג, געמאַכט אַ רייזע ביי די ברעגעס פון אַלאַסקאַ און סיביר, זוכנדיק עפּעס אַ פּונקט וווּ מ׳זאָל קענען אויפשטעלן אַ פּאָרט פאַר רוסלאַנד. מ׳האָט דעם פּונקט געפונען און געגרינדעט דעם פּאָרט אָכאָטסק, וווּ איינער פון

די פאַרשיקטע אין סיביר, סקאָרניקאָוו, איז, לויט בערינגס ביטע, באַשטימט געוואָרן, אַלס גובערנאַטאָר. סקאָרניקאָוו, וואָס איז געווען אַ שיכור און האָט דערצו נאָך גענומען כאַבאַר, האָט באַלד פאַרלאָרן דעם „דזשאָב" און פון פעטערבורג האָט מען אויף זיין פלאַץ באַשטימט דיוויערן. דער לעצטער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט מיט זיין גוט־באַקאַנטער ענערגיע, אויפגעשטעלט נייע גאַסן, גערטנער, הייזער, רעגירונגס־געביידעס, אַ שול פאַר ים־נאַוויגאַציע, וואָס איז, אגב, אין משך פון 100 יאָר געווען די איינציקע אין גאַנץ סיביר.

פיאָטרס טאָכטער, יעליזאַוועטע, וואָס האָט באַשטיגן דעם טראָן אין יאָר 1741, האָט שוין אינגאַנצן רעהאַביליטירט דעם אַדיוטאַנט פון איר גרויסן פאָטער.

דיוויער איז צוריקגעבראַכט געוואָרן קיין פעטערבורג, און האָט באַקומען צוריק זיין גראַפן־טיטל און גענעראַלן־ראַנג. די נייע קייסערינע האָט אים אויך געשאָנקען אַ דאָרף מיט 1.800 פויערים, וואָס האָבן געהערט צו מענשיקאָוון.

דיוויער איז אָבער נישט געווען קיין יונגערמאַן. די צרות און עינויים, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון מענשיקאָוון, האָבן אונטערגעגראָבן זיין געזונט און מוט.

דיוויער איז געשטאָרבן אין יאָר 1745, אָבער די אַרבעט און אויפטועז פון אָט־דעם זון פון אַ פאָרטוגעזישן ייִד, זענען גוט באַקאַנט אין דער געשיכטע פון פעטערבורג, וואָס האָט אים פיל צו פאַרדאַנקען.

VI

ייִדן אין קאַווקאַז

„דאַג טשופוט" — די באַרג־יידן פון דאַגעסטאַן

וועגן דער אָפּשטאַמונג פון די אָרטיקע (נישט־צוגעוואַנדערטע) יידן פון קאַווקאַז, דאָס הייסט די יידן פון גרוזיע, דאַגעסטאַן, אַזערביידזשאַן, אַרמעניע א״אַז״וו, זענען פאַראַן פיל לעגענדעס, וואָס דרייען זיך, דער עיקר, אַרום די עשרת השבטים און אַרום דעם גירוש פון יידן פון ארץ־ישראל, נאָכן חורבן פון בית־ראשון. קאַווקאַזער יידן האַלטן, אַז זיי שטאַמען פון דעם אָדער יענעם פאַרטריבענעם שבט; אַז זיי זענען געקומען קיין קאַווקאַז נאָכן גירוש פון נבוכדנאצר אאַז״וו.

אויב מען זאָל זיך רעכענען מיט היסטאָרישע פאַקטן, דאַרף מען אָננעמען, אַז יידן זענען געקומען קיין קאַווקאַז פון פערסיע און אַראַביע, פון וואַנען זיי זענען אַנטלאָפן, צוליב די רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען אין אָנהייב פון איסלאַם. יידן האָבן אויך געקענט קומען קיין קאַווקאַז פון צפון, ווי אויך פון קרים און אַנדערע געביטן פון דרום־רוסלאַנד, פון וואַנען זיי זענען וואַרשיינלעך געקומען, נאָכן אונטערגאַנג פון דער כוזרישער מלוכה. עס איז צו אָננעמען, אַז צווישן די אָרטיקע קאַווקאַזער יידן זענען אויך פאַראַן אָפּשטאַמיקע פון די כוזרים, וואָס האָבן אָבער אין זייער מערהייט שפּעטער אָנגענומען דעם איסלאַם.

די כוזרישע מדינה האָט זיך אין דער צייט פון איר פונאַנדערבליפאַרשפּרייט אויך איבער טיילן פון צפון־קאַווקאַז. זייער פיל ידיעות וועגן די כוזרים קומען, אגב, פון גרוזינישע און אַרמענישע קוועלן, ווייל גרוזיע און אַרמעניע האָבן געהאַט פיל אויסצושטיין פון די כוזרישע אָנגריפן.

אויפן שטח פון צפון־דאַגעסטאַן, פון אים ביז דער אונטערשטער טייל פון דער וואָלגע, האָט זיך, ווייזט אויס, געפונען דאָס וויגעלע פון דער גאַנצער כוזרישער מדינה. דאָרטן, ביים ברעג פון קאַספּישן ים, איז געלעגן די ערשטע הויפּטשטאָט פון די כוזרים, בעלענדזשער, צי סעמענדער. געוויסע פאַרשער האַלטן אויך, אַז גאַנץ דאַגעסטאַן איז געווען אַמאָל באַזעצט

דורך אַ כוזרישן שבט מיטן נאָמען „יענדער" און די סטאַציע „יענדערי", אויף דער אייזנבאַן פון באַקו קיין אַסטראַכאַן, געפינט זיך עס אויפן אָרט פון דער ערשטער עיר הבירה פון דער כוזרים־מלוכה.

אין 14־15טן יאָרהונדערט זענען אויפן שטח פון איצטיקן דאַגעסטאַן פאָרגעקומען גרויסע שלאַכטן צווישן די כוזרים און די פערסן; אַ פערסישער קעניג איז אַפילו געווען געצוווּנגען אויפצושטעלן אין דעם שמאָלן פּאַס צווישן דערבענט און די קאַווקאַזער בערג, — אַ וואַנט, כדי צו פאַרהאַלטן דעם כוזרישן דראַנג קיין טראַנסקאַווקאַזיע. דערבענט אַליין הייסט, אגב, אויף פערסיש באַריער, שטערונג, און מען האַלט, אַז די גאַנצע דאָזיקע שטאָט איז אויך אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן פערסישן קעניג כאָזראָי נורשיוואַן, כדי צו שטערן די כוזרים אַריינצודרינגען קיין פערסיע.

אין יענער צייט האָבן די כוזרים אויך באַקומען די אויבערהאַנט איבער די אַלאַנען — אַ פאָלק, וואָס הייסט אין די אַלטע רוסישע כראָניקעס „יאַסי" און אין גרוזינישע כראָניקעס „אָסי" און וואָס מ'האַלט, אַז די אָסעטינער, וואָס וווינען אין צענטער פון קאַווקאַז, שטאַמען פון אים. אַ טייל פון די אַלאַנער זאָלן האָבן געוואָרן באַקערט דורך די כוזרים צום ייִדישן גלויבן און עס איז דעריבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן די קאַווקאַזער ייִדן געפינט זיך אויך אָסעטיניש בלוט.

ווייזט אויס, אַז דווקא אין דאַגעסטאַן איז דער כוזרישער איינפלוס געווען אַזוי שטאַרק און פאַרוואָרצלט, אַז אַפילו נאָכן פאַלן פון דער כוזרישער מלוכה, איז אין דאַגעסטאַן געבליבן עקסיסטירן אַ זעלבשטענדיקער, קליינער כוזרישער שטאָט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען בעת דער אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן אין אייראָפּע.

אַ סימן פון אַ ווייטער פאַרבליבענער כוזרישער השפעה אין דאַגעסטאַן און אין פאָדער־קאַווקאַז בכלל זעט מען אין דעם, וואָס די דאָזיקע גאַנצע געגנט האָט נאָך ביזן 14טן יאָרהונדערט געהייסן אין די רוסישע „כראָניקעס" „זשידי" (ייִדן־לאַנד), — פונקט ווי קרים האָט געהייסן דאַן אין מערב־אייראָפּע „גהאזאריע".

ביזאַנטינישע כראָניקעס דערציילן, אַז די כוזרים, וואָס זענען אַריינגעקומען קיין דאַגעסטאַן פון דעם אונטערשטן טייל פון דער וואָלגע, האָבן

אַריינגעדרונגען טיף אין לאַנד און האָבן געפירט פאַרביסענע קאַמפן מיט די אַראַבער פאַר דער הערשאַפט איבער אַזעלכע שטעט ווי דערבענט, מאַכאַטש־קאַלע און אַנדערע. דער באַרימטער יידישער געלערנטער א. הרכבי און דער רוסישער געלערנטער ווס. מילער האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז די כוזרים האָבן איבערגענומען דעם יידישן גלויבן טאַקע פון די קאַווקאַזער באַרג־יידן. ווען די כוזרישע מלוכה איז געפאַלן, איז דאַגעס־טאַן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מוסולמענישער השפעה.

דער רייזנדער גערבער, וואָס האָט מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק באַזוכט דאַגעסטאַן, שרייבט, אַז די דאָרטיקע יידן פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט און מיט פי־צוכט. זיי זאָגן אויך וועגן זיך, אַז זיי שטאַמען פון שבט יהודה און אַ טייל — פון שבט בנימין. זייערע רבנים באַהויפּטן, אַז זייערע עלטערן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון ירושלים און פאַרשיקט געוואָרן קיין מדי (דאָס איצטיקע אַזערביידזשאַן, בשכנות מיט דאַגעסטאַן).

בעת דער הערשאַפט פון פיאָטר דעם גרויסן, אין אָנהייב פון 18טן יאָר־הונדערט, איז דאַגעסטאַן אַריבער צו רוסלאַנד. די מוסולמענישע באַפעל־קערונג, וואָס איז געווען פאַרביטערט צוליב דעם, האָט געפאָדערט, אַז די באַרג־יידן זאָלן זיי העלפן אין קאַמף קעגן די רוסן. אויך מיט הונדערט יאָר שפּעטער, ווען אין דאַגעסטאַן איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די מוסולמענער, אונטער דער אָנפירונג פון שאַמיל, — איז דערגאַנגען צו פאָגראָמען אויף די באַרג־יידן. זייערע „אַולן" אין די בערג זענען צע־שטערט געוואָרן דורך מוסולמענישע פאַנאַטיקער און די איינוווינער זענען אומגעבראַכט געוואָרן. פון דעסט וועגן האָבן די באַרג־יידן דאַן אַרויסגעוויזן פיל מוט און דרייסטקייט אין קאַמף מיט זייערע שונאים פון פאַרשידענע לאַגערן, און דער באַקאַנטער רוסישער שרייבער ו. ניעמיראָוו־דאַנטשענקאָ, וואָס האָט בעת די קאַמפן פון די רוסן קעגן שאַמילן פאַרבראַכט אין קאַוו־קאַז, האָט די באַרג־יידן געווידמעט אַ בוך אונטערן נאָמען „וואָינסטוויוש־טשי איזראַיל" (דער מיליטאַנטישער ישראל).

די באַרג־יידן האָבן בכלל זוכה געווען צו אַ געוויסער פּאָפּולאַריטעט אין אַמאָליקן רוסלאַנד. קודם־כל האָט, ווייזט אויס, צוגעצויגן אין זיי זייער נישט־יידישער, עקזאָטישער אויסזען, — דאָס וואָס זיי זענען לגמרי נישט

געוועז ענלעך צו אונדזעריקע שטעטלשע ייִדן פון „תחום המושב״. זיי האָבן אויך געוווּסט פון „גאולת הדם״, פון באַצאָלן פאַר כלות מיט „קאַלים״ און ענלעכע מוסולמענישע מנהגים.

אויך אויסערלעך האָבן זיך די באַרג־ייִדן נישט אונטערשיידט כמעט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. זיי פלעגן וווינען, פונקט ווי די מו־סולמענער, אין „אַולן״, ד״ה דערפער צווישן די בערג. זייער שפּראַך, ייִדיש־טאַטיש, איז אַ געמיש פון פּערסישע, טערקישע און העברעיִשע ווערטער. ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג הייסן זיי „דאַג־טשופוט״. דאָס וואָרט „טשופוט״ איז פאַרקריפּלט פון אַראַבישן „יאַהוד״, פון וועלכן עס איז צו־ערשט געוואָרן „טשעפוט״ און נאָכדעם דאָס פאַראַכטנדיקע „טשופוט״, ד״ה זשיד. דאָס וואָרט „טשופוט״ געפינט מען אויך אין טאַטערישן קרים, ווו עס עקסיסטירט פון אַלטע צייטן אויף די שטאָט מיטן נאָמען „טשופוט־קאַלע״, וואָס האָט ביי די רוסן לכתחילה געהייסן „זשידאָווסקאַיאַ קרע־פּאָסט (ייִדישע פעסטונג).

אַ געניע באַשרייבונג פון די באַרג־ייִדן האָט דער ערשטער איבער־געלאָזן דער באַרג־ייִד ניסים־אגלי (ניסימס זון), וואָס איז, וואַרשיינלעך, געווען דער ערשטער רב פון די באַרג־ייִדן. ניסים־אגלי האָט באַקומען זיין ערשטע בילדונג אין אַ רוסישער שול, ווו זיין דאַגעסטאַנער נאָמען איז רוסיפיצירט געוואָרן דורך די לערער, אויף אַניסימאָוו. שפּעטער האָט ער גע־לערנט אין וואָלאָזשין און האָט אויך פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין ירושלים. ניסים־אגלי איז געווען דער ערשטער געבילדעטער באַרג־ייִד, וואָס האָט פיל שטודירט די מנהגים און דעם גאַנצן אייגנאַרטיקן לעבן פון די באַרג־ייִדן. זייער שפּראַך, ייִדיש־טאַטיש, איז ווידער אויסגעפאָרשט געוואָרן דורכן באַקאַנטן רוסישן פילאָלאָג, ווסעוואָלאָד מילער. דאָס ייִדיש־טאַטיש איז נאָך דער רעוואָלוציע פון יאָר 1917 שטאַרק צונויץ געקומען דער סאָ־וועטישער רעגירונג; אַלס דער מער אַנטוויקלטער און קולטיווירטער דיאַ־לעקט פון דער שפּראַך פון דער אָרטיקער, מוסולמענישער באַפעלקערונג, — האָט ייִדיש־טאַטיש געפונען אַ גרעסערע אָנווענדונג ביים אַריינפירן בילדונג און אייגענע, אויטאָנאָמע קולטור־אינסטיטוציעס אין דער דאַגעס־טאַנער רעפּובליק.

זייער רעליגיעזע מנהיגים פלעגן די באַרג־ייִדן אַמאָל באַקומען פון די ייִדישע קהילות אין סיריע און איראַק. ווען די רוסישע הערשאַפט האָט זיך באַפעסטיקט אויף קאַווקאַז, האָבן די באַרג־ייִדן אָנגעקניפּט באַציִונגען מיט די ייִדן פון ליטע און געפּרוּווט אַראָפּברענגען רבנים אויך פון דאָרטן. אין אונדזער יאָרהונדערט האָבן זיך די „דאַג־טשופוט" אויך פאַראינטערעסירט מיטן ציוניזם, און יעדע ייִדישע עדה פון קאַווקאַז האָט געהאַט אירע צאָלרייכע פאָרשטייער אין ארץ־ישראל.

שווערע צייטן האָבן די באַרג־ייִדן דורכגעמאַכט בעתן בירגער־קריג אין רוסלאַנד. די פיל־פעלקערדיקע קאַווקאַז האָט דאַן געקאָכט ווי אַ קעסל. אַרמענער, גרוזינער, טאָטערן, אַזערביידזשאַנער, אַסעטינער, אָבכאָזן, קאַבארדינער, טערקן און אַנדערע גרופּן און שבטים האָבן אויפגעהויבן דעם קאָפּ און גענומען אָרגאַניזירן זייער נאַציאָנאַלן לעבן. אין דער אַלגעמיינער מהומה און אין די צווישן־פעלקערלעכע קאַמפן, וואָס האָבן אויפגעפלאַקערט, האָבן באַזונדערס געליטן די באַרג־ייִדן. די באַרג־ייִדן, וואָס האָבן געלעבט פון ערד־אַרבעט, וויינגערטנעריי אאַז"וו, האָבן פאַרלוירן זייער הויפּט־פרנסה, ווייל די אַרומיקע מוסולמענישע באַפעלקערונג האָט זיי פשוט פאַרטריבן פון באָדן. ווייזט אויס, אַז דער אַנטיסעמיטיזם פאַרלייגט זיך אויף ייִדן, אויך ווען זיי זענען פּראָדוקטיוו. די באַרג־ייִדן, ווי מיר זען, האָבן געליטן פון אַנטיסעמיטיזם, טראָץ דעם, וואָס ער האָט זיי נישט געקענט, ווי געוויינטלעך, פאָרוואַרפן „נישט־פּראָדוקטיווע" פאַרמיטלעריי, „פּאַראַזיטיזם" און אַנדערע דעמאַגאָגישע זאַכן.

נאָכן בירגער־קריג האָט די סאָוועטישע רעגירונג גענומען זוכן ברייעם באָדן, כדי צו באַזעצן די דעקלאַסירטע און באַרויבטע באַרג־ייִדן, אין די געגנטן פון מאָזדאָק און קיזליאַר, ביים טייך טערעק. עס זענען דאָרט אַנטשטאַנען די קאָלאָניעס לארינא, קאַלינינאָ א"אַנד'.

די ערשטע איז געשאַפן געוואָרן אויפן נאָמען פון באַקאַנטן סאָוועטיש־ייִדישן עקאָנאָמיסט, לאַרין־לוריע, וואָס האָט זיך אין די צוואַנציקער יאָרן בכלל שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן באַזעצן די דעקלאַסירטע און רוּיִנירטע ייִדישע באַפעלקערונג פון רוסלאַנד אויפן באָדן און מיט אַריבערפירן זי בכלל פון האַנטווערק און האַנדל צו ערד־אַרבעט. לויט זיין פּלאַן,

האָט עס אויך געזאָלט געשאַפן ווערן די ייִדישע רעפּובליק אין קרים.

מיט דער קאָלאָניזירונג־אַרבעט צווישן די באַרג־ייִדן, וואָס האָבן אין יאָר 1926 געציילט 26 טויזנט נפשות, האָט אָנגעפירט דער „קאָמזעט". צו באַזעצן אויפן נייעם באָדן די באַרג־ייִדן, וואָס האָבן נאָך פריִער זיך באַ־שעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, איז פאַרן „קאָמזעט", זיכער, געווען נישט קיין שווערע אַרבעט. די גאַנצע אַרבעט איז געענדיקט געוואָרן אין יאָר 1929.

ביז יענער צייט האָבן אָבער פיל באַרג־ייִדן אויסגעוואַנדערט אין די גרעסערע שטעט פון דאַגעסטאַן, ווי דערבענט און מאַכאַטש־קאַלע (אַמאָליקער פּעטראָווסק), ווי אויך טיף אין רוסלאַנד און קיין ארץ־ישראל. אויך אין די שטעט איז די לאַגע געווען נישט איבעריקס קיין גוטע.

די ייִדן פון גרוזיע

פון מדינת־ישראל איז לעצטנס אָנגעקומען אַן אינטערעסאַנטע ידיעה וועגן אַ ייִדישן שבט, וואָס מען האָט אים געהאַט כמעט ווי אינגאַנצן פֿאַרגעסן. דאָס זענען די גרוזינישע ייִדן, — די ייִדן וואָס וווינען אין גרוזיע, אין דעם קליינעם לענדעלע, וואָס געפינט זיך אויף קאַווקאַז, ביי די ברעגן פון דעם שוואַרצן ים. דאָס איז אויך דאָס לאַנד, פון וואַנען סטאַלין האָט געשטאַמט. (דער צווייטער און מער־באַקאַנטער שבט פון קאַווקאַזער ייִדן, די אַזוי־גערופענע „באַרג־ייִדן", וווינען אין דעם מזרחדיקן טייל פון קאַווקאַז, ביים ברעג פון דעם קאַספּישן ים).

אַ ידיעה פון ישראל דערציילט, אַז אַ דעלעגאַציע פון גרוזינער האָט לעצטנס באַזוכט ישראל. פון זיי איז מען דערגאַנגען, אַז אין גרוזיע וווינען איצט הונדערט טויזנט ייִדן, אַז זייער לאַגע איז גוט און אַז אַ פּאָר ייִדן פֿאַרנעמען דאָרט אַפילו וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער רעגירונג פון דער גרוזינישער סאָוועטישער רעפּובליק. די ייִדן דאָרט וווינען על פּי רוב אין די שטעט טיפליס, קוטאַיִס, סאָטשי און אין אַ צאָל אַנדערע. עס איז אויך געוועזן צום סוף צוגעגעבן, אַז די צאָל ייִדן אין גרוזיע איז פּאַקטיש גרעסער, און אַז זי דערגרייכט ביז צו 150 טויזנט.

פֿאַר דעם לייענער, וואָס איז ווייניק באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער קליינער גרוזינישער מדינה, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז גרוזיע האָט אַרויסגעגעבן סטאַלינען, וועמענס אמתער נאָמען איז געווען דזשוגאַשווילי. אגב, טראָגן ייִדישע נעמען אין גרוזיע אַ גרוזינישן כאַראַקטער. ייִדן האָבן דאָרט אויך נעמען, וואָס ענדיקן זיך מיט „שווילי". דאָס וואָרט באַדייט זון, אויף גרוזיניש — קינד. אַ פּאָר יאָר פֿאַר דעם קריג איז אין ארץ־ישראל געשטאָרבן אַ גרוזינישער ייִד, וואָס האָט געדענקט סטאַלינען פון דער שול, אין וועלכער ער האָט מיט אים צוזאַמען געהאַט געלערנט. דער ייִד האָט אויך געהאַט אַ נאָמען וואָס האָט זיך געענדיקט מיט „שווילי", פּונקט אַזוי ווי סטאַלין־דזשוגאַשווילי.

די ייִדן אין גרוזיע רופן זיך אַליין „עבראַעלי״ (העברעער), אָדער „ישראעלי״ (ישראלי), אָדער „אורה״. זיי רעדן נישט קיין ייִדיש און נישט קיין לאַדינאָ, וואָס איז די שפּראַך פון די ספרדישע ייִדן; דאָס הייסט, אַז זיי זענען נישט קיין אשכנזים און נישט קיין ספרדים. די פאַרשידענע דע־לעגאַציעס פון אַמעריקאַנער און אַנדערע ייִדן, וואָס האָבן באַזוכט לעצטנס טיפליס אָדער קוטאַיס, און שפּעטער געשריבן, אַז זיי האָבן דאָרט געטראָפן ספרדישע ייִדן, באשר בכן יענע ייִדן האָבן נישט גערעדט קיין ייִדיש, האָבן געהאַט אַ טעות. דאָס נישט רעדן ייִדיש איז נאָך ווייניק פאַררעכנט צו ווערן ווי אַ ספרדי. די גרוזינישע ייִדן זענען קיינמאָל אין שפּאַניע נישט געווען, און זייערע אור־עלטערן האָבן נישט אָנגעהויבן צו וויסן פון גירוש ספרד. די עבראַעלים פון גרוזיע, וואָס רעדן, אגב, גרוזיניש, האַלטן — פּונקט ווי די אַנדערע ייִדן אין קאַווקאַז — אַז זייערע אור־עלטערן זענען געקומען קיין גרוזיע נאָך דעם חורבן בית־ראשון.

דאָ איז כדאי אָנצוווייזן, אַז אויך די גרוזינער און זייערע שכנים, די אַרמענער, האַלטן, אַז זיי האָבן אַ שייכות צו די עשרת השבטים. אין דער ערשטער „געשיכטע פון גרוזיע״ ווערט דערציילט, אַז נאָך דעם ווי נבוכד־נאצר האָט חרוב געמאַכט דעם בית־המקדש, איז אַ טייל פון די פאַרטרי־בענע ייִדן געקומען, דורך אשור, קיין גרוזיע, אין דער שטאָט מצכעט, וואָס איז געווען די ערשטע הויפּטשטאָט פון לאַנד. יענע ייִדן האָבן אויך אויס־געפּועלט פאַר זיך אַ שטיקל לאַנד פאַר קאָלאָניזאַציע.

אין דער אַלטער געשיכטע פון אַרמעניע ווערט דער זעלביקער ענין פאַרגעשטעלט אויף אַ מער גרינטלעכן אופן. דער אַרמענישער היסטאָרי־קער משה פון כאָרען דערציילט, אַז דער אַרמענישער קעניג כאראטשעאיי, וועלכער האָט געקיניגט אין איין צייט מיט נבוכדנאצרן, האָט באַקומען ביי דעם לעצטן איינעם פון די בכבודיקסטע ייִדישע געפאַנגענע, וועמעס נאָ־מען איז געווען שאַמבאַט. פון אָט־דעם שאַמבאַט שטאַמט עס די גאַנצע אַר־מענישע אַריסטאָקראַטישע משפחה פון באַגראַטוני. איינער פון זיי איז שפּעטער געוואָרן אַ שני למלך, וועלכער פלעגט אַרויפלייגן די קרוין אויף דעם קאָפּ פון דעם אַרמענישן קעניג.

שפּעטער, ווען אַרמעניע איז געוואָרן קריסטלעך, האָט מען אויך די

באַגראַטוניס געצווּנגען אַנצונעמען דעם קריסטלעכן גלויבן. דעמאָלט זע־נען צוויי פון זיי אומגעקומען אויף קידוש־השם. דער רוסישער גענעראַל באַגראַטיאָן, וועלכער האָט געקעמפט קעגן נאַפּאָלעאָנען, זאָל אויך האָבן געשטאַמט פון די זעלביקע באַגראַטוניס.

די אַרמעניש־גרוזינישע היסטאָריאָגראַפיע שעמט זיך נישט, ווי מיר זען, מיט ייִדן. פאַרקערט, דאָס כסדרדיקע באַטאָנען, אַז זייערע פעלקער האָבן אַ שטאַרקע שייכות צו די עשרת־השבטים און אַז זייערע אַדעליקע משפחות שטאַמען פון ייִדן, וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן פון ירושלים, — איז אַ באַווייז, אַז סיי אין אַרמעניע און סיי אין גרוזיע — ווי בכלל אין קאַווקאַז, וואָס איז געאָגראַפיש נאָענט צו ארץ־ישראל, אַלנפאַלס פיל נענ־טער ווי די קריסטלעכע און אַנטיסעמיטישע מערב־אייראָפּע — איז דאָס אָפּשטאַמען פון ייִדן געווען אַ סימן פון העכערער אַריסטאָקראַטישקייט און פון גרעסערן יחוס.

מען נעמט אָן, אַז די ייִדן זענען געקומען קיין גרוזיע נאָך דעם חורבן בית־שני. די פריִערדיקע גוזמאות נעמען זיך, וואַרשיינלעך, פון די כלערליי לעגענדעס, וואָס זענען געווען פאַרשפּרייט צווישן די קריסטן אין אַרמעניע און אין גרוזיע.

אַרמעניע און גרוזיע, די דאָזיקע ביידע שכנותדיקע לענדער זענען אין דעם זעקסטן און זיבעטן יאָרהונדערט אַרוּנטערגעפאַלן אונטער דער מו־סולמאַנישער מאַכט. צוערשט זענען עס געווען די פּערסיער, שפּעטער זע־נען געקומען די אַראַבער פון דעם באַגדאַדער קאַליפאַט. אויך גרוזיע איז אַרונטערגעפאַלן אויף לאַנגע יאָרן אונטער דער מאַכט פון דעם קעמפערישן איסלאַם. אין דעם שכנותדיקן דאַגעסטאַן איז געווען אַ פּעריאָד, ווען עס האָבן דאָרט געהערשט די כוזרים. אין גרוזיע און אין אַרמעניע, אויף דער צווייטער זייט פון די קאַווקאַזער בערג, איז אַזאַ מין צייט נישט געווען, און די דאָרטיקע ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו געניסן פון אַן אייגענער ייִדיש־כוזרישער מאַכט. פאַרקערט, זיי זענען דורכגעגאַנגען כלערליי יסורים אונטער דער מוסולמענישער ממשלה.

טיפליס, די הויפּטשטאָט פון גרוזיע, האָט אין 9טן יאָרהונדערט גע־האַט אַ באַרימטן רב אַבו אימראַם אַל־טיפליסי, וואָס האָט איבערגעלאָזט

נאָך זיך אַ גאַנצע גרופּע געלערנטע, וועלכע זענען באַקאַנט אַלס די „טיפ־ליסער״.

דער גרוזינישער קעניג אַלעקסאַנדער דער 1טער, וואָס האָט געהערשט מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק, האָט אין אַ באַריכט צו דעם „קאַטאָליקאָס״ (דעם העכסטן גייסטלעכן פון דער אַרמעניש־גרעגאָריאַנישער קירך) איבערגעגעבן וועגן די ייִדן, וואָס געפינען זיך אונטער זיין הערשאַפט. אין יענער צייט פלעגן פיל ייִדן פאַרשקלאַפּט ווערן צו מאַגנאַטירן, פאַר וועלכע זיי פלעגן דאַרפן אַרבעטן עטלעכע טעג אַ וואָך. דערמיט דערקלערט זיך עס, וואָרשיינלעך, דער פאַקט, וואָס דער קעניג האָט וועגן זיינע ייִדן געדאַרפט מיטטיילן דעם הויפּט פון דער אַרמענישער קירך.

גרוזיע האָט אָבער לאַנג נישט עקסיסטירט ווי אַ זעלבשטענדיקע מלוכה. זי האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם שוץ פון רוסלאַנד, כדי צו זיין זיכער קעגן טערקיי און פּערסיע, וועלכע האָבן זי כסדר באַדראָט און געשטעלט אין געפאַר איר עצמדיקע עקסיסטענץ אַלס אַ קליינע מלוכה. אויך אין די אונטערהאַנדלונגען, וואָס גרוזיע האָט געפירט מיט רוסלאַנד, זענען דערמאָנט געוואָרן די גרוזינישע ייִדן. צום ערשטן מאָל איז דאָס געשען, ווען דער פאָרשטייער פון גרוזיע האָט גערעדט מיט דעם באָיאַר גאָלאָווין, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די רעגירונג פון מאָסקווע. ענדגילטיק איז גרוזיע אַרונטער אונטער רוסלאַנד, ווען די לעצטע איז אַרויס פון די ד' אמות פון מאָסקאָוויע און זיך אַנטוויקלט אין אַן אימפּעריע.

די לאַגע פון די ייִדן אין גרוזיע איז דעמאָלט געווען בעסער ווי דער מצב פון די „באַרג־ייִדן״, וואָס האָבן געלעבט אין דעם צווייטן טייל פון קאַווקאַז, אין דאַגעסטאַן. די לעצטע זענען דורך דער מוסולמענישער מערהייט באַהאַנדלט געוואָרן אַלס „דאַג־טשופוט״ („באַרג־זשידעס״) און זיי האָבן שטאַרק געליטן.

אָבער אויך אונטער דער רוסישער הערשאַפט האָבן די ייִדן אין גרוזיע נישט געלעבט קיין האָניג. אַ באַווייז דערויף איז דער בלוט־בלבול אויף די ייִדן אין קוטאַיס, וואָס איז געשען מיט אַן אַכציק יאָר צוריק. ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך דאָס אָנגעהויבן מיט אַ קריסטלעך קינד ערגעץ־וווּ אין אַ דאָרפישן ישוב. די ייִדן זענען געווען גאָט די נשמה שולדיק,

אָבער מען האָט גלייך געוואָרפן די שולד אויף זיי. דער פּראָצעס גופא האָט באַוויזן די גאַנצע לעכערלעכקייט און גרונטלאָזיקייט פון דער אָנ־קלאַגע. די פּאַרטיידיקערס, מיט דעם באַרימטן ייִדישן אַדוואָקאַט קופּער־ניק בראש, האָבן צונישט־געמאַכט די אָנקלאַגע און דער פּראָקוראָר האָט בעת דער אַפּעלאַציע אײַנגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט פון זײַן באַשולדיקונגס־רעדע.

די גרוזינער באַנוצן זיך פאַר זייער שפּראַך מיט אַן אייגענעם כתב. די שפּראַך זייערע איז בכלל זייער אַן אָריגינעלע. שוין דורות ווי געלערנטע ווילן אויסגעפינען פון וואַנען אַט־די שפּראַך שטאַמט, אָבער זיי קאָנען דאָס נישט. די גרוזינישע שפּראַך איז, נעמלעך, נישט קיין אַרישע, נישט קיין טערקיש־טאָטערישע (ווי די שפּראַכן פון די אַנדערע פעלקער אין קאַווקאַז), און אויך נישט קיין סעמיטישע, הגם מיט דער לעצטער האָט זי עפּעס געמיינזאַמעס, אַ שטייגער, שרשים פון ווערבן באַשטייען אויך ביי די גרוזינער זייער אָפט פון דריי אותיות, פּונקט אַזוי ווי אין העברעיִש.

דער באַקאַנטער רוסישער פילאָלאָג ניקאָלאַי מאַר, וועמענס מוטער איז געווען אַ גרוזינערין, האָט דעריבער פאַרגעלייגט, אַז די גרוזינישע און נאָך אייניקע שפּראַכן זאָלן פאַררעכנט ווערן צו אַ נייער גרופּע שפּראַכן, וואָס ער האָט אָנגערופן מיט דעם נאָמען „יאַפעטידישע” (פון דעם נאָמען „יפת”).

זײַן געדאַנק איז געווען אַזאַ: היות די שפּראַכן פון מזרח, ווי העב־רעיִש, אַביסיניש, אַראַביש, אַראַמעיִש און דאָס גלייכן, ווערן אָנגערופן אויף דעם נאָמען פון שם׳ען, און אַ צווייטע גרופּע שפּראַכן, ווי אַלט־עגיפּ־טיש און אַנדערע שפּראַכן פון אַפריקאַנישע שבטים, ווערן געהאַלטן פאַר כאַמיטישע שפּראַכן (אויפן נאָמען פון נחס צווייטן זון, חם), זאָלן גרוזיניש און די אַנדערע ענלעכע שפּראַכן אָנגערופן ווערן אויפן נאָמען פון נחס דריטן זון, יפת.

אַזוי אַרום איז עס טאַקע געקומען צו דעם, אַז די רוסישע פילאָלאָגיע האָט געשאַפן אַ ספּעציעלע גרופּע פון „יאַפעטידישע” שפּראַכן, וואָס האָבן אַ געוויסע נאָענטקייט אויך צו די סעמיטישע שפּראַכן, דאָס הייסט, אויך צו העברעיִש.

ניקאָלאַי מאַר, וועלכער איז נישט קיין ייִד, איז פאַר זיינע גרויסע דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון פילאָלאָגיע געוואָרן ביי די רוסן דער גרעסטער פילאָלאָג, און ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס מיטגליד פון דער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע נאָך אין די צאַרישע צייטן. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל מיט אַ יאָר פערציק צוריק וועגן דער קרובהשאַפט צווישן גרוזיניש און העברעיִש.

אָבער אונטער סטאַלינען האָט מאַר אָפגעשניטן זייער שלעכט. עפּעס אין זיינע טעאָריעס איז נישט געפעלן געוואָרן דעם סאָוועטישן דיקטאַטאָר. סטאַלין איז דעמאָלט אַרויסגעקומען מיט זיין באַקאַנטן ירגזון קעגן מאַרן און ער האָט אים געשטעמפּלט אַלס אַ „תלמודיסט”. זינט דעמאָלט איז דאָס דאָזיקע וואָרט געוואָרן אַ זידל־וואָרט אין רוסלאַנד.

סטאַלינס יידישער יוגנט־חבר

די העברעיִשע פּרעסע אין ארץ־ישראל האָט מיט אַ געוויסער צייט צוריק געבראַכט אַ ידיעה, אַז דאָרטן איז געשטאָרבן אַ שול־חבר פון סטאַלינען. געווען איז עס דער גרוזינישער ייִד, מאיר מגלהשווילי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם קליינעם גרוזינישן שטעטל, צי דאָרף טשעכנאַוואלי און האָט זיין ערשטע בילדונג באַקומען אינעם פיל מער באַקאַנטן שטעטל גאָרי, ווו עס איז דורך די יוגנט פון דעם וואָס איז געווען דער אַנפירער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מאיר מגלהשווילי האָט זיך עס טאַקע געלערנט אין דער זעלבער שולע, ווו עס האָט געלערנט יאָסיף דזשוגאַשווילי, נאָר מיט אַ קלאַס נידעריקער פון זיין פיל מער באַרימטן שול־חבר. אין אָט דער שולע האָט זיך עס מגלהשווילי באַקאַנט מיטן שפּעטערדיקן סטאַלין און, ווי די צייטונגען גיבן צו, האָט ער אַפילו געהערט אין דער שולע צום קרייז פון סטאַלינס באַקאַנטע.

אויך אין שפּעטערדיקן לעבענס־גאַנג פון די צוויי שול־חברים פון גאָרי איז געווען געמיינזאַמע מאָמענטן. פון סטאַלינס ביִאָגראַפיע איז באַקאַנט, אַז זיינע עלטערן האָבן אים געוואָלט צוגרייטן צו דער קאַריערע פון אַ גייסטלעכן און האָבן אים צו דעם צוועק אָפּגעגעבן אין אַ סעמינאַר פאַר גייסטלעכע, וועלכן ער האָט אָבער נישט פאַרענדיקט. אויך מגלהשווילי האָט שפּעטער דורכגעמאַכט אַן ענלעכע שולע. כדי צו באַקומען אַ סאָלידע און גרינטלעכע רעליגיעזע ייִדישע בילדונג, האָבן אים זיינע עלטערן געשיקט — ווי עס איז דאַן געווען דער מנהג ביי פיל פרומע קאַווקאַזער ייִדן — קיין ירושלים דליטע. מגלהשווילי אָבער האָט אין ווילנע געהאַט פיל מער דערפאָלג, ווי סטאַלין אין דעם גייסטלעכן סעמינאַר אין טיפליס און האָט פולשטענדיק פאַרענדיקט זיין רעליגיעזע אויסבילדונג, באַקומענדיק סמיכות אויף רבנות.

צוריקקערנדיק זיך פון ווילנע קיין גרוזיע, האָט מגלהשווילי זיך אויס־

געצייכנט מיט זיין קאַמף קעגן די דאָרטיקע יידישע אַסימילאַטאָרן. ווי עס ווייזט זיך אַרויס האָט מגלהשווילים פּאַטערלאַנד געוווסט פון „גרוזינער פון משהס גלויבן". וועלכע האָבן פּאַרביסן געקעמפט קעגן ציוניזם, און מגלהשווילי האָט עס אַנגעווענדט זיין טעטיקייט קעגן זיי. מגלהשווילי איז אָבער אויך געווען אַ טעטיקער סאָציאַליסט. און האָט, ווייזט אויס, גענומען אַ גאַנץ אַקטיוון אַנטייל אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אין גרוזיע, וועלכע האָט פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פלעצער אין דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פון אַלטן רוסלאַנד און איז אין גרוזיע גופא געווען דער שטאַרקסטער פּאָליטישער כוח. איז דאָך די קליינע גרוזיע אין אַלע רוסישע „מלוכה דומעס" געווען רעפּרעזענטירט דורך סאָציאַ־ ליסטישע דעפּוטאַטן און די נעמען צערעטעלי, טשעכעאיזדע, געגעטשקאָרי, זענען געווען באַקאַנט נישט בלויז אין דעם קליינעם לאַנד, וואָס האָט די דאָזיקע מענטשן אויסגעוויילט אין די „דומעס", נאָר אויך איבער גאַנץ רוסלאַנד.

אין זעלבשטענדיקן גרוזיע, וואָס איז אַנטשטאַנען נאָכן ערשטן וועלט־קריג איז מגלהשווילי געווען דער לייטער פון אַ דעפּאַרטאַמענט אין אַ מיניסטעריום. שפּעטער איז ער אויך אויסגעוויילט געוואָרן אין ערשטן פּאַרלאַמענט פון דער פרייער און זעלבשטענדיקער גרוזינער מלוכה. לאַנג האָט אָבער זיין טעטיקייט אין גרוזיע נישט געדויערט. אין פרילינג פון 1920 איז די זעלבשטענדיקע גרוזיע אונטערגעגאַנגען. זי איז, ווי באַקאַנט, פאַרנומען געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי. מגלהשווילי און זיין אַמאָ־ ליקער שול־חבר פון גאָרי, האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויף צוויי באַזונדערע זייטן פון פראָנט. דער ערשטער האָט געדאַרפט עוקר זיין פון זיין היים און איז אַנטלאָפן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. זיינע פריינד פון דער געפאַלע־ נער סאָציאַליסטישער רעגירונג פון גרוזיע האָבן אים פאַרגעלייגט צו עמיגרירן קיין פראַנקרייך. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און האָט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, וווּ ער האָט אָפּגעלעבט די לעצטע עטלעכע און צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן און איז געשטאָרבן אַלס מיטגליד פון „שכונת יעקב", נעבן בנימינה.

דער יידישער שול־חבר פון סטאַלינען האָט, אַלזאָ, בשעתו געהאַט אַ

געוויסע שייכות צו די גרויסע געשעענישן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, אָפּגעשפּילט אין קאַווקאַז, — אין זעלבן קאַווקאַז צו וועלכן עס האָבן געשטראָמט די כּוחות פון היטלערן.

געווען איז דאָן אַ שטורעמדיקע צייט. די רעוואָלוציע פון 1917 האָט אויפגעבונדן נייע און פרייע מעגלעכקייטן פאַר די פיל פעלקער און פעלקערלעך פון קאַווקאַז. דאָס קאַווקאַזער פעלקער־קעסל האָט געקאָכט און געזידט. די גרוזינער, אַרמענער, די טאָטערן פון דאַגעסטאַן און אַזערביידזשאַן, האָבן באַקומען מעגלעכקייטן פאַר פרייער און זעלבשטענדיקער אַנטוויקלונג. די טרוימען וועגן דעם האָבן אָבער געדויערט נישט לאַנג. דער בריסקער שלום האָט געמאַכט טערקיי פאַרן זיגער אויפן קאַווקאַזער פראָנט און די קליינע פעלקער פון קאַווקאַז האָבן זיך דערזען פנים־אל־פנים מיט אַ מלוכה וואָס האָט זיי געדראָט מיט פיל גרעסערע סכנות, ווי דאָס אַלטע צאַרישע רוסלאַנד. קאַווקאַז איז צום טייל באַלד באַזעצט געוואָרן דורך טערקישע און דייטשישע חיילות און אין טיפליס האָט זיך באַוויזן דער דייטשער גענעראַל פאָן קרעסענשטיין, וועלכער איז פריִער געווען דער שעף פונעם שטאַב פון דער טערקישער אַרמיי אין ארץ־ישראל.

נאָך דער מפּלה פון דייטשלאַנד, האָבן דעם פּלאַץ פון די דייטשן און טערקן פאַרנומען די ענגלענדער. קאַווקאַז און בכלל אַנדערע מוסולמענישע געביטן פון רוסלאַנד אין אַזיע זענען צוגלייך געוואָרן דער מקום־מקלט פאַר אַ ריי פּאָליטישע טוער פון דער אַלטער צעקלאַפּטער טערקיי. עס זענען אַהין געקומען, אַלס פּאָליטישע עמיגראַנטן, דער אַמאָליקער העלד פון די „יונג־טערקן", ענווער־פּאַשאַ און דער טרויעריק־באַרימטער דזשעמאַל־פּאַשאַ, וועלכער האָט אָנגעפירט אין 1915 מיט דער טערקישער אַרמיי אין ארץ־ישראל, וואָס איז געגאַנגען אויפן סועץ און האָט פאַרטריבן אַ טייל פון ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל. ביידע האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן אין רוסלאַנד, ענווער־פּאַשאַ — בעתן בירגער־קריג אין טורקעסטאַן און דזשעמאַל־פּאַשאַ — אַלס קרבן פון אַן אַטענטאַט, וואָס איז אויף אים אויסגעפירט געוואָרן אין טיפליס, דורך אַן אַרמענער, וועלכער האָט זיך אַזוי אָרום געוואָלט נוקם זיין פאַר די שרעקלעכע שחיטות, וואָס די טער־

קישע רעגירונג האָט אין יענעם קריג דורכגעפירט צווישן דער אַרמעניִשער באַפעלקערונג.

אין מאָסקווע האָט מען מיט אַ שאַרף אויג נאָכגעפאָלגט די שטורמישע געשעענישן אין קאַווקאַז. נישט נאָר דערפאַר ווייל קאַווקאַז איז פיל מאָל געווען דער „טיל" פון די ווייסע אַרמייען, וואָס האָבן אָפּערירט קעגן דער נייער מאַכט, נאָר פיל מער, צוליב די רייכע נאַפט־קוואַלן פון באַקו. מען האָט אין מאָסקווע געוווּסט גאַנץ גוט, אַז אויף די רייכע קאַווקאַזער נאַפט־קוואַלן זענען פאַראַן פיל בעלנים און מען האָט דאָרטן אויפגענומען ווי אַ גרויסן קלאַפּ די אָקופּאַציע פון באַקו, צוערשט — דורך די טערקן און שפּעטער, נאָך זייער מפּלה, דורך די ענגלענדער, אין יאָר 1919.

ווען די דאָזיקע אָקופּאַציעס האָבן זיך געענדיקט, האָט מען אין מאָסקווע אָנגענומען אַלע באַמיִונגען, אַז קאַווקאַז זאָל בלייבן אין די גרענעצן פון דער נייער מלוכה. די נייע און קליינע מלוכהלעך, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין געביט פון קאַווקאַז, זענען דורך מאָסקווע אויפגענומען געוואָרן אַלס טיילן פונעם „קאָרדאָן סאַניטער", מיט וועלכע מען האָט דאַן רוסלאַנד געוואָלט אָפּטיילן פון דער איבעריקער וועלט. דער קאָרדאָן אויפן געביט פון קאַווקאַז איז פאַר רוסלאַנד געווען באַזונדערס שמערצלעך, ווייל ער האָט זי, לויט איר מיינונג, באַרויבט פון די אַלע נאַפט־קוואַלן, פון וועלכע עס איז געווען אָפּהענגיק די אַנטוויקלונג פון איר אינדוסטריע.

אויב שפּעטער, נאָכן פאַרנעמען צוריק קאַווקאַז, האָט מאָסקווע געפירט זייער אַ פריינדלעכע פּאָליטיק לגבי טערקיי און איז איר אַנטקעגנגעקומען אין אַלע אירע טעריטאָריעלע פאָדערונגען, אָפּטרעטנדיק איר קאַרס, אַראַן און אַ טייל אַרמעניע, איז עס געווען נישט בלויז צוליב דעם, ווייל די איזאָלירטע רוסלאַנד האָט געוואָלט אָפּציִען טערקיי פון די מערב־אייראָפּעיִשע פּאָליטישע איינפלוסן און צוגלייך פאַרזיכערן כאָטש איין פריינד אויף אירע גרענעצן — נאָר אויך, ווייל רוסלאַנד איז געווען בלויז פאַראינטערעסירט אין אַ שטענדיקע, גוט־שכנותדיקע באַציִונג מיט טערקיי, וועלכע ליגט אַמנאָענטסטן צו באַקו (אויך צוליב דעם, ווייל די לעצטע באַזיצט די דאַרדאַנעלן).

אין אָנפאַנג פון צווייטן וועלט־קריג, צוליב דעם נישט־אַגרעסיע־פּאַקט

מיט היטלערן, ווי אויך צוליבן אָנפאַל אויף פינלאַנד, זענען די באַציִונגען צווישן רוסלאַנד און די דעמאָקראַטישע, אַנטי־אַקס־מלוכות געווען נישט קיין גוטע — האָט מען פון מאָסקווע כסדר פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די אַלייִרטע קלייבן זיך צו מאַכן אַ מאַרש אויף באַקו. מ׳האָט אָנגערופן אַפילו גענעראַל ווייגאַן, וועלכער איז דאַן געווען הויך־קאָמיסאַר אין סיריע, אַלס דעם מענטש, וואָס פּלאַנט און וויל אָרגאַניזירן אַזאַ מין מאַרש. מ׳האָט אויך באַשולדיקט די גרוזינישע עמיגראַנטן אין פּאַריז, אַז זיי העצן צו אַזאַ מאַרש, כדי צו קענען אויפשטעלן אַ זעלבשטענדיקע גרוזיע. אינטערעסאַנט איז דאָ צו באַמערקן, אַז אויך געוויסע אַנטי־באָלשעוויסטישע, אָבער פּאַט־ריאָטישע רוסישע קרייזן, האָבן געגלייבט אין אַזעלכע מיני פּלענער. גע־גלייבט, אַ שטייגער, אין דעם האָט קערענסקי, וועלכער האָט שפּעטער, שוין נאָך רוסלאַנדס אַריינטרעטן אין קריג, געשריבן וועגן דעם אין אַ ניו־יאָרקער רוסישער צייטונג. קערענסקי האָט, אגב, דאַן דערציילט אַן אינ־טערעסאַנטן פּרט, אַז ווען ער איז אין פרילינג פון 1940 געפאָרן קיין וואַ־שינגטאָן, כדי קעגנצווווירקן די פּלענער וועגן אַ מאַרש אויף רוסלאַנד — האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין אַרבעט איז אַן אומזיסטע. וואָרום וואַשינג־טאָן איז פון סאַמע אָנפאַנג פון קריג געווען קאַטעגאָריש קעגן יעדן מין פּרווו פון אַן אינוואַזיע און צעגלידערונג פון רוסלאַנד. אין וואַשינגטאָן האָט מען, אַ פּנים, פאָרויסגעזען, אַז פריִער־שפּעטער וועט היטלער אַטאַ־קירן רוסלאַנד און מ׳האָט זיך גערעכנט מיט רוסלאַנד אַלס מיט אַ קינפ־טיקן, זיכערן פאַרבינדעטן אין קריג קעגן היטלערן און, מסתמא, אויך קעגן יאַפּאַן.

היטלערס מלוכה האָט, בימי דעם נישט־אַגרעסיע־פּאַקט, גאַנץ שטאַרק אונטערשטיצט די סאָוועטישע חשדים און חששות קעגן די אַלייִרטע און גאַנץ געשמאַק געהעצט מאָסקווע קעגן דער „ענגליש־פראַנצויזישער פּלוּ־טאָקראַטיע”. אָבער דער ייִדישער שול־חבר פון סטאַלינען האָט נאָך דער־לעבט צו זען, אויב נישט היטלערס פולשטענדיקע מפּלה, איז זיין מפּלה ביי סטאַלינגראַד און אין קאַווקאַז.

ווער זענען די קורדיסטאַנער ייִדן ?

קורדיסטאַן איז אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך ביי די גרענעצן פון איראַק, טערקיי און פערסיע. דער נאָמען פון דער טעריטאָריע באַדייט „דאָס לאַנד פון די קורדן". דאָס איז אַ פאָלק פון אַרישער אָפּשטאַמונג, וואָס האָט אָנגענומען דעם מוסולמענישן גלויבן. די קורדיסטאַנער זענען געוואָרן מוסולמענישע פאַנאַטיקער. ווען עס האָט נאָך עקסיסטירט די טערקישע אימפּעריע, און קורדיסטאַן האָט אין גרעסטן טייל באַלאַנגט צו טערקיי, האָבן די טערקישע הערשערס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל אָרגאַניזירט פון די קורדישע רייטערס זייערע אייגענע טערקישע „קאָזאַקן", וועלכע האָבן, ווי די קאָזאַקן אין רוסלאַנד זיך אויסגעצייכנט מיט „האַלטן אָרדענונג" אין לאַנד. די טערקישע סולטאַנען האָבן זיך באַנוצט מיט די קורדן, דער עיקר, קעגן די קריסטלעכע אַרמענער, אויף וועמען מ׳פלעגט טאַקע דורכפירן פאָגראָמען מיט דער הילף פון די פאַנאַטישע, קורדישע „קאָזאַקן".

קורדיסטאַן איז בכלל אַ באַרגיקע געגנט. דאָס לאַנד פון די קורדן איז קיינמאָל נישט געווען קיין זעלבשטענדיקע מלוכה. נאָך דעם ערשטן וועלט-קריג האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז די קורדן שטרעבן צו ווערן זעלבשטענדיק, און אַז זיי פּלאַנעווען צו האָבן אַן אייגענעם שטאַט. אָבער פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן. נאָך דעם צווייטן וועלט-קריג האָט רוסלאַנד געפּרוווט אָרגאַניזירן אין אירע גרענעצן, נישט ווייט פון קורדיסטאַן, אַ גרופּע קורדן, בראש מיט זייער גייסטלעכן, דעם מולאַ אַל-באַרזאַני, אַז זיי זאָלן אַריינדרינגען אין די שכנותדיקע געביטן פון קורדיסטאַן, און דאָרטן אויפשטעלן אַ קורדישע מלוכה. אָבער אויך פון דעם איז גאָרנישט געוואָרן. קורדיסטאַן איז געבליבן, פונקט ווי פריִער, צעטיילט צווישן דעם אַראַבישן איראַק, טערקיי און איראַן.

דער גרעסטער און רייכסטער טייל פון קורדיסטאַן, ווו עס געפינען זיך אויך די באַרימטע אויל-קוואַלן פון מאָסול, איז געבליבן אין די גרע־

נעצן פון איראַק. די אַראַבער דאַרטן טוען אַלץ, כדי צופרידנצושטעלן די קורדן, ווייל זיי האָבן מורא, אַז די גרויסע קורדישע מינדערהייט קאָן פשוט אויפרייסן זייער שוואַכע מלוכה, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק אַראָפּגעוואָרפן איר קעניג און איינגעפירט אַ דיקטאַטור.

אגבֿ, איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז בעת דעם ערשטן וועלט־קריג איז די רוסישע קאַווקאַזער אַרמיי אַריין אין קורדיסטאַן, אין דער ריכטונג צו מאָסול.

די ייִדן פון קורדיסטאַן זענען זייער אַן אינטערעסאַנטע גרופּע. זיי אַליין טענהן, פּונקט ווי אַלע אַנדערע ייִדן אין מיטל־אַזיע, אַז זיי שטאַמען פון די עשׂרת־השבֿטים. די קורדישע ייִדן האָבן אָבער וואָס אָנצווייזן פאַר זייער אַלטער אָפּשטאַמונג. ערשטנס, געפינען זיי זיך אין דער געגנט פון דעם באַרג אַראַראַט, וווּ עס האָט, כידוע, גערוט נחס תיבֿה, לויט דער ביבל.

צווייטנס, האַלטן די קורדיסטאַנער ייִדן, אַז אין זייער געביט געפינען זיך די קבֿרים פון עזרא הסופר, פון דניאל הנבֿיא, פון דעם נבֿיא נחום האלקושי, און נאָך עטלעכע אַלטע מערקווירדיקייטן, צו וועלכע די ייִדישע באַפעלקערונג פון קורדיסטאַן איז עולה רגל.

דאָס וויכטיקסטע אָבער איז די שפּראַך פון די קורדישע ייִדן. זיי רעדן אויף תּרגום־לשון. זייער שפּראַך, הייסט עס, איז אַראַמעיִש, די שפּראַך אויף וועלכער מען האָט גערעדט אין ארץ־ישׂראל אין דער צייט פון חורבן בית־שני.

דאָס רעדן אַראַמעיִש באַווייזט, אַז די ייִדן פון קורדיסטאַן געהערן בלי שום ספק צו די עלטסטע תּושבֿים פון לאַנד.

אגבֿ, איז כדאַי אָנצוּווייזן, אַז די קריסטלעכע סעקטע פון „נעסטאָריאַ־נער", וואָס וווינט אין קורדיסטאַן, רעדט אויך אַראַמעיִש. זייערע הייליקע ביכער זענען געשריבן אויף דער זעלביקער שפּראַך. זייער „עוואַנגעליע", הייסט עס, איז ניש אין גריכיש, לאַטיין, אָדער אין אַן אַנדערער קריסט־לעכער שפּראַך, נאָר דווקא אין דער סעמיטישער, אַראַמעיִשער שפּראַך; און קריסטוס ווערט דאָרטן אָנגערופן אויף אַראַמעיש: „ישו משיחא".

דער פאַקט, וואָס די קורדישע ייִדן רעדן, אָדער ריכטיקער, האָבן

איינגעהאַלטן ביי זיך דאָס תרגום־לשון, האָט אַלע מאָל צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פאָרשערס. מ'דאַרף דערביי נעמען אין אַכט, אַז די ייִדן פון די שכנותדיקע געביטן, ווי פון איראַק, רעדן אַראַביש; די ייִדן פון טערקיי רעדן טערקיש; און די ייִדן פון איראַן רעדן פּערסיש. בלויז די ייִדן, וואָס האָבן אָפּגעלעבט זייער גאַנצן גלות אין קורדיסטאַן, צווישן די דאָרטיקע הויכע בערג און טיפע טאָלן, האָבן, אַלזאָ, איינגעהאַלטן די שפּראַך, אויף וועלכער די ייִדן האָבן גערעדט אין ארץ־ישראל מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

ווי קאָן מען געפינען די דערקלערונג פאַר דעם? פאַרוואָס זענען דווקא די קורדישע ייִדן, וואָס זענען אגב, פיל־פיל פרימיטיווער און אָפּגעשטאַנענער פון די אַראַבישע, טערקישע און פּערסישע ייִדן, געבליבן צוגעשמידט, אַזוי צו זאָגן, צו זייער אַמאָליקער שפּראַך, בעת זייערע פיל מער ציוויליזירטע ברידער האָבן דאָס נישט באַוויזן!

די דערקלערונג איז, אַז די אַראַמעיִשע שפּראַך איז לכתחילה געווען פאַרשפּרייט איבער אַלע ייִדישע ישובים אין מיטל־אַזיע. דאָס מיינט, בכן, אויך אין אַלע אַראַבישע לענדער, ווי אויך אין איראַן, אין טערקיי און אין אַנדערע. אַ באַוויז פאַר דעם איז דאָס, וואָס דער תלמוד בבלי, אַ פּראָדוקט פון בבל (מעסאָפּאָטאַמיע, איצט איראַק), איז אָנגעשריבן אין אַראַמעיִש. אָבער ווען די אַראַבער האָבן אין דעם 7טן יאָרהונדערט פאַרכאַפּט אָט־דעם גאַנצן געביט, און זיי האָבן דאָרטן אויך פאַרשפּרייט זייער איסלאַם — איז צוזאַמען מיט דעם אויך אַריינגעדרונגען די אַראַבישע שפּראַך אַלס אַ שפּראַך פון אַ העכערער קולטור. און אויך די דאָרטיקע ייִדן האָבן ביסלעכווייז איבערגענומען די שפּראַך פון די אַראַבער.

די קורדישע ייִדן זענען אָבער נישט באַווירקט געוואָרן דורך דעם זיגרייכן מאַרש פון דער אַראַבישער קולטור און פון דער אַראַבישער שפּראַך. די קורדישע ייִדן זענען געבליבן געטריי צו זייער אייגענער אַראַמעיִשער שפּראַך.

די ייִדן אין קורדיסטאַן זענען, אַלזאָ, געבליבן שפּראַכלעך אַ באַזונדערער ייִדישער אינדזל אין דעם אַרומיקן אַראַביש־מוסולמענישן ים. און אַזוי עקסיסטירן די קורדישע ייִדן עד־היום, דאָס הייסט, אַז ביזן היינטיקן

טאָג רעדן זיי פונקט אַזוי ווי זיי האָבן גערעדט מיט צוויי טויזנט יאָר צו־ריק, ווען זיי האָבן פאַרלאָזט ארץ־ישראל. זיי רעדן אויף דער שפּראַך, אויף וועלכער מען האָט, ווי געזאָגט, דעמאָלט גערעדט אין ארץ־ישראל.

די קורדישע ייִדן האָבן אויך געהאַט אַ פאַלשן נביא, פּונקט אַזוי ווי די ייִדן אין אייראָפּע האָבן געהאַט אַ פאַלשן נביא אין דער פּערזאָן פון שבתי צבי. אָבער די קורדיסטאַנער ייִדן האָבן געהאַט זייער „שבתי צבי" פיל־פיל פריִער, און געהייסן האָט ער דוד אלראָי. ער האָט געלעבט אין דעם 12טן יאָרהונדערט, און ער איז געווען טעטיק אין דער גרויסער קור־דישער שטאָט אַמאַדיאַה. פון דאָרטן האָט ער פאַרשפּרייט זיין ווירקונג אין צוויי ריכטונגען — צו די ייִדן אין בבל און צו די ייִדן אין פּערסיע.

דער רוף פון דוד אַלראָי צו יענע ייִדן איז געווען, אַז זיי זאָלן גיין קיין ארץ־ישראל און זען צוריק צו דעראָבערן דאָס לאַנד, אפילו מיט כוח. די קורדישע ייִדן, באַווירקט, אַ פּנים, פון דער אַרומיקער סביבה, זענען גוטע רייטערס און קעמפערס. זיי פאַרנעמען זיך פיל מיט פיזישער אַרבעט. זיי קאָנען ענטפערן מיט אַ קלאַפּ אויף אַ קלאַפּ. אין דער צייט פון דוד אַלראָי זענען אַזעלכע אויך געווען די ייִדן אין בבל און אין פּערסיע. דערי־בער האָט זיין רוף געטראָפן אויף הערנדיקע אויערן, בפרט אַז די לאַגע פון יענע ייִדן איז דעמאָלט געווען גאַנץ שווער.

דוד אַלראָיס פּרווו איז נישט געלונגען. עס זענען געווען אינטריגעס סיי מצד די הערשערס פון בבל און פּרס, און סיי מצד די אָרטיקע ייִדישע אָרטאָדאָקסישע עלעמענטן. דוד אַלראָי איז געפאַלן אַ קרבן פון אַ פאַר־שווערונג, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך זיין שווער.

די געשטאַלט פון דעם דאָזיקן ייִדיש־קורדישן העלד האָט באַגייס־טערט שפּעטער אַ צאָל שרייבער, וואָס האָבן וועגן אים געשריבן ווערק, אין וועלכע ער איז שטאַרק געלויבט געוואָרן.

די קורדישע ייִדן האָבן אָנגעהאַלטן זייער אידענטיטעט אין משך פון דעם לאַנגן גלות, נישט בלויז אַ דאַנק זייער תרגום־שפּראַך, נאָר אויך אַ דאַנק זייער באַזונדערער סאָציאַלער שטעלונג אין לאַנד.

קורדיסטאַן איז אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד, וווּ די באַפעלקערונג איז עד היום צעטיילט אין שבטים, וואָס קעמפן צווישן זיך אַזוי ווי אין די אַלטע

צייטן. יעדער שבט האָט זיין טעריטאָריע, זיינע פעלדער און דערפער, זיינע זיטן און מנהגים. יעדער שבט קעמפט אָפט קעגן די אַנדערע שבטים מיט דער שווערד אין האַנט, אין אומאויפהערלעכע און בלוטיקע מלחמות.

די ייִדן, פאַרשטייט זיך, זענען געבליבן אין דרויסן פון אָט־דער שבטים־סטרוקטור. זיי האָבן אויך נישט געקאָנט באַשעפטיקן זיך מיט די פּרנסות פון די נאָמאַדישע שבטים. די ייִדן האָבן דעריבער זיך געמוזט פאַרנעמען מיט פאַרמיטלעריי, פעדלעריי, האַנדל־וואַנדל און דאָס גלייכן. טייל ייִדן זענען אָבער דאָך אַריין אין דער לאַנדווירטשאַפט און זיי האָבן אַפילו געגרינדעט אייגענע דערפער פון אַ דורכויס אַגריקולטורעלן כאַ־ראַקטער.

אָבער דער האַנדל פון די מערסטע ייִדן אין קורדיסטאַן האָט זיי געצוווּנגען זיך צו פאַרשפרייטן איבער דעם גאַנצן לאַנד. און דאָך האָבן זיי אויפגעהאַלטן זייער ייִדישע רעליגיע און זייער אַראַמעיִשע שפּראַך. און דאָס, ווי געזאָגט, פאַראייניקט זיי עד־היום. דאָס פאַרבינדט אויך די ייִדן אין קורדיסטאַן פון די פאַרשידנסטע ווינקלען אין לאַנד.

אין דער צייט פון דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען די רוסן האָבן פאַר־נומען דאָס לאַנד, האָבן די ייִדן גענומען האַנדלען אויך מיט רוסלאַנד.

וואָס שייך דעם רעליגיעזן מצב פון די קורדישע ייִדן, איז ער געווען גאַנץ אָפּגעשטאַנען. די דאָרטיקע ייִדן האָבן נישט געגרינדעט קיין ישיבות, און זיי פלעגן דאַרפן אָנקומען אין רעליגיעזע ענינים צו דער אָנפירונג מצד די רבנים און חכמים פון באַגדאַד און פון אַנדערע גרויסע אַראַבישע שטעט מיט ייִדישע ישובים.

אונטער דער ווירקונג פון די קורדן האָט זיך ביי די קורדישע ייִדן אַנטוויקלט אַ גלויבן אין שדים און אין בייזע רוחות. עס איז צווישן זיי אויך אַנטשטאַנען אַ שיכט פון אייגענע „חכמים”, וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען צו באַקעמפן די בייזע רוחות און לאַפּיטוטן, וואָס שעדיקן דעם מענטשן. די דאָזיקע „חכמים” שפּרעכן־אָפּ עין־הרעס, שטעלן אויס קוויטלעך, גיבן סגולות, „גורלות”, פאַרקויפן כלערליי קמיעות מיט אַריינגעשריבענע אָפּ־שפּרוכן און דאָס גלייכן.

די רבנים, צוליב דער צעוואָרפנקייט פון די ישובים, פאָרן על־פּי־רוב

אַרום פון איין ישוב צום צווייטן, כדי צו וועקן די ייִדן צו ייִדישקייט, צו לערנען זיי אין רעליגיעזע זאַכן, און דאָס גלייכן.

צום סוף דאַרף נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז די קורדישע ייִדן זענען על־פּי־רוב אַ האַרעפּאַשנער עלעמענט. טראָץ דעם, וואָס זיי לעבן זיבן דורות בשכנות מיט די אַראַבישע ייִדן פון איראַק, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך פיל רייכע משפחות, ווי צום ביישפּיל, די באַוווּסטע אַראַבישע „ראָט־שילדס", די משפחה סאַסוני, — האָבן די קורדישע ייִדן נישט געוווּסט קיינמאָל פון קיין מיליאָנערן אָדער סתם גרויסע גבירים, און זיי זענען פאַר־בליבן אַן עלעמענט, וואָס איז גאָר ווייט פון רייכקייט.

די קורדישע ייִדן זענען אויך געווען צווישן די ערשטע מזרחדיקע ייִדישע געמיינדעס, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף דעם רוף פון דעם מאָ־דערנעם ציוניזם. זיי האָבן אָנגעפאַנגען עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל אין סאַמע אָנהייב פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זיי האָבן איצט אין מדינת ישראל אַ באַטייטנדיקע אייגענע קאָלאָניע פון קורדישע ייִדן, וואָס איז צווישן די עלטסטע ייִדישע קהילות אין ארץ־ישראל.

דער באַקאַנטער ייִדישער געלערנטער וואָלטער פישעל, וואָס שטו־דירט ספּעציעל די ייִדן אין דעם מיטעלן מזרח, האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק געמאַכט אַ שטודיר־רייזע אין קורדיסטאַן, כדי צו דערגיין ווי עס האַלט איצט מיט די קורדישע ייִדן.

געמיינט האָט ער, אַז ייִדן וווינען דאָרט בלויז אין די גרויסע שטעט אין קירקוק, אַרביל, צי אין מאָסול. אָבער אַן אַקצידענט מיט זיין אויטאָ־מאָביל האָט אים אַריינגעפירט אין אַ דאָרף פון קורדישע ייִדן.

— איך האָב — דערציילט פישעל — קיינמאָל נישט געזען קיין פאַר־בענקטערע ייִדישע קהילה. וואָס פאַר אַ ייִדן! בראַוונע און ווילד־בליקנדיקע מענער. פרויען מיט טורבאַנען, אויררינגלעך, בראַסלעטן און אַפילו מיט נאָז־רינגען. זיי האָבן אויך סימבאָלן, אויסגעטאַטוירט אויף זייערע פּנימער. אָט דאָס זענען אונדזערע קורדישע שוועסטער און ברידער!

— איך האָב געפרעגט — דערציילט פישעל ווייטער — איינעם וואָס זיין נאָמען איז, האָט ער מיר געענטפערט: „יונה!". האָב איך אים ווידער גע־

פרעגט: „יונה בן אמיתי?”, אָנווינקענדיק אויף דעם נאָמען פון דעם נביא, האָט ער הייס אויסגערופן: „וואַללאַה, שמע ישראל!”.

פישעל איז אַריין טיפער אין לאַנד, און, ווי ער דערציילט, האָט ער דאָרט קוים געפונען אַ דאָרף, וווּ עס זאָלן נישט זיין קיין ייִדן, געוויינטלעך, נישט מער ווי אַ זעקס־אַכט משפחות אין אַ דאָרף.

אין אַמאַדיאַה, אין דעם געבורט־פּלאַץ פון דוד אַלראָי, האָט פישעל געטראָפן אַ גרופּע שאָסיי־אַרבעטער, וואָס בלויז אין זייערע בערד און זייערע ציצית האָט מען געקענט דערקענען, אַז זיי זענען ייִדן. אין אַ צווייטער שטאָט, סולעימאַניאַ, האָט פישעל געטראָפן ייִדישע גאָלדשמידן. אין אַנדערע פלעצער האָט ער באַגעגנט ייִדישע בעלי־מלאכות און סוחרים. ער האָט אָבער אויך געזען ייִדן, וואָס פיטערן פי, שעפּסן און ציגן; ייִדן, וואָס האָבן לאַנד, פעלדער און גערטנער און ווייַנגערטנער.

אַ ספּעציעלער פאַל פון ייִדישער לאַנדווירטשאַפט איז דאָס דאָרף סאַנדור, אויף דעם וועג קיין אַמאַדיאַה. דאָס גאַנצע דאָרף באַשטייט כמעט בלויז פון ייִדן. עס זענען דאָרט פאַראַן אַ הונדערט משפחות, אָנגעפירט פון אַ ראש־הקהל, וואָס אונטערליגט דעם איראַקישן גובערנאַטאָר פון יענעם דיסטריקט. דאָס דאָרף ליגט צופוסנס פון אַ רייע בערג, אַרומגערינגלט מיט ביימער, וויינגערטנער און פּרדסים. די ייִדישע איינוווינערס דאָרט זענען באַשעפטיקט אין אַלע צווייגן פון דער לאַנדווירטשאַפט. דעם גאַנצן פאַריקן יאָרהונדערט זענען די רייזנדיקע איבער קורדיסטאַן געווען באַצויבערט פון דעם דאָזיקן ייִדישן ישוב אין סאַמע האַרץ פון די קורדישע בערג. די פּרעכטיקע גערטנער און פּרוכט־ביימער, די רייכע סטאַדעס, דאָס גוטע וואַסער און דער אויסגעצייכנטער ווייַן האָבן ביי יעדן טוריסט אַרויסגערופן באַוווּנדערונג.

מעכטיק געבויטע מענער, מיט אַזעלכע נעמען, ווי: יונה, זכריה, מרדכי אָדער חנוך, האָבן באַגריסט פישעלן מיט אַ „שלום”; זיי האָבן אים אויך דערלויבט צו פאָרשן זייער גניזה אין דער גוט־פּרעזערווירטער סינאַגאָגע, וואָס איז געבויט געוואָרן מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק. די באַטייטנדיקע גרויס פון דער סינאַגאָגע איז אַ באַווייז, אַז פריִער איז די דאָרטיקע קהילה געווען אַ גרעסערע.

די קורדישע ייִדן רופן אָן זייער שפּראַך „לישנא יהודיה״, „לשון התרגום״ און „דזשעבאַלי״ (די באַרג־שפּראַך).

פישעל דערציילט, אַז די ליטעראַטור פון די קורדישע ייִדן איז אָרעם; זי באַשטייט ס׳רוב פון פאָלקס־לידער, מעשיות, געזאַנגען, ווי אויך פון איבערזעצונגען פון חומש אין תרגום, אָדער „דזשעבאַלי״. פישעל האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קיין ירושלים אַ מאַנוסקריפּט פון אַ קורדישן מחבר פון 17טן יאָרהונדערט, שמעון בר־יונה אל־באַרזאַני. אַ קורדישער ייִד, ברוך־שמואל מזרחי, האָט אונטערן טיטל „שירי זמרה״, פאַרעפנטלעכט אין ארץ־ישראל אַן אַנטאָלאָגיע פון פאָלקס־לידער פון די קורדישע ייִדן אין אַראַמעיִש, העברעיִש, קורדיש און אויך אַראַביש.

פישעל דערציילט אויך, אַז די קורדישע ייִדן האָבן זייער ווייניק בתי־מדרשים. ס׳רוב זענען עס הילצערנע בנינים. דער בית־מדרש אין אמאדיאה טראָגט אַן אויפשריפט אויף העברעיִש, וואָס דערציילט, אַז ער איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק.

די קורדישע ייִדן האַלטן זיך פעסט ביי זייערע אַלטע מנהגים. די ייִדישע שאָסיי־אַרבעטער האָט מען געדאַרפט דערלויבן צו רוען שבת.

די קורדישע יידן זענען עולה רגל צום קבר פון יונה הנביא, ביי נינווה, און, דער עיקר, צום קבר פון דעם נביא נחום אין אלקוש. ווען פישעל האָט געפּרוווט אויסדריקן צווייפל, צי דאָס זענען טאַקע די אמתע קברים פון די דערמאָנטע נביאים, איז ער באַגעגנט געוואָרן מיט „דראָענדיקע בליקן״.

פרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ל. פאָגעלמאַן שרייבט וועגן דעם בוך „פּאַרדעקטע שפּיגלען" פון ישראל עמיאָט („פאָרווערטס", ניו־יאָרק, 10טער מערץ 1963):

ישראל עמיאָט איז באַקאַנט אין דער ייִדישער ליטעראַרישער וועלט ווי אַ דיכטער און פּראָזאַיִקער. פון זיין נייער זאַמלונג דערציילונגען און לידער, וואָס ער האָט איצט פאַרעפנטלעכט, זעט מען קלאָר זיין ליטעראַרישן געשטאַלט.

ער איז אַ שרייבער פון דער מאָדערנער צייט, וועלכער איז אויך דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון אונדזער אַלטער וועלט. עס קלינגען ביי אים אָפּ מאָטיוון פון אונדזער צייט, אָבער עס פילט זיך ביי אים אויך אַ טיפע בענקשאַפט נאָך דער פאַרשוווּנדענער ייִדישער וועלט.

זיינע לידער זענען פון אַ לירישן כאַראַקטער, און עס פילט זיך אין זיי וואַרעמקייט און אויפריכטיקייט; באַזונדערס היימיש פילט ער זיך, ווען ער שילדערט די אַלטע היים, מיט וועלכער ער איז שטאַרק פאַרבונדן ביזן היינטיקן טאָג, נישט געקוקט אויף אַלע זיינע לאַנגע און שווערע וואָגלעניִשן איבער דער וועלט.

אין זיינע דערציילונגען און סקיצן מערקט זיך אויך דער זעלבער ליריזם און די זעלבע ראָמאַנטישע בענקשאַפט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס מיר געפינען אין זיינע לידער. פאַקטיש איז עמיאָט מער פּאָעט ווי פּראָזאַיִקער; און אויך אין זיין פּראָזע שטויסן מיר זיך אָן גאַנץ אָפט אויף זיין פּאָעטישער בילדלעכקייט און לירישקייט, וואָס באַהויכט זיינע לידער.

זיין שפּראַך איז אַ קלאָרע, אַ פּאָרזיכטיקע און לייכטע; אַזוי אַז ס'איז אָנגענעם צו לייענען זיינע שילדערונגען פון די אַלע סצענעס און בילדער אין זיינע דערציילונגען, איבער וועלכע עס שוועבט דער פאַרבענקטער גייסט פון אומעט און אָפּטמאָל אויך פון שטילן טרויער נאָך דעם אַמאָל.

מיר לייענען זיין נייעם בוך דערציילונגען און סקיצן, מיטן נאָמען „פּאַרדעקטע שפּיגלען" און מיר דערזעען פאַר זיך די אַלע דייטלעכע שטריכן, וואָס כאַראַקטעריזירן עמיאָטס פּאָעזיע און פּראָזע. אין די פּאָר הונדערט זייטן פון זיין נייעם בוך געפינען מיר אַ פאַרשיידנאַרטיקע זאַמלונג: דאָ זענען פאַראַן סצענעס, בילדער און טיפּן פון דער אַלטער היים (אין אַ גרעסערער אָפּטיילונג „מצבות אויף קברים"); דאָ איז פאַראַן אַ באַזונדער אָפּטיילונג פון דערינערונגען פון די סיבירער לאַגערן, ווו עמיאָט האָט זיך געפּלאָגט אַ לענגערע צייט; דאָ איז פאַראַן אַ קלענערע אָפּטיילונג מיטן נאָמען „אין גוטע צייטן"; מיר געפינען דאָ אויך אַ גאַנצע ריי דערציילונגען און סקיצן, וואָס שילדערן די נייע צייט (מיטן נאָמען „נייער שטייגער"); און מיר האָבן דאָ פאַר זיך אויך אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון זיינע לידער מיטן

נאָמען „פּאַרדעקטע שפּיגלען״; זיי גיבן דעם פּאָעטישן טאָן דעם גאַנצן בוך, וואָס ווערט אָנגערופן מיטן זעלבן נאָמען.

ווי מיר זעען, האָבן מיר דאָ, אין דעם נייעם בוך, מוסטערן פון עמיאָטס פאַרשיידענע שאַפונגען פון פאַרשיידענע צייטן און אויך פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע פאָרמען און מאָטיוון. מיר קענען דעריבער שאַפן פאַר זיך אַ גאַנץ פולן באַגריף וועגן עמיאָטן אַלס פּראָזאַיקער און דיכטער.

דער אַלגעמיינער כאַראַקטער און טאָן פון זיינע שאַפונגען באַשטייט אין זיין וואַרעמער, סימפּאַטישער באַציִונג צו די מענטשן, וועלכע ער שילדערט. ער האָט זיי ליב; ער האָט אויף זיי רחמנות ווען זיי ליידן, און ער האָט אויך הנאה פון די זעלטענע מאָמענטן פון זייער פרייד אין לעבן.

אַפילו ווען די טיפּן, וואָס ער שילדערט, זענען נישט קיין פּאָזיטיווע, נישט קיין סימפּאַטישע, לאַכט ער זיי אויך נישט אויס מיט אַ חוזק־טאָן, נאָר ער באַגלייט זיי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, מיט אַ דינעם הומאָר, וואָס קען נישט באַליידיקן. און מער פון אַלץ האָט ער ליב, ווייזט אויס, צו שילדערן פּאָזיטיווע טיפּן, איבערהויפּט פון דער אַלטער היים, אויף וועלע ער קוקט מיט פאַרבענקטע און צייטנווייז אַפילו פאַרטרערטע אויגן.

עס שטייט אויף פאַר אונדזערע אויגן אַ גאַנצע גאַלעריע באַקאַנטע פיגורן פון אונדזער חרובער אַלטער היים: די זיידעס און באַבעס, די טאַטעס און מאַמעס, די פעטערס און מומעס און די גאַנצע ייִדישע משפּחה, מיט זייערע יום־טובים און שבתים און אויך מיט זייערע גרויע, וואָכעדיקע טעג מיט זייער רויִקן געמיט און אויך מיט זייערע שווערע, אומרויִקע איבערלעבונגען.

אייניקע פון זיי, ווי דער זיידע דער רופא, אָדער זיסעל, אָדער די מומע מאַליע, אָדער די באָבע, קריצן זיך איין אין אונדזער זכרון; ווייל זיי זענען געשילדערט אויף אַ רירנדיקן, לעבעדיקן אופן, מיט אמתע, נישט קיין קינסטלעכע פאַרבן, אָן איבערטרייבונגען, אָן אַ געיעג נאָך אויסערלעכע מעלאָדראַמאַטישע עפעקטן.

פאַרקערט, עמיאָט האָט אַ נייגונג צו שטילע מאָטיוון, צו דינע ניואַנסן, צו נישט־דערזאָגטע ווערטער, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן אַליין. ער ווייזט אַרויס דערמיט אַן איידעלן ליטעראַרישן געשמאַק, וועלכן עס העלפט אַרויס זיין פּאָעטישער חוש פאַר שילדערן און רעדן אָפט בלויז אויפן ווונק, בלויז מיט אָנצוהערעניש.

אָט נעמט, צום ביישפּיל, זיין כאַראַקטעריסטישע סקיצע „די קיך״, ווו ער שילדערט אויף אַ קורצן און איינגעהאַלטענעם שטייגער, די דעליקאַטע דראַמע פון אַ דינסטמיידל, יודקע, אין אַ רייכער וואַרשעווער שטוב. יודקע איז נעבעך געשטרויכלט געוואָרן דורך אַן אומגליקלעכער ליבע צו אַ פאַררעטערישן חתן, וואָס האָט זי פאַרפירט און איז דערנאָך שפּורלאָז פאַרשוווּנדן.

אָט די גאַנצע דראַמע פון אַ ייִדישער פאָלקס־מיידל איז געשילדערט מיט אַזעלכע דינע, פיינע שטריכן און מיט אַזאַ מיטלייד, אַז מיר פילן מער דאָס וואָס עס קומט פאָר הינטער די שורות, ווי אין די שורות גופא און אויך דאָס, וואָס עמיאָט אַליין לעבט איבער דערביי.

ער שילדערט ווי די פאַרפירטע יודקע גייט אַרום אָן אַ קאָפּ נאָך דעם פאַרראַט פון איר געליבטן, און ווי די באַלעבאָסטע, די מומע גיטל, פּרובירט ביי איר דערגיין וואָס ס׳איז מיט איר געשען; די דראַמע פאַרענדיקט זיך אַזוי:

׳איינמאָל איז די מומע מיט איר לאַנג,

לאַנג, געזעסן אויף יודקעס בעטל. די מומע האָט גערעדט אַזעלכע שטילע רייד, אויף וועלכע יודקע האָט געענטפערט מיט שלוכצעריי און מיט „איך וועל די חרפּה נישט אַריבערטראָגן״. און נאָכדעם האָט יודקע גענומען פּאַקן איר קיישל און אָנגעפּאַקט עס מיט קלייניקייטן... יודקע האָט געוויינט און די מומע האָט מיטגעוויינט״.

און עמיאָט פאַרענדיקט די רירנדיקע דראַמאַטישע סצענעס מיט אַן אייגענעם לירישן אויסגוס:

„און ס׳האָט (ס„האָבן?) מיטגעוויינט דער האַרבסטיקער טאָג און די בילדער אויף די ווענט, מיט וועלכע יודקע האָט אויסגעפּוצט די קיך און איר חנעוודיק קליין בענקעלע, אויף וועלכן זי פלעגט זיצן ווען דער חתן פלעגט קומען...

און כאָטש גלייך אויף מאָרגן האָט זיך אַן אַנדער שטוב־מיידל באַוויזן אין קיך, איז אַזאַ עלנט דאָרט געשטאַנען, ווי מ׳וואָלט אַ בר־מנן אַרויסגעטראָגן״...

ווי מיר זעען, האָט עמיאָט אַליין אויך דאָ פאַרגאָסן אַ טרער אויף יודקעס טרויעריקן גורל.

דאָס איז איינע פון עמיאָטס כאַראַקטעריסטישע און בעסטע דערציילונגען. איר זעט דאָ פאַר זיך דעם גאַנצן, דעם פולן געשטאַלט פון עמיאָטן, דעם פּראָזאַיקער.

עמיאָטן געלינגט מיט אַ פּאָר שטריכן, מיט אַ פּאָר בילדלעכע טרעפלעכע ווערטער צו שאַפן פאַר אונדז אַ בילד, און אויך די אַטמאָספערע, די לופט און שטימונג אַרום דעם בילד.

און אָט, צום ביישפּיל, גיט ער זיך אַזוי אַ זאָג (אין זיין סקיצע „מיינע מומעס פון טאַטנס צד״): „איך בין אַריבערגעקומען צו מיין מומען אויפשאַרן די קוילן פון מיין קינדהייט״.

„אויפשאַרן די קוילן פון מיין קינדהייט״ איז נישט קיין הויכע מליצה, נאָר אַ פּאָעטישער, בילדלעכער אויסדרוק, וואָס גיט אונדז אַ ברי, שאַפנדיק פאַר אונדז גלייך אַ דרייפאַכיקן בילד וועגן די פייערן פון דער אַמאָליקער קינדהייט, וועגן זייער שפּעטערדיקער אויסגעלאָשנקייט און וועגן עמיאָטס פאַרלאַנג אויפצושאַרן דעם אַש, וואָס איז געבליבן פון יענע אויסגעלאָשענע פייערן.

געלונגענע בילדלעכע אויסדרוקן זענען אַזוי ווי פּערל ביי אַ שרייבער; און וואָס מער מיר געפינען אַזעלכע פּערלדיקע אויסדרוקן, אַלץ מער ציט אונדז אַריין דער שרייבער אין זיין קינסטלערישער נעץ.

אין עמיאָטס סקיצן און דערציילונגען זענען צעשאָטן אַ היבש ביסל אַזעלכע בילדלעכע און אָפּטמאָל לירישע אויסדרוקן, אָנגעהויכט אויך מיט טרויער און בענקשאַפט; און דעריבער רופט ער אַרויס אין דעם לייענער אַ שטילן און וואַרעמען אָפּקלאַנג, וואָס איז אויך נאָסטאַלגיש, וואָס קלינגט אָפּ אויך מיטן זעלבן פאַרבענקטן, אומעטיקן טאָן.

עמיאָט ווייזט אַרויס אין זיינע ווערק אַ שווערן, אַמאָל אַפילו מרה־שחורהדיקן געמיט, וואָס איז גאַנץ נאַטירלעך, גאַנץ פאַרשטענדלעך לויט דער סביבה, וואָס ער באַשרייבט, לויט די פּיינלעכע אומשטענדן, אין וועלכע ער אַליין האָט געלעבט און לויט דער פּעסימיסטישער לעבנס־פילאָסאָפיע פון רעזיגנאַציע, וואָס האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט.

עמיאָט ווייזט נישט אַרויס קיין נייגונג פאַר אָביעקטיווע שילדערונגען, בכלל פאַר דערציילן געשיכטעס, וואָס ער האָט אַליין נישט געזען און נישט דורכגעלעבט, און אויך נישט פאַר מענטשן, וואָס ער האָט אַליין נישט באַגעגנט און נישט באַאָבאַכטעט. ער איז מער געניגט צו מאָלן סוביעקטיווע אויטאָ־

ביאָגראַפישע בילדער און סצענעס פון זיין אייגענעם לעבן און אויך מענטשן, וועלכע ער האָט אַליין געזען און געהערט און מיט וועלכע ער האָט געלעבט יאָרנלאַנג.

ער איז אַ רעאַליסט, מיט אַ לירישן און צייטנווייז סענטימענטאַלן צוגאַנג צו מענטשן און צו זייער לעבן. ער פאַרלאָזט זיך נישט אינגאַנצן אויף זיין פאַנטאַזיע; ער פאַרלאָזט זיך איבערהויפּט אויף זיין זכרון און דעריבער איז דער פאַרנעם פון זיינע ווערק אַ מער באַגרענעצטער. ס׳פילט זיך אין זיי אָפּט רעפּאָרטאַזש און נישט העכערע קינסטלערישע שאַפונג; דאָס זענען מערסטנס נישט קיין הונדערט פּראָצענטיקע דערציילונגען, נאָר בלויז קורצע שילדערונגען, פון אַ סובּיעקטיוון אויטאָביאָגראַפישן כאַראַקטער.

אייניקע פון די סקיצן אין זיין בוך, ווי, צום ביישפּיל, „אַ צופאַל“, קלינגען אַזוי ווי אַן אַנעקדאָט, אַ וויץ, און זיי וואָלטן אפשר גאָרנישט געדאַרפט אַריינגיין אין אַ בוך דערציילונגען. די געשיכטע ווי אַזוי אַ מיאוסע מיידל האָט געהאַט בלויז איין שטענדיקן און בייזן שונא אין לעבן, — דעם שפּיגל, איז אפשר אַ גאַנץ ריכטיקע, אָבער דאָס איז נאָך נישט גענוג פאַר אַ סקיצע, וואָס זאָל זוכה זיין צו פאַראייביקט ווערן אין אַ בוך, צווישן צוויי טאָוולען. יעדנפאַלס, האָט עמיאָט דאָס נישט באַרעכטיקט.

עס ווייזט אויס, אַז אַ שרייבער איז נישט אַלע מאָל אויך אַ גוטער רעדאַקטאָר פאַר זיינע ביכער...

די האַלבע טוץ לידער, מיט וועלכע עמיאָט האָט פאַרענדיקט זיין בוך „פאַרדעקטע שפּיגלען“, זענען פאַקטיש אַ מין פאָרזעצונג פון זיינע סקיצן; זיי אונטערשיידן זיך מערסטנס מיט דעם, וואָס זיי זענען בלויז בילדער אין גראַמען און ריטמישע פערזן; אָבער סײַ לויט זייער אינהאַלט, סײַ לויט זייער גייסט שטייען זיי זייער נאָענט צו דער פּראָזע פון זיין בוך. ס׳איז כמעט דער זעלבער סטיל, נאָר זיי קלינגען מיט אַ פּאָעטישן קלאַנג.

אפשר דערפאַר האָט עמיאָט זיי אויך אַריינגענומען אין זיין בוך דערציילונגען. אָבער מען קען אויך צווייפלען צי ס׳איז געווען פון זיין זייט אַ באַרעכטיקטער שריט; ווייל די לידער זענען דאָ נישט אין פולער האַרמאָניע מיט דער איצטיקער זאַמלונג פון זיין פּראָזע, מעגן זיי זיין אַפילו האַרמאָניש אין גייסט און שטימונג.

לויט זיין „נאָכוואָרט“ אין דעם בוך האָט עמיאָט „געפּרווט רעסטאַווירן די הייליקע וועלט“ פון זיין „קינדהייט און יוגנט“. און אים איז געלונגען צו דערגרייכן זיין ציל.

יענע פאַרהייליקטע וועלט איז ביי אים אַרויסגעקומען אין זיין נייעם בוך ווי אַ ווייטע און אויך נאָענטע וועלט, וואָס געפינט אַן אָפּקלאַנג אויך אין אונדז; זי וועקט אין אונדזער מוח און האַרץ די זעלבע שטילע מאָטיוון פון טרויער און פון בענקשאַפט, וואָס דער שרייבער האָט אויסגעדריקט אין זיינע דערציילונגען און לידער.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ת. שאַשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געבראָכענע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הויף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קארן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפּ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסטל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגעניש (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך (אויספאַרקויפט)
64־65) מרדכי שטריגלער — „וועדק צע״ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָרן (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסטל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) יהודה עלבערג — אונטער קופערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאַנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) ד״ר א. מוקדוני — אויסלאַנד

75) זיגמונט טורקאָוו — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) יהושע פּערלע — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פּרעמירט מיט דער פּרץ־פּרעמיע פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן
און ליטעראַטור־פּרעמיע פון „בונד" אין פּוילן, וואַרשע, 1937

77) יעקב לעשצינסקי — ערב חורבן

78) דניאל טשאַרני — ווילנע

79) ז. סעגאַלאָוויטש — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן (אויספאַרקויפט)

80) יזכור־בוך — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) מ. י. שעליובסקי — אויף אַ פולער וואָך

82—83) יצחק פּערלאָוו — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) יוסף אָקרוטני — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) מרדכי שטריגלער — גורלות (אויספאַרקויפט)

87) ד״ר יוסף טענענבוים — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) זלמן שזר — שטערן פאַרטאָג (זכרונות) (אויספאַרקויפט)

89) משה דוד גיסער — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) ז. י. אנכי — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) עמנואל רינגעלבלום — קאַפּיטלען געשיכטע

93) שמעון האָראָנטשיק — אין גערויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) גרשם באַדער — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) יאָנאַס טורקאָוו — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1954).

97—98) אַלטער קאַציזנע — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) פּועה ראַקאָווסקי — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין

100) מאַרק טורקאָוו — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)

101) י. הירשהויט — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).

102) משה זאַנשיין — יידיש וואַרשע

103) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) י. י. טרונק — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105־106־107) מיכאל באָרוויטש — אַרישע פּאַפּירן
(פּרעמירט דורכן ניימאַן־פאַנד, פּאַריז, 1958).

108—109) מרדכי שטריגלער — געאַרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)

110—111) ד״ר א. מוקדוני — וואַרשע און לאָדזש
(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד, ניו־יאָרק, 1956).

112) ברוך האַגער — מלכות חסידות
(פּרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאַנד, בוענאָס־איירעס, 1956).

113) ב. שעפנער — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס (אויספאַרקויפט)
116) מאַקס ווײַנרײַך — פון בײדע זײַטן פּלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צײַט
122) בער י. ראָזען — פּאַרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראַוויטש־פרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נײַע צײַטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַרײַן
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן בײדע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלײַבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשוווּנדענע געשטאַלטן
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע 1959)
139) ב. טערקעל — צווישן שאַקאַלן
140) י. ל. וואַלמאַן — פּוילישע ייִדן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס גוזאַנג פון חסידות (אויספאַרקויפט)
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)
145) יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרײַאונג
146) העלענאַ שרעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה (אויספאַרקויפט)
147) פנחס שטיינוואַקס — ייִדישע מאַמעס צום געדענקען
148) וואָלף מערקור — די וועלט איז כּעלעם (אויספאַרקויפט)
149) ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...
151) שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
152) דוד לעדערמאַן — פון יענער זײַט פאָרהאַנג (אויספאַרקויפט)
150) יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס

153) שיינע־מרים בראָדערזאָן — מיין ליידנס־וועג מיט משה בראָדערזאָן
154) פּאָלאַ אַפּענשלאַק — יאַנוש קאָרטשאַק
155) שלמה ברייַנסקי — מענטשן פון זשעלעכאָוו
156) זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה
157־158) אינזש׳ דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פּוילן
159) א. אַלמי — זאַמלבוך
160) ד״ר יצחק לעווין — יידן אין אַלטן פּוילן
161) מלך ראַוויטש — דאָס מעשה־בוך פון מיין לעבן
(פּרעמירט דורך דער צבי־קעסעל־פּרעמיע, מעקסיקע 1962)
162) ישראל עמיאָט — פּאַרדעקטע שפּיגלען
163־164) הערשל ה. ווייַנרויך — קאַמיסאַרן (ראָמאַן)
165) ישעיה טרונק — געשטאַלטן און געשעענישן
166) אברהם זאַק — אין אָנהייב פון פרילינג
167) שלמה שאַפּיראָ — זכרונות פון אַ מאַראַן
168) ב. טערקעל — די זון פאַרגייט ביים אַמור־דאַריאַ
169) ד. זאַקאַליק — אין שטורעם
170) נ. קאַנטאָראָוויטש — פאַרשוווּנדענע יידישע ישובים

עס גרייט זיך צום דרוק:

מלך ראַוויטש — צווייטער באַנד פון זכרונות
יצחק טורקאָוו־גרודבערג — אויף מיין וועג
נינאַ טענענבוים — מרדכי טענענבוים־טאַמאַראָף
ד״ר ל. וואָלמאַן — יידישע דאָקטוירים אין פּוילן
יעקב ציגעמאַן — די שטאָט ביים טייך סאַן

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:
MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG

Volumen 170

Copyright by
N. KANTOROWICZ, New-York

Hecho el depósito que marca la Ley

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewish Material Claims Against Germany.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 4 de noviembre de 1963, en los Tall. Gráf. JULIO KAUFMAN S. R. L., Corrientes 1976, Buenos Aires

N. KANTOROWICZ

Comunidades Judías Desaparecidas

Editado por la

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Buenos Aires, 1963